STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03878

DER BLONDER YUNGER MANTSHIK

Guy de Maupassant

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

בלאנדער

יונגער מאנטשיק

דער ליעבלינג

פון

פאריזער דאמען

פון

גי דע מאפסאן.

פרייז, 25 סענט.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
50-52 Eldridge St., New York.

דער בלאנדער יונגערמאנטשיק

ווען דיא קאסירערין האט איהם געגעבען רעסטע פון זיין פינף־פראנק שטיק, האט זשארזש דוראי פערלאזען דעם רעסטאראן. ער האט געדרייט זיינע וואנסען מיט א מיליטערישע מינע און געווארפען שנעלע און שטאלצע בליקען אויף דיא געסט פון רעסטאראן ביים ארויסגעהן. צווישען דיא געסט האבען זיך געפונען דיא ארבייטער־מיידלאך, א'ן אבגעלאזטער לעהרער פון מוזיק און צוויי פרויען מיט זייערע מענער.

אויף'ן טראטואר איז ער געבליעבען שטעהען אין אונענטשלאסענהייט, טראבענדיג וואוהין ער זאל איצט געהען. עס איז ערסט געוועזן דער 28טער יוני און אין קעשענע איז איהם פערבליעבען ניט מעהר וויא דריי פראנק, מיט וועלכע ער האט געדארפט לעבען ביז ענדע מאנאט. דאס האט געהייסען צוויי מיטאגען אהן צובייסען אדער צוויי צובייסענס אהן מיטאגען, וויא ער וועט וועלען. מיט דיעזע ניט זעהר פריילבע געדאנקען האט ער זיך געלאזט געהען איבער דער גאס נאטר דאם דע לארעט מיט דער זעלבער מיליטערישער מינע און גאנג, אבשטופענדיג גראב יעדען, וואס איז איהם געווען אין וועג. ער האט געשיינט, אזוי וויא ער וואלט די גאנצע צייט געקעמפפט מיט אימיצען, מיט דיא דורכגעהער, מיט דיא הייזער, מיט דער גאנצער שטאדט.

ער איז געוועזן הויך געוואקסען, גוט געבויט, א בלאנדין מיט בלויע אויגען, געקרייזעלטע האר, מיט א שרינט אין מיטען און פערדרייטע וואנסען, ער האט דערמאנט אין דיא אינטריגאנטען פון דיא שונד דראמען און ראמאנען.

דער אבענד איז געוועזן איינער פון דיווארעמע, שטיקענדע אבענדען אין פאריז ווען עס שיינט, אז דיא לופט געהט אויס. דיא גאנצע שטאדט האט געגליהט וויא א באק־אויווען. און פון אלע פארען האט זיך געגאסען דער שוויים דורך דעם דרוק פון דער שטיקענדער נאכט. דיא קאנאלען אין דיא גאסען האבען ארויסגעלאזט דורך דיא גראניט־מיילער א מאוסען גערוך, און נאך עקעלדיגערע גערוכען האבען זיך ארויסגעריסען דורך דיא גראטעס פון קיכען פון דיא רעסטאראנען, וואס האבען זיך געפונען אין דיא פאדוואלען (בייסמענטס).

דיא טיר־שליסער פון דיא הייזער זיינען געזעסען אין דרויסען אהן רעק אויסגעשפריים אויף דיערע שטוהלען און האבען געראויכערט זייערע פיפקעס. דיא מענשען אין דיא גאסען האבען קוים געשלעפט דיא פיס און דיא מייסטע האבען געהאלטען די

הימ אין דיא הענד אום צו מאבען א ביסעל פריי דעם שטערן.

ווען זשארזש דוראי איז אנגעקומען צום בולוואר, האט ער זיך ווידער אבגעשטעלט, נימ וויסענדיג וואס צו טהאן. ער וואלט גערן געגאנגען אין דעם בולאנער וועלדיל, אום צו כאפען דארטען א ביסעל פרישע לופט, נאר דאס פערלאנגען צו פערפיהרען עפעס א ליעבעס אינטריגע האט איהם דערפון אבגעהאלטען. וויא אזוי ער וועט עס דערגרייכען, האט ער נימ געוואוסט, נאר שוין דריי מאנאט, וויא דער געדאנק האט איהם נימ געלאזט רוהען, און ער האט עס געזוכט ביי טאג און ביי נאכט. אמת, א פאר מאל איז איהם געלונגען צו כאפען א נאש, א דאנק זיין שיינקייט און עלעגאנטען אויסזעהן, נאר ער האט געהאפט אויף בעסערס און אויף מעהר.

ער מיט זיינע ליידיגע קעשענעס און הייסען בלוט האט אפילו נאר נישט געהאט וואס אויפצוזעטצען גענען דיא נאכט - וואנדערינגען, וועלכע פלעגען צו איהם צושעפטשען אויף דיא עקען גאסען. ער האט ליעב געהאט מיט זיי צו ריידען אויף „דוא“ און איינצואטהעמען דעם שווערען גערוך פון זייער פארפיוםע. נאך אלעמען זיינען זיי דאך געווען פרויען, וואס זיינען בעשאפען געווארן פאר ליעבע. דאס געפיהל פון פעראכטונג, וואס יעדער מענש, וועלכער איז אויסגעוואקסען אין א׳ן אנשטענדיגע פאמיליע, פיהלט צו דיזע בעשעפעניסען, איז איהם געווען גאר פרעמד.

ענדליך האט ער זיך געלאזט נאך דער כוואלע שפאצירענדע, וואס האט געשטראמט אין דער ריכטונג צו יער מאדעלין.

דיא גרויסע קאפע הייזער, וואס זיינען געווען געפאקט מיט בעזוכער, האבען איהם שטארק צוגעצויגען צו זיך. נאר ווען ער זאל טרינקען נימ מעהר וויא צוויי גלעזער הייניסען אבענד, דארף ער זיך זעגענען מיט מארגענדיגען מיטאג.

— איך וועל טרינקען א גלאז אין דער אמעריקאנער קאפע הויז, האט ער געזאגט צו זיך, מיך מאטערט דער דורשט.

ער האט דאביי געווארפען בליקען פול מיט האס אויף דיא מענער, וואס זיינען געזעסען ארום דיא טישען און האבען זיך געקענט ערלויבען צו טרינקען.

— דיא שורקען! האט ער געמורמעלט.

ווען ער זאל זיי קענען דערטאפען ערגעץ אין א ווינקעל, וואלט ער זיי דערווארגען נאר אהן געוויסענסביסע. אין זייערע קעשענעס קען מען געוויס געפינען גאלד און ווייסע זילבער. צום ווייניגסטענס האט יעדער פון זיי דורכשניטליך פערציג פראנק ביי זיך.

ער האט זיך דערמאנט אן דיא צוויי יאהר וואס ער האט פערבראכט אין מיליטער־דיענסט אין אפריקא און וויא אזוי זיי פלעגען ארויספרעסען דאס געלד פון דיא אראבער. א גרויזאם צופריעדען שמייכעל האט זיך געוויזען אויף זיינע ליפען ביי דער ערינערונג פון איינעם פון זיינע קונציגע שטיקלאך, וואס האט געקאסט דריי אראבער דאס לעבען און וואס

האָט איהם און זיינע קאַמעראַדען איינגע־טראָגען צוואַנציג תיהנער, אַ פּאָר שעפּסען, אַ מאַסע געלד און שטאָף צום לאַבען פאַר אַ האַלב יאָהר.

מען האָט דיא פערברעכער קיין מאָל ניט אויסגעפונען, מען האָט זיי אפילו ניט געזוכט, ווייל מען בעטראַכט דעם אראַבער מעהר אָדער וועניגער אַלס אַ נאַטירליכען קרבן פון דיא סאָלדאַטען.

אָבער אין פּאַריז איז גאָר עפּעס אַנ־דערש. דאָ קען מען ניט עפּעס אַזוי פּראַסט, מיר ניט דיר ניט ראַבעווען מיט'ן שווערד ביי דער זייט און רעוואָלווער אין האַנד. אין זיין ברוסט האָט אויף דאָס נייע ערוואַכט דער ווילדער בעגער פון אַ סאָלדאַט, וועלכען מען לאָזט בעל הבתישען אין אן איינגענומענעם לאַנד. עס האָט איהם באַנג געטאָן, וואָס ער איז ניט פערבליבען דאָרטען אין דיענסט. אהער האָט איהם נאָר געטריבען דיא האָפנונג צו פערבעסערן זיין לאַגע. און אַט איז ער אין פּאַריז. אַ טייערע מציאה האָט ער דאָ געפונען!

ער האָט דאָבייא אַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער צונג, וויא וועלענדיג ווייזען מיט דעם, וויא אויסגעטריקענט זיא איז. דיא מענ־שען זיינען מיד און לאַנגזאַם פאַרביינעגאַנ־גען פאַר איהם; און ער האָט געטראַכט נאָך פון איין זאַך: דיא בהמות האָבען אַלע געלד אין דיא קעשענעס. ער האָט געהאַל־טען אין איין שטופּען מיט דיא עלענבויי־גענס, פּייפענדיג דערבייא אַ לוסטיגען מאָ־טיוו. דיא מענער האָבען זיך אומגעקוקט אויף איהם טורמלענדיג, און דיא פרויען האָבען מיט כעס געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ גראָבער יונג!

ער איז דורכגעגאַנגען פערביי דעם וואָדעוויל טהעאַטער און האָט זיך אָבגע־שטעלט נעבען דער אַמעריקאַנער קאַפע־הויז, שלאָגענדיג זיך מיט דער דעה, צו זאָל ער אַריין טרינקען אַ גלאָז צו ניט. איידער ער האָט זיך ענטשלאָסען, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער. עס איז ערשט געווען אַ פיערטעל נאָך ניין. און ער האָט געטראַכט, אַז אויב ער וועט איצט אויסטרינקען דאָס ביער, וואָס וועט ער טהאָן עלף אַ זייגער.

— ניין, איך וועל געהן ביז דער מאַ־דעליין און וועל זיך דאַן אומקעהרען צוריק.

— ווען ער איז צוגעקומען צו דער אָפּערא־הויז, איז פערביי איהם דורכגע־גאַנגען אַ הויבער יונגער מאַן, וועמעס גע־זיכט האָט איהם אויסגעוויזען וויא בע־קאַנט. ער איז איהם נאָכגעגאַנגען און גע־פרעגט זיך:

— צום שווארץ יאהר, וואו האב איך איהם געקענט זעהן?

פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דעם יונגען מאַן געזעהען, ווען ער איז געווען ניט אַזוי פעט און אַ ביסעל אינגער און געקליידעט אין הוזאַרען־קליידער.

— וואַרט, דאָס איז דאָך פאָרעסטיע!

ער איז איהם נאָכגעלאָפען און אַרויפ־געלייגט זיין האַנד צו איהם אויפ'ן אַקסעל.

— וואָס ווילט איהר, מיין הערר? האָט יענער געפרעגט אומווענדענדיג זיך.

— דערקענסטו מיך שוין ניט? האָט דוראָי געפרעגט מיט אַ געלעכטער.

— ניין.

— איך בין זשאָרזש דוראָי פון די זעק־סטע הוזארען.

— אזוי, דאָס ביזטו! האָט פאָרעסטיע געזאָגט, אויסשטרעקענדיג ביידע הענד. וויא געהט עס דיר?

— אויסגעצייכענט. און דיר?

— ניט זעהר גוט, האָט פאָרעסטיע געענטפערט. מיין ברוסט איז אין גאנצען קאַפּוט. זעקס חדשים אין יאָהר מאטערט מיך דער הוסט. איך האָב דאָס געקראָגען מיט פיער יאָהר צוריק ביי מיין צוריקקעהרען נאָך פאריז. איך האָב געכאַפּט א בראָנכיטוס און דערפון קומען אַלע מיינע צרות.

— דו זעהסט אָבער אויס זעהר גוט.

פאָרעסטיע האָט איהם געכאַפּט אונטער דער האנד און האָט איהם אויף'ן וועג אָנגעהויבען צו דערצעהלען פון זיך און פון זיין קראַנקהייט. דיא דאָקטוירים הייסען איהם פערברייננגען דעם ווינטער אין זידען, נאָר וויא קען ער עס דערוויזען? ער איז פערהייראַט, איז א זשורנאַליסט, האָט א גלענצענדע שטעלע. איז רעדאַקטאָר פון דער פּאָליטישער אַבטהיילונג פון איין צייטונג שרייבט די בעריכטען פון דעם סענאַט פאַר א צווייטע צייטונג און פון צייט צו צייט פעליעטאָנען פאַר א דריטע.

— איך האָב זיך דורכגעשלאָגען א וועג, האָט ער געזאָגט.

דוראָי האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט. פאָרעסטיע האָט זיך שטאַרק געענדערט. א מאָל איז ער געווען דאַר, צאַרט, לייכטזיניג, אויסגעלאַסען און איז געוועזען שטענדיג פאַרטיג אָבצוטהאָן עפּעס א שפּיצעל. דיא דריי יאָהר אין פאריז האָבען פון איהם געמאַכט גאָר אַן אנדער מענש. ער איז געוואָר, ערנסט און דיקער; אויף זיינע שלייפען האָבען זיך שוין געוויזען א פּאָר גרויע האָר, הגם ער איז קוים אַלט געווען 27 יאָהר.

— וואוהין געהסטו? האָט ער געפרעגט זשאָרזש'ן.

— אין ערגעץ ניט. איך האָב נאָר געוואָלט מאַכען א קליינעם שפּאַציר.

— האָסטו חשק צו געהען מיט מיר אין אונזער רעדאַקציע, וואו איך דאַרף מאַכען דיא קאָרעקטור. נאָכדעם וועלען מיר צוזאַמען אריין אין א קאַפע.

— מיט פערגניגען, האָט געענטפערט זשאָרזש.

זיי זיינען אוועק ווייטער אונטער דיא הענד מיט דער פערטרויליכקייט, וואָס עס עקזיסטירט צווישען שול־חברים און רעגימענטס־קאַמעראַדען.

— וואָס טהוסטו אין פאריז? האָט פאָרעסטיע געפרעגט.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגען, איך שטאַרב פון הונגער, האָט דוראָי געענטפערט, ציהענדיג מיט דיא אַקסלען. ווען מיין דיענסט האָט זיך געענדיגט, בין איך געקומען אין פאריז זוכען גליק, נאָר מעהר ווייל מיר האָט זיך געגלוסט צו לעבען דאָ. צייט זעקס מאָנאַטען ארבייט איך אַלס שרייבער אין דעם קאַנטאָר פון דעם נאָרד־באַהן און פערדין פופצעהן הונדערט פראַנק א יאָהר, קיין סו מעהר.

— נו, פון דעם וועסטו ניט פעט ווערען

האט פארעסטיע א מורמעל געטהאן.

— איך דענק אויך אזוי, האט דוראי געענטפערט, נאר וואס זאל איך טהאן? איך קען דא קיינעם ניט, בין איינער אליין און האב קיין פראטעקציע ניט. חשק האב איך, נאר אויספיהרען קען איך ניט.

— זעהסט, גוטער ברודער, האט פארעסטיע געזאגט, בעטראכטענדיג איהם אויפמערקזאם. מען דארף נאר ניט זיין קיין נאר און וויסען, וויא צו קעהרעווען; מען קען דא ניכער ווערען א מיניסטער וויא א הויפט בעאמטער אין א קאנטאר. מען מוז קענען פארדערן און ניט בעטען. קענסטו קיין בעסערע שטעלע ניט קריגען וויא אלס שרייבער אין א קאנטאר פון א באהן?

— איך האב שוין אומעדום געזוכט, נאר אומזיסט. דאך האב איך אין אויסזיכט א בעסערע שטעלע, וואו איך וועל קענען פערדיענען דריי טויזענד פראנק א יאהר. איך האף צו ווערען רייט־מייסטער אין פעלערענ׳ס רייט־שולע....

— אום גאטעס ווילען, טהו עס ניט, האט איהם פארעסיטיע איבערגעשלאגען. דאס וואלט געווען א נארעשקייט, ווען דו זאלסט קריעגען א געהאלט פון צעהן טויזענד פראנק. אין דיין קאנטאר זעהט דיך קיינער ניט און וויים דיך קיינער ניט, און ווען עס וועט זיך מאכען א צופאל וועסטו זיך דארטען אויך קענען ארויפ־ארבייטען און מאכען א קאריער. ווען אבער דוא וועסט ווערען א רייט־מייסטער ביזטו קאפוט. עס איז גראדע אזוי וויא דו זאלסט ווערען אן אבער־קעלנער אין האטעל וואו גאנץ פאריז מיטאגט. ווען דוא וועסט נאר איין מאל ווייזען זיך פאר דיא גרויסע הערען אלס א לעהרער פון רייטען, וועסטו קיין מאל מעהר ניט קענען האפען צו ווע־רען פון זיי בעטראכט וויא איינער פון זייער גלייכען. האסטו געענדיגט דיינע שטודירען?

— ביי דיא לעצטע עקזאמענס בין איך צוויי מאל דורכגעפאלען.

— דאס איז שוין ניט קיין גרויס אונ־גליק, אבי דו האסט דערשלעפט ביז׳ן לעצ־טען קורס. ווען מען וועט צום ביישפיעל ריידען פון ציצערא — וועסטו וויסען וועמען מען מיינט? וועסטו זיך באטש אנשטויסען ווער דאס איז?

— איך דענק, אז איך וועל וויסען.

— דאס איז איבער גענוג. פיעל מעהר וויים קיינער פון זיי ניט. אויסער א צעהן שוואכע קעפ, וועלכע האבען זיך אבגעגע־בען מיט אזעלכע נארעשקייטען. עס איז גאר ניט שווער בעטראכט צו ווערען פאר א געלעהרטע. דיא גאנצע זאך וואס מען דארף זיך היטען ניט אריינצופאלען אין א שטיקעל עם הארצ׳עס. מען דארף זעהען אויסצומיידען אלע שוועריגקייטען, און א׳ ענציקלאפעדיע העלפט שוין אויס אין א נויט. און אזוי נארט מען איינער דעם צוויי־טען. אלע מענשען זיינען נארעש וויא געננז און אונוויסענד וויא קארפען.

פארעסטיע האט גערעדט רוהיג, וויא א מענש וואס קען גוט דאס לעבען, או האט דאביי געקוקט מיט א שמייכעל אויף דיא פארביינעהענדע. פלוצים האט ער זיך צוהוסט און האט זיך אב־געשטעלט, ביז דער אנפאל איז איהם

איבערגעשנגנען.

— עס איז פערריקט צו ווערען, האט ער דאן געזאגט מיט אן אומגעדינגען קול. איך קען פון דעם בראנכיטוס ניט פטור ווערען. און איצט איז נאך אין מיטען זומער. נאר היינטיגען ווינטער וועל איך זיכער פאהרען נאך מענטאן, אום ענדליך אויסצוקורירען זיך. זאל זיין וואס עס וויל מיין געזונד איז מיר טייערער פון אלץ.

זיי זיינען איצט צוגעקומען צו דער רעדאקציאן. איבער דער טהיר איז געהאנגען א שילד אויף וועלכען עס איז מיט גרויסע פלאטענדע בוכשטאבען געשטאנען דער נאמען פון דער צייטונג: La Wie Francaise

— קום אריין, האט פארעסטיע געזאגט, עפענענדיג דיא טהיר.

דוראי איז איהם נאכגעגאנגען איבער דיא פערצירטע אבער דאך שמוציגע טרעפ ביז'ן פארצימער, וואו צוויי דיענער פון דער רעדאקציאן האבען בעגריסט פארעסטיע.

— זעץ זיך אניעדער, האט ער צו איהם געזאגט, ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין דעם שטויביגען ווארט-צימער. יעדע זאך האט דא אויסגעזעהן אבגעניצט, פערפלעקט אזוי וויא מיין וואלטען דא גענריזשעט יעדע זאך.

— אין פינף מינוט ארום וועל איך זיין פארטיג, האט פארעסטיע געזאגט און איז פערשוואונדען געווארען אין איינע פון דיא דריי טהירען, וואס האבען געפיהרט פון דעם צימער.

א זעלטזאמער, איינענטהימליכער, אונבעשרייבליכער גערוך, וואס מען פיהלט אין אלע רעדאקציעס, האט אנגעפילט דאס צימער. דוראי איז געבליבען זיצען שטיל, אונבעוועגליך, א ביסעל מורא'דיג און זעהר פערוואונדערט. פון צייט צו צייט זיינען דורכ'ן צימער דורכגעלאפען מענשען, זיינען פערשוואונדען אין איין טהיר און ארויס פון דער צווייטער. זיי האבען זיך אזוי געאיילט, אז ער האט אפילו ניט געקענט זיי גוט בעטראכטען. צווישען זיי זיינען געווען יונגע לייט, וואס האבען אויסגעזעהן זעהר בעשעפטיגט און האבען געטראגען אין דיא הענד לאנגע פאפירען, וואס האבען געפלאטערט אין דיא הענד פון ווינד; זעצער אין לייווענטענע בלוזעס אויסגעשמירט מיט דרוק פארב און דאך האבען זיי געטראגען ריינע קראגענס אונטער דיא בלוזעס און הייזען פון א גאנץ אנשטענדיגען שניט. זיי האבען זעהר פארזיכטיג געטראגען פריש אבגעדרוקטע שטרייפען פאפיער, קארעקטורען, וואס האבען זיך נאך ניט אבגעטריקענט. פון צייט צו צייט האט זיך געוויזען אביסעל צו פראנטיש געקליידעטער קליינער הערר, א רעפארטער וואס איז ערשט געקומען פון דער הויכער געזעלשאפט און האט געבראכט פרישע נייעס; אדער אן ערנסטער מאן, מיט א וויכטיגע מינע מיט א צילינדער פון אזא פארמע, וויא ער וואלט וועלען אונטערשיידען זיך דורך איהם פון אלע אנדערע מענשען. ענדליך איז ארויסגעקומען פארעסטיע אונטער דער האנד מיט א צווייטען הויכען און דארען יונגען מאן, וועלכער האט אויסגעזעהן איבער דרייסיג יאהר. ער האט געטראגען א שווארצען פראק, ווייסען האלזטוך און האט אויסגע-

וועהען זעהר פרעך און צופריעדען מיט זיך אליין.

— אדיע, נעשעצטער מייסטער, האָט פּאַרעסטיע געזאָגט צו יענעם, דריקענדיג איהם דיא האנד.

— צום ווידערזעהען, מיין ליעבער, האָט יענער געענטפערט, ארויסלאָזענדיג זיך פון דיא טרעפּ מיט'ן שטעקל אונטער'ן אָרעם און פייפענדיג א נגון.

— ווער איז דער הערר? האָט דוראָ, געפרעגט.

— זשאַק ריוואל, דו האָסט מסתמא געהערט פון איהם, האָט געענטפערט פאַרעסטיע. ער איז א בעריהמטער פעליעטאָניסט און נאָך מעהר בעריהמט אלס דועליסט. ער, גארין און מאָנטעל רעכענען זיך איצט פאַר די דריי גייסט־רייכסטע פעליעטאָניסטען פון פּאַריז. פאַר צוויי ארטיקלען וואָס ער שרייבט פאַר אונזער צייטונג יעדע וואָך, בעקומט ער דרייסיג טויזענד פראנק א יאָהר. ער האָט אויך איצט געמאכט די קאָרעקטור פון מיי.עם אַ'ן ארטיקעל.

ביים ארויסגאַנג האָבען זיי בעגעגענט א דיקען מענשען, וואָס האָט אויסגעזעהן זעהר ניט זויבער, מיט לאַנגע האָר און איז סאָפּענדיג ארויפגעגאַנגען אויף דיא טרעפּ. פּאַרעסטיע האָט איהם זעהר העפליך בעגריסט.

— דאָס איז נאָרבע דע וואַרען, דער דיכטער פון דיא „טוידטע זונען". ער איז אויך איינער וועלכער שטעהט זעהר הויך אין פרייז. ער בעקומט פאַר יעדע נאָוועלעטע, וואָס ער גיט אונז, דריי הונדערט פראַנק און קיינע פון זיי פערנעהמט ניט מעהר וויא צוויי הונדערט שורות. איך שטאַרב פון דורשט.

פּאַרעסטיע האָט איינגעשלונגען זיין גלאָז ביער אין קאַפּע מיט איין אטהעם. דוראָי האָט זיין גלאָז געטרונקען זעהר לאַנגזאַם, און בעשמאַקעוועט זיך מיט דער צונג וויא דאָס וואָלט געוועזן דיא טייערסטע און זעלטענסטע משקה. נאָך א קורצען נאָכדענקען האָט פּאַרעסטיע געזאָגט:

— פאַר וואָס זאָלסטו ניט פּרובען דיינע כחות אויפ'ן זשורנאַליסטישען פעלד?

— יאָ..... אָבער.... איך האָב קיין מאָל ניט געפּרובט שרייבען, האָט דוראָי געענטפערט, קוקענדיג אויף איהם מיט ערשטוינונג.

— עט, נארעשקייטען!.... מען פּרובירט.... יעדער מוז דאָך א מאָל אָנהויבען. דו וואָלסט מיר געקענט צונוץ קומען אין זאמלען פאַר מיר געוויסע אויסקינפטע און מאַכען פאַר מיר געוויסע וויזיטען. אָנפאַנגס וועסטו קריגען 250 פראנק מאָנאַטליך אויסער הוצאות אויף דראָזשקעס. זאָל איך מאָרגען ריידען ווענען דעם מיט'ן פערוואַלטער?

— פאַר וואָס ניט, איך בין פון מיין זייט געווים צופריעדען, האָט דוראָי געענטפערט.

— זעהר גוט. אויב אזוי קום מאָרגען צו מיר צו מיטאָג. דו וועסט ביי מיר טרעפען א פינף זעקס פּערזאָן, דעם איינענטהימער פון אונזער צייטונג וואַלטער מיט זיין פרוי, זשאַק ריוואל, נאָרבע דע וואַרען און א

פריינדין פון מיין פרוי, בלייבט עס אזוי ?

דוראי איז געוואָרען רויט און צומישט. ענדליך האָט ער א מורמעל געטאָאן :

— יא.... אָבער.... איך האָב ניט קיין פאסענדען אנצוג.

— וואָס? דו האָסט ניט קיין פראק? האט פארעסטיע געפרעגט ערשטוינט. אין פאריז איז אונמעגליך צו בעגעהן זיך אָהן דעם. אהן א בגד איז דאָ נאָך מעגליך אויסצוקומען, אָבער אָהן א פראק בשום אופן ניט...

ער האָט געשווינד אריינגעלענט דיא האנד אין קעשענע און האט ארויסגענומען א האנד פול מיט גאָלדערנע מטבעות. צוויי פון זיי האט ער אנידערגעלעגט נעבען זיין פריינד אויפ'ן טיש און געזאָגט הערצליך:

— דוא וועסט מיר צוריקקעהרען דיא פיערציג פראנק ווען דו וועסט האָבען. קויף א קאָסטיום אויף אויסצאָהלען אָדער ליי אויף א מאָנאט. מאָרגען האלב אכט ערווארט איך דיך אין מיין וואוינונג, 17 רוע פאנטיין.

דוראי האט אריינגעלענט דאָס געלד אין קעשענע און האט ארויסגעשטאמעלט.

— דו ביזט ווירקליך זעהר גוט, איך דאנק דיר פון גאנצען הארצען. איך וועל דיא טובה קיין מאָל ניט פערגעסען.

— גוט, גוט, האָט פארעסטיע איהם איבערגעשלאָגען. מיר וועלען טרינקען נאָך צו גלאָז ביער, ניט אמת!

— קענסטו נאָך ארומשפאציערען א שטונדע צייט? האט געפרעגט דער זשורנאַליסט, נאכהער וויא זיי האָבען אויסגעטרונקען דאָס ביער.

— יא, האט דוראי געענטפערט און זיי האָבען זיך ביידע געלאָזט געהן צום מאדעלין.

— וואס זאָלען מיר איצט טאָן? האט געפרעגט פארעסטיע. מען זאָגט, אז אין פאריז פעהלט קיין מאָל ניט דעם לעדיג-געהער קיין בעשעפטיגונג. נאָר דאס איז ניט אמת; איך וויים קיין מאָל ניט, וואָס צו טהאָן מיט מיינע אבענדען. דורכפאָהרען זיך אין וועלדעל איז נאָר גוט דאמאָלס ווען מען האט מיט זיך א פרויענצימער, און נישט שטענדיג האט מען עפעס פאסענדעס ביי דער האנד. אין דיא קאפע-שאנטאנען קען געהן מיין שוסטער מיט זיין ווייב, איך געה אהין ניט, און וואס בלייבט צו טהאָן? קיין זאך ניט. עס פעהלט אונז דאָ א זו מער גאָרטען, וואָס זאָל זיין אָפען א גאנצע נאכט און וואו מען זאָל קענען הערען גוטע מוזיק און האבען גוטע ערפרישונגען אונטער דיא בוימער. אין אזא פלאץ האט אויך געדארפט זיין טייער דער אריינגאנג, אום אהין זאָלען קענען קו' מען נאָר דיא שעהנערע פרויען. אזא זאך וואָלט געווען גאנץ פיין.... וואוהין ווילסטו געהען?

— איך וואָלט וועלען זעהן די „פאָליעס בערזשער", איך בין דאָרטען נאָך קיין מאָל ניט געווען.

— דאָרטען איז שרעקליך הייס, נאָר אויב דו ווילסט, קום. דאָרטען איז כאָטשע פרייליך.

זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט און גע-

לאָזט זיך נעהען אויפ'ן וועג צו דיא פאָליעס. דער פּאסאַד פון דער געביידע איז געוועזן העל באַלייכטעט. פאר'ן אריינגאנג זיינען גע־שטאנען רייהען מיט דראָזשקעס. פאָרעסטיע האָט זיך געלאָזט געהן גלייך, נאָר דוראַי האָט איהם אָבגעשטעלט.

— דו פערגעסט, אז מיר האָבען נאָך ניט בילעטען, האָט'ער געזאָגט.

— דאָס איז ניט נויטיג, ווען דו געהסט מיט מיר. איך האָב אומעדום פרייען איינ־טריט. האָט איהר נאָך א גוטע לאָזשע פריי? האָט ער געפרעגט ביי דיא קאָנט־ראָלאָרען, וואָס האָבען איהם זעהר העפליך בעגריסט.

— געוויס, הערר פאָרעסטיע, האָבען זיי געענטפערט.

ער האט גענומען דעם קופּאָן און זיי זיינען ביידע אריין אין זאַל.

מען האט זיי אריינגעפיהרט אין א קליינע לאָזשע, באַצויגען מיט רויטען סאַ־מעט און וואו עס זיינען געשטאנען פיער פאָטעלען אויך בעצויגען מיט רויטען סאַ־מעט. אויף דער ביהנע האט מען עפּעס פאָרגעשטעלט, נאָר דוראַי האט אהין אפילו ניט א קוק געטהאָן. פאָרעסטיע האָט עפּעס א מורמעל געטהאָן וועגען דער געמישטער געזעלשאפט, וואָס מען זעהט דאָ, נאָר דוראַי האט איהם ניט גע־הערט. ער האט ניט ארונטערגעלאָזט דיא אויגען פון א פרוי, וועלכע האט אָנ־געשפּארט איהרע ביידע עלענבויגענס אן זייער לאזשע און האָט איהם געקוקט אין דיא אויגען אריין.

זיא איז געוועזן א חוּיכע, פולע פרוי, א ברונעטקע מיט א געפּודערטען געזיכט, אונטערגעפארבטע ליפּען. זיא האָט א וואונק געטהאָן צו איהרע א פריינדין א בלאָנדינקע, וואָס איז איצט גראדע פערביי־געגאנגען און האָט צו איהר געזאָגט אין דער שטיל, נאָר אזוי אז זיי האָבען גע־קענט הערען:

— אָט דאָס איז א פיינער יונג!

פאָרעסטיע האָט זיך אומגעווענדעט צו דוראַי און געזאָגט צו איהם מיט א שמייכעל:

— דו ביזט געבאָרען געוואָרען אין א העמדעלע, מיין פריינד, איך גראטולירע דיך.

דער געוועזענער סאָלדאט איז רויט גע־וואָרען און האָט מעכאניש א טאַפּ גע־טהאָן דיא צוויי גאָלד שטיקע ביי זיך אין קעשענע.

— גיב א קוק צום פּארקעט, האָט גע־זאָגט פאָרעסטיע. זעהסטו, דאָרטען זיצען דיא עהרליכע קליינע בורזשואַ מיט זייערע פרויען און קינדער. דאָס זיינען אין דער ווירקליכקייט דיא איינציגע, וואָס קומען אהער עפּעס זעהען. אין דיא לאָזשען זיצט דיא פרייליכע וועלט, דיא וועלט, וואָס לעבט א גוטען טאָג, א פּאָר קינסטלער, קאָקעטקעס פון דעם בעסערען סאָרט, הינטער אונז דרינגט זיך א זעלטע־נער מיש־מאש, וואָס מען קען נאָר געפינען אין פּאריז. ווער זיינען יענע מענער? גיב נאָר א קוק אויף זיי! דאָס זיינען מענשען פון אלע שטאנדען פון אלערליי שיכטען פון דער געזעלשאפט, נאָר דאָס פּעבעל פער־

נעהמט דאָ דעם גרעסטען פּלאַטץ. דאָ קען מען געפינען קליינע בעאמטע, משרתים פון מאָדנע מאַגאַזינען, רעפּאָרטערס, אָפי־ציערען אין ציוויל־קליידער, מענער פון דער העכסטער געזעלשאַפט, וועלכע קומען אַהער פון דער גרויסער אָפּער, אום אָבצוטונקען זיך אַביסעל אין שמוץ, איי־דער זיי געהן נאָך אַ מאָל אין דער איטאַל־יענישער אָפּער. אויסער דעם געפינען זיך נאָך דאָ אַזעלכע פערדעכטיגע געשטאַלטען, וואָס מען קען גאָר ניט אַנאַליזירען. נאָר אַם מייסטען פערקעהרען דאָ פּראָסטיטוט־קעס, וואָס מען קען קויפען פאַר אַ פּאָר לואי און וואָס זוכען מיט אַלע קרעפטען אותבעקאַנטע, אום צו קענען קריגען מיט עטליכע לואי מעהר. דיזע בעגעגנעט מען דאָ יעדען אָבענד, אין דעם פערלויף פון דעם גאַנצען יאהר, אויסער יענע טעג, ווען זיי געפינען זיך אין דיא האָספּיטעלער.

דער פאָרהאַנג האָט זיך ארונטערגע־לאָזט, און דער אָרקעסטער האָט געשפּיעלט אַ וואַלצער.

— זאָלען מיר מאַכען אַ שפּאַציר ארום דער גאַלעריע? האָט געפרעגט דוראַי.

— אויב דו ווילסט.

זיי זיינען ארויס פון דער לאָזשע און דער שטראָם שפּאַצירענדע האָט זיי אוועק־געשלעפּט מיט זיך. צווישען דיא מענער האָבען זיך געשטופּט פאַר וויז דיא פרויען וועלכע האָבען דאָ געשיינט צו זיין אין זייער עלעמענט. דוראַי איז געווען וויא פער־שכור'ט פון דער לופט, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט'ן גערוך פון טאַבאַק און ביר־לינגען פערפיום. פאָרעסטיע האָט געשוויצט געסאָפּעט און געהוסט.

— נאָמיר אריין אין גאָרטען, האָט ער געזאָגט, אראָבנעהמענדיג זיך לינקס.

זיי זיינען אריין אין אַ פערמאַכטען גאָרטען, וואו צוויי פאַנטאַנען האָבען גע־שפּריצט און מענער און פרויען זיינען גע־זעסען ביי קליינע טישלאך און האָבען גע־טרונקען

— נאָך אַ גלאָז? האָט געפרעגט פאָרעסטיע.

— מיט פערגניגען.

זיי האָבען זיך געזעצט פאַר אַ טישעל און בעאָבאַכטעט דיא שפּאַצירענדע. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אָבשטעלען נעבען זיי אַ פרויענצימער און פרעגען מיט אַ ציניש'ען שמייכעל:

— מיט וואָס ווילט איהר טראַקטירען הערר?

— מיט אַ גלאָז וואַסער פון דעם פאָנ־טאַן, פלעגט פאָרעסטיע ענטפערן, און זיא פלעגט אוועק טורמלענדיג:

— נעהמט אייך צום טייוועל.

דאָן איז פערביי זיי פערבייגעגאַנגען די ברונעטע מיט דער בלאָנדער. זייא האָבען אויסגעזעהען זעהר שעהן, און דיא ברונעטע האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו דוראַי און צו־שטעלענדיג אַ שטוהל צו זייער טישעל, האָט זיא זיך רוהיג אנידערגעזעצט, זאָגענ־דיג מיט אַ קאָרער שטימע.

— קעלנער, צוויי גלעזער לימאָנאַד.

— אָבער איהר זייט גאָר קיין שעמער־דיגע ניט, האָט פאָרעסטיע געזאָגט צו זיי.

— אייער פריינד האָט מיך בעציבערט

האָט זיא געענטפערט; ער איז א פיינער יונג און ער האט מיר פערדרייט דעם קאָפּ. איך גלויב, אז איך וואָלט צוליעב איהם געקענט אָבטהאָן עפּעס א נאַרעשקייט.

דוראַי איז געבליבען אָהן ווערטער. דער קעלנער האט געבראַכט דיא צוויי גלעזער לימאָנאַד פאַר דיא פרויען. זיי האָבען דאָס גיך אויסגעטרונקען און אויפגעהויבען זיך.

— איך דאַנק דיך, מיין טייערער, האָט געזאָגט דיא ברונעטקע צו דוראַי קלאַפּענדיג איהם מיט איהר פעכער אין אָרם. נאָר דו ביזט גאָר קיין ריידער ניט.

און זיי זיינען פערשוואונדען.

— זאָג מיר, מיין אַלטיטשקער, האָסטו געוואוסט, אז דו האָסט אזא אָנציהענדע קראַפט פאַר פרויען? האָט געזאָגט פאָרעסטיע. דו מוזט זיין פאַרזיכטיג.

דוראַי האָט נאָר א שמייכעל געטהאָן

— ווילסטו דאָ פערבלייבען לענגער? האָט פאָראָסטיע געפרעגט. איך געה, פאַר מיר איז גענוג.

— יא, האָט זשאָרוש א מורמעל געטהאָן, איך וועל דאָ נאָך פערבלייבען א ביסעל לענגער, עס איז נאָך ניט שפּעט.

— זעהר גוט, אַדיע! פערגעס ניט, מאָרגען, 17 רוא פאָנטיין, האַלב אכט.

— איך וועל ניט פערגעסען, איך דאַנק דיר.

דער זשורנאַליסט איז אוועק, און דוראַי האָט זיך דערפיהלט פריי און האָט ווידער א מאָל פריילּיך א פּאַפּ געטהאָן דיא צוויי גאַלד שטיקער ביי זיך אין קעשענע. ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז פערשוואונדען אין דער מאַסע. דערזעהענדיג דיא ברונעטקע און דיא בלאָנדינקע, האָט ער זיך צו זיי צוגעשטופּט, נאָר ווען ער איז צוגעקומען נאָהענט, האָט ער ווידער פערלאָרען זיין שפּראַך.

— האָסטו שוין געפונען דיין צונג? האָט איהם געפרעגט דיא ברונעטקע.

— טייוועל! האָט ער א מורמעל געטהאָן ניט קענענדיג ארויסברייננען קיין אנדער וואָרט.

א ווילע זיינען זיי געשטאַנען שטיל, דאַן האָט זיא איהם גענומען אונטער דער האנד און געפרעגט:

— ווילסטו מיך בעגלייטען אהיים?

— יא, אָבער איך האָב נאָר איין לואי ביי זיך, האָט ער געזאָגט ברומאָנ, ציטערענדיג פון ליידענשאַפט.

— דאָס מאַכט ניט אויס, האָט זיא געזאָגט מיט א גלייכגילטיגען שמייכעל.

— אויף'ן וועג האָט ער מיט זיך גע־טראַכט, אז דער אנדער לואי וועט דיין איבער גענוג צו קריגען אן אנצוג אויף פראַקאָט.

II

— וואו וואוינט דאָ הערר פאָרעסטיע? האָט דוראַי געפרעגט אויף מאָרגען דעם טהיר שליסער, ווען ער איז צוגעקומען צו נומער 17 אין דער רוע פאָנטיין.

— אויפ'ן דריטען עטאַזש, לינקס.

זשאָרוש האָט זיך אויפגעהויבען אויף דיא טרעפּ. ער האָט זיך געפיהלט ניט היימיש אין זיין נייעם קאָסטיום און האָט גע־

פיהלט. אז איהם נעהם נאך פיעל אב. זיינע שיך האבען ניט געגלאנצט גענוג, דאס העמד איז געווען א ביללינע, דיא הויזען צו ברייט, דער פראק צו ענג.

ער איז ארויף אויף דיא טרעפ לאנגזאם; אונרוהיג און מיט א קלאפענדען הארצען. פלוצים האט ער פאר זיך דערזעהען א פיין געקליידעטען העררן, וועלכער האט געקוקט גלייך אויף איהם. ער איז געווען אזוי עהנליך צו איהם, אז דוראי האט זיך א ציה געטהאן אהינטער און איז געבליבען שטעהען. דאס איז געווען זיין אייגען בילד אין א גרויסען שפיגעל. האבענדיג אין דערהיים נאר א קליין שפיגעלע, האט ער שטארק איבערטריעבען דיא פעהלערען פון זיין קאסטיום, אזוי שטארק, אז איהם האט אנגעהויבען צו שיינען, אז ער זעהט אוים קאמיש אין זיין אנצוג. דערזעהענדיג זיך איצט אין דעם גרויסען שפיגעל, איז ער געווארען מיט א מאל צופריעדען מיט זיך אליין. ער האט א שמייכעל געטהאן צו זיין בילד, אויסגעשטרעקט זיין האנד און אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג, פערגניגונג און צופרידענהייט. עמיצער האט פון אויבען געעפענט דיא טהיר. ער האט זיך דערשראקען, אז מען זאל איהם ניט טרעפען אין אזא צושטאנד און ער האט אנגעהויבען צו געהן ניכער.

אויף'ן צווייטען עטאזש האט ער זיך ווידער אבגעשטעלט פאר'ן שפיגעל אויף א קורצע ווילע. אויף'ן דריטען עטאזש איז ער געבליבען שטעהן לענגער, האט א דריי געטהאן זיינע וואנסען, ארונטערגענומען זיין הוט און פערריכט דיא האר און געמורמעלט:

— דאס איז א'ן אויסגעצייכענטע זאך!

ער האט א קלונג געטהאן און כמעט אין דער זעלבער סעקונדע האט זיך דיא טהיר געעפענט און פאר איהם איז געשטאנען א בעדיענטער מיט א ראזירטען שיינעם געזיכט, אין א פיינעם שווארצען פראק. דוראי איז ווידער צומישט געווארען. אפשר איז דאס געווען דערפאר, וואס ער האט אליין ניט וויסענדיג געמאכט א פערגלייכונג צווישען דעם שניט פון זיין פראק און דעם דיענערס.

— וועמען זאל איך מעלדען? האט דער דיענער געפרעגט, אויפהייבענדיג דעם פארהאנג.

דוראי האט פערלארען זיין גאנצען קוראזש, פיהלענדיג אז ער קומט איצט אריין אין א נייע וועלט. דאך איז ער צוגעגאנגען נעהנטער. פאר איהם איז געשטאנען א בלאנדע יונגע פרוי, זיא איז געווען איינע אליין אין דעם גרויסען ליכטיגען צימער, וואו עס זיינען געשטאנען אזוי פיעל טעפ בלומען אז עס האט אויסגעזעהן אזוי וויא א ווינטער גארטען. איצט האט ער זיך אין גאנצען פערלארען. ווער איז דיא פרוי, וואס שמייכעלט צו איהם? דאן האט ער זיך דערמאנט, אז פארעפטיע איז פערהייראט און דער געדאנק אז דיזע עלעגאנטע, רייצענדע פרוי איז זיין פריינד'ס ווייב, האט איהם אזוי פערוויררט, אז ער האט א שטאמעל געטהאן:

— גנעדיגע פרוי, איך בין....

— איך וויים שוין, שארל האט מיר געכטען דערצעהלט, אז ער האט אייך גע-

טראַפען, האָט זיא געזאָגט, געבענדיג איהם דיא האַנד, און מיך פרייט זעהר, וואָס ער האָט אייך היינט איינגעלאַדען צו אונז.

ער איז רויט געוואָרען און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

ער האָט זיך אריינגעזעצט אין א פאַטעל, אויף וועלכען זיא האט איהם אָנגעוויזען, און דערפיהלענדיג דעם ווייכען סאַמעט פון דעם רייכען זיץ האט ער געטראַכט, אז איצט טרעט ער אריין אין א נייעם, שיינעם לעבען, וואו ער וועט זיך געוויס אויסצייכענען און רעטען זיך. ער האט א קוק געטאָן אויף פרוי פארעסטיע, וועלכע האט פון איהם דיא גאַנצע צייט דיא אויגען ניט אראָבגענומען. זיא האָט געטראָגען א קלייד פון מאַט-בלויען קאַשמיר, וואס האט געמאַכט אויסזעהען איהר געבקויזטע הענד, אקסלען, האַלז און בוזים ווייס וויא ליליען פון אונטער דיא ווייסע שפיצען, מיט וועלכע דאָס קלייד איז געוועזען בעפוצט. איהרע האָר זיינען געוועזען פערקאַמט הויך און זיינען אַרונטערגעפאַלען אין קליינע קרייזלעך אויף איהר נאַקען.

דוראָי איז לאַנגזאַם געקומען צו זיך אונטער איהרע בליקען, וועלכע האָבען איהם דערמאָנט, אָהנע ער זאָל וויסען פאר וואָס, אָהן דיא בליקען פון דער ברונעטקע, מיט וועלכע ער איז געזעסען ביי נאַכט אוועק פון דעם קאָנצערט זאאל. זיא האָט געהאַט בלוי-גרויע אויגען, וועלכע האָבען געהאט א זעלטזאַמען אויסדרוק, א קליינע נאָז, פולע ליפען און א שווערען קין-באַנק. איהרע צינע זיינען געווען זעהר אונרעגעלמעסיג, אבער דאָך פערפיהרעריש, פול מיט צערטליכקייט און שלעכטקייט. יעדע ליניע אין איהר געזיכט האָט געשיינט צו ווייזען א בעזונדערען רייץ און בעדייטונג יעדע בעוועגונג איהרע האָט געשיינט צו װעלען זאָגען עפּעס און צו בעהאַלטען עפּעס.

— זייט איהר שוין לאַנג אין פאריז? האָט זיא געפרעגט נאָך א קורצער פויזע.

— ערשט א פּאָר מאָנאַטען, האָט געענטפערט דוראָי, וואָס איז אלץ מעהר און מעהר געקומען צו זיך. איך בין אָנגעשטעלט ביי אן אייזענבאַהן, נאָר פאָרעסטיע האָט מיר ג. געבען האָפנונג, אז איך וועל פיעלייכט דורך זיין הילף ווערען א זשורנאַליסט.

— איך ווייס שוין, האָט זיא געזאָגט מיט א שטילער שטימע, און איהר שמייכעל איז געוואָרען דייטליכער און פריינדליכער.

דערווייל האָט זיך ווייטער דערהערט א קלונג, און דער דיענער האָט געמעלדעט:

— מאַדאַם דע מארעל.

אין צימער איז אריין מיט שנעלע טריט א שיינע, קליינע ברונעטקע, אויף וועלכע איז געלעגען וויא אויסגעגאָסען איהר איינפאַכע קלייד. איהר איינציגע ציערונג איז געווען א רויטע ראָזע, וואָס זיא האט געטראָגען אין דיא האָר און וואָס האָט צוגעגעבען איהר געזיכט א זעלטזאַמען חן. איהר איז נאָכגעגאַנגען א קליין מיידעל אין א קורצע קליידעלע.

— גוטען אָבענד, קלאָטילדא, האָט געזאָגט פרוי פאָרעסטיע, געהענדיג איהר אנטקעגען.

— גוטען אבענד, מאדעליין.

זיי האבען זיך ארומגענומען און דאס מיידעל האט אנגעשטעלט איהר שטערן פאר א קוש און האט געזאגט מיט'ן טאן פון א'ן ערוואקסענע פרוי:

— גוטען אבענד, קוזינע.

פרוי פארעסטיע האט איהר א קוש געטהאן און פארגעשטעלט דיא געסט:

— הערר זשארזש דוראי, שארל'ס א'ן אלטער פריינד, פרוי דע מארעל, מיין פריינדין און פערוואנדטע.

דער יונגער מאן האט זיך פערנייגט.

דיא טהיר האט זיך ווידער געעפענט און א דיקער מאן פון ניעדריגען וואוקס, אזוי ברייט וויא הויך איז אריינגעקומען און אויף זיין ארם איז געוועזען געשטיצט א הויבע און שיינע פרוי פיעל אינגער פון איהם. זיא האט אויסגעזעהן זעהר אריסטאקראטיש נאר אביסעל צו ערנסט. דאס איז געוועזען הערר וואלטער, א רייכער אידישער באנקיר און דעפוטירטער, דירעקטאר פון דער צייטונג, וואו פארעסטיע האט געארבייט און זיין פרוי א געבארענע באזיל רזוואלא א טאכטער פון א באנקיר, וואס האט געטראגען דעם נאמען. נאך זיי זיינען אריינגעקומען איינער נאכ'ן צווייטען דער עלעגאנטער זשאק ריוואל און נארבע דע וואר'ען, ביי וועמען דער קראגען פון פראק האט אביסעל געגלאנצט פון דער שטענדיגער בעריהרונג מיט זיינע לאנגע האר, און דער האלדז־טוך האט אויסגעזעהן אביסעל אבגעטראגען. ער האט א קוש געטהאן פרוי פארעסטיע אין האנד מיט דער גראציע פון אן אלטען מאן און דערביי האבען זיינע לאנגע האר אין גאנצען פערדעקט איהר נאקען א. ס. ו.

פארעסטיע איז אנגעקומען דער לעצטער און האט געבעטען אום ענטשולדיגונג, פאר וואס ער האט פערשפעטיגט.

דער בעדיענטער האט געמעלדעט, אז דער טיש איז געגרייט.

דוראי איז ביים טיש געזעסען צווישען פרוי דע מארעל און איהר טאכטער. ער האט זיך ווידער געפיהלט א ביסעל אין פערלעגענהייט, מורא האבענדיג, אז ער קען נאך מאכען עפעס א טעות מיט דיא לעפעל און גאפעל, טעסער און גלעזער. פיער גלעזער זיינען געשטאנען נעבען איהם. איינס איז געוועזען סאמט־בלוי. ער האט קיין אהנונג ניט געהאט, וואס מען טהוט מיט דעם גלאז.

ווערענד מען האט געגעסען דעם זופ, האט קיינער ניט גערעדט קיין ווארט, דאן האט זיך נארבע דע ווארען אנגערופען:

— האט איהר געלייענט גאטיע'ס פראצעס? א מערקווירדיגע זאך.

און דאן האבען אלע גענומען ריידען וועגען דעם מערקווירדיגען פאל, וואס האט איצט אויפגערעגט גאנץ פאריז. זיי האבען וועגען דעם ניט גערעדט, וויא מען רעדט געוויינליך וועגען צייטונגס נייאיגקייטען אין פאמיליען, נאר וויא דאקטוירים רעדען צווישען זיך וועגען א קראנקהייט אדער וויא תבואה הענדלער ריידען וועגען תבואה. וועו מען האט גערעדט וועגען דעם דועל, וואס האט געפאלגט באלד נאכדעם, וויא דער מאן האט א יסגעפונען

דיא פאלשקייט פון דער פרוי, האט זיך ריוואל אריינגעמישט, דאס איז געוועזן זיין ספעציאליטעט. דוראי האט מורא געהאט אריינצושטעלען זיי ווארט. ער האט פון צייט צו צייט געווארפען א בליק אויף זיין שכנה און האט בעוואונדערט דעם דיאמאנט וואס איז אראבגעהאנגען פון איהר אויער אויף א דינעם גאלדערנעם פאדעם. ער האט איהר געוואלט מאכען עפעס א קאמפלימענט, נאר ער האט ניט געקענט געפינען. דערווייל האט ער זיך בעשעפטיגט מיט איהר טאכטער און בעדיענט איהר ביים טיש. דאס מיידעל, וועלכע האט זיך געהאלטען פיעל מעהר אנשטענדיג וויא דיא מוטער, האט איהם געדאנקט מיט אן ערנסטע מינע.

— איהר זייט זעהר פריינדליך מיין הערר, האט זיא געזאגט און האט אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צום געשפרעך ביים טיש.

דער מיטאג איז געוועזן זעהר א גוטער און יעדער איז געוועזן צופריעדען. דאס געשפרעך איז איצט פערגאנגען וועגען דער קאלאניזאציאן פון אלושיר.

— איך וואלט פארגעשלאגען, האט געזאגט ריוואל, א מיליטערישע רעגיערונג, וואו מען זאל יעדען אפיציער, נאך א דרייסיג יאהריגען דיענסט אין דער קאלאניע שענקען לאנד און מאכען פאר א גוטס-בעזיצער. אויף אזא אופן, וואלט דאס לאנד בעזעצט געווארען מיט מענשען, וועלכע קענען דאס לאנד, דיא שפראך און די זיטען מיט וועלכע זיי זיינען געוואוינט און צו וועלכע א נייען מענשען איז שווער זיך צוצוגעוואוינען.

— יא, זיי וואלטען געוואוסט יעדע זאך אויסער ערד ארבייט, האט זיך אריינגעמישט מארבע דע ווארען. אמת, זיי קענען אראביש, אבער זיי קענען ניט איבערזעצען א בורעק פון איין פלאץ אויפ'ן צווייטען און האבען ניט קיין אהנונג, וויא מען זייעט ווייץ. איך זאג פערקעהרט, זאל מען דאס לאנד עפענען פאר יעדען איינעם, עס וועלען אהין קומען אינטעליגענטע מענשען, א טהייל וועט האבען ערפאלג, א טהייל ניט, דאס איז דאס סאציאלע געזעץ.

א קורצע ווילע איז געוועזן שטיל און יעדער האט א שמייכעל געטהאן.

דא האט זיך זשארזש דוראי אריינגעמישט אין געשפרעך און איז שטארק ערשטוינט געווארען פון דעם קלאנג פון זיין שטימע, אזוי וויא ער וואלט זיך קיין מאל פריהער ניט געהערט ריידען.

— וואס דארטען געהט אב איז נאר גוטע ערד, האט ער געזאגט. גוטע ערד קאסטען דארטען אזוי טייער וויא אין פראנקרייך און דאס קענען נאר דערווייזען דיא פאריזער קאפיטאליסטען, וועלכע ציהען דערפון א גרויסען פראפיט; אבער דיא ארימע קאלאניסטען וואס וואנדערן ארויס פון דאנען, ווייל זיי האבען ניט וואס צו עסען, קריגען דארטען דיא מאגערסטע שטיקלאך ערד, וואס קיין זאך קען ניט וואקסען צוליעב מאנגעל אין וואסער.

אלע ארום טיש האבען אויף איהם א קוק געטהאן, און ער האט געפיהלט, וויא ער ווערט רויט.

— זייט איהר בעקאַנט מיט אַלזשיר? האָט איהם וואַלטער געפרעגט.

— יאָ, האָט דוראַי געענטפערט, איך האָב דאָרטען פערבראַכט 28 מאָנאַטען און בין בעקאַנט מיט אַלע דריי פּראָווינצען.

איצט האָט דוראַי גענומען דערצעהלען פערשיעדענע זאַכען און אַנעקדאָטען פון דעם לעבען אין אַלזשיר. די פרויען האָבען פון איהם ניט אַראָבגענומען די אויגען און פרוי וואַלטער האָט שטיל און לאַנגזאַם אַרויסגערעדט.

— פון אייערע ערינערונגען האָט מען געקענט מאַכען אַ פיינע סעריע אַרטיקלען.

ביי דיזע ווערטער האָט הערר וואַלטער אַריבערגעקוקט איבער די ברילען אויף דוראַי, וויא ער פלעגט עס שטענדיג טהאָן, ווען ער פלעגט וועלען גענוי בעטראַכטען עמיצענס געזיכט.

— ווערטהער דירעקטאָר, האָט זיך דאָ פאָרסטיע אַריינגעמישט, איך האָב שוין מיט אייך אַזוי אויך געוואָלט ריידען וועגען הערר דוראַי און בעטען אייך, אַז איהר זאָלט איהם אַנשטעלען אין מיין אַבטהיילונג פאַר די פּאָליטישע נאַכריכטען. צייט מיראַבאָ איז פון אונז אַוועק, פיהלט זיך אין דער צייטונג אַ מאַנגעל אין דער אַבטהיילונג.

וואַלטער איז איצט נאָך ערנסטער געוואָרען. ער האָט אין גאַנצען אַרונטערגענומען די ברילען, אום צו קענען בעסער בעטראַכטען דוראַי.

— הערר דוראַי האָט אָהן שום צווייפעל טאַלאַנט, האָט ער געזאָגט. ווען ער וועט קומען צו מיר מאָרגען דריי אַ זייגער, אום צו בעשפּרעכען וואָס נויטיג איז, וועלען מיר וואַהרשיינליך דורכקומען.

נאָך אַ קליינער פּויזע האָט ער זיך גלייך געווענדעט צו דוראַי און געזאָגט:

— איהר קענט שוין נעהמען צוגרייטען פאַר אונז אַ קליינע סעריע פּלוידערייען איבער אַלזשיר. דעם ערשטען אַרטיקעל וועל איך שוין בּרויכען מאָרגען אָדער איבערמאָרגען, אום צו קענען מיט דעם פּעראינטערעסירען דאָס פּובליקום נאָך ווען די זאַך איז וואַרם און די פערהאַנדלונגען וועגען אַלזשיר געהען נאָך אָן אין דעם דעפּוטירטען קאַמער.

— יאָ, און איהר האָט שוין אויך זעהר אַ שיינעם טיטעל פאַר אייערע אַרטיקלען, האָט בעמערקט פרוי וואַלטער מיט איהר ליעבען און גראַציעזען טאָן: „ערינערונגען פון אַ אַפריקאַנער סאָלדאַט“. ניט וואַהר הערר נאָרבע?

— געוויס, אַ אויסגעצייכענטער טיטעל, האָט געענטפערט דער אַלטער דיכטער, וועלכער האָט זעהר שפּעט ערוואָרבען אַ נאָמען און געהאַסט און מורא געהאַט פאַר אַלע נייע אויפקומענדע טאַלאַנטען. געוויס, ווען ער וועט נאָר געפינען דערצו די ריכטיגע שטימונג; די ריכטיגע שטימונג איז די הויפּט זאַך.

פרוי פאָרעסטיע האָט דערביי געוואָרפען אויף דוראַי אַ פריינדליכען בליק, וואָס האָט געשיינט צו זאָגען: „דו וועסט זיך שוין דורכשלאָגען“.

פרוי דע מאַרעל האָט זיך שוין עטלי־
כע מאָל געווענדט אין זיין זייט און דער
דיאַמאַנט האָט יעדעס מאָל געציטערט
אין איהר אויער, וויא אַ ריינער טראָפּען
וואַסער וואָס האַלט ביים אראָבפאַלען.
איהר מאַכטער האָט געקוקט אין טעלער
מיט איהר ערנסטען בליק. מען האָט
איצט אָנגעהויבען צו גיסען יאָהאַנעסבור־
גער ווייז אין דיא מאַט־בלויע גלעזער, און
פאָרעסטיע האָט געטרונקען פאר׳ן וואַק־
סען און בליהען און געדייהען פון זייער
ציימונג. אַלע אנוועזענדע האָבען גע־
שמייכעלט צום אייגענטהימער פון דער
ציימונג און געוואונשען איהם גליק. דו־
ראַי איז געווען אַזוי פער׳שכור׳ט
פון זיין ערפאָלג, אַז מיט איין
צוג האָט ער אויסגעטרונקען דאס גאַנצע
גלעזעל, און האָט דאביי געפיהלט, אַז ער
וואָלט איצט גראַדע אַזוי געקענט אויס־
טרינקען אַ גאַנצע פאַס, פערבייסען מיט אַ
אָקס און דער־ווארגען אַ לויב. ער האָט גע־
פיהלט איבערמענשליכע קרעפטען אין זיך,
ענערגיע און גרויסע האָפנונגען. איצט האָט
ער יעדען איינעם געקענט קוקען גלייך אין
דיא אויגען און געפונען אין זיך גענוג טוסה
צו ווענדען זיך צו זיין שכנה:

— גנעדיגע פרוי, איהר האָט דיא
שעהנסטע אָהרינגלעך, וואָס איך האָב ווען
געזעהן.

— דאָס איז מיין אידעע געווען אַזוי
צו בעפעסטיגען דיא דיאַמאַנטען. האָט זיא
געזאָגט צו איהם מיט אַ שמייכעל. אויפ׳ן
ענד פון אַ גאָלדערן פעדימל זעהען זיי אויס
וויא טראָפּענס טהוי.

פערוואָרט פון זיין פרעכהייט און מורא
האָבענדיג, אַז ער זאָל ניט ארויסכאַפּען
זיך מיט אַ נאַרעשקייט, האָט ער אַ מורי־
מעל געטאָן.

— זיי זיינען ווירקליך פּייצענד — נאָר
דאָס איז דער אויער וואָס גיט דיא שעהי־
נער דעם ווערטה.

זיא האָט איהם געדאנקט מיט אַ בליק
פון איהרע קלאָרע און דורכדרינגענד אוי־
גען, מיט וועלכע אַ פרוי קען
אריינקוקען טיעף צו אונז אין
האַרצען. ווען ער האָט ווידער אומגעווענ־
דעט דעם קאָפּ, האָבען זיך זיינע אויגען
בעגעגענט מיט פרוי פאָרעסטיע׳ס. זיי
האָבען איהם צוגעגעבען מוטה און האָבען
געקוקט אויף איהם זעהר פריינדליך, אָבער
דאָך אביסעל שפעטיש.

דאָס געשפרעך איז געוואָרען אלגעמיין,
און דיא געסט האָבען זיך אויפגעהויבען פון
טיש און האָבען זיך געלאָזט געהן טרינקען
זייער קאַפע אין סאַלאָן. דוראַי האָט אין אַ
שפּאַס אָנגעבאָטען זיין ארם דיא קליין מיי־
דעלע. זי האָט עס אָנגענומען גאַנץ ערנסט
האָט זיך מיט ווירדע פערנייגט און גע־
שטעלט זיך אויף די שפּיטץ פינגער, אום צו
קענען מיט איהר הענטיל דערלאַנגען זיין
ארם.

דיא לופט אין סאַלאָן איז געווען זעהר
פריש און אָנגעפילט מיט׳ן פאַרפיום פון
דיא פיעלע פלאַנצונגען, וואָס זיינען דאָר־
טען געשטאַנען. דוראַי האָט זיך איצט אין
גאַנצען געפיהלט וויא ביי זיך אין דער היים
און האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט דאָס
צימער. אויסער דיא פלאַנצען איז דאָ איי־

נעמליך נים געווען אזא זאך, וואס זאל צוציהען צו זיך די אויפמערקזאמקייט. נאר יעדע זאך איז דא געווען זעהר עלעגאנט, שעהן און אויפ'ן ריכטיגען פלאץ, און דאס גאנצע צימער האט געהאט אויף יעדען א בערוהיגענדע גוטע ווירקונג.

— ווילט איהר א גלאז קאפע? האט איהם געפרעגט פרוי בראסטיע, דערלאנגענדיג איהם א טאסע קאפע מיט'ן זעלבען פריינדליכען שמייכעל, מיט וועלכען זיא האט אויף איהם געקוקט די גאנצע צייט פון דעם עסען.

— געוויס, גנעדיגע פרוי, האט ער געזאגט, נעהמענדיג די טאסע אין דער האנד און אנבויגענדיג זיך מיט'ן זילבערנעם צוואנג ארויסצוציהען א שטיק צוקער פון דער פושקע, וואס דאס מיידעלע האט איהר נאכגעטראגען.

— שענקט מעהר אויפמערקזאמקייט פרוי וואלטער, האט זיא צו איהם א שפּטישע געטהאן, מאכט איהר עטליכע קאמפלימענטען, איהר ווייסט וואס איך מיין, און נאך איידער ער האט צייט געהאט צו ענטפערן עפּעס, איז זיא אוועקגעגאנגען.

ער האט אויסגעטרונקען די קאפע אזוי גיך ווי ער האט געקענט, מורא האבענדיג, אז ער זאל נים פערגיעסען אויפ'ן טעפּיך. אזוי גיך ווי ער איז פארטיג געווארען מיט זיין קאפע, האט ער אנגעהויבען צו זוכען אן אויסרייד ווי אזוי צו צוקומען צום דירעקטאר'ס פרוי. פלוצים האט ער בעמערקט, אז זיא האלט איהר לעדיגע טאפע אין דער האנד און ווייס נים, וואוהין אונטערצושטעלען איהר.

— איהר וועט מיר ערלויבען, גנעדיגע פרוי, האט ער געזאגט, אויסשטרעקענדיג זיין האנד נאך דער טאסע.

— איך דאנק אייך, הערר דוראי.

ער האט אוועקגעטראגען די טאסע און איז באלד צו איהר צוגעקומען.

— איהר ווייסט נים, גנעדיגע פרוי, ווי פיעל גליקליכע שטונדען איך האב געהאט צו פערדאנקען אייער צייטונג שוין דאן ווען איך האב געדיענט אין דער ווילדערניס. אין דער ווירקליכקייט, איז דאס די איינציגע צייטונג, וואס א פראנצויז קען לייענען אין דער פרעמדע. זיא איז גייסטפאלער, ליטעראַרישער און נים אזוי איינפארביג ווי אלע די אנדערע. מען געפינט אין איהר יעדע זאך.

זיא האט א שמייכעל געטהאן און געזאגט ערנסט:

— מיין מאן האט זיך געגעבען פיעל מיה צו מאכען די צייטונג פאר וואס זיא איז.

זיי האבען גערעדט ווייטער. זיין געשפּרעך איז געווען איינפאך און באנאל, נאר דערפאר האט זיין שטימע געהאט א ווארימען קלאנג, זיינע אויגען האבען געקוקט מיט פייער און זיינע וואנסען האבען זיך אזוי שעהן געקרייזעלט איבער זיינע ליפּען. זיי האבען גערעדט פון אלץ, פון די בעדער פון פאריז, פון דער פאריזער אומגעגענד, פון די אלע יענע זאכען, פון וועלכע מען קען ריידען שטונדען לאנג, נים אנשטרענגענדיג די מארך. ווען נארבע דע ווארען איז צוגעגאנגען צו פרוי וואלטער מיט א גלעזיל ליקער, האט זיך דוראי

בעשיערען צוריקגעצויגען.

— אזוי, איהר ווילט ווירקליך ווערען א זשורנאליסט? האט געזאגט פרוי דע מא־רעל ווען דוראי איז צוגעקומען צו איהר און פרוי פעראסטיע.

ער האט איהר אין קורצען דערצעהלט זיינע פלענער און האט מיט איהר איבערגע־הויבען דעם זעלבען געשפרעך, וואס ער האט פריהער געפיהרט מיט פרוי וואלטער. נאר איצט האט ער שוין גערעדט, ווי א מענש וואס ווייס שוין עפעס, ווייל ער האט איבערגעגעבען וואס ער האט נים לאנג געהערט פאר זיינע איי־גענע.

זיא האט איהם דערפאר דערצעהלט אנעקדאטען, וועלכע זיא האט געמאכט פע־פערדיג און שארף, און דערביי ארויפגע־לעגט פון צייט צו צייט איהר האנד אויף זיין ארם און ערנסטערגעלאזט איהר שטי־מע. ער איז געווען אויסער זיך פון פרייד צו פיהלען נעבען זיך דיא נאהענטקייט פון דער יונגער פרוי. פלוצלינג האט פרוי מא־רעל א רוף געטהאן איהר טאכטער:

— לאריג, זעץ זיך דא, מיין קינד, דו וועסט זיך צוקיהלען ביים פענסטער.

דוראי האט פלוצים דערפיהלט א גרוי־סע לוסט א קוש צו טהאן דאס קינד. איהם האט אויסגעוויזען, אז דיא מוטער וועט אויך פיהלען א ביסעל פון דיזען קוש.

— ערלויבט מיר, מאמזעל, א קוש צו טהאן אייך, האט ער זיך געווענדעט צום קינד מיט א פריינדליכע פאטערליכען טאָ.

דאס קינד האט פערוואונדערט א קוק געטהאן אויף איהם.

— פאר וואס ענטפערסטו נים, האט זיך דיא מוטער געווענדעט צו איהר.

— היינט וועל איך עס אייך ערלויבען, האט דאס קינד געענטפערט, נאר ווייטער קען דאס אזוי נים אנגעהן.

דוראי האט גענומען דאס קינד אויף דיא הענד און א קוש געטהאן איהרע ווייכע געקרייזעלטע האר.

— איך בין ערשטוינט, וואס זיא איז פון אייך נים אנטלאפען, האט דיא מוטער בעמערקט. זיא לאזט זיך נאר קושען פון פרויען. איהר מוזט האבען א זעלטזאמען רייץ, מיין הערר.

ער איז רויט געווארען, האט גאר נים געענטפערט און שטיל געוויגט דאס קינד אויף דיא קניע. פרוי פארעסטיע איז איצט צו זיי צוגעקומען און האט זיך נים געקענט אבוואונדערען צו זעהן דאס קינד ביי איהם אויף דיא קניע.

— וואס פאר א וואונדער! האט זיא געזאגט, איהר האט איהר געצאמט.

אויך זשאק ריוואל איז צו זיי צוגעקו־מען מיט א סיגאר אין מויל, נאר דוראי האט זיך געאיילט גיכער אבצוגעזעגענען זיך, מורא האבענדיג, אז ער זאל נים איבערפיהרען דורך א נארישען ווארט דעם גוטען איינדרוק, וואס ער האט געמאכט. דערביי האט ער צערטליך געדריקט דיא הענטלאך פון דיא פרויען און שטייף דיא הענד פון דיא מענער.

— פערגעסט נים מארגען דריי אזייגער האט פארעסטיע געזאגט צו איהם אין דער שטיל.

— זארג זיך נים, האט זשארזש גע־

ענטפערט.

ווען זשאָרזש האָט פערמאַכט הינטער זיך דיא טהיר, האָט ער חשק נעהאַט אַרונטערצושפּרינגען פון אַלע טרעפּ, אַזוי פריילעך איז ער נעווען און ער האָט זיך טאַקע ניט נעקענט אָבזאָגען פון דעם פערגניגען אַראָבצושפּרינגען כאָטש פון דיא לעצטע צוויי טרעפּ. פּלוצים האָט ער דער־זעהן אין דעם שפּיעגעל פון דעם צווייטען עטאַזש א פיין נעקליידעטען הערין, וואָס איז איהם נעשפּרונגען אַנטקעגען. ער איז נעבליבען שטעהן פערשעמט, אַזוי וויא עמיצער וואָלט איהם דערטאַפּט ביי א נאַרישקייט. דאַן איז ער א היבשע צייט נעשטאַנען פאַרן שפּיעגעל, און האָט זיך נעפרייט, וואָס ער איז אַזא שיינער יונג. ער האָט צו זיך פריינדליך נעשמייכעלט און האָט זיך ענדליך פערניינט פאַר זיין בילד וויא מען פערניינט זיך נאָר פאַר זעהר גרויסע הערען.

III.

ווען דוראַי איז אַרויס אין גאַס, האָט ער זיך אויף א ווײַלע אָבגעשטעלט און האָט נעטראַכט, וואָס ער זאָל איצט טהאָן. ער וואָלט זעהר גערן שפּאַצירט דיא גאַנצע נאַכט און נעטראַכט וועגען זיין צוקונפט. נאָר דער נעדאַנק וועגען דיא אַר־טיקלען, וואָס ער דאַרף שרייבען, האָט איהם נעטריבען אַהיים. דאָס הויז, וואו ער האָט נעלעבט, איז נעווען בעוואָהנט ביי א צוואַנ־ציג אַרבייטער פאַמיליען. ביים אַרויפגעהן אויף דיא טרעפּ, האָט איהם אָנגעכאַפּט אַן עקעל פון דעם שמוץ און אָרימקייט, וואָס האָבען זיך נעזעהען איבעראַל. ער

האָט דערפיהלט א חשק צו לעבען וויא רייכע לייט אין פיינע הייזער מיט טעפּיך אויף דיא דילען. זיין צימער האָט זיך נעפונען אויף׳ן פינפטען עטאַזש. אַזוי ניך וויא ער איז אַריין אין זיין צימער, האָט ער נעעפענט א פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט, נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף שרייבען. ער האָט אַנידערגעשטעלט דאָס ליכט אויף׳ן טיש און נעכאַפּט זיך, אַז ער האָט ווייניג פּאַפּיער. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבען צו שרייבען אין זיין שעהנער האַנדשריפט: די ערינערונגען פון א סאָל־דאַט אין אפריקא.

דאַן האָט ער אָנגעהויבען צו זוכען דיא ערשטע פראַזע. אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּף אויף דער האַנד און אָנגעהויבען צו טראַכ־טען: וויא הויבט מען אָן? ענדליך איז איהם אַריין דער נעדאַנק, אַז ער דאַרף אַנהויבען מיט זיין אַוועקפאָהרען פון פראַנקרייך און ער האָט אָנגעשריבען: „דאָס איז נעווען אין 1874, ווען דאָס קראַנקע פראַנקרייך האָט ערשט אָנגעהויבען קומ׳ן צו זיך נאָך דיא קאַטאַסטראָפען פון דעם שרעקליכען יאָהר....״ דאָ איז ער נעבליבען שטעקען און האָט ניט נעקענט נעהן ווייטער.

א צעהן מינוט איז ער נעזעסען און האָט נעטראַכט ענדליך האָט ער בעשלאָסען אי־בערצולאָזען דיא איינליימונג צו זיין אַרטי־קעל אויף מאָרגען און אָנצוהייבען גלייך דיא בעשרייבונג פון אַלזשיר. און ער האָט ווידער אָנגעהויבען אויף א נייע שטיק פּאַפּיר: אַלזשיר איז א גאַנץ

ווייסע שטאָדט....‟ נאָר איז ער נעבליבען שטעהן און האט זיך ניט נעקענט ווייטער ריהרען פון פלעק. פאר דיא אוינען האט איהם נעשוועבט דיא פריינדליכע העלע שטאָדט, וועלכע לאָזט זיך ארונטער פון א בארג ביז צום ים, וויא א וואסער־פאַל פון ווייסע הייזער מיט גלאטע דעכער, נאָר ער האט ניט געקענט נעפינען קיין אויסדרוק פאר דעם, וואָס ער האט אזוי קלאָר געזעהען, מיט דיא אוינען. ענדליך נאָך א לאנגען מאטערען זיך האט ער צונעשריבען נאָך עטליכע ווערטער: „און זיא איז טהיילוייז בעוואוינט פון אראבער....‟ דאן האט ער א וואָרף געטהאָן דיא פעדער אויפ'ן טיש און איז אויפגעשטאנען.

פלוצים האָט ער דערזעהען אויף זיין שמאָלען אייזערנעם בעטיל זיין אלטעגליכען אנצוג, וואָס האָט אויסגעזעהן אָבגעטראָגען וויא א שמאַטע. אויפ'ן בענקעל איז געלעגען זיין אלטע הוט און דאָס גרויסע וויל פון דעם הוט האָט געשיינט צו בעטען א נדבה. דיא שמוציגע טאפעטען אויף דיא וועגד, וואו די קווייטעלאך אויפ'ן פאפיר האָבען אויסגעזעהן זעהר פערדעכטיג, וויא מען וואָלט אויף זיי צוקוועטשט עפּעס אַן אונרייגע זאך, זיי האָבען אויסגעזעהן, וויא מען האָט איבער זיי געפיהרט מיט פעטע פינגער און אונטען זיינען זיי אין גאנצען געווען בעשפריצט מיט'ן שמוץ וואָס איז אויף זיי געפאלען ביים וואשען. דיא צריטקיים און שמוץ האָבען איהם ארויסגעבראכט פון זיך. ער האָט זיך פאַרגעשטען צו פערלאָזען זיין וואוינונג גלייך אויף מאָרגען.

פלוצים האָט איהם אָנגעכאפט א נייער באגער צו שרייבען, נאָר ער האָט זיך באַלד ארומגעזעהען, אז דאָס וועט זיין ארויסגעוואָרפענע ארבייט, און ער איז ווידער צוגעגאנגען צום פענסטער, גראדע ווען א צוג איז ארויס פון דעם טונעל. זיינע געדאנקען האָבען זיך מיט א מאָל איבערגעטראָגען צו זיינע עלטערן. ער האָט געזעהען זייער קליינע הייזעל אויף דיא בערג, וועלכע קוקען ארונטער אויף ראָזען. זיין פאָטער און מוטער האָבען געהאלטען א קליינע איינפאַהרהויז, וואו דיא איינוואָהנער פון דיא פאַרשטעטלעך פלעגען זאָנטאג פערפאָהרען צו צובייסען. זיי האָבען געוואָלט מאכען פון זייער זוהן א הערר און האָבען איהם געשיקט שטודירען. נאָך דעם וויא ער האָט געענדיגט דיא גימנאזיע, איז ער אריינגעטראָטען אין דיענסט, האָפענדיג צו ווערען אַ'ן אָפיציער, א פאָלקאָווניק און פיללייכט א געגעראל. נאָר דאָס איז איהם אין גיבען נמאס געוואָרען און ער האט אָנגעהויבען צו טרויסען פון זכען זיין גליק אין פאריז. ווען זיין דיענסט האט זיך געענדיגט, איז ער אראָבגעקומען אהער, און וואָס איז דערפון ארויסגעקומען, ווייסען מיר שוין.

ער האָט ערוואכט פון זיינע געדאנקען, פערמאכט דאָס פענסטער און גענומען זיך אויסטהאָן, מורמלענדיג:

— עה, מאָרגען וועט דיא ארבייט געהן בעסער.... מיין קאָפּ איז היינט ניט קלאָר; פיעלייכט האָב איך א ביסעל איבערגעכאפּט דיא מאָס ביים טרינקען, מען קען

ניט ארבייטען ביי אזעלכע אומשטענדען.

ער האט אויסגעלאָשען דאָס ליכט און האט זיך געלעגט שלאָפען.

אויפגעכאַפּט האט ער זיך זעהר פריה און האט באַלד געעפענט דאָס פענסטער אום צו כאַפּען אַ ביסעל פרישע לופט. מיט אַ פאַר מינוט שפעטער איז ער שוין געזעסעןביים טיש מיט דער פעדער אין דער האַנד און מיט דער צווייטער אונטערגעשפאַרט דעם קאָפּ און האָט גע־טראַכט. נאָר אומזיסט! דאָך האָט ער דעם מוטה ניט פערלאָרען.

— עה, איך בין ניט געוואוינט צו דעם דאָס איז אַ פּראָפעסיאָן וויא יעדע אנדערע מען דאַרף איהר לערנען. עמיצער וועט מיר דאַרפען צואווייזען דיא ערשטע צייט. ער וועט אָנפאַנגען מיין ארטיקעל פאר מיר אין אַ צעהן מינוט.

ארויסגעהענדיג אין גאַס, האָט ער זיך ארומגעזעהן, אַז עס איז צו פריה צו מאַכען אַ וויזיט צו זיין פריינד. ער האָט אַ לאַנגע צייט ארומגעשפּאַצירט אונטער די בוימער פון דיא בולוואַרען, און ווען ער איז ענדליך צוגעקומען צו זיין פריינד'ס טהיר, האָט ער איהם געטראָפען ביים ארויסגעהן.

— וואָס טהוסטו דאָ אזוי פריה? וואָס דאַרפסטו?

— איך.... איך.... קען ניט שריי־בען... דעם ארטיקעל, וואָס הערר וואָלטער האָט געבעטען, האָט זשאָרזש ארויסגע־שטאַמעלט פערלעגען. עס פעהלט מיר די פּראַקטישע ערפאהרענהייט. איך בין זיכער, אז איך וועל זיך באַלד צוגעוואוינען, נאָר דער אָנהויב איז מיר זעהר שווער. איך האָב אין קאָפּ אַ מאַסע אידעען, נאָר איך קען זיי ניט ארויסברענגען אויפ'ן פּאַפּיער.

— דאָס איז פאר מיר ניט קיין נייעס, האָט פאָרעסטיע געזאָגט מיט אַ בייזען שמייכעל, ווען דוראַי איז אנשווייגען גע־וואָרען.

— געוויס, אזוי געהט עס מסתמא מיט יעדען, האָט דוראַי געזאָגט אביסעל לעבע־דיגער. איך .... איך האָב דיך געוואָלט בעטען, אביסעל נאָר מיר ארויסהעלפען.... עס וועט ביי דיר נעדויערן אַ מינוט צעהן. דוא דאַרפסט מיר נאָר ווייזען, וויא מען פאַסט אויף אזא זאַך. אָהן דיר וועל איך זיך ניט אויסקירעווען.

— געה ארויף צו מיין פרוי, האָט פאָ־רעסטיע געענטפערט פרייליך, קלאַפּענדיג זיין פריינד איבער'ן אַקסעל. איך האָב איהר שוין אויסגעלערנט וויא צו טהאָן אזעלכע זאַכען. איך האָב היינט קיין צייט ניט, אַז ניט וואָלט איך דיר גערן געהאָלפען.

דוראַי האָט ווייטער ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן און איז אריין אין אַ פער־לעגענהייט.

— אזוי פריה אָבער קען איך דאָך איהר ניט שטערן, האָט ער געזאָגט.

— נישקשה, זיא איז אויף. זיא איז איצט אין מיין קאַבינעט.

— ניין, ניין, דאָס איז נישט שעהן, האָט דוראַי געזאָגט, ניט קענענדיג זיך ענט־שליסען ארויפצוגעהן.

פאָרעסטיע האָט איהם אָנגענומען פאר'ן אקסעל און ארויפגעשטופּט אויף דיא טרעפּ.

— ווען איך זאָג דיר, אז דוא קענסט געה, קענסטו עס טהאָן, האט פּאַרעסטיע געזאָגט. דו ווילסט דאך מיך ניט צווינגען, איך זאל ארויפגעהן דיא דריי עטאזשען און זאָגען איהר, וואס דוא אליין קענסט זאָגען.

דוראַי האט זיך ענדליך ענטשלאָסען.

— גוט, האט ער געזאָגט, איך וועל געהן, אָבער איך וועל איהר זאגען, אז דו האָסט מיר געשיקט.

— האב קיין מורא ניט, זיא וועט דיך ניט אויפעסען. פערגעס ניט, אז דו דארפסט קומען דריי אויגער.

פּאַרעסטיע איז אוועקגעגאנגען, און דוראַי איז לאנגזאם ארויף אויף די טרעפּ, ניט וויסענדיג וואס צו זאגען און מורא האָבענדיג פאַק א שלעכטע אויפנאַהמע.

— דער הערר איז ניטאָ אין דער היים, האָט איהם געזאָגט דער דיענער, וואָס האָט געעפענט דיא טהיר אויף זיין קלונג. דער דיענער האט איצט געטראָגען א בלויען פאַרטוך און געהאלטען א בעזים אין האַנד.

— מעלדעט מיך ביי פרוי פּאַרעסטיע און זאָגט איהר, אז הערר פארעסטיע האָט מיך געשיקט צו איהר.

דער דיענער איז באלד צוריקגעקומען און האט איהם אריינגעפיהרט צו פרוי פּאַרעסטיע.

זיא איז געזעסען אין קאבינעט פאר א שרייב־טיש. דיא ווענד זיינען געווען אין גאַנצען ארומגעשטעלט מיט שאפעס ביכער. דיא איינציגע קאָלירען וואָס האבען פריי זיך געמאכט דאָס צימער זיינען געווען דיא רוקענס פון דיא ביכער; זיי זיינען געווען געל, גרין, בלוי, רויט.

— אזוי פריה? האט זיא געזאָגט, אויסשטרעקענדיג איהם איהר האנד מיט א שמייכעל.

איהר האנד איז געווען אין גאנצען ענטבלייזט פון דעם ברייטען ארבעל פון איהר ווייסען מאָרגען־קלייד, וואָס איז געווען בעזעצט מיט שפּיצען.

— נאָר איהר דארפט עס ניט אָנגעהמען פאר פאַרווירפע, האט זיא ווייטער געזאָגט.

— גלויבט מיר, גנעדיגע פרוי, אז איך האב כמעט ניט געוואָלט אריינקומען, האט ער געזאָגט, נאָר אייער מאַן האָט מיך כמעט געצוואונגען דערצו. איך בין אזוי פערווירט, אז איך האָב פערגעסען נאָך וואָס איך בין געקומען.

— זעצט זיך, האָט זיא געזאָגט, ווייזענדיג איהם אויף א שטוהל, און דרייענדיג מיט דער גענזענער פעדער, וואָס זיא האט געהאלטען.

זיא האָט געשיינט צו זיין גאנץ היימיש ביי דעם שרייב־טיש, אזוי היימיש וויא ביי זיך אין סאלאָן. דער גרויסער בויגען פאַפּיער, וואָס איז געלעגען נעבען איהר, איז געווען מעהר וויא א העלפט פערשריבען, און זיא האָט וואהרשיינליך איבערגעריסען דיא ארבייט ביי זיין אריינקומען.

איהר ווייסע קלייד האָט פון זיך ארויסגעלאָזט א פרישען גערוך, וויא פון א קלייד וואָס מען האָט נאך ניט געטראָגען, און דוראַי האָט זיך געפרובט פאָרשטעלען אין געדאנקען די ליניען פון איהר יונגען, פרישען, פולען און ווארעמען קערפּער אונטער

דיא פאלדען פון דער ווייבער מאטעריע.

זעהענדיג, אז ער שווייגט, האט זיא אנגעהויבען פון דאס ניי.

— אלזא, וואס האט אייך געבראכט אהער? האט זיא געזאגט.

—ווירקליך, איך וואג ניט...... האט ער אויסגעשטאמעלט. איך האב געבטען געארבייט ביז שפעט אין דער נאכט.... און היינט באנינען האב איך ווידער אנגעהויבען דיא ארטיקלען איבער אלזשיר, וואס הער וואלטער האט געבעטען. אבער איך האב קיין רעכטע זאך ניט אנגעשריבען און האב אלץ צוריסען.... איך בין נאך ניט געוואוינט צו אזא ארבייט.... און איך האב געוואלט בעטען הערן פארעסטיע, ער זאל מיר דא אויסהעלפען.... נאר דאס מאל....

— און ער האט אייך ארויפגעשיקט צו מיר? האט זיא איהם פריינדליך איבערגעשלאגען, פיהלענדיג זיך גליקליך און געשמייכעלט. דאס איז געווען זעהר שעהן פון זיין זייט!....

— עס וועט זיין א פערגניגען צו ארבייטען צוזאמען, האט געזאגט פרוי פארעסטיע, אייער אידעע געפעהלט מיר זעהר. זעצט זיך אויף מיין שטוהל און שרייבט. מיין האנדשריפט קענען זיי אין דער רעדאקציאן.... מיר וועלען מאכען א גוטען ארטיקעל.

זיא האט גענומען א פאפיראס און האט איהם פעררויכערט.

— איך קען ניט ארבייטען, ניט רויכערענדיג. וויא ווילט איהר אנהויבען?

— איך ווייס ניט, האט ער געענטפערט פערזאמדערט. איך בין דאס אהער געקומען אויסגעפינען.

— איך וועל שוין צוגרייטען א פיינעם מאלצייט, נאר איך דארף דערצו האבען דעם מאטעריאל.

זיא האט איהם אויסגעפרעגט אלע איינצעלהייטען וועגען אלזשיר און האט דאן געזאגט:

— פריהער פון אלץ נאמיר זיך פארשטעלען, אז איהר שרייבט עס צו א פריינד, דאס וועט אונז ערלויבען צו מאכען אלערליי בעמערקונגען. הויבט אן אזוי: מיין טייערער הענרי, דו פרעגסט מיך וועגען אלזשעריא איך וועל דאס דיר בעשרייבען אין קורצען.

דא האט זיך אנגעהויבען א בעשרייבונג פון אלזשעריא און פון דעם האפען פון אלזשיר, דאן האט געפאלגט א קליינע בעשרייבונג פון דער פראווינץ פון אראן, א בעשרייבונג פון א ווידיט אין סאאידא און א ליעבעס־אינטריגע מיט א שעהנער שפאנישער פאבריק־מיידעל.

ווען דער ארטיקעל איז געווען געענדיגט, האט ער ניט געקענט געפינען קיין ווערטער איהר אבצודאנקען; ער איז געווען אזוי גליקליך צו געפינען זיך נעבען איהר, אזוי דאנקבאר פאר זייער וואקסענדער פריינדשאפט, עס האט איהם געשיינט אז יעדע זאך ארום איהם איז געווען א טהייל פון איהר, אפילו דיא ביכער און דיא שראנקען דיא פאטעלען, דאס מעבעל, די לופט ארום איהם איז געווען אנגעפילט מיט א ליעבען דופט, וואס האט געוויעט פון א הר. פלרצים האט זיא געפרעגט קורץ:

— וואס דענקט איהר פון מיין פריינדין דע מארעל?

— איך דענק אז זיא איז זעהר רייצענד האט ער געענטפערט וועלענדיג צונעבען: אבער ניט אזוי וויא איהר, נאר אויף דעם האט ער קיין מוטה ניט געהאט.

— ווען איהר זאלט נאר וויסען וויא קלוג, קאמיש און ארגינעל זיא איז! זיא איז א ריכטיגע ציגיינערין, און דערפאר האט איהר דער מאן מעהר ניט ליעב. ער זעהט נאר אין איהר דיא חסרונות און ניט איהרע גוטע מעלות.

דוראי איז געווען שטארק פערוואונדערט צו הערען, אז פרוי דע מארעל האט א מאן, ער האט אליין ניט געוואוסט פאר וואס.

— וואס? זיא האט א מאן? וואס טהוט ער?

— ער איז אינספעקטאר ביי דער נארד-באהן, האט פרוי פארעסטיע געענטפערט, ציהענדיג מיט דיא אקסלען. אכט טאג אין מאנאט איז ער צו-הויז, און זיא רופט דיא אכט טעג „פאנפטשיזנע" און א מאל דיא „היילינגע וואך". ביי א נעהענטערע בעקאנטשאפט וועט איהר זיך איבערציינגען, וויא רייצענד און ליעב זיא איז. איהר מוזט איהר אין גיכען מאכען א בעזוך.

דוראי האט איבערהויפט איצט ניט געטראכט פון אוועקגעהן. ער האט זיך דא געפיהלט אזוי ליעב, אזוי היימיש אזוי וויא ער וואלט געווען ביי זיך אין דער היים. פלוצים האט זיך דיא טהיר שטיל געעפענט און אין צימער איז אונגעמעלדעט אריינגעקומען א הויכער מאן. דערזעהענדיג זשארזשען איז ער געבליבען שטעהען. פרוי פארעסטיע איז אריין אין א פערלעגענהייט און א לייכטע רויטקייט איז איהר אריין פון דיא אקסלען אין געזיכט. נאר זיא האט זיך באלד געפאסט און געזאגט רוהיג:

— קומט צו נעהנטער, איך וויל אייך בעקאנט מאכען מיט הער זשארזש דוראי, ער איז א גוטער פריינד פון מיין מאן און וויל אויך ווערן א זשורנאליסט. דאן האט זיא צוגעגעבען מיט א געענדערטען טאן: גראף דע וואדרע, אונזער עלטסטער און בעסטער פריינד.

ביידע מענער האבען זיך פערניינט און זייערע אויגען האבען דורכגעשטאכען איינער דעם צווייטען. דוראי האט זיך באלד פעראבשיידעט, און מען האט איהם נישט פערהאלטען. ער האט ארויסגעשטאמעלט עטליכע דאנק ווערטער, האט איהר א דריק טהאן דיא האנד, פערנייגט זיך פאר'ן גראף, וועמעס געזיכט איז געבליבען ערנסט און אונבעוועגט, און איז-ארויס שטארק צומישט, וויא ער וואלט אבגעטהאן עפעס א גרויסע נארעשקייט.

אויף דיא גאס האט ער זיך געפיהלט אין זעהר א שלעכטען מוטה. עפעס א טרויריג געפיהל האט איהם נישט אבגעלאזט און ער האט נישט געקענט פערשטעהען פון וואנען איז צו איהם געקומען דאס מעלאנכאלישע געפיהל. דעם גראפ'ס שטרענגע געזיכט איז איהם געשטאנען פאר דיא אויגען, דאס געזיכט איז שוין נישט געווען יונג, זיינע האר זיינען געווען גרוי, און זיין אויסזעהען איז געווען פון א

רייבע מאן, וואס ווייס זיין איינענע ווערדע. איהם איז געווען קלאר, אז דאס אנקומען פון דעם פרעמדען האט נישט נאר געשטערט זייער פריינדליכע האלטונג, זאנדערן ער האט נאך עפעס געהאט געגען דעם, וואס ער האט דארטען איהם געטראפען, און זשארזש האט ניט געקענט פערשטעהן פאר וואס.

ער איז געווען פריי ביז דריי א זייגער און איצט איז נאר געווען צוועלף. ער האט נאך געהאט זעקס פראנק מיט פופציג סאנטים אין קעשענע און איז אריין אין א רעסטאראן און האט געגעסען פריהשטיק. דאן האט ער זיך ארומגעדרייט איבער דיא בולווארען, ביז עס האט געשלאגען דריי. דאן איז ער אוועק אין דער רעדאקציאן. אין פארצימער זיינען געזעסען די בעדינטע מיט פערלעגטע הענד, און א בעאמטער איז געזעסען און האט סארטירט די אנקומענדע פאסט. יעדע זאך איז דא געווען אזוי איינגעארדענט, אז עס זאל אימפאנירען דעם בעזוכער, אזוי וויא עס פאסט פאר א פארצימער פון א גרויסע צייטונג.

— קען איך זעהען הערר וואלטער? האט געפרעגט דוראי.

— דער הערר דירעקטאר האט א וויכטיגע קאנפערענץ, איהר וועט מוזען אביסעל אבווארטען, האט איהם געזאגט דער דיענער, אריינבעטענדיג איהם אין ווארטצימער, וואס איז שוין געווען פול מיט בעזוכער. דא זיינען געווען ווירדיגע הערען מיט ערנסטע געזיכטער און ארדענס אויף דער ברוסט, דא זיינען אויך געווען אבגעלאזענע מענשען מיט שמוציגע העמדער.

צווישע דיעזער געזעלשאפט האבען זיך אויך געפונען דריי פרויען. איינע פון זיי איז געווען זעהר א שעהנע, עלעגאנט געקליידעט און האט צו אלעמען פריינדליך געשמייכעלט, דאס האט געשיינט צו זיין א קאקעטקע; איהר שכנה איז געווען אן אלטע פרוי מיט א טראגישע געזיכט, פול מיט קנייטשען און, האט שטרענג געקוקט ארום זיך. זיא איז עווען צוקנייטשט און האט אויסגעזעהען עפעס געקינסטעלט, וויא מען זעהט אפט צווישען אלטע אקטריסעס, א מין פאלשע איבערגעשטאנענע יוגענד, וועלכע שמעקט מיט פערפוילטע ליעבע. דיא דריטע דאמע האט געטראגען טרויער און האט זיך פערשטופט אין א ווינקעל, זיא האט געמאכט דעם איינדרוק פון א אלמנה, וואס קען זיך ניט טרעסטען און דוראי איז געווען איבערציינט אז זיא איז געקומען אהער שנארען.

צוואנציג מינוט זיינען פערגאנגען און מען האט נאך אלץ קיינעם ניט צוגעלאזט צו הערר וואלטער. פלוצים איז דוראי אריין א גוטער געדאנק אין קאפ. ער איז ארויס צום דינער און האט איהם געזאגט:

— הערר וואלטער האט מיר געהייסען קומען דריי א זייגער, זייט אזוי גוט און גיט א קוק, צו מיין פריינד פארעסטיע איז דא ניטא.

מען האט איהם באלד אריינגעפיהרט אין א גרויסען זאל, וואו פיער הערען זיינען געזעסען ביי א גרויסען טיש, בעצויגען מיט גרינעם געוואנד און האבען געשריבען.

פארעסטיע איז געשטאנען נעבען קא־

מין און האט גערויכערט א פאפיראס. דוראַי האט איהם דערצעהלט, אז ער קען זיך ניט צושלאָגען צום דירעקטאָר, און יענער האט א שמייכעל געטהאָן.

— קום מיט מיר, איך וועל דיך אריינ־פיהרען צו הערר וואלטער, אז ניט וועסטו קענען ווארטען ביז זיבען א זייגער.

ביים דירעקטאָר אין צימער האָבען זיי געטראָפען נארבע דע ווארען, וועלכער האט געשריבען אן ארטיקעל, זיטצענדיג אין א פאָטעל, און זשאק ריוואל איז געלעגען אויף א סאָפע און האט גערויכערט א סיגאר. די וויכטיגע קאָנפערענץ איז בעשטאנען אין דעם, וואס הערר וואלטער איז געזעסען מיט נאך א פאר הערען און האָבען געשפיעלט אין קאָרטען. דאָס צימער איז געוועזען אָנ־געפילט מיט'ן גערוך פון אלטען לעדער, אלטען טאבאק און דרוק־פארב, יענער ספעציפישער גערוך וואס מען פיהלט אין יעדען רעדאקציאָנס־צימער און מיט וועל־כען יעדער זשורנאליסט איז בעקאנט. אויף א שווארצען טיש איז געלעגען א פאק פא־פירען אין א ווילדער אונאָרדנונג, בריעף, קאַרטען, צייטונגען, העפטען, רעכענונגען, דרוק־זאכען פון אלערליי מינים. פאָרעסטיע האט יעדען געדריקט די האנד און איז געבליבען שטעהן, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט און האט זיך צוגעקוקט צום שפיע־לען. ער האט אָבגעווארט ביז וואלטער האט געוואונען, דאן האט ער זיך געווענדט צו איהם און געזאגט:

— איך האב אייך געבראכט מיין פריינד דוראַי.

— האט איהר פארטיג געמאכט דעם ארטיקעל? האט זיך וואלטער געווענדט צו דוראַי, קוקענדיג איבער די ברילען. ער וואָלט מיר היינט גראדע צוניץ גע־קומען.

— אָט איז ער. האט דוראַי געענט־פערט, ארויסנעהמענדיג די צוזאמענגע־לעגטע בלעטלאך פון דער קעשענע.

— פארטרעפליך! פארטרעפליך! האט דער דירעקטאָר געענטפערט, שמייכלענדיג צופריעדען. איהר זייט א ווארטס־מאן. דארף איך עס דורכקוקען, פאָרעסטיע?

— דאָס איז ניט נויטיג, הערר וואל־טער. האט יענער געענטפערט. איך האב איהם א ביסעל אונטערגעהאָלפען ביי דער ארבייט, אום צוגעוואוינען איהם צו זיין נייער פראָפעסיאָן.

— גוט, גוט, האט געענטפערט דער דירעקטאָר, נעהמענדיג די קאָרטען, וואס א מאגערער אבגעאָרדנעטער, וועלכער איז געזעסען לינקס צו איהם, האט אויס־געטהיילט.

— איהר האט געוואָלט אָנבאטען דוראַי'ן מאראַבאָ'ס שטעלע. זאל איך איהר אנגאזשירען אויף די זעלבע בע־דינגונגען?

— געוויס, געוויס.

דער זשורנאליסט האט אנגענומען זיין פריינד אונטער ארעם און האט איהם ארויס־געפיהרט פון צימער, וועהרענד הערר וואל־טער האט זיך ווידער פערטיעפט אין די קאָרטען. נארבע דע ווארען האט אפילו דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבען פון זיין ארטי־קעל, ער האט געשיינט ניט צו דערקענען דוראַי'ן. דערפאר האט איהם זשאק ריוואל

געדריקט דיא האנד מיט אן אויסדרוק וואס האט געהאט צו בעדייטען, אז אויב ער וועט ווען האבען א דועל, שטעהט ער איהם גרויט צו דיענסט.

ווען זיי זיינען דורכגעגאנגען דורך דעם ווארט צימער, האט זיך פארעסטיע געווענדט צו דער שעהנער און יונגער דאמע, וועלכע ער האט געשיינט גוט צו קענען, און געזאגט אין דער הויף אזוי, אז אלע אנדערע זאלען אויך הערען:

— הערר וואלטער וועט אייך גלייך עמפפאנגען, ער האט איצט גראדע א וויכטיגע קאנפערענץ מיט צוויי מיטגליעדער פון דער ביודזשעט קאמיסיאן.

ווען זיי זיינען ווידער אריינגעקומען אין רעדאקציאנס-זאל, האט זיך פארעסטיע געווענדט צו דוראי:

— דו וועסט אבער אהער קומען יעדען טאג דריי א זייגער, און איך וועל דיר דא זאגען, וואוהין דו דארפסט מארגען אין דער פריה, פאר מיטאג אדער פארנאכט געהען. דאס איז דאס ערשטע. ווייטער וועל איך דיר געבען א רעקאמענדאציע צום שעף פון דער פאליציי, דאס וועט דיך בעקאנט מאכען מיט אלע זיינע בעאמטע, און דוא וגעסט דערביי קענען אויסגעפינען אלע וויכטיגע נייעס. איבריגענס, דאס אלץ וועסטו אויסגעפינען פון סענט-פארטען, ער וויים אלץ, וואס מען דארף אין אזעלכע זאכען.... דוא וועסט זיך איצט אדער מארגען מיט איהם בעקאנען. פריהער פון אלץ מוזטו זיך אויסלערנען ארויסצוציהען אלץ וואס מען דארף פון דיא מענשען, וואס דוא בעזוכסט.... דוא דארפסט זעהען, אז פערשלאסענע טהירען זאל דיך נים צוריקהאלטען...... דערפאר וועסטו קריגען 200 פראנר א מאנאט און 2 סו פון יעדע שורה, וואס דוא וועסט ליפערען, סיי פון נאטיצען סיי פון פערמישטע נאכריכטען.

דיא איבריגע זשורנאליסטען, וואס האבען זיך געפונען אין זאל, זיינען אויך צו זיי צוגעגאנגען, ענדיגענדיג זייער ארבייט. איינער פון זיי האט געשיקט נאך ביער, און דוראי האט געטרונקען א גלאז מיט זיינע נייע קאמעראדען.

— וואס זאל איך היינט טהאן? האט ענדליך דוראי געפרעגט ביי פארעסטיע.

— היינט האב איך פאר דיר קיין ארבייט נישט, דו קענסט געהען, אויב דו ווילסט.

— און אונזער....אונזער ארטיקעל?

— אה, זארג נישט וועגען דעם, איך וועל שוין איבערקוקען דיא קארעקטור. גרייט צו דאס איבעריגע אויף מארגען און קום אין דער זעלבער צייט.

דוראי איז ארונטערגעגאנגען דיא טרעפ מיט א לייכטען הארצען.

IV.

זשארזש דוראי איז זעהר שלעכט געשלאפען דיא נאכט, אזוי שטארק האט ער געוואלט זעהען זיין געדרוקטען ארטיקעל. ער איז אויפגעשטאנען א שפראנץ אויף טאג און איז געווען אין גאס, נאך איידער דיא צייטונגס-פערקויפער האבען זיך געוויזען. ווען ער האט ענדליך געקריגען א צייטונג און דערזעהען זיין נאמען מיט גרעסערע בוכשטאבען אונטער א שפאלט אין א

צייטונג, איז ער געוואָרען אזוי ערגעגט, אַז ער האָט זיך קוים געקענט איינהאַלטען ניט אויסצושרייען צו די פערבייגעהער: „קויפט די צייטונג, דאָ איז פאַראַן מיינער אַן אַרטיקעל!”.

ער איז אַריין אין אַ קאַפע און האָט זיך אַנידערגעזעצט לייענען זיין אַרטיקעל. ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער בעשלאָסען צו געהן אין דעם קאַנטאָר פון דער אייזענבאַהן, וואו ער האָט געאַרבייט, אָבנעהמען זיין געהאַלט און אָבזאָגען זיך פון זיין שטעלע.

מיט גרויסען שטאָלץ האָט ער ערקלערט זיין פאָרגעזעצטען, אַז ער איז אָנגעשטעלט געוואָרען אויפ׳ן סטאַף פון „לאַ וויע פראַנסעי”, און האָט זיך דערמיט אָבגערעכענט מיט׳ן בעאַמטען פאַר אַלע קליינע בעליידיגונגען וואָס ער איז פון איהם אויסגעשטאַנען. באַלד נאָכדעם איז ער אַוועק און האָט בעשטעלט וויזיטקאַרטען, אָנדייטענדיג אונטערן נאָמען זיין נייע פּראָפעסיאָן. ער האָט איינגעקויפט אַ פּאָר זאַכען און איז אַוועק אין דער רעדאַקציאָן. פאָרעסטיע האָט איהם איצט בעגעגענט שטאָלץ ווי אַן אונטערגעאָרדענטען.

— האַ, דאָס ביזטו? זעהר גוט! — האָט ער געזאָגט — איך האָב פאַר דיר אַ פּאָר זאַכען; וואַרט נאָר ביז איך וועל פאַרטיג ווערען מיט מיין אַרבייט. — און ער האָט זיך פון דאָס ניי געזעצט צום בריעף, וואָס ער האָט געשריעבען.

פון דעם צווייטען זייט טיש איז געזעסען אַ דיקער און נידעריגער מאַן מיט אַ בלאַסע געזיכט. זיין קאָפּ האָט כמעט געבלישטשעט, אַזאַ גרויסען פּליך האָט ער געהאַט. ביים שרייבען האָט ער כמעט צו־

געדריקט די נאָז צום פּאַפּיער, אזוי קורצזיכטיג איז ער געוועזן.

— זאָג נאָר, סענט פּאָטען, ווען דענקסטו צו האָבען אַן אונטעררעדונג מיט אונזערע לייט? — האָט איהם געפרעגט פאָרעסטיע.

— אַ זייגער פיער.

— אויב אַזוי, נעהם מיט דוראָ׳ן און מאַך איהם בעקאַנט מיט די געהיימניסע פון אונזער פּראָפעסיאָן. האָסטו מיטגעבראַכט דעם צווייטען אַרטיקעל איבער אַלזשיר? — האָט ער זיך געווענדעט צו דוראָי — דער אָנהויב איז זעהר געפעלען.

— ניין, איך האָב געדיינקט, אַז נאָכמיטאָג וועל איך דאָס מאַכען, — האָט דוראָי אויסגעשטאַמעלט — איך האָב געהאַט צו בעזאָרגען אַזוי פיעל קלייניגקייטען אַז מיר איז קיין צייט ניט אויסגעקומען.

— ווען דו וועסט ניט זיין פלייסיגער, וועסטו ווייט ניט אַוועק — האָט פאָרעסטיע געזאָגט בייז, ציהענדיג מיט די אַקסלען — דער אַלטער האָט זיך גערעכט אויף דעם אַרטיקעל. איך וועל איהם זאָגען, אַז דו וועסט איהם ברייגנען מאָרגען; זיי ניט גענאַרט אין חשבון און מיין ניט, אַז מען צאָהלט דאָ אומזיסט.

נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער ווידער געזאָגט:

— צום שוואַרץ יאָהר, קענסטו דען ניט פערשטעהן, אַז אייזען דאַרף מען שמיעדען כל־זמן עס איז היים?

— איך בין פארטיג, האָט געזאָגט סענט פּאָטען, אויפשטעהענדיג.

פּאָרעסטיע האָט זיך צוריקגעלעהנט אין זיין פאָטעל און האָט אָנגענומען זעהר א וויכטיגע מינע, וועהרענד ער האט געגעבען זיינע אינסטרוקציאָנען צו דוראָי און פּאָטין.

— אַלזאָ מיר האָבען איצט אין פּאריז ציים צוויי טעג דעם כינעזישען גענעראַל לי־טשאנג־פּאָא, ער שטעהט איין אין דעם האָטעל „קאָנטינענטאַל". אויסער דעם האבען מיר איצט דאָ דעם ראיאה מאפּאָ־סאהיב ראַמאדראהאָ פּאלי, ער שטעהט איין אין דעם האָטעל „בריסטאָל". איהר זאָלט זיי ביידען בעטען וועגען אַן אונטער־רעדונג, דאן האָט ער זיך געווענדעט צו סענט־פּאָטען: פערגעסט ניט דעם הויפּט־פּונקט, אויף וועלכען איך האָב דיר אויפ־מערקזאם געמאכט: דוא מוזט אויסגעפינען זייער מיינונג וועגען ענגלאַנד'ס טאַקטיק אין אינדיען. אויסער דעם זאָלסטו אונבע־דינגט אויסגעפינען זייערע אַנזיכטען וועגען ענגלאנדס קאָלאָניאל און רעגיערונגס סיס־טעם און ספּעציעל זייערע האָפנונגען אויף אַן ענדליכע אריינטישונג פון אייראָפּא און הויפּטזעכליך פון פראנקרייך.

פּאָרעסטיע איז אנטשווינען געוואָרען דאן האט ער אויף דאָס ניי אָנגעהויבען:

— פאר אונזערע לעזער וועט נאטיר־ליך זיי, זעהר אינטערעסאנט אויסצוגעפי־נען וואָס מען דענקט אין כינא און אינדיען וועגען דיא פראָגען, וואָס בעשעפטיגען איצט פראנקרייך. און דוא, דוראָי, האט ער זיך ווידער א מאָל געווענדעט צו זיין פריינד, קוק זיך גוט צו, וואָס סענט פּאָ־טען טהוט. ער איז אַן אויסגעצייכענטער רעפּאָרטער און פון איהם קענסטו אויסגע־פינען, וויא מען קען א מענשען אין פינף מינוט אין גאנצען אויספּאָמפּען.

דאן האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיין שרייבען, אום קלאָר צו מאכען דעם אונטערשיעד צווישען זיך און דעם אַלטען פריינד, וועלכער איז געוואָרען זיי נייער קאלעגע.

אזוי ניך וויא זיי זיינען אריבער דעם שוועל, האָט זיך סענט פּאָטען געווענדט מיט א געלעכטער צו דוראָי'ן:

— אַך, איז דאָס א מאכער! אפּיל־אונז וויל ער שיטען זאמד אין דיא אויגע גראדע וויא מיר וואָלטען געווען זיינע לע־זער. וועלען מיר עפּעס טרינקען? האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט דוראָי'ן, ארי־בערגעהענדיג דעם בולוואר.

— נאטירליך, עס איז הייס גענוג.

זיי זיינען אריין אין א קאפע און האָ־בען זיך געהייסען געבען עפּעס צו טרינקען. סענט פּאָטין האָט זיך באלד צורעדט וועגען זייער ציימונג און וועגען יעדען אָנ־געשטעלטען אין דער רעדאקציאָן.

— דער רעדאקטאר? אַן אמת'ער איד. וויא איהר וויסט, ענדערן זיך דיא אידען קיין מאָל ניט. וואָס פאר א פּאָרק דאָס איז! און ער האָט אָנגעהויבען איבערצוגעבען איינינע איינצעלהייטען פון דעם דירעקטאָר'ס נייצינקייט און קליינליכקייט אין געלד־זאכען. און דאָך איז ער א דורכגעטריבענער יונג, ער גלויבט אין קיין זאך נים און לאכט פון אלעמען. זיין ציימונג איז א מאָל קלארי־

קיין, אַ מאָל ליבעראַל, אַ מאָל רעפּובּליקאַניש אָדער אָרלעאַניסטיש, ווי עס בּעצאָהלט זיך איהם. ער האַלט די צייטונג, אום זיא זאָל איהם אונטערשטיצען אויף דער בּירזע און אין זיינע אַנדערע געשעפטען. און דאַריבּער איז ער אַ מאַכט. ער געווינט מיליאָנען מיט דער הילף פון געזעלשאַפטען, וואָס פערמאָגט ניט קיין פיער סו קאַפּיטאַל.

און אַזוי האָט דער רעפּאָרטער גערעדט ווייטער און ווייטער, אָנרופענדיג דו ראי זיין ליעבּער פריינד.

— און דאַבּיי האָט ער אַיינפעלע! האָט ער געזאָגט. בּאַלזאַק איז אַ גאָר נישט געגען איהם. הערט נאָר אוים. ניט לאַנג בּין איך געוועזן מיטען אַלטען נאָר דע נאָרבּע און מיט'ן דאָן קיכאָט רייוואַל בּיי איהם אין קאַבּינעט, ווען אונזער אַדמיניסטאַטאָר מאָנטעלען איז אַריינגעקומען מיט זיין גרויסער רויטער לעדערמאַפּע וואס איז בּעקאַנט אין גאַנץ פּאריז.

— האָט איהר עפּעס נייעס? האט איהם וואַלטער געפרעגט, פּעררייסענדיג דיא נאָז.

— איך האב ערשט בּעצאָהלט די 16 טויזענד פראַנק, וואס מיר זיינען געבּליבּען שולדיג דעם פּאפּיער פּאבּריקאַנט, האט מאנטעלען געענטפערט גאנץ נאַאיוו.

— וואס רעדט איהר! האט דער דירעקטאָר אויסגעשריען, אויפשפּרינגענדיג פון כּעס אין דער הויך.

— פאַר וואָס האָב איך איהם ניט געדאַרפט צאָהלען?

— פאַר וואָס? פאַר וואָס? מיר האָבּען געקענט אָבּדינגען פון דעם פּרייז פיער־פינף טויזענד פראַנק. געדענקט, אַז חובות דארף מען שטענדיג לאזען וואקסען און דערנאָך קען מען אָבּדינגען.

— און וואס דענקט איהר, איז דער איינפאל ניט געוועזן ווערט אַ בּאלזאק'ן? האט סענט פּאטין געזאגט מיט אַ געלעכטער.

דוראָי, וועלכער האט אין זיין לעבּען בּאַלזאַק'ן ניט געלייענט, האט איהם געהאָלפען לאַכען און צוגעגעבּען, אַז ער איז גערעכט.

דאַן האָט דער רעפּארטער גערעדט פון פרוי וואַלטער, וועלבע ער האָט גערופען „גרויסע גאַנז", פון דעם אָבּגעלאזטען נאָרבּע דע ווארען, און ענדליך איז ארויף אויף פּאָרעסטיע.

— ער האָט דאָס גליק, האָט דער רעפּארטער געזאגט, צו זיין דער מאַן פון זיין פרוי, ווייטער גאָר ניט.

— וואס איז זיא פאַר אַ פרוי? האָט געפרעגט דוראָי.

— אָ, זיא איז אַ טהייערע סחורה, אַ צאַצקע! זיא איז דיא געליעבּטע פון אַן אַלטען אַריסטאָקראַט, גראַף דע וואָרדע, וועלכער האט איהר געגעבּען נדן און האט איהר חתונה געמאַכט.

דוראָי האַט פּלוצים דערפיהלט, ווי אַ קעלט איז איהם איבּערגעגאנגען, זיינע נערווען האבּען זיך אָנגעצויגיין, און איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער דאַרף אָנפאַלען אויף דעם שוואַצער און אויספּאַטשען איהם. נאָר ער האט זיך איינגעהאַלטען און האָט איהם גע־

פרעגט רוהיג:

— איז סענט־פּאַטען אייער ווירקלי־
כער נאָמען?

— ניין, האָט דער רעפּאָרטער געענט־
פערט. מיין נאָמען איז טהאָמאַס נאָר אין
דער רעדאַקציאָן האָט מען מיר געגעבען
דעם צונעמענים סענט־פּאַטען.

—מיר שיינט, אַז עס ווערט שוין
שפּעט, האָט דוראַי געזאָגט, בעצאהלענ־
דיג פאַר זייער געטראַנק, און מיר דאַר־
פען נאָך מאַכען אַ וויזיט צו דיא צוויי
פאַרנעהמע העררען.

— אוי וויא נאַאיוו איהר זייט נאָך!
האָט זיך סענט פּאַטען צולאַכט אין דער
הויך. גלויבט איהר, אַז איך וועל פרעגען
ביי דעם אינדיער און כינעזער, וואס זיי
דענקען וועגען ענגלאַנד? וואס איז, איך
ווייס דען נישט בעסער פון זיי, וואס די
לעזער פון אונזער צייטונג ווילען, אַז זיי
זאָלען דענקען? איך האָב שוין מיט פינף
הונדערט פון דיזע כינעזער, פּערסיער, יאַ־
פּאַנעזער און וויא הייסען זיי דארטען נאָך
דיא ווילדע פעלקער, געהאַט אונטעררע־
דונגען, און זיי אַללע ענטפערן גראַדע
וואס איך וויל. אַלץ וואס איך דאַרף
טאָהן איז ארויסנעהמען מיין פריהער־
דיגען אַרטיקעל אין איבערשרייבען וואָרט
פאַר וואָרט. דיא איינציגע זאַך, וואָס איך
דאַרף דאָרטען ענדערן איז דאס אויסזעהען,
דיא נעמען, דיא יאהרען, דעם טיטעל און
זייער סוויטע. נאָר דאָ דאַרף מען זיין
זעהר פּאָרזיכטיג, ווייל דאָ קען אונז דיא
„פיגאַראָ" אָדער דיא גאַלוא לייכט כאַ־
פען ביי אַ פאַלשקייט. אָבער דאָס קען
מען לייכט אויסגעפינען אין אַ וועלכע
פינף מינוט פון דיא טהיר־שליסעל אין
האָטעל „בריסטאָל" און אין האָטעל
„קאָנטינענטאַל", וואו דיא העררען שטעהן
איין. מיר געהען אַהין צו־פוס און וועו־
לען רויכענען גאַנץ רוהיג אונזערע סיגאַ־
רען. אין דערפאַר פאַררעכנען מיר דער
צייטונג פינף פראַנק דראָשקע־געלד.

— אויב אזוי דארף דאָך אַ רעפּאָר־
טער פערדיענען פיעל געלד?

— געוויס, האָט דער זשורנאַליסט גע־
ענטפערט, אָבער אַם מייסטען ברענגען
אונז איין די לאָקאַלע נאַכריכטען, אונטער
וועלכע זיינען בעהאַלטען אַדווערטייזמענטס.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער
מאַדעלען קירכע, האָט זיך סענט־פּאַטען
געווענדעט צו דוראַי:

— אויב איהר זייט פערנומען מיט
עפּעס קענט איהר געהן, איך דאַרף אייך
מעהר ניט האבען.

דוראַי האָט איהם אַ דריק געטהאַן די
האַנד און איז אַוועק. איהם האָט שטאַרק
בעאונרוהיגט דער געדאַנק, וואס ער דאַרף
נאָך היינט שרייבען דעם אַרטיקעל. ער
האט זיך געלאזט געהן אַהיים, זאַמלענדיג
אין דיא געדאַנקען אַנעקדאָטען, איינפעלע,
אידעען, וואס ער וועט קענען ברויכען אין
דעם אַרטיקעל, נאָר ווען ער איז געקומען
אַ היים און האט זיך געזעצט צום טיש, איז
דער גאַנצער מאַטעריאַל פערשוואונדען גע־
וואָרען פון קאָפּ, אַזוי וויא ער וואָלט
אויסגעוועבט געוואָרען.

ער איז אָבגעזעסען אַ שעה צייט איבערן
פּאַפּיר און האָט פערשריעבען פינף בויגע־

לעך מיט זעצע, וואָס האָבען ניט געקלעבט איינער צום צווייטען. דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

— איך בין נאָך ניט בעקאַט מיט דער ארבייט. איך מוז נעהמען נאָך אַ צווייטע לעקציאָן.

אויף מאָרגען, צעהן אַ זייער האָט ער אָנגעקלונגען בייא זיין פריינד. דער קינער וואָס האָט איהם געעפענט דיא טהיר, האָט געזאָגט אַז דער העְרר איז בעשעפטיגט.

דוראָי האָט ניט ערוואַרט צו געפינען זיין פריינד אין דער היים. דאָך האָט ער געזאָגט:

— מעלדעט אַז דאָס איך בין דאָ און וויל איהם זעהן צוליעב אַ דרינגענדע אנגעלעגענהייט.

אין דעם פערלויף פון אַ מינוט פינף האָט מען איהם אַריינגעפיהרט אין צימער וואו ער האָט פערבראַכט אַזאַ גליקליכען פריהמאָרגען. פאָרעסטיע איז געזעסען און געשריבען און פרוי פאָרעסטיע איז געשטאַנען ביים קאָמין מיט אַ פאַפיראָס אין מויל און האָט איהם דיקטירט.

דוראָי איז געבליבען שטעהן ביים שוועל און האָט אויסגעשטאַמעלט:

— ביטע אום פערצייהונג, איך שטער אייך.

פאָרעסטיע האָט אַ בורצע געטהאָן ביין:

— וואָס ווילסטו ווייטער. מאַך דאָס גיך, מיר זיינען פערנומען.

— גאָר ניט, האָט זשאָרזש אַרויסגעשטאַמעלט.

— זאג וואָס און נאָמיר ניט פערלירען קיין צייט, האָט פאָרעסטיא געזאָגט. דו האָסט דאָך ניט געוואָלט אַריינרייסען זיך צו מיר אין הויז אום אָבצרגעבען מיר אַ גוט־מאָרגען.

— ניין איך האָב געוואָלט, האָט דוראָי געזאָגט פערווירט, איך קען ניט ענדיגען מיין אַרטיקעל, און איהר זייט.... זייט געוועזען אַזוי.... אַזוי פריינדליך די לעצטע צייט, אַז איך האָב געדענקט.... אז איך האָב געוואַגט....

פאָרעסטיע האָט איהם איבערגעריסען.

— אַזוי, דוא האָסט געדענקט, אז איך וועל טהאָן דיין אַרבייט, און דוא וועסט נאָר דאַרפען קומען נעהמען געלד. א פיינע זאַך, כלעבען.

פרוי פאָרעסטיע האָט רוהיג גערויכערט ווייטער, ניט אַריינמישענדיג זיך און אויף איהר ליפען האָט געשפיעלט אַ שמייכעל, וואָס האָט געשיינט צו בעהאַלטען איהרע שפּעטישע געדאַנקען.

— פערצייהעט מיך, האָט דוראָי אַרויסגעשטאַמעלט, איך האָב געגלויבט.... איך האָב געמיינט דאַן.... האָט ער געזאָגט מיט אַ קלאָרער און פעסטער שטימע: איך בעט אייך טויזענד מאָל, אום פערצייהונג, גנעדיגע פרוי, איך האָב נאר געוואָלט נאָך איין מאָל הערצליך בעדאַנקען פאַר דעם רייצענדען אַרטיקעל וואָס איהר האָט מיר נעכטען צוגעהאָלפען.

ער האָט זיך פאַר איהר פערנייגט און דאַן זיך געווענדעט צו העְר פאָרעסטיע:

— דריי אַ זייגער וועל איך זיין אין דער רעדאַקציאָן, און מיט דיא ווערטער איז ער אַרויסגעגאַנגען.

מיט שנעלע טריט איז ער אַוועק צו זיך אַ היים און האָט אין זיך געמורמעלט: „גוט, איצט וועל איך אַליין שרייבען דעם אַרטיקעל... און זאָלען זיי זעהן...“ אויפגעבראַכט פון כעס האָט ער זיך געזעצט צום טיש און האט גלייך גענומען שרייבען. אין דעם פערלויף פון אַ שטונדע צייט האָט ער דעם אַרטיקעל געהאַט פאַרטיג. ער האָט פאָרטגעזעצט די בעשרייבונג פון זיין בעגעגעניש מיט דער שפּאַנישער מיידעל, וואָס ער האָט אָנגעהויבען אונטער פרוי פאָרעסטיע'ס לייטונג און האט עס צוגעפּעפערט מיט אַזעלכע ווערטלאַך, וואָס האָט געפּאַסט פאַר אַ סאָלדאַט. מען האָט עס אויך געקענט אָננעהמען, אַז געשרייבען האָט עס אַ משוגע'נער, און מיט דיעזען אַרטיקעל איז ער שטאָלץ אַוועק אין דער רעדאַקציאָן.

דער ערשטער וואָס האָט איהם בעגעגענט, איז געווען סענט־פּאָטען. ער האָט איהם הערצליך געדריקט די האַנד און געזאָגט:

— האָט איהר געלעזען מיין אונטעררעדונג מיט דעם כינעזער און מיט דעם אינדיער? גאַנץ פּאַריז האָט זיך דערמיט אַמוזירט און איך האָב אַפילו ניט געהאַט דיא זכיה צו זעהען זייער שפּיץ נאָז.

דוראָי האָט נאָך דיא צייטונג ניט געזעהען, און ער האָט גלייך גענומען אַ בלאַט און איז איבערגעלאָפען איבער אַ לאַנגען אַרטיקעל מיט'ן טיטעל „אינדיען און כינאַ“. וועהרענד דער רעפּאָרטער האָט איהם דאָ און דאָרטען אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דיא אינטערעסאַנטע שטעלען.

דאָ איז צו זיי צוגעקומען שנעל פאָרעסטיע און האָט געזאָגט:

— גוט, וואָס איהר זייט ביידע דאָ, און ער האָט זיי געגעבען אַ גאַנצע רייהע פּאָליטישע אינפאָרמאַציאָנען, וואָס זיי זאָלען נאָך היינט אָבענד פערשאַפפען.

—דוראָי האָט איהם דערלאַנגט זיין אַרטיקעל און געזאָגט:

— דאָ האָט איהר דיא פאָרטזעצונג וועגען אַלושיר.

— גוט, איך וועל דאָס איבערגעבען דעם דירעקטאָר, האָט פאָרעסטיע געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

סענט פּאָטען איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיין קאָלעגע און ווען זיי זיינען געווען אין קאָרידאָר האָט ער איהם געפרעגט:

— זייט איהר שוין געווען ביי דער קאַסע?

— ניין. פאַר וואָס?

פאַר וואָס? אָבצונעהמען אייער געהאַלט. מען דאַרף שטענדיג אָבנעהמען לכל הפּחות פאַר אַ חודש פאָראויס מען קען ניט וויסען, וואָס עס קען טרעפען. איך וועל אייך פאָרשטעלען פאַר'ן קאַסירער, און ער וועט אייך קיינע שוועריגקייטען ניט מאַכען. דאָ צאָהלט מען גלייך.

און דוראָי האָט אָבגענומען זיינע צוויי הונדערט פראַנק און אויסער דעם אַכט און צוואַנציג פראַנק פאַר זיין נעכטיגען אַרטיקעל. און צוזאַמען מיט'ן געהאַלט וואָס ער האָט אָבגענומען פון דער נאָרדבאַהן האָט ער איצט געהאַט ביז פיערטהאַלבען הונדערט פראַנק. אַזאַ סומע געלד האָט ער

נאָך קיין מאָל ניט געהאַט און ער האט זיך איצט גערעכענט זעהר רייך.

סעגט פאָטין האָט איהם אַוועקגעפיהרט אין עטליכע רעדאַקציאָנען, האָפפענדיג, אַז דאָרטען וועט ער אויספּאָמפּען דיא נייעס, וואָס ער דאַרף שאַפען.

אָנהויב אבענד האָט דוראָי זיך בּעפרייט פון זיין קאָלעגע און איז אַוועק אין דעם פּאָליעס־בּערזשער, יואוהין פּאָרעסטיע האָט איהם דאָס ערשטע מאָל אריינגעפיהרט. ער איז אַריין אין קאַנטאָר און האָט זיך פאָרגעשטעלט: מיין נאָמען איז זשאָרזש דוראָי און בין רעדאַקטאָר פון דער .“Vie Francaise„ איך בּין ניט לאַנג געווען מיט הערר פּאָרעסטיע, און ער האָט מיך געוואלט בּעזאָרגען מיט אַ פרייען איינטריט. אויב ער האט פערגעסען ווייס איך ניט.

מען האט נאָכגעקוקט אין דער ליסטע, און זיין נאָמען איז נאך ניט געווען אַריינגעטראָגען.

— געהט אַריין און ווענדעט זיך צום דירעקטאָר אַליין, האָט צו איהם געזאָגט א קאַלעטאָר, ער וועט געווים אייער וואונש ערפילען.

ער איז אַריין און האָט זיך גלייך אָנגעשטויסען אויף ראָשעל, דאָס מיידעל מיט וועלכער ער איז דאַמאָלס אַוועק פון טהעאַטער.

— גוטען אַבענד, מיין ליעבלינג, האָט זיא צוא איהם געזאָגט, וויא געהט דיר?

— זעהר גוט. און דיר?

— ניט שלעכט. שטעל זיך פאָר, איך האָב שוין פון דיר צוויי מאָל געטרוימט צייט פון יענעם אָבענד.

דוראָי האָט געשמייכעלט פון פערגעניגען.

— אָה, אָה, און וואָס זאָל דאָס בּעדייטען? האָט ער געפרעגט.

— אַז דוא געפעלסט מיר, דוא אַבּעזיאַנעלע, און דו דאַרפסט נאָר זאָגען: פאָרטזעצונג פאָלגט. נאָך היינט, אויב דו ווילסט.

— אָה, איך וויל זעהר גערן, אַבער ווייסטו...

ער האָט זיך אָבּגעשטעלט, וויא עס וואָלט איהם געווען שווער אַרויסצורירען.

— ווייסטו... האָט ער ווידער אָנגעהויבּען, איך האָב ניט היינט קיין גראָשען בּיים לייב און זעעלע... איך בּין געווען אין קלוב... און מען האָט מיר דאָס גאַנצע געלד אויסגעבּייטעלט.

זיא האָט איהם דורכדרענגליך אָנגעקוקט. זיא האָט שוין גוט געקענט אַזעלכע מענערשע שווינדלען און האָט געזאָגט:

— אַזעלכע המציאת זאלסטו מיט מיר ניט מאַכען.

— ווירקליך, מעהר וויא צעהן פראַנק האָב איך ניט.

— איך וויל נאָר דיך, האָט זיא געזאָגט, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף זיין אַרם.

ער איז אַ לאַנגע צייט געבּליבּען בּיי ראַשעל און איז אַ היים געקומען אויף מאָרגען זעהר שפּעט. אויף'ן וועג האָט ער געקויפט דיא צייטונג און פיעבּערהאַפט אָנגעהויבען צו זוכען זיין אַרטיקעל, נאָר ער האָט איהם ניט געפונען. ער

איז געבליבען שטעהן אויפ'ן טראטואר און גענומען דורכקוקען יעדען שפאלט בעזונדער, דענקענדיג צו געפינען וואס ער האט געזיכט, נאר אומזיסט. דער קלאפ איז פאר איהם געווען נאך א שטארקערער נאך דער אויסגעלאסענער נאכט וואס ער האט פערבראכט. ער איז ארויף אויף די טרעפ, אריין צו זיך אין צימער און א ווארף געטהאן זיך אין אלעמען אין בעט און איז גלייך איינגעשלאפען.

מיט עטליכע שטונדען שפעטער איז ער אוועק אין דער רעדאקציאן, איז אריין צום דירעקטאר און האט איהם געזאגט:

— איך בין היינט אין דער פריה געווען זעהר איבערראשט ניט צו געפינען מיין ארטיקעל ווענען אלזשיר אין דער צייטונג.

— איך האב איהם געגעבען צו אייער פריינד פארעסטיע צום איבערקוקען, האט וואלטער געענטפערט קורץ, און ער געפינט, אז מען דארף איהם איבערמאכען.

דוראי איז ארויס אין בעס פון דעם דירעקטאר'ס צימער און איז געשווינד אריין צו זיין פריינד.

— פאר וואס האסט דו ניט געדרוקט מיין ארטיקעל?

פארעסטיע איז געזעסען אויסגעשפרייט אין זיין פאטעל, מיט פערלייגטע פיס אויף דעם טיש און האט גערויכערט א סיגאר, ווערהרענד זיינע איינגעפאטשקעטע קאמאשען האבען בעשמירט אן אנגעהויבענעם ארטיקעל, וואס איז געלעגען אונטער זיי אויף דעם טיש.

— דעם דירעקטאר איז ער ניט געפעלען געווארען, האט ער געענטפערט מיט א רוהיגען און גלייכגילטיגען קול, וואס האט געשיינט ארויסצוקומען פון א טיעפען גרוב. ער האט מיר געהייסען, איך זאל דיר דעם ארטיקעל צוריקגעבען, אז דוא זאלסט איהם איבערארבייטען, דארטען ליעגט ער.

דוראי איז געוועזן אזוי צומישט, אז ער האט ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערן. דערווייל האט איהם פארעסטיע געגעבען דיא אינסטרוקציאנען, וואס ער זאל טאן מארגען.

אויפ'ן צווייטען טאג האט דוראי וויעדער געבראכט זיין ארטיקעל און האט וויעדער צוריקגעקריגען. דאס זעלבע איז געשעהען דאס דריטע מאל און דאן האט ער פערשטאנען, אז ער וויל שטייגען צו גיך אין דער הויך און דאס וועט ער אליין ניט קענען דערוויזען, סיידען פארעסטיע זאל איהם אויסהעלפען.

ער האט אין גאנצען אויפגעהערט צו ריידען וועגען זיינע עראינערונגען פון א'ן אפריקאנער סאלדאט און האט זיך פארגענומען צו זיין א'ן אויסגעריבענע סחורה, וויא א רעפארטער דארף זיין אין א צייטונג. ער האט געדולדיג געווארט ביז זיין צייט וועט קומען און האט זיך דערווייל אין גאנצען איבערגעגעבען צו זיין פראפעסיאן.

ער האט זיך בעקענט מיט דיא קוליסען פון טהעאטער און מיט די קוליסען פון פאליטיק. זיינע אויגען האבען דורכגעדרונגען אין די קארידארען פון די שטאאטס־מענער און פון דער דעפוטירטען קאמער. ער האט זיך גראדע אזוי בעקענט

מיט דיא געזיכטער פון דיא אונטער שטאַאטס־סעקרעטאַרען אַזוי וויא מיט די פערשלאָפענע געזיכטער פון זייערע דיענערי ער איז געקומען אין בעציהונג מיט מיניסטאָרען, טהיר־שליסער, גענעראַלען, דעטעקטיווס. פירסטען, פראָסטיטוטקעס, ביישאָפען, פרויען־הענדלער און ד. גל. ער איז געווען דער וואַרעמסטער און גלייכגילטיגסטער פריינד פון דיעזע אַלע מענשען. ער האָט זיי אַלעמען געקאָכט אין איין טאָפּ און געמאָסטען מיט איין מאָס, וויל ער איז מיט זיי אַלעמען טאָגטעגליך געקומען אין פערקעהר. ער איז זיך אַליין פאָרגעקומען וויא אַ מענש, וועלכער מוז פּרובּירען אַלעריי וויינען און ביי וועלכען דער געשמאַק ווערט אַזוי איבּערגעפיהרט, אַז ער קען ניט אונטערשיידען מעהר פון פיינסטען ווין ביז דעם ערגסטען.

בּיסלעכוויז איז ער געוואָרען אַ'ן אויסגעצייכענטער רעפּאָרטער, אויף וועמעס אינפאָרמאַציאָנען מען האָט זיך געקענט אין גאַנצען פערלאָזען, ער איז געוואָרען געשיקט, לוסטיג און פלינק. „אַ'ן אמת'ער פערל פאַר אַ צייטונג", וויא וואַלטער פלעגט זאָגען, און ער האט געקענט זיינע רעפּאָרטער דורך און דורך.

נאָר אַזוי וויא ער האָט אויסער זיינע צוויי הונדערט פראַנק אַ מאָנאַט און דיא סאַנטים פון אַ שורה מעהר ניט געקראָגען און דאָס לעבען אויף דיא פּאַריזער בּולוואַרען און אין דיא קאַפעס קאָסט זעהר טייער, האָט ער קיין מאָל ניט געהאַט קיין סו אין קעשענע און איז שטענדיג געווען פערצווייפעלט איבער זיין לאַגע.

„ווען איך זאָל נאָר וויסען ווי אַזוי זיי מאַכען עס" האָט ער אָפט געטראַכט, זעהענדיג וויא זיינע קאָלעגען האָבען שטענדיג פולע קעשענעס מיט געלד. נאָר ער האָט ניט געקענט פערשטעהען דורך וועלכע געהיימניספאָלע מיטלען זיי קריגען דאָס געלד. ער מוז אויסגעפינען זייערע געהיימניסע, ער מוז זעהען אַז זיי זאָלען זיך אָהן איהם ניט טהיילען.

V.

אַזוי זיינען פערגאַנגען אַ פּאָר מאָנאַטען. סעפּטעמבּער איז שוין געקומען נאָהענט, נאָר דאָס גליק אויף וועלכען דוראָי האט געהאָפט איז אַלץ געשטאַנען פון דער וויטענס. אַם מייסטען האָט איהם געקריינקט זיין אונבּעדייטענדע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, און ער האָט אַלץ ניט געזעהען קיין וועג, דורך וועלכען מען קומט צו יענער הויכקייט, וואו מען קען געפינען אַכטונג, מאַכט און געלד. דיא אונבּעדייטענדע פּראָפעסיאָן פון אַ רעפּאָרטער האָט איהם געבּונדען וויא מיט שטריק פון וועלכע ער האָט זיך ניט געקענט אויספלאָנטערען. מען האָט איהם געשעצט נאָך זיין שטעלונג נאָך אַפילו פּאָרעסטיע, וועלכען ער האָט געטאָהן טויזענדער קליינע געפעליגקייטען, האָט איהם מעהר קיין מאָל ניט איינגעלאַדען צו זיין טיש און און האָט איהם בּעהאַנדעלט וויא אַ'ן אונטערגעאָרדענטען הגם ער האָט נאָך אַלץ גערעדט מיט איהם אויף „דו".

אמת, פון צייט צו צייט פלעגט איהם געלינגען אַריינצוּבּרענגען אַ קלענערן אַרטיקעל אין דער צייטונג און מיט דער צייט

B. Y.

האט ער אויסגעארבייט א סטיל און האט געקריגען דאס וואס איז זעהר נויטיג פאר א שרייבער, טאקט. ער איז איצט שוין מעהר ניט געווען אין געפאהר, אז מען וועט איהם צוריקקעהרען איינע פון זיינע פלוידערייען, נאר פון אזא ארטיקעל ביז א'ן אייגענעם ארטיקעל אדער פעליעטאן איז אזא שפרונג וויא פון א דראזשקע־קוטשער ביז א בעזיצער פון א'ן עקיפאזש. איהם האט שטארק געקריינקט, וואס ער איז ניט בעקאנט מיט קיין דאמע פון דער שעהנערער געזעלשאפט, הגם א פאר אקטריסעס האבען שוין אויף איהם געקוקט ניט מיט קיין גלייכגילטיגען אויג.

און דאך האט ער געוואוסט פון ערפאהרונג, אז אלע ווייבער סיי פון דער בעסערער געזעלשאפט און סיי דיא אנדערע האבען צו איהם א זעלטזאמע סימפאטהיע ביי דער ערסטער בעקאנטשאפט. אבער דאס בעוואוסטזיין אז גראדע יענע פון וועלכע עס הענגט אב זיין צוקונפט, קען ער ניט, האט איהם געמאכט פיהלען, וויא א פערד ווען מען האלט עס ביים צאם און מען לאזט עס ניט לויפען פריי.

ער האט אפט געטראכט צו מאכען א בעזוך צו פרוי פארעסטיע, נאר דיא ערינערונגען פון זיין לעצטען וויזיט האט איהם געטריבען דיא פארב אין געזיכט אריין און האט איהם צוריקגעהאלטען. אויסער דעם האט ער געווארט, אז פארעסטיע וועט איהם ענדליך א מאל איינלאדען. פלוצים האט ער זיך דערמאנט ווענגען פרוי דע מארעל. זיא האט איהם דאך געבעטען, אז ער זאל איהר בעזוכען, און אין א פרייע'ן נאכמיטאג איז ער אוועק צו איהר.

זיא האט איהם ביי זייער ערשטע בעקאנטשאפט געזאגט, אז ביז דריי אוהר איז זיא שטענדיג צו הויז. ארום האלב דריי איז ער געווען נעבען איהר טהיר. זיא האט געוואוינט אויפ'ן פיערטען שטאק, אין דער גאס דע פערנייל. ער האט אנגעקלונגען.

א קליינע דיענסטמיידעל מיט צושויבערטע האר האט איהם געעפענט דיא טהיר.

— יא, דיא גנעדיגע פרוי איז צו הויז, אבער איך ווייס ניט, אויב זיא איז שוין אויפגעשטאנען.

זיא האט איהם דערווייל אוועקגעפיהרט אין זאל. דאס צימער איז געווען גרויס. אבער דא איז געווען זעהר וועניג מעבעל און א ביסעל פערנאכלעסיגט. דיא פערשטויבטע שטוהלען זיינען געשטאנען אויסגעשטעלט ארום דיא וואנד אזוי וויא דיא דיענסט האט זיי צושטעלט און עס האט זיך געזעהן, אז דא געהט אב א ווירטהין, וואס האט ליעב איהר הויז. דוראי האט זיך אנידערגעזעצט און האט געווארט א היבשע צייט. דא האט זיך א טהיר געעפענט און פרוי דע מארעל איז אריין האסטיג. זיא האט געטראגען א יאפאנעזישען מארגענקלייד פון ראזע זייד, געשטיקט מיט גאלדערנע פלאנצען, מיט בלויע בלומען און ווייסע פויגלאך.

— וויא פריינדליך דאס איז פון אייך וואס איהר זייט געקומען, האט זיא גע־

זאָגט. איך האָב שוין געדיינקט, אַז איהר האָט מיך פערגעסען.

זיא האָט איהם אויסגעשטרעקט איהר האַנד, און דוראָי אַ בערוהיגטער פון דעם פערנאַכלעסיגטען אויסזעהן פון צימער, האָט איהר אַ קוש געטהאָן אין האַנד וויא ער האָט עס אַמאָל געזעהען פון נאָרדע דע וואַרען.

זיא האָט איהם בעטראַכט פון קאָפּ ביז דיא פיס און געזאָגט:

— איהר האָט זיך זעהר געענדערט. פאַריז האָט אויף אייך גוט געווירקט. אַלזאָ וואָס הערט זיך נייעס ?

און זיי האָבען גלייך אָנגעהויבען צו פלוידערן, וויא זייא וואָלטען שוין געוועזען לאַנג בעקאַנט איינער מיט'ן צווייטען און אין אַ פינף מינוט זיינען זיי שוין געוועזען אינטים, וויא עס טרעפט אָפט ביי צוויי כאַראַקטערע פון איין מין. פלוצים האָט דיא יונגע פרוי אויסגערופען ערשטוינט:

וואונדערבאַר, וויא איך פיהל מיט אייך. מיר שיינט, אַזוי וויא איך וואָלט אייך שוין געקענט צעהן יאָהר. מיר וועלען אָהן צווייפעל ווערן גוטע פריינד. געפעלט עס אייך?

— געוויס, האָט ער איהר געענטפערט מיט אַ שמייכעל, וואָס האָט גערעדט פיעל מעהר וויא ווערטער. ער האָט איהר געפונען זעהר רייצענד און שיין אין דעם מאָרגענקלייד.

ווען ער האָט זיך געפונען נעבען פרוי פאָרעסטיע מיט איהר רוהיגען און פריינד־ליכען שמייכעל, וועלכעס האָט צוגעצויגען און צו דער זעלבער צייט וויא געזאָגט:

„היט זיך", האָט ער געפיהלט, וויא ער וואָלט וועלען וואַרפען זיך צו איהרע פיס אָדער קושען דיא פיינע שפיצען וואָס האָבען פערדעקט איהר ברוסט און איינ־צואטהעמען די וואַרעמע דופט פון איהר קערפער. מיט פרוי דע מאַרעל האָט ער געפיהלט אַ פיעל קלערערען און ברוטאַ־לערען פערלאַנג. ער האָט געפיהלט דיא שפיצען פינגער ציטערן ביי איהם ביים בעטראַכטען דיא קיילעכדיגע פאָרמען פון איהר קערפער אונטער דער דינער זייד

זיא האָט גערעדט און גערעדט און פון יעדען וואָרט האָט געשפריצט אַ לייכטער וויטץ. ער האָט זיך צו־געהערט צו איהרע ווערטער און האָט געטראַכט מיט זיך אַליין: „ווען איך זאָל נאַר קענען אָנגעדיינקען אַלע איהרע פלוידערייען! מען האָט דערפון געקענט מאַכען דעם שעהנסטען פעליטאָן".

מען האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

העריין, קליינע ! האָט אויסגערופען פרוי דע מאַרעל.

דאָס קליינע מיידעלע איז אַריינגעקו־מען איז צוגעגאַנגען גלייך צו דוראָי'ן און געגעבען איהם דיא האַנד.

— איהר האָט ווירקליך ערהאַלטען אַ זיעג איבער איהר, האָט דיא מוטער גע־זאָגט, איך דערקען מעהר ניט דאָס קינד.

דוראָי האָט דאָס קינד אַוועקגעזעצט נעבען זיך, האָט עס אַ קוש געטהאָן און אָנגעהויבען עס אויסצופרעגען, וויא איהר איז געגאַנגען זייט ער האָט עס געזעהן

דאָס לעצטע מאָל. דאָס מיידעלע האָט איהם געענטפערט אויף אַללע זיינע פראַגען מיט איהר שעהנער פלייטען־שטימע ערנסט און קלוג וויא אַ סטאָלנע פרוי.

דער זייגער האָט געשלאָגען דריי, און דער זשורנאַליסט האָט זיך אויפגעהויבען.

— קומט אַריין עפטער, האָט פרוי דע מאָרעל געזאָגט. מיר וועלען פלוידערן אַ ווייל, און איהר וועט שטענדיג זיין אַ גוטער גאַסט. נאָר פאַר וואָס זעהט מען אייך מעהר ניט בייא דיא פאָרעסטיעס.

— איך בין גראַדע זעהר בעשעפטיגט, דאָך האָף איך צו האָבען דאָס פערגניגען אין גיכען צו בעגעגען אייך דאָרטען.

דוראָי איז פון איהר אַוועק פול מיט האָפנונגען, אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס.

פון דיעזען האָט ער פאָרעסטיע'ן ניט דערצעהלט קיין וואָרט, נאָר דיא ערינערונג פון דעם וויזיט האָט איהם ניט אָבגעלאָזט אויף איין מינוט. איהם איז פאָרגעקומען, אַזוי וויא זיא וואָלט שטענדיג געווען נעבען איהם, אַזוי וויא ער וואָלט אַ טהייל פון איהר וועזען מיטגעטראָגען אין האַרצען און אין דיא אויגען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט ער איהר ווידער בעזוכט. ווען דיא דיענסט־מיידעל האָט איהם אַריינגעפיהרט אין זאַל איז איהם אַנטקעגען געקומען דאָס קליין מיידעלע לאָרען. איצט האָט זיא איהם שוין ניט געגעבען דיא האַנד, נאָר אויסגעשטעלט דעם שטערן פאַר אַ קוש און געזאָגט:

— דיא מאַמע האָט געבעטען, אַז איהר זאָלט אָבוואַרטען אַ פירטעל שטונדע, בּיז זיא וועט פאַרטיג ווערן מיט איהר טואַלעט. איהר וועט זיך דערווייל מוזען בעגניגען מיט מיין געזעלשאַפט.

דוראי איז געווען שטאַרק אַמוזירט פון דעם קינד.

— גנעדיגע פריילין, האָט ער געזאָגט, איך בין זעהר צופרידען צו פערברייננגען מיט אייך די פערטעל שטונדע, נאָר איך בין איצט ניט אויפגעלייגט צו זיין ערנסט, און באָט אייך אָן צו שפּיעלען אין כאַפּענים.

אנפאַנגס איז לאָרען אַריין אין אַ פערלעגענהייט, דערנאָך האָט זיא אַ שמייכעל געטהאָן און געענטפערט:

— דיא צימערן זיינען ניט זעהר גוט פאַר שפּיעלען.

— דאָס מאַכט ניט אויס, איך קען שפּיעלען אומעדום, האָט ער געזאָגט. אַלזאָ כאַפּט מיך, און ער האָט אָנגעהויבען צו לויפען אַרום טיש.

ווען פרוי דע מאַרעל איז אַריינגעקומען, איז זיא געבליבען שטעהן ערשטוינט, הערענדיג וויא דוראָי שרייט: „געכאַפּט! געכאַפּט!״ לאָרען האָט פריילִיך געוואָרפען מיט דיא פיסלאַך זוכענדיג אַרויסצורייסען זיך און לאַכענדיג פון דעם גאַנצען האַרצען, ווען דוראָי האָט איהר אויפגעהויבען בּיז'ן סופיט.

— לאָרען!... דו שפּיעלסט זיך, לאָרען! איהר זייט אַן אמת'ער כשוף־מאַכער הערר דוראי האט זיא געזאגט.

דוראי האט אראבגעלאזט דאס קינד אויפ'ן באָדען, אַנידערגעזעצט עם צווישען

זיך און דער מוטער, נאָר ריידען איז איצט געווען אונמעגליך, ווייל לארען וואס האט זיך שטענדיג געהאַלטען אַזוי שטיל, איז איצט געווען וויא שכור און האט ניט אויפ־געהערט צו ריידען. ענדליך האבען זייא איהר אַרויסגעשיקט פון דעם זאַל. זי האט געפאלגט, ניט ריידענדיג קיין ווארט, נאר דיא טרערען זיינען איהר געשטאנען אין דיא אויגען.

ווען זיי זיינען געבליבען אַליין, האט פריי דע מארעל געזאגט צו איהם מיט אַ געדאמפטען קול:

— איך האב אַגוטען פּלאַן און האב פון אייך אויך געטראַכט דערביי. איהר ווייסט וואַהרשיינליך, אַז איין מאל אין וואך עסס איך ביי דיא פארעסטיעס, און דער פּאַר רעכען איך זיך מיט זיי אב דערמיט, וואס איך לאַד זייא איין אין אַ רעסטאראַן. איך האב זעהר ניט ליעב איינצולאדען געסט צו מיר אַהיים, ווייל איך בין זעהר אַ שלעכטע ווירטין און פער־שטעה זעהר ווייניג אין שטוב זאַכען, און אין קיך פערשטעה איך גאר ניט. איך האב ליעב די פרייהייט. און דעריבער לאַד איך זיי איין פון צייט צו צייט אין אַ רעס־טאראַן, נאר זאלבעדריט איז אומעדיג, און מיינע בעקאַנטע הארמאנירען נישט מיט זייערע. איך מוז דאס אייך אַלץ זאגען, אום איהר זאָלט זיך ניט וואונדערן פון מיין זאנדערבאַרער איינלאַדונג. איהר וועט דאך ניט אויסטייטשען שלעכט, ווען איך וועל אייך בעטען, אז איהר זאלט היינטיגען שבת האַלב אַכט עסען מיט אונז מיטאג אין קאַפּע „רישע". איהר ווייסט דאָך, וואו דער רעסטאראַן איז?

ער האָט מיט פערגניגען אָנגענומען דיא איינלאדונג.

— דאָרטען וועלען נאָר זיין אונזערע, האָט זיא ווייטער געזאָגט. ניט מעהר ווי מיר פיער, פאַר אונז פרויען האט אַזאַ מיטטאָג אין אַ רעסטאָראַן אַ זעלטענעם רייץ.

דוראָי האָט ערוואַרטעט דעם טאָג פון דעם בעש..מען דינער מיט אַ וואַקסענ־דער אונגעדולד. צום צווייטען מאָל האָט ער גענומען אַ פראַק־אַנצוג אויף פּראַקאַט, ווייל זיינע מיטלען האָבען איהם נאָך אַלץ ניט ערלויבט צו קויפען זיך אַזאַ אַנצוג.

דוראָי איז אָנגעקומען אין רעסטאָראַן מיט אַ פּאָר מינוט פריהער פון דער בע־שטימטער צייט און ער האָט נאָך קיינעם ניט געטראָפען. מען האט איהם אַריינגע־פיהרט אין אַ קליינעם צימער, טאַפּעצירט אין רויטען אויף'ן צווייטען שטאָק, דאס איינציגע פענסטער פון דעם צימער איז אַרוים אויפ'ן בולוואַר. אַ פיערקאַנטיגער טיש איז געווען געדעקט פאַר פיר פער־זאָן און די גלעזער און זילבערצייג האבען לוסטיג געפינקעלט אין דעם שיין פון צוועל־לף ליכט. וואס האבען געשטעקט אין צוויי אַרמלייכטער.

דוראי האט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ נידעריגע סאפע מיט אַ רויטען איבערצוג און איז אַריינגעפאַלען וויא אין אַ לאָך. פון אונטען האט צו איהם דערגרייכט אַ שטי־לער גערויש, פון קלאַפּען מיט געשיר וויא מען הערט עס אין דיא גרויסע רעסטאראַ־נען. באַלד איז אַריינגעקומען פארעסטיע

B. Y.

און האט איהם פריינדליך געדריקט דיא האנד, וויא ער האט עס קיין מאל געטהאן אין דעם קאנטאר פון דער רעדאקציאן.

— דיאביידע דאמען קומען צוזאמען, האט ער געזאגט; דיזע קליינע דינערס דא זיינען שטענדיג זעהר נעט.

באלד האט זיך דיא טהיר געעפענט און פרוי פארעסטיע און דעמארעל זיינען אריינגעקומען שטארק פערשלייערט, וואס איז נייטיג פאר פרויען, ווען זיי געהען אין אזעלכע פלעצער. פרוי פארעסטיע האט גלייך געמאכט פארווירפע דוראן, פאר וואס ער קומט איהר ניט בעזוכען און האט דאביי געזאגט מיט א שמייכעל.

— אייך איז מעהר אנגענעהם צו פערברייננגען דיא צייט מיט פרוי דע־מארעל, מיט איהר איז אייך פיעל פריוויליכער.

ווען דער קעלנער האט צוגעטראגען צו הערר פארעסטיע דאס צעטיל פון די וויינען, האט זיך פרוי דע־מארעל אנגערופען:

— ברענגט פאר דיא הערען, וואס זיי ווילען, נאר מיר ווילען נאר שאמפאניער.

פארעסטיע האט געשיינט ניט צו הערען, וואס זיא זאגט און האט געפרעגט:

— האט איהר עפעס געגען מיין פערמאבען דיא פענסטער? דער הוסט מוטשעט מיך שוין עטליכע טעג.

— וויא איהר ווילט.

פרוי פארעסטיע האט גאר ניט געזאגט. די קעלנער האבען אריינגעבראכט דיא שפייזען איינע נאך דיא אנדערע, און דאן ערסט האבען זיי אנגעהויבען צו רייד ען וועגען דעם לעצטען סקאנדאל, וואס האט זיך אריבערגעטראגען איבער דער שטאדט, פון א שענהייט פון דער הויבער געזעלשאפט. פארעסטיע האט געשיינט צו זיין זעהר אמוזירט פון דעם, און דוראי האט געזאגט מיט א שמייכעל:

— וויא פיעל פרויען וואלטען זיך איבערגעבען צו א קאפריז פון ליעבע, ווען זיי זאלען ניט מורא האבען, אז זיי זאלען דארפען שפעטער בעצאהלען פאר'ן קורצען גליק מיט טרערען און מיט א סקאנדאל?

ער האט עס געזאגט מיט אזא וואָרימקייט, אזוי וויא ער וואלט זיך אליין פערטהיידיגט און וועלען דערביי זאגען:

— ביי מיר וואלט איהר דערפאר ניט געדארפט מורא האבען, צו קיין סקאנדאל וואלט ניט געקומען פרובירט נאר, וועט איהר זעהען.

ביידע פרויען האבען אויף איהם א קוק געטהאן און זייערע בליקען האבען געשיינט אויסצודריקען א צושטימונג. זייא האבען, געפונען אז ער רעדט קלאר אין ראגיש, און דורך זייער סימפאטישען שווייגען האבען זיי געוויזען, אז זיי וואלטען קיין נסיון ניט אויסגעשטאנען, ווען, זיי זאלען נאר זיין זיכער, אז צו קיין סקאנדאל וועט ניט קומען.

— איין גאט ווייס, אז זיי וואלטען עס זיכער אויסגענוצט, ווען זייא זאלען נאר ווייסען, אז עס וועט בלייבען א געהיימניס, האט פארעסטיע געזאגט מיט א סקעפטישען שמייכעל, נאר זייערע מענער, זייערע ארימע מענער!

דאס געשפרעך איז אריבער אויף ליעבע

אין אַלגעמיין. דוראַי האָט אין אייביגע ליעבע ניט געגלויבט, דאָך האט ער געגלויבט אַז ליעבע קען אָנהאַלטען אַ לאַנגע צייט און דערנאָך פערוואַנדלען זיך אין אַ צאַרטע און טרייע פריינדשאַפט; ווען ער האט אויפגעהערט צו ריידען האָט פרוי דע מאַרעל ארויסגעלאזט אַ טיעפע זיפץ.

— יאַ, דיא ליעבע איז דיא איינציגע שעהנע זאך אין לעבען און מיר פערדאַרבען איהר זעהר אָפט מיט דעם, וואס מיר פאדערן פון איהר צופיעל, האָט זיא געזאָגט.

— יאַ, יאַ, האָט געזאגט פרוי פאַרעסטיע, שפיעלענדיג מיט'ן מעסער און קוקענדיג דערביי אזוי טרוימעריש, אזוי וויא זיא וואלט געזעהן פון דערווייטענס זאַכען, פון וועלכע זיא האט ניט געוואגט צו ריידען. יא, יא, עס איז אזוי זיס צו זיין געליעבט. עס קען גאר שעהנער ניט געבען, ווי דער ערסטער דריק פון האַנד און „ליעבסטו מיך" און דער ענטפער: „יאַ איך ליעב דיך".

— איך בין שוין ניט אַזוי פלאַטאָניש, האט פרוי דע מארעל אויסגערופען פריילּיך, אויסטרינקענדיג א פולע גלאז שאַמפאַניער.

— אייער אפענהערציגקייט מאכט אייך עהרע און וויזט, וואס פאר א פראקטישע פרוי איהר זייט, האט געזאגט פארעסטיע מיט א'ן ערנסטען טאן; נאר קען מען ערלויבען צו פרעגען אייך, וואס הערר דע מארעל דענקט דערפון?

— הערר דע־מארעל האט קיין מיינונג ניט וועגען דער זאך, האט זיא געענטפערט, ציהענדיג פעראכטליך מיט דיא אקסלען.

ענדליך האט זיך דער דינער געענדיגט. מען האט אריינגעטראגען דעם דעזערט; דיא ווירטהין און איהרע געסט האבען פעררויכערט פאפיראסען. פלוצים האט זיך פארעסטיע שטארק צוהוסט. ווען איהם איז דער הוסט איבערגעגאנגען, האט ער א ווארטשע געטהאן מיט כעס:

דיעזע דיענער אין דיא רעסטאראנען שאדען מיר. זיי זיינען זעהר נארעש, נאמיר געהן א היים.

פרוי דע מארעל האט אריינגערופען דעם קעלנער און האט געהייסען דערלאנגען דעם רעכנונג. זי האט געפרובט לעזען. נאר דיא ציפערן האבען געטאנצט פאר איהרע אויגען. זיא האט דעם רעכנונג דערלאנגט דוראי'ן צוזאמען מיט איהר פארטמאנע.

— נאט אייך, צאהלט פאר מיר, האט זיא געזאגט, איך קען ניט זעהן גוט.

דער רעכנונג האט בעטראפען 130 פראנק. דוראי האט א שעפטשע געטהאן צו איהר:

— וויפיעל זאל איך געבען דעם קעלנער?

— וויפיעל איהר ווילט, איך ווייס ניט, האט זיא געענטפערט.

דוראַי האט פאר'ן קעלנער אנידערגעלייגט פינף פראנק און האט איהר אבגעגעבען צוריק דעם פארטמאנע.

— זאל איך אייך בעגלייטען אהיים? האט ער געפרעגט.

B. Y.

— געוויס, איך וועל אליין ניט טרעפען דאס הויז.

זיי האבען גענומען אבשיעד פון דיא פאַרעסטיעס און באלד זיינען זיי געפאהרען זייט ביי זייט אין א קאַרעטע. דוראָי האט ניט געקענט אויסריידען קיין ווארט, אַזוי האט זיך איהם געגלוסט ארומנעהמען איהר און צודריקען איהר צום האַרצען, און ער האט ביי זיך געטראַכט: „וואס וואלט זיא געטהאן, ווען איך זאל עס וואגען? דיא עראינערונג פון זייער געשפרעך ביים דינער האט איהם צוגעגעבען מוטה, נאר דיא מורא פאר א סקאנדאל האט איהם אבגעהאלטען. פרוי דע מאדעל איז געלעגען שטיל אין אַ ווינקעל; ער וואלט געדענקט, אז זיא שלאפט, ווען ער זאל ניט זעהן, וויא איהרע אויגען גלאַנצען. וועגען וואס קען זיא טראכטען? פלוצים האט זיא אַ נערוועזען, אונגעדולדיגען ריהר געטאהן מיט'ן פוס. דיעזע בעוועגונג האט אויף איהם אנגעווארפען אַ ציטערנים, און געבענדיק זיך פלינק אַ דריי האט ער זיך אַ ווארף געטאן צו איהר, זוכענדיג מיט זיינע ליפען איהרע. זיא האט ארויסגעלאזט א געשריי, האט זיך געפרובט ווערען און האט זיך דאן אונטערגעגעבען, אזוי וויא זיא וואלט ניט געהאט קיין כח איהם ווידערצושטעהן.

דיא קאַרעטע האט זיך אבגעשטעלט ביי דער טהיר פון איהר הויז. זיא האט זיך ניט אויפגעהויבען, האט זיך ניט געריהרט, אַזוי וויא זיא וואלט פערשטיינערט געווארען, פון דעם, וואס איצט איז געשעהען, מורא האבענדיג, אז דער קוטשער קען נאך האבען עפעס אַ פערדאכט, איז דוראָי אליין ארויס פון דער קארעטע און האט איהר געגעבען זיין האנד.

זיא איז ארויסגעגאנגען אהנע צו זאגען א ווארט און ווען מען האט געעפענט דיא טיר אויף זיין קלונג ההט ער איהר מורא'דיג געפרעגט.

— ווען וועל איך אייך ווידער זעהן?

– קומט מארגען צום פריהשטיק האט זיא געענטפערט אזוי שטיל, אז ער האט קוים דערהערט און מיט דיזע ווערטער איז זיא פערשוואונדען געווארען.

דוראי האט בעצאהלט פאר דער קארעטע און איז אוועק מיט א טריאומפירענדע, פרייליכע מינע: ער האט ענדליך ערהאלטען א זיעג איבער א פערהייראטע פרוי! א פרוי פון דער געזעלשאפט! א פאריזערין! וויא גרינג דאס איז געוועז!

ער איז געוועזען אביסעל נערוועז אויפ'ן צווייטען טאג, ווען ער איז ארויפגעגאנגען אויף דיא טרעפ. וואס האבען געפיהרט צו דע מארעל'ס וואוינונג. וויא וועט זיא איהם עמפפאנגען? וואס, אויב זיא וועט אנזאגען ניט אריינצולאזען איהם! אפשר האט זיא דערצעהלט... נאר ניין, זיא האט ניט געקענט דערצעהלען סיידען דיא גאנצע וואהרהייט.

דיא קליינע דיענסטמיידעל האט פאר איהם געעפענט דיא טהיר, זיא איז געווען אזוי פריינדליך וויא אימער. דוראי איז געווארען רוהיגער און האט געפרעגט:

— איז דיא גנעדיגע פרוי געזונד?

— יא, מיין הערר, האט דיא דיענסט געענטפערט און אריינגעפיהרט איהם אין

סאַלאָן אַריין.

ער איז גלייך צוגעגאַנגען צום שפּיגעל און האָט פּעררישט זיין שניפּס, פּלוצלונג האָט ער דערזעהן פּרוי דע מאַרעל וויא זיא שטעהט אויפ'ן שוועל און קוקט אויף איהם. ער האָט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט און זיי זיינען אַזוי געשטאַנען אַ פּאָר סעקונדען, קוקענדיג איינער אויפ'ן צווייטען. ענדליך האָט ער זיך אומגעווענדעט, נאָר זיא האָט זיך ניט גערירט פון דעם ארט און האט געשיינט צו וואַרטען. ער איז צו איהר צוגעלאפען און ארומגענומען איהר מיט דיא ווערטער:

— וויא איך ליעב דיך!

זיא האט אויפגעהויבען דעם קאפּ און זייא האבען זיך געביטען מיט אַ לאַנגען קוס.

— עס געהט אַ סך גרינגער וויא איך האב געדענקט, האט ער געזאגט צו זיך.

ווען זיי האבען ענדליך אבגענומען דיא ליפּען איינער פון דעם צווייטען האט ער שטיל געשמייכעלט און געזוכט אויסצודריקען מיט זיינע אויגען אַ ים מיט ליעבע. זיא האט אויך געשמייכעלט, וויא עס שמייכלען פרויען, וועלכע האבען ניט אין זינען קיין זאַך אבצוזאגען.

— מיר זיינען אַליין, האט זיא געזאגט שטיל, איך האב לארען געשיקט פריהשטאק'ן צו אַ פריינדין.

— איך דאַנק דיך און ליעב דיך, האט ער געזאגט, קוסענדיג איהר דיא הענד.

דאַן האט זיא גענומען זיין אַרם, וויא ער וואלט געווען איהר מאַן און האט איהם צוגעפיהרט צו אַ סאפע, וואו זיי האבען זיך אַנידערגעזעצט זייט בייא זייט.

— דו ביזט מעהר ניט בייז אויף מיר, האט ער אַ שטאַמעל געטהאן, ניט געפּינענדיג בעסערס צו זאגען.

— זיי שטיל! האט זיא צו איהם געזאגט, אַרופּלייגענדיג איהר האנד אויף זיין מויל.

אַזוי זיינען זיי געזעסען אַ לאַנגע צייט, עסענדיג איינער דעם צווייטען מיט דיא אויגען און דריקענדיג איינער דעם אַנדערן דיא ברענענדיגע הענד.

— וויא איך האב געבענקט נאך דיר! האט ער געזאגט.

— זייא שטיל!

פון זאַל האט מען געהערט, וויא דיא דיענסט האט אין דעם שפּייז צימער גע־גרייט דעם טיש.

— איך קען געבען דיר ניט זיצען, האט ער געזאגט און זיך אויפגעהויבען איך פערליער דעם קאפּ.

— דער טיש איז געגרייט, האט דאס מיידעל געזאגט, עפענענדיג דיא טהיר.

ער האט מיט אַ ערנסטע מינע אנגעבאטען פרוי דע מאַרעל דעם אַרם און זיי זיינען אַריין אין דעם שפּייז־צימער. ביים טיש האבען זיי ניט אויפגעהערט צו שמייכלען איינער צום צווייטען. זיי זיינען אין גאנצען געווען פערשלונגען פון דער אויפבליהענדער ליידענשאַפט, און האבען ביידע ניט געוואוסט, וואס זיי עסען. ער האט געפיהלט, וויא אַ פיסעל, זעהר אַ קליין פיעסעל האט געזוכט זיינעם אונטערן טיש. ער האט עס אריינגענומען צווישען זיינע און

האט עס געדריקט מיט זיין גאַצער קראַפט. דאס מיידעל איז אריין און ארויס, אריינטראגענדיג די שפייזען און צונעמעהנדיג פון טיש און האט געשיינט קיין זאך ניט צו מערקען. ווען זיי זיינען פארטיג געווארען מיט דעם עסען, זיינען זיי ווידער אריין אין זאל און האבען זיך צוריק געזעצט אויף דער סאפע. ער האט געוואלט ווערען צערטליך און ארומנעהמען איהר.

— זייט פארזיכטיג! האט זיא געזאגט. מען קוקט אונז נאך.

— ווען וועל איך אייך ווידער קענען זעהן און זאגען אייך, וויא איך ליעב אייך?

— מיט א פאר טעג שפעטער וועל איך ביי אייך זיין, האט זיא איהם געזאגט אין אויער.

— ביי מיר!..... האט ער געזאגט און דערפיהלט, וויא ער ווערט רויט. יא, אבער.... מיינע צימער זיינען.... זעהר איינפאך....

— דאס מאכט ניט אויס, איך וועל קומען זעהן דיך און ניט דיינע צימער. האט זיא געענטפערט מיט א שמייכעל.

ער איז צו איהר צוגעשטאנען, זיא זאל איהם זאגען, ווען זיא וועט צו איהם קומען, און זיא האט אנגערופען א טאג פון דער קומענדער וואך. ער האט איהר געבעטען, אז זיא זאל דאס מאכען גיכער, און זיא האט איהם נאכגעגעבען א טאג נאך א טאג, שטארק אמוזירט פון זיין בעטען.

— זאָג מאָרגען, האט ער זיך געבעטען.

— זאל זיין מארגען פינף א זייגער האט זיא ענדליך צוגעשטימט.

ער האָט זיך ערלייכטערט אָפגעזיפצט און זיי האבען רוהיג גערעדט וויי־טער, וויא זיי וואלטען זיך שוין געקענט פון צוואַנציג יאָהר. פלוצים האָט אַ קלונג געטהאָן. זיי האָבען ביידע אַ ציטער געטהאָן און האָבען זיך אין דער גיך אָבגערוקט איינער פון צווייטען.

— דאָס מוז זיין לאָרין, האָט זיא אַ מורמעל געטהאָן.

לאָרין איז אריינגעקומען און איז פערוואונדערט געבליבען שטעהען דערזעהענדיג דוראָי'ן. נאָר באַלד איז זיא צו איהם צוגעלאָפען, קלאַפּענדיג פאַר פרייד מיט דיא הענד.

— אָה! בעל־אַמי! (דער שעהנער פריינד) האָט לאָרין געזאָגט.

— בעל־אַמי! האָט פרוי דע מאַרעל ווידערהאָלט און האָט זיך צולאַכט. לאָרין האָט אַייך געגעבען אַ נאָמען. דאָס איז אַ שעהנער נאָמען. איך וועל אַייך אויך רופען „בעל־אַמי!".

ער האָט גענומען דאָס קינד אויף דיא קניע, און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען צוואַנציג מינוט צו דריי, אום צו געהן אין דער רעדאַקציאָן, האָט ער שטיל געזאָגט צו פרוי דע מאַרעל:

— אַלזאָ, מאָרגען פינף אַ זייגער.

— יאַ, האָט זיא געענטפערט מיט אַ שמייכעל און איז פערשוואונדען געוואָרען.

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין אַרבייט, האָט ער געזעהען צו מאַכען זיין צימער אַזוי אַנגענעהם וויא נאָר מעגליך פאַר דעם מאָרגעדיגען בעזוך און האָט זיך געלעגט שלאָפען צופריעדען מיט'ן רעזול־

טאַט אויף מאָרגען האָט ער געקויפט נאַשעריי און אַ פלייש ווייַן. ער האָט עס אַלץ אויסגעשטעלט אויף'ן טיש און אַנידערגעזעצט זיך וואַרטען, זיא איז אָנגעקומען אַ פיערטעל נאָך פינף און האָט אויסגערופען ביים אַריינקומען:

— דאָ איז גאַנץ פיין! נאָר דיא טרעפ זיינען פול מיט מענשען!

דוראָי האָט איהר אַרומגענומען און געקוסט איהרע האָר.

מיט אָנדערטהאַלבען שטונדען שפּעטער האָט ער איהר בעגלייט צו אַ קאַרעטע און ווען ער האָט איהר אַריינגעזעצט אינערווייניג, האָט ער געזאָגט אין דער שטיל:

— דיענסטאָג אין דער זעלבער צייט.

— יאַ, דינסטאָג אין דער זעלבער צייט האָט זיא נאכגעזאָגט.

און אזוי וויא עס איז שוין געוועזן פינסטער, האָט זיא צוגעצויגען זיין קאָפּ צו זיך און האָט איהם נאָך אַ מאָל אַ קוש געטהאָן. ווען דיא קאַרעטע האָט זיך גענומען ריהרען, האָט זיא צו איהם אַ געשריי געטהאָן.

— אַדיע, בעל־אַמי!

דריי וואָכען לאַנג איז זיא נעקומען צו איהם איין מאָל אין צוויי אָדער דריי טעג, א מאָל אין דער פריה און אַ מאָל ביי נאַכט. אַ מאָל נאָכמיטאָג. ווען ער איז געזעסען ביי זיך און געוואַרט אויף איהר, האָט זיך דערהערט אויף דיא טרעפ אַ שטאַרקער ליאַרעם, און זשאָרזש איז געשווינד צוגעלאָפען צו דער טהיר:

— וואָס האָט ער זיך צושריען אַזוי, דער ממזר? האָט אויסגעשריען א בייזע מאַנסבילשע שטימע.

— דעם זשורנאליסט'ס קאָכאנקע האָט ניקאָלאַס'ן אומגעוואָרפען אויף דיא טרעפ!

דוראי איז צושראָקען אָבגעטראָטען און האָט פערשלאָסען דיא טהיר. אויף דיא לייצטע טרעפ האבען זיך דערהערט געשווינדע טריט און דאס רוישען פון אַ קלייד, און באַלד האָט פרוי דע־מאַרעל אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

— האָסטו געהערט? האָט זיא געשטאַמעלט ביים אַריינקומען.

— ניין, וואָס איז? האָט ער געפרעגט, מאַכענדיג אַ מינע, וויא ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען.

— האָסטו ניט געהערט, וויא זיי האָבען מיך בעליידיגט?

— ווער?

— דיא שופטען דארטען אונטען, האָט זיא געזאָגט.

— נאָר זאָג מיר, וואָס איז אַזוינס געשעהן?

זיא האָט זיך צוואויינט און האט ניט געקענט אויסרייערען קיין וואָרט. ער האָט איהר געמוזט צו פלעכטען דיא האר, צו שנירען דעם קאָרסעט, אַנידערלעגען אויפ'ן בעט און מיט אַ נאסען האנדטוך קיהלען איהר דיא שלייפען. זיא האט נאך אלץ געוויינט. נאָר וואס מעהר איהר אויפרעגונג איז פערשוואונדען, האָט איהר כעס אלץ מעהר אויפגעפלאמט. זיא האָט נאָר געפאָדערט פון איהם, אַז ער זאָל ארונטערגעהן און דורכפּאַטשען זיי

אָדער טוידשלאָגען.

— אָבער דאָרטען זיינען נאָר פויערים און אַרבייטער, האָט ער ניט אויפגעהערט צו ריידען. פערגעס זיך ניט, אז מיר וועלען מוזען געהן אין געריכט און דו ביזט פערלאָרען, ווען מען וועט דיך דערזעהן אָדער דערקענען, מיט אַזעלכע מענשען טאָר מען ניט אָנהויבען.

דאן איז איהר איינגעפאַלען אַ̈ן אַנדער געדאנק.

— אלזאָ וואָס וועלען מיר טהאָן? איך קען שוין מעהר אַהער ניט קומען.

— גאנץ איינפאך, איך וועל זיך פון דאנעַן ערווינציהען, האט ער געענטפערט.

— יא, אבער דאס וועט געדויערן צו לאנג, האט זיא געזאגט. נאר פלוצים האט זי געשיינט צו געפינען אַ רפואה צו דער מכה און האט געזאגט פרייליך: „הער נאר, איך ווייס שוין וואס צו טהאן. דו זאלסט זיך אום גאר ניט קימערן, איך וועל שוין אַלץ איינארדנען. מארגען ווערסטו פון מיר קריגען א בלויען בריוועל (אזוי פלעגט זי רופען די טעלעגראמען, וואס ווערען צושיקט אין פאריז אויף בלויען פאפיר)".

איצט האט זיא געלאכט מיט א גליקליכען שמייכעל פון דעם איינפאל, וואס זיא האט נאך געהאלטען אין געהיים. נאר ווען עס איז געקומען צום ארונטערגעהן פון די טרעפ, איז זי ווידער געווארען זעהר מורא'דיג, און האט זיך מיט אלע כחות אנגעשפארט אויף איהר געליעבטענ'ס ארם, ווייל דיא פיס האבען איהר וויא אבגענומען. נאר זיי האבען קיינעם ניט בעגעגענט אויף דיא טרעפ.

אויף מארגען ארום עלף א זייגער איז ער נאך געלעגען אין בעט, ווייל ער פלעגט שפעט אויפהויבען זיך פון בעט, ווען מען האט איהם ארייגעטראגען א טעלעגראמע, אין דער טעלעגראמע איז געווען געשריבען פאלגענדעס:

„מיר טרעפען זיך נאך היינט פינף א זייגער אבענדס אין דער קאנסטאנטינאפאלער גאס, נומער 127 היים מען זאל דיך אריינפיהרען אין דער וואוינונג, וואס פרוי דוראי האט געדונגען. א קוש פון קלא".

פונקט פינף א זייגער איז דוראי צוגעגאנגען צום טהיר־שליסעל פון נומער 127 וואו עס האבען זיך פערדונגען מעבלירטע צימערן, און האט געפרעגט:

— האט פרוי דוראי געדונגען דא א וואוינונג?

— יא.

— וועט איהר זיין אזוי פריינדליך און ווייזען מיר דיא וואוינונג.

דער טהיר־שליסער איז וויא עס שיינט שוין געווען געוואוינט צו אזעלכע שכנים, וויא דע מארעל, און האט געוואוסט, אז אין אזעלכע פעלע דארף מען זיין זעהר פארזיכטיג.

— זייט איהר ווירקליך הערר דוראי? האט ער געפרעגט, טאפענדיג צווישען דיא בינטלען שליסלען און קוקענדיג איהם שארף אין דיא אויגען.

— יא, געוויס, דאס בין איך, האט דוראי געענטפערט.

ערסט איצט האט ער פאר איהם געעפענט דיא טהיר פון דער וואוינונג, וואס איז בעשטאנען פון צוויי צימערן, דיא טאר

פעטען זיינען נאך געוועזן כמעט ניי, אויפ'ן באדען איז געלעגען אזא דינער טעפיך, אז מען האט געפיהלט דיא דילען ביים געהן און דאס מעבעל איז געוועזן ניט זעהר שלעכט. דאס גאנצע שלאפצימער איז געוועזן פערנומען מיט איין בעט פון איין וואנד ביז דער צווייטער וויא מען נעפינט עס אין מעבלירטע צימערן. דאס בעט איז געוועזן פערהאנגען מיט שווערע בלויע פארהאנגען און איבערן בעט איז געוועזן פערשפרייט א רויטע זיידענע דעקע.

„דאס וועט מיר קאסטען א פיינע מטבעה" האט דוראי געטראכט מיט זיך אונרוהיג און אונצופרידען „איך וועל וויעדער א מאל מוזען פאמפען געלד ביי עמיצען. וואס פאר א נארעשקייט זיא האט דא געמאכט".

אין דעם זעלבען אויגענבליק איז קלאטילדא אריינגעלאפען וויא א ווינד און האט זיך אריינגעווארפען צו איהם אין דיא ארמען. זיא איז געוועזן אויסער זיך פאר פרייד.

— איז דיא וואהנונג ניט גרויסארטיג? זאג, איז דא ניט גרויסארטיג! ניטא קיין טרעפ. גלייך אונטען, נעבען דער גאס. מיר קענען ארויס און אריין דורכ'ן פענסטער, ווען מיר ווילען זיך נישט בעגעגנען מיט'ן טהיר שליסער. אך, ווי גוט דא וועט זיין.

ער האט איהר געקוסט קאלט און ניט געוואגט ארויסצוזאגען דיא פראגע, וויאס אי איהם געלעגען אויף דער צונג.

זיא האט ארויפגעלעגט אויפ'ן טיש א דיקען פאקעט און האט פון דארטען ארויסגענ'מען א קעסטעלע זייף, א פלעשעלע פארפיום, א שוואם, א שאכטעל הארשפילקעס, א שוך־קנעפער און א ברען־אייזען. דאס ברען־אייזען האט זיא געדארפט פאר איהרע לאקען. זיא האט פאר יעדע זאך געפונען א פלאטץ און זיך דערביי שטארק אמוזירט.

— איך מוז נאך בריינגען אהער א ביסעל וועש, האט זיא געזאגט, ארויסרוקענדיג און אריינרוקענדיג דיא שופלאדען. דאס וועט זיין זעהר בעקוועם. טאמער בעפאלט מיך א מאל א רעגען, וועל איך זיך דא קענען איבערטהאן. יעדער פון אונז האט א בעזונדער שליסעל און א דריטער העגגט ביים טהיר־שליסער, אין פאל טאמער וועט איינער פון אונז פערגעסען דעם שליסעל. איך האב דיא דירה גערונגען אויף א פיערטעל יאהר, נאטירליך אויף דיין נאמען, ווייל מיינעם האב איך דאך ניט געקענט אנגעבען!

— זאג מיר, איך בעט דיך, ווען וועל איך דארפען איינצאהלען דאס דירה־געלד האט ער איהר איבערגעשלאגען.

— שוין בעצאהלט מיין געליבטער, האט זיא געענטפערט איינפאך.

— אויב אזוי בין איך דאס געלד שולדיג דיר? האט דוראי געפרעגט.

— ניין, מיין העזעלע, האט פרוי דעמארעל געענטפערט. איך נעהם דאס אין גאנצען אויף מיין קאפ.

ער האט געמאכט א מינע וויא עס וואלט איהם שטארק פערדראסען און האט געזאגט:

— ניין, איך קען דאס פאר קיין פאל

ניט דערלאזען.

זיא איז צו איהם צוגעגאנגען און האט בעטענדיג ארויפגעלייגט איהר האנד אויף זיין אקסעל.

— איך בעט דיך, זשארזש, פערשאף מיר דיזע פרייד. איך האב פיעל פערגניגען פון דעם, וואס אונזער נעסט געהערט צו מיר אליין. פאר וואס זאל דיר דאס הארען? איך וויל אויך עפעס ביטראגען צו אונזער בונד. זאג, ליעבער זשארזש, אז דו האסט געגען דעם גאר ניט.

און זיא האט איהם געבעטען מיט איהרע אויגען, מיט איהרע ליפען, מיט איהר גאנ־צען „איך" אנפאנגס האט ער זיך געלאזט בעטען און האט איהר אבגעשטופט מיט א צורייצטע מינע. דאן האט ער נאכגעגעבען, און ווען זיא איז אוועק, האט ער געריבען דיא הענד און געמורמעלט: „זיא איז ווירק־ליך א ליעבע בעשעפעניס" און ער האט זיך אפילו ניט געפרעגט, פאר וואס עפעס גראדע היינט האט ער זיך אן דעם אי־בערצייגט.

מיט א פאר טעג שפעטער האט ער פון איהר געקריגען פאלגענדע טע־לעגראמע:

„היינט ביי נאכט קומט מיין מאן צוריק פון זיין זעקס־וואכיגער אינספעקציאנס־ריי־זע, און אכט טאג לאנג וועלען מיר זיך ניט קענען זעהן, אי, וואס פאר א'ן אבקומעניס דאס איז! דיין קלא".

דוראי האט זיך דערפיהלט ווי אבגע־גאסען מיט אן עמער קאלטע וואסער. איהם איז אין גאנצען ארויס פון זינן, אז זיא איז איבערהויפט א פערהייראטעטע פרוי. אמאל האט ער זעהר גערן געוואלט בעקאנען זיך מיט איהם, אום אויסצוגעפינען, וואס פאר א סארט מענש דאס איז. איצט האט ער מיט אונגעדולד געווארט אויף זיין אבּרייזען דערווייל איז ער צוויי מאל דורך דער וואך געגאנגען אין דעם פאליע־בערזשער, און האט יעדעס מאל מיטגענומען פון דארטען מיט זיך א היים ראשעל'ן.

און עטליכע טעג ארום האט ער גע־קריגען א בלויען בריוועל, וואו עס זיינען געווען פינף ווערטער: „היינט פינף אוהר, דיין קלא".

ביידע זיינען אנגעקומען צו פריה אין זייער וואוינונג. זיא האט זיך ארויפגעוואר־פען אויף זיין האלז מיט א הייסער ליידענשאפט און האט איהם צערטליך געקוסט.

— אויב דו ווילסט, האט זיא געזאגט, קענען מיר געהן ערגעץ עסען, איך בין היינט פריי:

דוראי איז געווען זעהר געענגט אין געלד, ווייל עס איז געווען אנהויב מאנאט און ער האט שוין זיין געלד לאנג אבגעגע־מען. נאר גראדע היינט איז איהם געלונגען צו קריגען אביסעל געלד. און ער האט זיך בעפרייט, וואס ער וועט אויף איהר אויך קענען עפעס אויסגעבען.

— געוויס, טייערע, מיר וועלען געהן וואו דו ווילסט, האט ער געענטפערט.

ארום זיבען א זייגער זיינען זייא ארויס פון הויז און האבען זיך געלאזט געהן אונ־טער דיא הענד.

— דו ווייסט גאר ניט, וויא גליקליך איך פיהל זיך, האט זיא געזאגט שטיל, ווען

איך שפאר זיך אן אזוי אויף דיין ארם און פיהל דיין קערפער אזוי נאהענט צו מיר,

— זאלען מיר אריין אין דיעזען רעסטאראן? האט ער געפרעגט, ווען זיי זיינען פארביינעגאנגען א געוויסען רעסטאראן.

— ניין, ניין, דער רעסטאראן איז צו גרויסארטיג, האט זיא געענטפערט. איך וואלט וועלען געהן אין אן איינפאכען, פריוויבען רעסטאראן, וואו עס קומען אריין דיא קאמים און דיא ארביטערינען. איך האב זעהר ליעב דעם סארט רעסטאראנען, וואס זיינען האלב שיינקען און האלב רעסטאראנען.

אין דער גאנצער געגענד האבען זיי ניט געקענט געפינען אזא פלאץ. ענדליך האבען זיי אבגעזוכט א וויין־שיינק, וואו עס איז געווען א בעזונדערער צימער, אין וועלכען מען האט געקענט קריגען א מיטאג. דורך דעם פענסטער האבען זיי געקענט זעהן צוויי פראסטיטוטקעס מיט צוויי סאלדאטען, אין א ווינקעל פון דעם צימער זיינען געזעסען דריי קוטשערס און האבען געגעסען. נעבען זיי איז געזעסען נאך עפעס א מאן און האט געפיפקעט א ליולקע. זיין ראק איז געווען אויסגעשמוצט און פון זיינע קעשענעס האט ארויסגעסטארטשעט דאס האלז פון א פלאש, א שטיק ברויט און עפעס איינגעוויקעלט אין א צייטונג. זיינע האר זיינען געווען געקרייזעלט און פול מיט פעדערען און זיין היטעל איז געלעגען אונטערן שטוהל אויף דער ערד.

קלאטילדא'ס עלעגאנטע קליידער האבען איבערראשט דוא אנוועזענדע און דיא צוויי פארלעך זיינען גלייך ביי איהר אריינקומען אנשוויגען געווארען. דיא דריי קוטשערס האבען זיך אויפגעהערט צו קריגען זיך און דער מאן האט ארויסגענומען זיין פיפקע פון מויל, האט א שפיי געטאן און א ביסעל א דריי געטהאן זיך אין איהר זייט, אום צו קענען איהר בעסער זעהן.

— דא איז גרויסארטיג! האט דערמארעל א שעטפשע געטהאן. מיר וועלען זיך דא גוט אמוזירען. דאס צווייטע מאל וועל איך זיך אויך אנטהאן וויא א'ן ארבייטער מיידעל.

זיא האט זיך אנידערגעזעצט אהן א שום עקעל אדער מורא צום טיש, וועלכער האט אויסגעזעהען פון דיא פערגאסענע פעטקייט פון דיא שפייזען וויא אבגעפאלירט און האט געשיינט, אז ער ווערט נאר געוואשען פון פון דעם בראנפען און וויין, וואס מען פערגיסט איבער איהם.

דוראי האט זיך געפיהלט זעהר אונבעקועם, ער האט אומזיסט געזוכט א'ן ארט, וואו אויפצוהענגען זיין צילינדער און האט ענדליך אנידערגעשטעלט איהם נעבען זיך אויף א שטוהל. זיי האבען געגעסען בראטען פון שאפען־פלייש מיט סאלאד.

— דאס האב איך זעהר ליעב, האט זיא געזאגט איין מאל נאכ'ן צווייטע. מיין געשמאק איז זעהר א פראסטער און דא געפעלט מיר בעסער וויא אין דעם ענגלישען קאפע. אויב דו ווילסט זיין זעהר א גוטער האט זיא ווייטער געזאגט וועסטו מיט מיר היינט געהן אין א שיינק וואו מען טאנצט.

B. Y.

איך ווייס פון אזא פלאץ, וואס געפינט זיך ניט ווייט פון דאנען, דער שיינק הייסט „דיא בלאנדע קעניגין".

— מיט וועמען ביזטו געווען דארטען? האט ער געפרעגט דוראי איבערראשט.

ער האט איהר געקוקט גלייך אין געזיכט אריין, און זיא איז שטארק רויט געווארען, זיין פלעצליכע פראגע האט געשיינט צו ערוועקען אין איהר א צארטע ערינערונג. נאר א סעקונדע האט זיא געשוויגען דאן האט זיא געענטפערט:

— מיט א פריינד...

נאך א קורצען שטילשוויגען האט זיא ווייטער געזאגט:

— ער איז שוין טוידט.

זיא האט אנגענומען א טרויעריגע מינע און איהר טרויער איז געווען קיין געמאכטער.

צום ערסטען מאל האט זיך דוראי פערטראכט וועגען איהר פערגאנגענהייט. געוויס האט זיא שוין געהאט פיעל ליעבהאבערס פאר איהם, אבער וואס פאר א ליעבהאבערס זיינען דאס געווען? פון וועלכע קרייזען? און א געפיהל פון אייפערזוכט, פון האס געגען איהר האט אין איהם גענומען אויפפלאמען, א האס געגען אלץ וואס איז געווען אין איהר הארצען און איהר לעבען און וואס האט זיך נישט אנגעקערט מיט איהם.

ער האט איהר אנגעקוקט און דיא געהיימניסע, וואס איהר שעהנער קאפ האט געהאלטען פערבארגען, האבען איהם גערייצט. אפשר טראכט זיא גראדע איצט מיט הארץ-וויי־הטאג פון יענעם אנדערען אדער פון יענע אנדערע? וויא גערן ער וואלט דורכגעבלעטערט דיא פערגאנגענהייט פון דיעזער פרוי, וויא מען בלעטערט דורך אן אויפגעעפענט בוך וויסען אלץ און ערפאהרען אלץ...

— וועלען מיר געהן צו דער „בלאנדער קעניגין"? האט דע מארעל געפרעגט איהם נאך א מאל.

— געוויס, געוויס, מיין ליעבלינג, האט דוראי געענטפערט, טראכטענדיג דערביי: „צו וואס זאל איך זיך קימערען וועגען איהר פערגאנגענהייט? איך דארף צוליעב דעם נישט קריעגען קיין גרויע האר".

ווען זיי זיינען געווען אין גאס, האט זיא געזאגט צו איהם גאנץ שטיל, וויא זי וואלט וועלען מודה זיין זיך פאר איהם אין עפעס.

— דוא ווייסט ניט, ביז איצט האב איך ניט געוואגט צו זאגען דיר וויא ליעב איך האב יענע פלעצער, וואו פרויען דארפען ניט געהן. איך וועל זיך א מאל אנטהאן וויא א סטודענט און דו וועסט מיך מיטנעהמען איך זעה זעהר גוט אויס אין אזא קאסטיום.

זיא האט געשיינט אבצולעבען אין דער „בלאנדער קעניגין" און האט זיך מיט גרויס פערגניגען צוגעקוקט צו דיא טאנצענדע פראסטיטוטקעס מיט זייערע אלפאנזאס.

פון יענעם טאג אן האבען זיי זעהר אפט בעזוכט אזעלכע פלעצער, און דוראי האט זיך אלץ מעהר איבערציינגט וויא שטארק זיין געליעבטער געפעלט אזא סארט לעבען. געוויינליך פלעגט זיא מיט איהם געהן אין

אזעלכע פלעצער אין א קארטונענע קלייד־דיל מיט א מיצעל, וויא דיא דיענסט־מיידלאך טראגען אויף דער ביהנע. דאך האט זיא קיין מאל ניט געוואלט אויסטהאן איהרע בריליאנטענע אוירינגלאך, רינגען און בראסליעטען, און ווען ער פלעגט איהר בעטען זי זאל זיי ארונטערנעהמען פלעגט זיא ענטפערען.

— אה, וואס! מען וועט מאכען, אז זיי זיינען פאלשע.

זיא האט געדענקט, אז איהר פערקליידונג איז גרויסארטיג, אין אמת'ן אבער איז זי געווען ווי יענער שטרויס, וועלכער שטעקט אריין דעם קאפ אין זאמד און מיינט, אז מען זעהט איהם ניט. אנפאנגס האט זיא געבעטען דוראָי'ן אז ער זאל זיך פערקליידען וויא אן ארבייטער, נור זיא האט עס ביי איהם קיין מאל ניט געקענט פועל'ן און האט אפילו ניט געקענט אויספיהרען, אז ער זאל אומבייטען זיין צילינדער אויף א ווייכען הוט. מיט דער צייט האט איהר דאס אויך אנגעהויבען צו געפעלען ווערען. מען וועט זאגען אז א קאמער־מיידעל שפיעלט א ליעבע מיט א פראנט און זי האט דערפון געקליעבען פערגניגען. דיא גאנצע געשיכטע איז ביי איהר פארגעקומען, וויא זיא וואלט גענאשט עפעס א פערבאטענע זאך, און זיא פלעגט אבאטהעמען א ביסעל לייכטער ביים ארויסגעהן פון אזא פלאטץ, אזוי ווי זי וואלט ארונטער פון א געפאהר. נור דיעזע פערגעניגענס, וואס האבען זיך וויעדערהאלט צוויי־דריי מאל א וואך, האבען אנגעהויבען צו ווערען פאר איהם זעהר שווער. איהם האט געפעהלט שטענדיג אפילו דיא צעהן פראנק, וואס ער האט געדארפט האבען אויף דראזשקעס און אויף עסען. ער האט איצט געדארפט מעהר ציטערען איבער א גראשען, ווי דאמאלס איידער ער איז געווארען א זשורנאליסט. דיא ערשטע מאנאטען פון זיין זשורנאליסטישער קאריערע האט ער געלעבט אהן א רעכנונג, האפענדיג, אז אין גיכען וועט ער בעקומען גרויסע איינגאהמען, און ווען זיין געהאלט איז איהם געווען וועניג האט ער געבארגט און געליהען. אין דער צייטונג האט ער שוין אנגעכאפט פאר פיער מאנאט פאראויס.

סענט־פאטען צו וועלכען ער האט זיך געווענדעט נאך א ראטה, האט איהם אויך ניט געוואוסט, וואס צו ראטהען. דוראי איז געווען פערצווייפעלט פון זיין ארימקייט, ווייל איצט האט ער געהאט מעהר בעדערפניסע וויא פריהער. עס האט אין איהם געקאכט א כעס געגען דער גאנצער וועלט, און ער איז שטענדיג געווען צורייצט און האט נור געזוכט א געלעגענהייט אויף וועמען אויסצולאזען דעם כעס. צייטענווייז פלעגט ער זיך פרעגען, וויא אזוי האט ער דאס אויסגעגעבען מעהר וויא טויזענד פראנק א מאנאט, וועהרענד ער איז ניט קיין פערשווענדער. נור ווען ער פלעגט קומען צום רעכנונג, פלעגט ער אויסגעפינען, אז דער חשבון איז דא.

א מאל ווען ער האט געמוזט אבשפארען א פריהשטיק, ניט האבענדיג קיין סו אין קעשענע, האט ער געקריגען פון זיין געליעבטער א בריוועל מיט'ן פאלגענדען אינהאלט:

B. Y.

„קענען מיר היינט ניט עסען צוזאמען און דער נאך זיך אביסעל אמוזירען?“ ער האט איהר גלייך גענטפערט, אז עסען מיט איהר צוזאמען האט ער קיין צייט ניט. דאַן האט ער זיך בעטראכט. וויא נאריש דאס איז אבצוזאגען זיך אין גאנצען פון איהר גזעלשאפט, און האט צוגעשריבען: „דאך וועל איך אויף דיר ווארטען ניין א זייגער אין אונזער וואוינונג“.

אום צו פערשפארען דיא קאסטען פון א טעלעגראמע האט ער דאס בריוועל אַבגעשיקט מיט אן אינגעל און האָט אנגעהויבען צו טראכטען, וויא צו פערשאפען עפּעס פאר אַ נאכט־שפּייז. ביז זיעבען א זייגער אין אבענד האט ער נאך קיין מיטעל ניט געפונען, דאן האט ער אנגעווענדעט א פערצווייפעלטען מיטעל, ער האט אייסגעווארט ביז אלע זיינע קאלעגען זיינען אוועק פון קאנטאר און האט דאן אנגעקלונגען. דער דיענער, וואס האט געדארפט היטען דעם קאנטאר דיא גאנצע נאכט איז אריינגעקומען.

— הערט, האט ער זיך צו איהם געווענדעט, איך בין איינגעלאדען צו א דינער אין לוקסענבורג און האב פערגעסען מיין פארטמענע אין דער היים. לייט מיר דריי פראנק אויף א דראזשקע.

דער דיענער האט ארויסגענומען דריי פראנק פון קעשענע און געגעבען איהם.

— אפשר דארפט איהר מעהר, הערר דוראַי? האט דער דיענער געפרעגט.

— ניין, ניין, דאס וועט זיין גענוג, איך דאנק אייך, האט דוראַי געענטפערט.

מיט די דריי פראנק אין קעשענע איז ער אריין אין א גאר־קיך, וואו ער פלעגט עסען א מאל אין זיינע שלעכטע צייטען און מיט א שטונדע שפּעטער איז ער שוין געזעסען אין זיין וואוינונג און האט געווארט אויף זיין געליעבטע.

זיא איז אריין פריליך און ערעגט, מיט רויטע בעקלאך פון קעלט.

— אויב דו ווילסט, קום שוין אויף א שפּאציר, א זייגער עלף וועלען מיר זיין צוריק. דאס וועטער איז פראכטפאל, האט זיא געזאגט.

— צו וואס זאל מען געהן, האט ער געענטפערט מיט פערדרוס, אז דא איז גאנץ פיין.

זיא האט אפילו ניט ארונטערגענומען דעם הוט פון קאפּ און געזאגט:

— היינט איז אזא שעהנער אבענד די לבנה שיינט אזוי שעהן, עס איז א פערגניגען צו געהן שפּאַצירען.

— זעהר מעגליך, האט ער געענטפערט. נאר איך האב קיין חשק ניט.

ער האט עס געזאגט מיט כעס און דאס האט איהר אויפגעבראכט.

— מיט וואס פאר א טאן רעדסטו צו מיר! איך פערשטעה ניט, וואס אזוינס האסטו געפונען אין מיינע ווערטער, וואס דו ביזט אין כעס געווארען.

— איך בין ניט אין כעס, איז ער אויפגעשפרונגען. מיר איז לאַנגווייליג.

זיא האט געהערט צו יענע נאטורען, וועלכע ווערען נאך מעהר גערייצט פון יעדען ווידערשטאַנד און יעדער אונהעפליכקייט, און זיא האט געענטפערט מיט א קאַלטער און בייזער פעראכטונג:

B. Y.

— איך בין ניט געוואוינט, אז מען זאל צו מיר אזוי ריידען, און איך דענק אז בעסער וועט זיין, אז איך זאל געהן אליין. אדיע!

— פערצייהע, פערצייהע, האט ער געבעטען, קוסענדיג איהר דיא הענד און פיהלענדיג אז דיא געשיכטע ווערט צו ערנסט.

ער האט איהר אנידערגעזעצט אויף דער סאָפע און געשטעלט זיך פאר איהר אויף דיא קניע.

— דו ווייסט ניט, פיעל מיר קומט אויסצושטעהן אין מיין ארבייט און וויא דאס רייצט מיך אויף צייטענווייז. פערצייהע מיך, זאָג, אז דו האסט מיך פערצייהעט.

— זעהר גוט, נור זאל זיין גענוג האט זיא געענטפערט קאלט. איצט לאמיר געהן.

— איך בעט דיך, לאמיר בלייבען דא, האט ער געזאגט. איך וויל דיך האבען היינט ביי נאַכט פאר מיר אליין.

— איך וויל ניט אויסשטעהן אלע דיינע משוגעת'ן, האט זיא געזאגט רייסענדיג זיך פון איהם. אויב דו ווילסט ניט געהן, געה איך אליין.

זיא האט זיך אויסגעריסען פון זיינע הענד און איז צוגעלאפען צו דער טהיר. דוראָי איז איהר נאכגעגאנגען.

— הער מיך אויס, קלאָ, מיין קליינע קלאָ! הער מיך אויס!

זיא האט א טרייסעל געטהאן מיט'ן קאפ צום צייכען, אז זיא וויל פון קיין זאך ניט הערען און האט זיך געריסען געהן.

— איך האב אַן אורזאכע.

— דו זאגסט א ליגען, האט זיא איהם איבערגעריסען, קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען. וואס איז דיין אורזאכע?

ער איז שטארק רויט געווארען, און ניט וועלענדיג צו צוררייסען מיט איהר אין גאנצען, האט ער געזאגט מיט א פער-צווייפעלטען טאָן:

— איך האב קיין געלד ניט.

אָנפאַנגס האט זיא איהם ניט געוואלט גלויבען, נור ווען ער האט אויסגעקעהרט אלע קעשענעס און זיא האט זיך איבער־צייגט, אז ער זאגט דיא ווארהייט, איז זיא איהם ארויפגעפאַלען אויף דער ברוסט.

אָה, מיין אָרימער ליעבלינג! ווען איך וואָלט עס געוואוסט, וויא אזוי איז דאס געשעהן?

ער האט איהר דערצעהלט אַן הערצ־רייסענדע געשיכטע, וועלכע ער האט אין דער מינוט פערפאַסט, אַז זיין פאָטער איז אריין אין חובות און ער האט איהם ניט נור געמוזט אבגעבען אַלץ, וואָס ער האַט פערמאגט, זאָנדערן אריינקריכען איבער דיא אויערן אין שולדען.

— דיא קומענדע זעקס מאָנאַט וועל איך דאַרפען אויסגעהן פון הונגער.

— זאָל איך דיר לייהען געלד? האָט זיא אַ שעפּטשע געטהאָן.

— ניין, האָט ער געענטפערט מיט ווירדע. דו ביזט זעהר פריינדליך טהייערע נור דו מאַכסט מיר וועה מיט דעם.

— דו וועסט קיין מאָל ניט וויסען, ווי איך ליעב דיך, האט זיא געמורמעלט.

ביים אַוועקגעהן האָט זיא איהם גע־

פרעגט:

— וועלען מיר זיך בעגעגענען איבער־מאָרגען?

— געוויס.

— אין דער זעלבער שטונדע?

— יאָ, מיין טהייערע. האָט ער גע־זאָגט און זיא איז אוועק.

בּיים אריינגעהן אין זיין שלאף־צימער האט ער גענומען זוכען אַ שוועבעלע אין דיא קעשענעס און האט אנגעטאפּט אַ מטבעה. דאָס איז געווען אַ צוואנציג־פראַנקשטיק. אָנפאנג האט ער זיך גע־וואונדערט, מיט וועלכע נסים איז דיא מטבעה געקומען אין זיין קעשענע. נאָר באַלד האט ער פערשטאַנען, אַז דאָס האט צו איהם אַריינגעלייגט פרוי דע־מאַרעל. דאס האט איהם שרעקליך פערדראסען און בעליידיגט. וואס גיט זיא איהם? א נדבה, און ער האט הייליג געשווארען, אז ביי דער צווייטער בעגעגענים וועט ער דאס איהר צוריקגעבען.

אויף מארגען איז ער אויפגעשטאַנען זעהר שפעט. פערבייגעהענדיג אַ רעסטאָ־ראַן, האט ער דערפיהלט א שרעקליכען הונגער, נור ער איז בייגעשטאַנען דעם נסיון און איז ניט אריינגעגאנגען. נור ביי טאג האט ער עס מעהר ניט געקענט אויס־האלטען און ער האט געזאגט צו זיך: עה, דאס מאכט ניט אויס צו עסען אַן אנבּיי־סען אויף דעם געלד. דאס וועט מיר ניט שטערען צוריקגעבען איהר מאָרגען דאס געלד.

ער האט בעצאהלט פאר זיין פריה־שטאָק צוויי און א האלב פראַנק און אזוי גיך וויא ער איז געקומען אין דער רע־דאַקציאָן האט ער בעצאהלט דעם דיענער זיינע דריי פראַנק, וואס ער האט ביי איהם נעכטען גענומען. ער האט געארבייט ביז זיעבען א זייגער, דערנאך האט ער געגע־סען א מיטאג און ווען דע־מאַרעל איז גע־קומען אויף׳ן צווייטען טאג, איז פון דעם צוואנציג־פראַנק שטיק געבליעבען נאר פיער פראַנק...

„איך וועל איהר זאגען, אז איך האב דיא צוואנציג פראנק געפונען ביי מיר אין קעשענע, נאר היינט קען איך איהר ניט אבגעבען, איך וועל איהר דאס געלד צוריק־קעהרען א צווייטען מאָל“ האט ער געזאָגט צו זיך פאר איהר אריינקומען. נאר ער איז געבליבען ביים טראכטען, ער האט אפילו ניט געוואגט צו דערמאָנען איהר דערפון. זיי האבען אָבגערעדט צו זעהן זיך דיא קו־מענדע וואך מיטוואך, ווייל זיא איז געווען זעהר פערנומען מיט וויזיטען.

פון דער צייט אָן האט זיא איהם שטענדיג געגעבען געלד, און ער האט בערוהיגט זיין געוויסען מיט דעם, וואס ער פלעגט צו זיך זאגען, אז ער וועט איהר דאס געלד צוריקקעהרען מיט א מאָל, אז ער לייהט נאָר ביי איהר און ניט מעהר, און האט דערווייל געפיהרט א רעכנונג פון די אלע געלדער, וואס ער האָט ביי איהר גענומען.

אַ מאָל אין אבענד האט פרוי דע־מאַ־רעל געזאגט צו איהם:

— ווּעסטו מיר גלויבען, אז איך בין נאך קיין מאָל ניט געווען אין דיא פאָליע־בערזשער“. נעהם מיך אהין.

B. Y.

איהם האט דאס גאר ניט געשמעקט ער האט מורא געהאט פאר א בעגעגענים מיט ראַשעל. דאַן האט ער זיך בעטראכט: „איך בין ניט קיין פערהייראטער, אויב זי וועט מיך זעהען, וועט זיא מסתמא פערשטעהען און וועט זיין קלוג גענוג צו מאַכען זיך ניט זעהענדיג. אויסער דעם וועלען מיר דאך נעהמען אַ לאָזשע.

דער זאל איז געווען אין דער „פאָליע־בערזשער" איבערגעפיהלט. זיי האבען זיך קוים דורכגעשפארט צו זייערע פלעצער. פרוי דע מארעל האט גאר ניט געקוקט אויף דער ביהנע. זיא האט דיא אויגען ניט אראבגעלאזט פון דיא פרויען, וואס זיינען געגאנגען אויף און אָב. זיא האט זיך זעהר אינטערעסירט מיט זיי אונד וואלט זיי גערען אנגעריהרט, אום צו זעהען פון וואס פאר א שטאף דיעזע פרויען זיינען געמאכט. פלוצים האט זי אויסגערופען:

— אָט דארטען שטעהט א פולע ברונעטקע און לאזט פון אונז דיא אויגען ניט אראב דיא גאנצע צייט. איך דענק, אז זיא וויל צו אונז ריידען. האסטו איהר געזעהען?

— ניין, דוא האסט מסתמא א טעות׳ האט ער געענטפערט.

דאס איז געווען ניט אמת, ווייל ער האט דיא פרוי זעהר גוט בעמערקט.

דאס איז געווען ראשעל, זיא האט געקוקט מיט א פייער אין די אויגען און מיט פאַרטיגע זידלערייי אויף דיא ליפען.

דוראָי איז מיט פרוי דע מארעל דורכגעגאנגען פערביי איהר.

— גוטען אבענד! האט זיא געזאגט צו איהם זעהר שטיל, ווינקענדיג מיט דיא אויגען, וויא זאגענדיג: „איך פערשטעה".

נאר ער האט איהר ניט געענטפערט. מורא האבענדיג, אז זיין געליעבטע זאל עס ניט בעמערקען. ער איז פערבייגעגאנגען מיט א קאלטע און פעראכטליכע מינע, און דאס האט ערוועקט איהר כעס און אייפערזיכט. דיא פרוי איז זיי נאכגעגאנגען און האט געזאגט שוין מיט א העכערען טאָן:

— זשאָרש! גוטען אבענד זשאָרש!

ער האט זיך ווידער ניט אומגעקוקט, און זיא איז געבליעבען שטעהן נעבען זייער לאָזשע, ווארטענדיג אויף א גינסטיגען מאָמענט.

ווען זיא האט דערזעהען, אז פרוי דעמארעל האט איהר בעמערקט, האט זיא אנגעריהרט זשארש'ן מיט א שפּיץ פינגער ביים אַקסעל.

— גוטען אבענד! וואס מאכסטו?

נאר זשארש האט ניט אבגעקעהרט דעם קאפּ.

— ביזטו פון דאנערשטאג אָן טויב געוואַרען האט זיא ווידער געפרעגט.

זעהענדיג, אז ער ענטפערט איהר ניט האט זיא זיך שטארק צולאַכט און האט אויסגעשריען מיט כעס:

— ביזטו נאך שטום אויך דערצו? פיללייכט האלט דיא דאמע דיין צונג?

— וויא וואַגסטו צו ריידען צו מיר! האט דוראָי אויסגעשריען מיט צאָרן. געה אוועק, אז ניט וועל איך הייסען דיך ארעסטירען.

B. Y.

— האַ! אזוי איז דאס! האט זיא אויסגעשריען מיט פלאמענדע אויגען. ווען דו ביזט מיט אן אנדערע, טאָרסטו מיך ניט דערקענען. ווען דו וואלסט מיר געמאכט דעם קלענסטען צייכען, וואלט איך דיך געלאזט צורוה, נאר דיר איז אפילו ניט אנגעשטאַנען צו ענטפערען אויף מיין „גוטען אבענד”.

וועהרענד זיא האט גערעדט, האט פרוידע מאַרעל, צושראקען ביז'ן טוידט, געעפענט די טהיר פון דער לאזשע און האט געזוכט אן ארויסגאנג פון דעם טהעאטער. דוראָי האט זיך געלאזט געהן נאך איהר. זעהענדיג, אז זיי אַנטלויפען, האט ראַשעל זיי נאכגעשריען.

— האלט איהר! זי האט צוגע'גנב'עט מיין געליעבטען.

צוויי מענער האבען אנגעכאפט פרוידע מארעל ביי דיא אַקסלען, נור דוראי איז גלייך אנגעקומען און האט זיי געהייסען, זיי זאלען איהר אבלאזען. ענדליך זיינען זיי ארויס אין גאַס און האבען זיך ביידע אריינגעזעצט אין א קאַרעטע. אויפ'ן קוטשער'ס פראגע, וואוהין זאל ער זיי פיהרען, האט דוראָי געענטפערט:

— וואו איהר ווילט.

קלאָטילדא האט היסטעריש געבליפעט, און דוראי האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן און וואס צו זאגען. ענדליך האט ער ארויסגעשטאַמעלט:

— הער מיך אויס, קלאָ... מיין טהייערע־קלאָ... איך וויל דיר ערקלעהרען... דאס איז ניט מיין שולד... איך האב דיא פרוי געקענט א צייט, א צייט פרייהער...

זיא האט אויפגעהויבען דעם קאפ אונד האט אנגעהויבען צו רעדען גיך, מיט אַבגעריסענע ווערטער, מיט'ן צארן פון א געגנאַרטע פרוי:

אה, דוא נידערטרעכטיגער!... וואס פאר א שופט דוא ביזט! איז דאס מעגליך?... וואס פאר א שאנדע!... אָה, מיין גאט!... דוא האסט איהר געגעבען מיין געלד, ניט וואַהר?... איך האב איהם געגעבען געלד פיר יענער פרוי!... אָה, דער שופט!

עטליכע מינוט האט זיא געשיינט צו זוכען נאך ערגערע זידעל־ווערטער נאָר אומזיסט. פלוצים האט זיא זיך ארויסגעלעהנט פון דער קאַרעטע און האט אנגעכאפט דעם קוטשער ביים ארבעל.

— שטעה! האט זיא צו איהם אויסגעשריען, און איז ארויסגעשפרונגען.

— איך פערבאט דיר מיר נאכצוגעהן האט זיא אויסגעשריען, זעהענדיג. אז ער וויל איהר נאכשפרינגען.

זיא האט געשריען אַזוי הויך, אז דיא פערבייגעהענדע האבען זיך אבגעשטעלט און ארומגערינגעלט איהר. דוראָי איז געבליבען זיצען אין קאַרעטע, מורא האבענדיג פאַר אַ סקאַנדאל.

זיא האט ארויסגענומען איהר בייטעלע און בעקומענדיג פון דארטען צוויי מיט א האלב פראַנק, האט זיא געזאָגט אין דער הויך:

— אָט איז דאס געלד פאר דיין שטונדע, פיהר דעם שופט צו איהם א היים.

דיא ארומשטעהענדע האבען איהר אָפּ־

לאַדירט און איינער האָט געזאָגט:

— בראַוואָ קלייניקע!

און דיא קאַרטע האָט זיך געריהרט פון דעם ארט אונטער א גרויסע חוכא וטלולא פון דיא ארומשטעהענדע.

VI

אויף מארגען ווען דוראַי איז אויפגע־שטאַנען האָט ער זיך ענטשלאָסען צו קריגען געלד און ער איז אוועק צו פּאָ־רעסטיע. זיין פריינד האָט איהם עמפּפאַנ־גען ביי זיך אין קאבינעט און האָט איהם גלייך געפרעגט:

— וואָס האָט דיך געבראַכט אזוי פריה?

— זעהר אן ערנסטע זאַך. איך האָב צו בעצאָהלען אן עהרען חוב, האָט גע־זאָגט דוראַי.

— דו האָסט זיך פערשפּיעלט אין קאַרטען? האָט פּאָרעסטיע געפרעגט.

נאָך א פּאָר מינוט שווייגען האָט ער געענטפערט:

— יאָ, א חוב פון קאַרטען.

— וויא גרויס איז דער חוב?

— 500 פראַנק, האָט דוראַי געענט־פערט, נאָר אין אמת'ן האָט ער נאָר גע־דאַרפט 280 פראַנק.

— וועמען בּוזטו עס שולדיג? האָט פּאָרעסטיע געפרעגט סקעפּטיש.

— הער... הער... הערן דע קאַרנע־וויל, האָט דוראַי ארויסגעשטאַמעלט.

— און וואו וואוינט ער?

— אויף... אויף... אויף... איך האָב פערגעסען דיא גאַס.

פּאָרעסטיע האָט זיך צולאַכט.

— איך קען דעם הערן און וויים דיא גאַס. אויב דו ווילסט צוואַנציג פראַנק, וויל איך דיר געבען מעהר ניט.

דוראַי האָט גענומען דיא צוואַנציג פראַנק און איז אוועק צו זיינע איבריגע פריינד.

ביז פינף א זייגער אין אבענד האָט ער צוזאַמענגעשנאָרט 80 פראַנק, און אזוי וויא ער האָט געדאַרפט נאָך צוויי הונדערט מעהר, האָט ער דאָס געלד פערברויכט פאר זיך, זאָגענדיג:

איך וועל איהר בעצאָהלען, ווען איך וועל קענען.

צוויי וואָכען האָט ער געלעבט זעהר עקאָנאָמיש, נור ווייטער האָט ער עס ניט געקענט איבערטראָגען, און איין אבענד איז ער אוועק אין דיא „פאָליע־בערזשער" און האָט אבגעזוכט ראשעל'ן. אבער זיא זיא האָט פון איהם ניט געוואָלט וויסען. זיא האָט פאר איהם קיין אנדער נאָמען ניט געהאַט, וויא „אַלפאָנז" און זיא האָט איהם אזוי שטאַרק בעליידיגט, אז ער איז אוועק פון דעם זאַל רויט פאר שאַנדע.

פּאָרעסטיעס געזונד איז געוואָרען אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און ער האָט גע־מאַכט פאר דוראַי'ן דיא רעדאַקציאָן א גיהנם. זשאָרש פלעגט איהם ניט ענטפערן אויף זיינע גראָבהייטען, נאָר ער האָט זיך פאָרגענומען אבצורעכענען זיך מיט איהם.

„וואַרט נאָר, איך וועל דיר מאַכען אַ פּאָר שפּאָגעל נייע הערנער! האָט ער געזאָגט צו זיך.

מיט א פּאָר טעג נאָך זיין בעשלוס האָט ער געמאַכט א וויזיט צו פרוי פּאָרעסטיע.

זיא איז געזעסען אנגעשפארט אויף אַ סאָפע און האט געלעזען א בוך. ניט ריהר־רענדיג זיך פון אָרט, האט זיא צו איהם אויסגעשטרעקט איהר האַנד און האט גע־זאגט מיט אַ שמייכעל:

— גוט־מאָרגען, בעל־אמי!

— פאר וואס רופט איהר מיך מיט דעם נאָמען? האט דוראי געפרעגט.

— איך האב לעצטע וואך בעגעגענט פרוי דע מארעל, און זיא האט מיר גע־זאגט, אז ביי איהר אין הויז האט מען אייך געגעבען דעם נאמען.

ער האט זיך אנידערגעזעצט נעבען איהר און אווארף געטהאן אויף איהר א נייגעריגען בליק. פרוי פאָרעסטיע איז גע־ווען א רייצענדע בלאָנדין, שעהן און פול בעשאפען פאר לאסקעס און ער האט גע־טראכט מיט זיך: „זי איז זיכער שעהנער פון יענע". ער האט גאר ניט געצווייפעלט אז ער דארף נור אויסשטרעקען די הענד און ער וועט זאמלען פרוכטען. ווען ער האט אויף איהר א קוק געטהאן, האט זיא איהם אויסגערעדט, פאר וואס ער וויכט פון זיי.

— איך בין ניט געקומען ווייל איך האב גערעכענט, אז עס וועט זיין בעסער— האט ער געענטפערט און איבערגעהאקט זיך.

— פאר וואס? פאר ווען?

— פאר וואָס! קענט איהר ניט טרע־פען פאר וואס?

— ניין!

— ווייל איך ליעב אייך, האט ער גע־ענטפערט. ניט פיעל, נאר איך האב ניט געוואלט ליעבען אייך מעהר.

זיא האט ניט געשיינט צו זיין איבער־ראשט און ניט געשמייכעלט. זיא האט קאַלטבלוטיג א שמייכעל געטהאן און גע־ענטפערט קאַלט:

— אָה, איהר קענט דאָך קומען, קיי־נער ליעבט מיך ניט לאנג.

— פאר וואָס ניט?

— ווייל דאס איז אומזיסט, און איך זאג זיי דאס גלייך ארויס. ווען איהר וואלט עס מיר געזאגט פריהער, וואלט איך אייך נאָך פריהער געזאגט, אז איהר דארפט דערפאר קיין מורא ניט האבען. פריינד א פערליעבטער איז ניט נור נארעש זאָנדערען אויך געפעהרליך. איך רייס איבער גלייך דיא בעקאנטשאפט מיט מענשען, וואס זיינען ווירקליך פערליעבט אין מיר אדער בילדען זיך איין אז זייא זיינען פערליעבט, ערשטענס ווייל זייא לאנגווייליען מיר און צווייטענס, ווייל איך קוק אויף זיי מיט שרעק, ווי איך וואלט געקוקט אויף א משוגענעם הונד, פון וועל־כען מען קען יעדע מינוט ערווארטען אז ער וועט אויף דיך אנפאַלען. איך ווייס אז אייער ליעבע איז פיר אייך א מין אַפעטיט, וועהרענד פיר מיר איז זי אמין... אַ מין... א מין פעראייניגונג פון צוויי זעעלען. איך קוק אויף דעם וויא אויף א מעהר גייסטיגע זאך, ניט וויא איהר מע־נער. אָבער איך בעט... קוקט מיר גלייך אין געזיכט אריין...

זיא האָט מעהר ניט געשמייכעלט, איהר געזיכט איז געווארען רוהיג אונד קאלט און זי האט שארף ארויסגערעדט

יעדעס ווארט.

— איך וועל קיין מאל ניט, נעהמט איך דאס אריין אין זינען, קיין מאל ניט ווערען אייער געליעבטע. דאס וועט זיין אומזיסטע ארבייט און זאגאר שעדליך פאר אייך, אויב איהר וועט לענגער אנהאלטען אייער וואונש... אַזוי, איצט איז דיא אַפּעראציאן געענדיגט... לאמיר בלייבען פריינד, אבער אמת'ע, גוטע פריינד, אהן הינטערגעדאַנקען.

ער האט פערשטאַנען, אז זיא מיינט וואס זיא זאגט, און זיא וועט בלייבען ביי דאס איהריגע, וואס ער זאל ניט זאגען, און איהם האט געפרייט צו קריגען אַזא פריינד און ראַטהגעבער. ער האט אויס־געשטרעקט ביידע הענד, זאָגענדיג:

— איך בין אייערער און טהוט מיט מיר וואס איהר ווילט.

ער האט א קוס געטהאן איהר האנד און אויפהייבענדיג דעם קאפ האט ער געזאגט:

— ווען איך וואלט געפונען אַזאַ פרוי וויא איהר, מיט וואס פאר א פרייד וואלט איך מיט איהר חתונה געהאט.

זיא איז געווען שטארק געריהרט פון זיינע ווערטער און ארויפלעגענדיג איהר האנד צו איהם אויף'ן אַקסעל, האט זיא געזאגט אין א ווייכען טאָן.

— איך וועל מיט אייך שוין אָנהייבען צו לערנען. איהר זייט ניט דיפּלאָמאַטיש זיא האט זיך אויף א סעקונדע אבגע־שטעלט און דאַן ווייטער גערעדט. קען איך זיין אפען מיט אייך?

— געווים.

— מאכט א בעזוך צו פרוי וואָלטער איהר זייט איהר געפעלען געווארען, נור זייט זעהר פארזיכטיג מיט אייערע קאמפּ־לימענטען, וויל זיא איז טוגענדהאפט. איהר וועט דארטען מאכען א סך א בע־סערען איינדרוק ווען איהר וועט זיין פאָר־זיכטיג מיט אייערע ווערטער. איך וויים, אַז אייער שטעלונג אין דער רעדאקציאָן איז ניט זעהר קיין גוטע, נור זארגט זיך ניט וועגע. דעם. זיי בעגעהען זיך מיט אלע זייערע אנגעשטעלטע ניט בעסער.

— איך דאנק אייך, איהר זייט א מלאך, מיין מלאך הגואל, האָט ער געזאָגט.

פאַר'ן אַוועקגעהן האָט ער איהר ווי־דער געפרעגט:

— איז דאס אָבגעמאַכט? מיר בליי־בען פריינד, ניט אמת?

— יאָ.

האָבענדיג בעמערקט, וואס פאר אַן איינדרוק עס האָט אויף איהר פריהער געמאַכט זיין קאָמפּלימענט וועגען חתונה, האט ער געזאָגט:

— אויב איהר וועט ווערען אַן אלמנה זאָלט איהר וויסען, אז איך בין דער ער־סטער קאַנדידאַט אויף אייער האַנד.

דאן האט ער אין דער גיך פערלאָזען דאס צימער, אום ניט צו געבען איהר קיין צייט אין כעס צו ווערען.

דוראָי האט קיין חשק געהאַט צו מאַ־כען א וויזיט צו פרוי וואַלטער, וויל מען האָט איהם אַהין קיין מאָל ניט איינגעלאַ־דען און ער האָט ניט געוואלט פערזינדיגען זיך געגען דער עטיקעטע. דער דירעקטאָר איז געווען פריינדליך צו איהם, האט אַנער־

קענט זיין ארבייט און האט איהם אנפער־
טרויט מיט אזעלכע שליחות, וואס איז
געווען שווער אויסצופיהרען. פאר וואס
זאל ער זיך ניט בענוצען טאַקי מיט דער
פריינדליכקייט און ניט מאכען איהם א
וויזיט? ענדליך האט ער זיך אין איין שיי־
נעם טאָג, ענטשלאסען, איז אוועק אויף'ן
מאַרק. האט געקויפט 25 פראכטפאָללע
בערנעס, האט זיי אריינגעלעגט אין אַ
קערבעל אזוי אז זיי זאלען אויסזעהען, ווי
זיי קומען פון ערגעץ ווייט, און האט זיי
אוועקגעטראגען צו פרוי וואלטער'ס טהיר
און האט זיי דארטען איבערגעלאזט מיט
מיט זיין קאַרטע, אויף וועלכער ער האט
אנגעשריבען פאָלגענדעס: זשארש דוראָי
בעט פרוי וואלטער זיא זאל איהם פער־
שאפען דיא עהרע אין נעהמען דיא פרוכ־
טען וואס ער האט היינט אין דער פריה
געקראגען ציגעשיקט פון נאָרמאַנדיע".

אויף'ן צווייטען טאג האט ער געפונען
אין זיין בריעף־קעסטעל אין דער רעדאק־
ציאָן א קאָנווערט, וואו עס איז געלעגען
פרוי וואלטערס קאַרטע מיט דער אויפ־
שריפט: „פרוי וואלטער דאַנקט זעהר
הערר דוראָי. זיא איז צו הויז יעדען שבת".

דעם קומענדען שבת איז ער אוועק
צו איהר מיט א וויזיט. דער דירעקטאר
האט געוואוינט אויף'ן בולוואר מאַלעשערב
אין אן אייגענע גרויסע, דאפעלטע הויז.
דיא עמפפאַנגס־צימערען האבען זיך געפינען
אין דעם אונטערסטען עטאַזש. אין פאָר־
הויז האבען זיך געפינען צוויי דיענער, איי־
נער האט ארונטערגענומען דוראָי'ס איבער־
ראָק און דער צווייטער האט ביי איהם צו־
גענומען דעם שטעקען, דאן איז ער
אוועק און האט געמעלדעט דעם בעזו־
כער. דוראָי איז דורכגעגאנגען דורך
צוויי גרויסע זאַלען ביז ער איז אריינגע־
קומען אין א קליינעם בודואר, וואו ער
האט געטראפען פיער דאַמען אַרום א
טהעע־טיש. נישט קוקענדיג אויף דעם
וואס ער האט זיך דיא לעצטע צייט בע־
געגענט מיט פיעלע פארנעהמע פארזאָ־
נען און האט זיך בעקאַנט מיט א שטיק
לעבען, האט ער זיך דאך פערלארען ביים
אריינקומען, און האט אויסגעשטאמעלט:

— גנעדיגע פרוי, איך האב גענומען
דיא פרייהייט...

— איהר זייט זעהר פריינדליך, מיין
הערר, וואס איהר זייט געקומען בעזובען
מיר, האט פרוי וואלטער געזאגט, געבענ-
דיג איהם דיא האנד און ווייזענדיג איהם
אויף אַ שטוהל.

דיא פרויען האבען פארטגעזעצט זייער
געשפרעך. נאך געבעט זיינען אריינגעקו־
מען און ארויסגעגאנגען. דוראָי איז געזע־
סען און האָט נישט געקענט אויסריידען
קיין יווארט. פרוי וואלטער האט עס בע־
מערקט און האט איהם געפרובט אריינ־
צוציהען אין געשפרעך. נור דאס איז גע־
ווען אומזיסט.

ווען דוראָי איז אוועקגעגאַנגען, האט
איינע פון דיא פרויען געפרעגט.

— וואס פיר א זעלטזאמער יונגערמאַן
דאס איז—ווער איז ער?

— איינער פון אינזערע רעפאָרטערס,
האט געענטפערט פרוי וואלטער ער האט

B. Y.

דערוויל אַן אונבעדייטענדע שטעלע, נאָר ער וועט אין גיכען שטיינען.

דוראַי איז דערוויל פריילין נעגאַנגען איבער'ן בולוואַר, וועהרענד דיא פרויען האָבען וועגען איהם גערעדט מיט פרוי וואַלטער.

דיא קומענדע וואָך האָט מען איהם געמאַכט פאַר רעדאַקטאָר פון דיא לאָקאַלע נייעס אין דער צייטונג וואָס האָט געטראָגען דאָס קעפּיל: „אָבקלאַנגען", און ער האָט בעקומען אַן איינלאַדונג פון פרוי וואַלטער צו א דינער. ער האָט גוט פערשטאַנען, אַז אי דיא העכערונג און אי דיא איינלאַדונג קומען ביידע פון איין אָרט. ביז אהער איז דער רעדאַקטאָר פון די לאָקאַלע נייעס געוועזען זעהר אַ'ן אַנשטענדיגער מאַן, נאָר ער איז געוועזען צו עהרליך, אַז ער זאָל זיין זעהר נוציג פאַר וואַלטער'ס געשעפטען. די לאָקאַלע נייעס מוז מען קענען פערשטעהן, מען דאַרף קענען צווישען צוויי בעריכטען וועגען בעלער אריינבריינגען אַזאַ וויכטיגע נאַכריכט, וואָס ניט מעהר אַנצוהערנים וויא פערשטעהער, מען דאַרף קענען שרייבען אַזוי אַז דער לעזער זאָל קענען לייענען צווישען דיא שורות. אין דעם טהייל פון דיא לאָקאַלע נייעס דאַרף יעדער געפינען כאָטשע איין שורה, וואָס זאָל גראַדע איהם אינטערעסירען. מען דאַרף האָבען אין זינען אַלע קלאַסען און קרייזען פון פּאַריז און פון דער פּראָווינץ, מען דאַרף געדענקען דיא אַרמיע, דיא קינסטלער, דיא קלעריקאַלען, דיא פּראָפעסאָרען, דיא ריכטער און דיא פּראָסטיטוטקעס. דער מאַן וואָס שטעהט אַן דער שפּיצע פון דיעזער אַבטהיילונג אָן האט אונטער זיך דיא גאַנצע אַרמיע רעפּאָרטערס, מוז שטענדיג זיין אויף דער וואַך, טאָר קיינעם ניט גלויבען, מוז זיין פאָרזיכטיג, געריבען און פלינק, און זיין אינסטינקט מוז איהם גלייך זאָגען, וועלכע נייעס איז אַ פאַלשע, וואָס מען דאַרף פערשווייגען און וואָס מען דאַרף זאָגען, וויא אַזוי אַ געוויסע נאַכריכט וועט ווירקען אויפ'ן פּובליקום און וויא מען דאַרף איהר צונרייטען, אַז זיא זאָל האָבען צעהן מאָל אַ גרעסערע ווירקונג.

דוראַי איז געוועזען וויא געשאַפען פאַר דער שטעלע. אמת, איהם האט געפעהלט דיא פּראַקטיק פון דעם פריהערדיגען רעדאַקטאָר, נאָר דערפאַר האט ער געפיהלט מיט דער נאָז דיא געהיימע אַבזיכטען, מיט וועלכע וואַלטער האט זיך יעדען טאָג אַרומגעטראָגען און האט געוואוסט וויא אויסצונוצען זיין אַבטהיילונג אַזוי, אַז איהם זאָל דאָס נוצען.

דיא גייסטיגע פיהרער און דיא אמת'ע רעדאַקטערע פון דער צייטונג זיינען געוועזען א האַלבע טוץ דעפּוטירטע, וועלכע האבען געהאט א טהייל אין אַלע וואַלטער'ס ספּעקולאַציאָנען. אין דער דעפּוטירטען־קאַמער האט מען זיי גערופען „וואַלטער'ס באַנדע". אַלע האָבען זיי שטאַרק מקנה געוועזען, ווייל זיי האבען מיט איהם און דורך איהם געמאַכט א כך געלד. פאָרעסטיע דער פּאָליטישער רעדאַקטאָר איז געוועזען ניט מעהר וויא אַ שטרויענע פיגור. זיי האָבען דיקטירט זיינע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבען אין דער היים.

אום צו געבען דער צייטונג א געוויסע ליטערארישען אויסזעהן, האט מען געקריגען צוויי שריפטשטעלער, וועלכע זיינען געווען בעריהמט אין זייער פאך, ריוואל און נארבע דע ווארען, איינער איז געווען א פעליעטאניסט און דער צווייטער אן אויסגעצייכענטער פאעט און רעאליסטישער סקיצען-שרייבער. דיא איבריגע זיינען געווען א מישמאש פון קריטיקער איבער קונסט און מוזיק, רעפארטערס און א פאר דאמען פון דער הויכער געזעלשאפט, וואס האבען געשריעבען אונטער פסעוודאנימען. און געפיהרט פון אלע דיזע הענד, איז דאס שיפעלע פון דער צייטונג רוהיג געשוואומען אין דעם וואססער פון דער בירזשע און פאליטיק.

דוראי איז געווען אויסער זיך פאר פרייד פון זיין נייער שטעלע. זיין פרייד איז נאך גרעסער געווארען, ווען ער האט גלייך נאכדעם געקריגען א קליין קארטעל מיט דיא פאלגענדע ווערטער:

„הערר און פרוי וואלטער האפען קומענדען דאנערסטאג צו זעהן ביי זיך צו מיטאג העררן זשארוש דוראי.

דיזער נייער בעוויז פון פריינדשאפט האט איהם פול געמאכט מיט פרייד. ער איז עררעגט געווארען צו אזא שטופע, אז ער האט א קוש געטהאן דיא קארטעל, אזוי וויא עס וואלט געווען א ליעבעס-בריף. דאן איז ער אוועק צום קאסירער, אום איבערצוריידען מיט איהם וועגען געלד.

דער רעדאקטאר פון דיא לאקאלע נייעס קריעגט געוועהנליך א בעשטימטע סומע, פון וועלכע ער דארף אויסצאהלען זיינע רעפארטער. דערוויל איז בעשטימט געווארען פאר דוראי 12 הונדערט פראנק א מאנאט, און ער האט זיך פארגענומען צו בעהאלטען פאר זיך דעם גרעסטען טהייל פון דעם געלד.

ער איז אזוי צוגעשטאנען צום קאסירער אז ער האט איהם ענדליך געגעבען 400 פראנק. איין אויגענבליק האט ער געהאט בדעה צו בעצאהלען פון דעם געלד פרוי דע מארעל דיא 280 פראנק, וואס ער איז געווען שולדיג. ער האט זיך אבער באלד דערמאנט, אז אויף אזא אופן וועט איהם נאר פערבלייבען 120 פראנק און אין זיין איצטיגער שטעלונג קען ער מיט אזא סומע ניט אויסקומען. און ער האט ווידער אבגעלעגט דעם חוב אויף אן אנדערס מאל.

צוויי טעג האט איהם גענומען איידער ער האט זיך איינגעארדענט אין זיין נייען פלאץ, וויל איצט האט ער געהאט א בעזונדערן טיש. נאר ביים טיש איז מען געזעסען זעלטען, פיעל עפטער איז מען געזעסען אויף'ן טיש מיט ארונטערגעהאנגענע פיס.

דאנערסטאג ווען ער איז געווען איינגעלאדען ביי דיא וואלטערס צום מיטאג, איז ער אוועק פון דיא רעדאקציאן פריהער, אום צו קענען זיך איבערטהאן. אויף'ן וועג האט ער פלוצים אנגעטראפען א קליינע דאמע און האט אין איהר דערקענט פרוי דע מארעל. ער האט פלוצים דערפיהלט וויא זיין גאנצע בלוט האט איהם ארייגעשפארט אין געזיכט, און זיין הארץ האט אנגעהויבען שטארק צו קלאפען. ער איז אריבערגעגאנגען אויפ'ן צווייטען טראטואר

אום ער זאָל איהר קענען זעהן אין פּראָפיל. דיא איז אויך איבערגענאַנגען אויף'ן צווייטען טראָטואר און ער האָט זיך איבערצייגט, אז דאָס איז נים זיא. ער האָט לייכטער אָבגעאָטהעמט. ער האָט שוין אָפט זיך געשטעלט דיא פראגע, וויא זאָל ער זיך האלטען, ווען ער וועט איהר בעגעגנען זאָל ער איהר בעגריסען אָדער מאַכען זיך נים זעהענדיג? „איך וועל איהר נים זעהן" האָט ער ענדליך בעשלאָסען.

אין דרויסען איז געווען קאלט. דיא טראָטוארען האבען אויסגעזעהען גרוי און טרוקען אונטער דער שיין פון דיא נאַכליכטער.

„איך מוז איצט זוכען אַ אנדער וואָהנונג" האָט ער געזאָגט צו זיך, ווען ער איז געקומען אַ היים. „איצט פּאַסט נים פאר מיר אזא וואהנונג".

ער האָט זיך געפיהלט אזוי פריילעך עררעגט, אז איהם האָט געדוכט, אז ער קען פליהען איבער דיא דעכער און ער האָט נים אויפגעהערט צו ריידען צו זיך: איצט הויבט זיך אָן מיין גליק! איך מוז שרייבען אַ היים".

פון צייט צו צייט פלעגט ער שרייבען אַהיים צו זיין פאָטער. דיא בריעף האבען געבראַכט אַ גרויסע פרייד אין דעם קליינעם נאָרמאַנישען שענקעל, וואָס איז געשטאַנען ביים שליאַך. פון צייט צו צייט פלעגט ער קריגען אַ גרויסען בלויען קאָנווערט מיט גרויסע ציטערדיגע בוכשטאַבען, און יעדער פון דיזע בריעף האָט זיך שטענדיג אָנגעהויבען מיט פאָלגענדען זאַץ: „מיין ליעבער זוהן, מיר שיקען דיר דיזען בריעף, אום דוא זאָלסט וויסען, אז אתּה געהט גוט, מיר און דער מוטער. קיין נייעס איז ביי אונז נימאָ, דאָך וועט דיך אינטערעסירען...."

און טיעף, טיעף אין זיין הארצען איז ניט פערלאָשען געוואָרען דער אינטערעס צו אַלע יענע קליינע בעגעבענהייטען, וואָס פלעגען פּאָרקומען אין דאָרף צווישען זיינע שכנים. פערציהענדיג ביים שפּיגעל זיין האַלזטוך, האָט ער ווידער געזאָגט צו זיך: „מאָרגען שרייב איך דעם פאָטער; דער אַלטער וואָלט זיך געקאַטשעט אויף'ן רוקען, ווען ער זאָל זעהן, אין וואָס פאר אַ הויז מען האָט מיך היינט איינגעלאַדען". און פּלוצים איז ארויסגעשוואומען פאר זיינע אויגען די קליינע שווארצע קיך הינטער דעם פּוסטען ציטער פון שענק, און דיא געלע טעפּלאַך אויף דער וואנד האבען געבליסטשעט פאר זיינע אויגען, און ער האָט געזעהען, וויא דיא קאַץ זיצט ביים קאַמין מיט דער נאָז צום פייער, און דאָס גרויסע שיסעל זופּ וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש און ארויסגעלאָזט פון זיך אַ פּאַרע נים ווייט פון דעם קליינעם ברענענדיגען ליכטעל. ער האָט פאר זיך געזעהען דעם פאָטער און דיא מוטער, דיא צוויי אַלטע פויערים, וואָס האבען לאַנגזאַם געגעסען דעם זופּ פון שיסעל. ער האָט געקענט יעדען קנייטש אין זייער געזיכט און געוואוסט דיא בעדייטונג פון יעדען שאָקעל מיט'ן קאָפּ, וואָס זיי האבען געמאַכט. ער האָט אפילו געוואוסט, וואָס זיי האבען צווישען זיך גערעדט איצט, ווערענד ער שטעהט דאָ ביים שפּיעגעל.

„איך מח א מאל אראָבפּאחרען בעזורבען זיי“ האט ער געזאָגט צו זיך.

דערווייל איז ער פארטיג געוואָרען מיט זיין טואלעט, האָט אויסגעלאָשען דאָס ליכט און איז אַרויס אין גאָס. אויפ'ן בולוואר האָבען איהם געזוכט אָפּצוהאלטען א פּאָר דירנען, נאָר ער האָט זיך פון זיי אויסגעריסען און האָט צו זיי א געשריי געטהאן:

— געהט אייך צום שוואַרץ־יאָהר!

אנקומענדיג צו דיא וואלטערס, איז ער מיט שטאָלץ אריינגעקומען אין פּאָרצימער און האָט איבערגעגעבען זיין שטעקען און מאנטעל צו דיא צוויי לאַקייען, וואָס זיינען איהם אנטקעגען געקומען. אלע זאלען פון הויז זיינען געוועזען העל בעלויכטען. פרוי וואלטער האָט אויפגענומען דיא געסט אין דעם גרעסטען זאל. זיא האָט בעגעגענט דוראָי מיט א רייצענדען שמייכעל און ער האָט געדריקט דיא הענד צוויי מענער, וועלכע זיינען אריין באלד נאָך איהם. איינער פון זיי איז געוועזען הערר פירמען און דער צווייטער לאַראָש מאטיי. דער לעצטער איז געוועזען א גרויסער אויטאָריטעט אין דער רעדאקציאָן צוליעב דעם איינפלוס, וואָס ער האָט געהאט אויף דיא דעפּוטירטע.

באלד נאָך זיי זיינען אָנגעקומען דיא פּאָרעסטיעס. פרוי פּאָרעסטיע האָט אויסגעזעהן זעהר שעהן אין א ראָזע־קלייד, נאָר ער האָט אויסגעזעהען זעהר אויסגעמאָגערט און האָט ניט אויפגעהערט צו הוסטען.

נאָרבע דע וואָרען און זשאַק ריוואל זיינען אָנגעקומען צוזאמען. פון א זייטען טהיר איז אריינגעקומען וואלטער מיט צוויי הויכע, יונגע מיידלאַך פון א יאָהר זעכצע־זיבּעצען. איינע דיא איננסטע איז געווע א שעהנע און דיא צווייטע העסליך. דוראָי האָט גוט געוואוסט, אז וואלטער האָט קינדער, דאָך איז ער ערשטוינט געוואָרען, ווען ער האָט זיי דערזעהן. ער האָט זיך קיין מאָל ניט פּאָרגעשטעלט, אז זיי זיינען שוין אזעלכע גרויסע. מען האָט איהם זיי ביידע פאָרגעשטעלט. זיי האָבען זיך באלד ביידע אוועקגעזעצט פּאר א קליין טישעל און אָנגעהויבען אויסצונייהען.

זעהענדיג אז דוראָי בעטראַכט די ווענד האָט וואלטער געזאגט צו איהם:

— איהר בעטראַכט מיינע בילדער? וואַרט, איך וועל זיי אייך באלד ווייזען.

ער האָט גענומען א לאָמפּ און געפיהרט דוראָי'ן פון איין בילד צום צווייטען.

— פּראַכטפאָל! פּראַכטפאָל! האָט דוראָי אויסגערופען ביי יעדען בילד. פּלוצלים האָט זיך זיין קול איבערגעריסען, ער האָט דערהערט הינטער זיך פרוי דעמארעל'ס שטימע.

וואלטער האָט איהם נאָך אלץ געוויזען זיינע בילדער און געגעבען ערקלערונגען, נאָר דוראָי האָט ניט געזעהן און ניט געהערט. פרוי דע מאַרעל איז דאָ הינטער איהם — וואָס זאָל ער טהאָן? זאָל ער איהר בעגריסע און וואָס וועט זיין, אז זיא וועט זיך אומקעהרען צו איהם מיט'ן רוקען אָדער מאכען א בעליידיגענדע בעמערקונג? זאָל ער זיך מאכען ניט זעהענדיג — וואָס וועלען מענשען זאָגען? ער האָט זיך געפיהלט אזוי שלעכט, אז ער האָט זיך גע־

וואָלט מאַכען קראַנק און צוריקקעהרען זיך א היים. ענדליך האָט וואלטער נעענדיגט ווייזען איהם דיא בילדער, האָט אנידערגעשטעלט דעם לאָמפּ אויף'ן טיש און געווענדט זיך צו דיא נייע געסט. איצט האָט דוראָי אליין גענומען בעטראַכטען דיא בילדער, אזוי וויא ער וואָלט זיך פון זיי ניט געקענט אָברייסען. וואָס זאָל ער טהאָן? הינטער זיך האָט ער געהערט זייערע שטימען און געשפּרעך. פּלוצים האָט איהם פרוי פאָרעסטיע א רוף געטהאָן. זיא האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר א פריינד, וועלכער האָט געגעבען א באַל און האָט געוואָלט אז א בעשרייבונג פון דעם זאָל זיין אין דער צייטונג.

— נעווים, מאַדאַם, האָט דוראָי געשטאַמעלט.

פרוי דע מאַרעל איז געשטאַנען גראָדע הינטער איהם. ער האָט מורא געהאַט א קעהר צו טהאָן מיט'ן קאָפּ. פּלוצים האָט זיא צו זיין גרויס פערוואונדערונג אויסגערופען:

— וואָס מאַכט איהר, בעל אמי? עס שיינט, אז איהר האָט מיך שוין גאָר פערגעסען?

ער האָט זיך געשווינד א קעהר געטהאָן צו איהר אויפ'ן אָבסאַץ. זיא איז געשטאַנען אנטקעגען איהם שמייכלענדיג, איהרע אויגען האבען געקוקט שעלמיש און זיינען געווען פול מיט ליעבע. זיא האט איהם געגעבען איהר האנד און ער האט איהר גענומען זעהר ניט זיכער, מורא האבענדיג אז זיא וויל איהם עפּעס אָבטהאָן. נאָר זיא האט רוהיג ווייטער גערעדט.

— וואָס איז דער מעהר מיט אייך? מען זעהט אייך עפּעס גאָר ניט.

— איך בין זעהר בעשעפטיגט, מאַדאַם, זעהר בעשעפטיגט, האָט ער געזאָגט, נאָך אלץ ניט קומענדיג צו זיך. הערר וואַלטער האָט מיר געגעבען אן אנדער שטעלע און עס איז שווער צו ערפילען מיינע פליכטען.

זייער געשפּרעך איז איבערגעריסען געוואָרען דורך דעם אריינקומען פון א הויכע דעקאָלטירטע פרוי, מיט רויטע אָרמען, רויטע באַקען און געקליידעט אין שרייעדיגע קאָלירען. און אזוי וויא מען האָט איהר זעהר פריינדליך עמפּפאַנגען, האָט דוראָי געפרעגט ביי פרוי פאָרעסטיע, ווער זיא איז.

— גרעפין דע פערסעמור, וועלכע שרייבט אונטער דעם פּסעוודאָנים פון „פּאַט בלאַנש”.

ער האָט זיך שטאַרק פערוואונדערט און קוים איינגעהאַלטען זיך פאַר געלעכטער.

— און איך האָב געמיינט, אז זיא איז א יונגע פרוי וויא איהר. אח, וויא שיין זיא איז!

אין דיעזער מינוט האָט א דיענער געמעלדעט, אז דער טיש איז גענרויט.

ביים טיש איז דוראָי'ן אויסגעקומען צו זיצען צווישע וואַלטער'ס מאָוסע טאָכטער ראָזע און פרוי דע מאַרעל. דיא נאָהענטקייט פון פרוי דע מאַרעל האָט איהם שטאַרק בעאונרוהיגט, הגם זיא האָט אויסגעזעהען זעהר געלאַסען און האָט גערעדט אזוי פרייליך וויא שטענדיג. נאָר ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך, און איידער דער מיטאָג האָט זיך געענדיגט, איז ער געווען איבער-

ציינט, אז זייערע פערהעלטניסע וועלען זיך אָנהויבען פון דאס ניי. פון צייט צו צייט האָט ער זיך געווענדט צו וואלטער׳ס טאָכטער אויס העפליכקייט און זיא האָט געענטפערט אויף יעדע פראַגע זיינע איינפאַך און רוהיג, אזוי וויא איהר מוטער וואָלט געטהאָן. דיא גרעפין איז געזעסען נעבען וואלטער און דוראָי האט מיט א שמייכעל געפרעגט ביי פרוי דע מארעל:

— ווייסט איהר ווער איז דיא צווייטע אריסטאָקראַטקע, וואָס שרייבט אין אונזער צייטונג? זיא שרייבט זיך אונטער „דאָמינאָ ראָזאָ"?

— יאָ, געוויס, זיא איז באַראָנעסע דע ליוואַר.

— איז זיא אזוי וויא דיא גרעפין?

— ניין, נאָר זיא איז גראַדע אזוי קאָמיש. זיא איז אלט זעכציג יאָהר, טראָגט פאלשע האָאָר און פאַלשע צייהנער, האט דעם וויץ פון דעם אָנהויב פון היינטיגען יאהרהונדערט און איהרע קליידער זיינען אויך נאָך דער מאָדע פון יענער צייט.

ווען דיא געסט זיינען צוריק אריין אין זאאל, האָט זיך דוראָי געווענדעט צו פרוי דע מארעל:

— קען איך אייך בעגלייטען א היים?

— ניין.

— פאר וואָס ניט?

— ווייל מיין שכן לאראָש בעגלייט מיך שטענדיג ביז מיין טהיר, ווען איך עסס דאָ מיטאָג.

— ווען קען איך אייך נאָך א מאָל זעהן?

— קומט מאָרגען צום פריהשטיק.

זיי האָבען זיך פעראבשיעדעט, ניט ריידענדיג מעהר קיין וואָרט.

דוראָי איז דא לאַנג ניט פערבליבען. ביים ארונטערגעהען פון דיא טרעפ האָט ער בעגעגענט נאָרבע דע וואַרען, וועלכער איז אויך געגאַנגען אהיים. דער אַלטער פאָעט האט איהם גענומען אונטערן אָרם. דער אַלטער פאָעט האָט איצט מעהר קיין מורא ניט געהאט פאר איהר אלס פאר א קאָנקורענט, ווייל זייער ארבייט אין דער צייטונג האט קיין שייכות ניט געהאט איינעמס מיט׳ן צווייטענס. איצט איז ער געווען זעהר פריינדליך צו זשאָרזש׳ן.

— זאָלען מיר געהן צוזאמען?

— מיר וועט עס פערשאפען פיעל פערגניגען, האָט געענטפערט זשאָרזש.

דיא גאסען זיינען ביי נאכט במעט געווען לעדיג. אָנפאנגס האָבען ביידע געשוויגען, דאן האָט דוראָי, אום עפּעס צו זאָגען, בעמערקט:

— דער הערר לאראָש מאטיי זעהט אויס צו זיין זעהר אינטעליגענט.

— דענקט איהר אזוי? האָט דער אַלטער פאָעט א מורמעל געטהאָן.

— יאָ, איך בעטראכט איהם פאר דעם פעהיגסטען מאן אין דער דעפּוטירטען קאַמער, האָט דוראָי געזאָגט מיט פערוואונדערונג.

— זעהר מעגליך. צווישען בלינדע איז דער איין-אויגיגער א קעניג. דיעזע אַלע מענשעלאַך זיינען מיטעלמעסיגקייטען, ווייל זייער קאָפּ איז שטענדיג פערקוועטשט צווישען צוויי ווענד: געלד און פּאָליטיק—דאס

זיינען קרעטער, פאר וועלכע אונזערע מענ־
שען קענען ניט ארויסרעדען וואס אונז
ליגט אויפ'ן הארצען. עס איז שווער צו גע־
פינען א מענשען מיט א טיעפען בליק. א
מענש, וואס זאל קענען אויפטהאן עפעס
גרויסעס. איך האבט געקענט א פאאר
אזעלכע מענשען, נאר זיי זיינען
שוין טוידט. נאר וואס מאכט עס אויס
אביסעל מעהר גאונות, אביסעל וויינינער
אז אלע קומען צום זעלבען סוף.

— איהר זייט היינט ביי נאכט זעהר
שלעכט אויפגעלעגט, מיין הערה, האט גע־
זאגט דוראי מיט א שמייכעל.

— איך בין אימער אזוי, מיין קינד,
האט געענטפערט דער פאעט. איהר וועט
אויך אזוי זיין מיט א פאר יאהר שפעטער.
וועהרענד איינער דראפעט זיך אויף א ליי־
טער און ער זעהט דעם שפיץ, איז ער פול
מיט האפנונג. נאר ווען ער איז שוין צוגע־
קומען צום שפיץ, זעהט ער נאר דעם וועג
ארונטער, און דאס איז דער טוידט. דאס
ארויפדראפען זיך איז זעהר א לאנגזאמע
ארבייט, נאר דערפאר איז דאס ארונטער־
קריכען זעהר געשווינד. אין אייערע יאהרען
איז מען פרעהליך, מען האט א סך
האפנונגען, וועלכע ווערען קיין
מאל ניט ערפילט; אין מיינע יאהרען ער־
ווארטעט מען שוין קיין זאך ניט אויסער
דעם טוידט.

— אויף מיינע נאמנות, איהר ווארפט
אן אויף מיר אשוידער, האט געזאגט דוראי
און האט זיך צ לאכט.

— איהר פארשטעהט מיך ניט איצט,
נאר שפעטער וועט איהר געדיינקען מיינע
רייד. מיר אטהעמען, שלאפען, עסען, טרינ־
קען ארבייטען און שטארבען; דער סוף פון
דעם לעבען איז דער טוידט. וואס נארט
איהר? ליעבע? א פאר קוסען און איהר
קענט מעהר ניט. געלד? צו וואס? אויס־
צוגעבען עס אויף ווייבער? א פיינער פער־
גניגונגען! אבפרעסען זיך אום צו קריגע
דערפון די גירט און אבשרייען גאנצע נעכט
פאר וועהטאג! וואס נאך? רוהם? צו
וואס דארף איך עס. ווען איך קען עס
מעהר ניט אויסנוצען פאר ליעבע? און וואס
ווייטער? דער סוף איז שטענדיג דער טוידט.
דער טוידט שטעהט איצט אפט פאר מיינע
אויגען, אזוי נאהענט אז מיר ווייזט אויס,
אז איך קען איהם אוועקשטופען מיט דיא
הענד. ער ליגט צושפרייט איבער דער גאנ־
צער ערד און פילט איהר אן. צו וואס איך
ריהר זיך ניט צו, קלאפ איך זיך אן אן
איהם. דיא קליינע חיה'לעך וואס ווערען
צוטראטען אויפ'ן וועג, דיא פאלענדע בלע־
טער, די גרויע האר וואס איך ענדעקט ביי
מיין פריינד אין בארד, צורייסען מיר מיי
הארץ און שרייען צו מיר: „אט איז ער!"
ער מאכט מיר ביטער יעדע זאך, וואס איך
זעה, וואס איך עס, וואס איך טרינק און
וואס איך ליעב: דעם שטראהל פון דער
לבנה און דעם אויפגאנג פון דער זון, דאס
רוישען פון דעם ים און דאס מורמלען פון
דעם טייכעל און דיא מילדע לופט פון דעם
זומערדיגען אבענד.

— נארבע דע ווארען איז געגאנגען
ווייטער א ביסעל צוסאפענדיג. ער האט גע־
טרויסט אין דער הויך און האט כמעט פער־
געסען, אז עמיצער הערט איהם.

— קיין מאָל קעהרט זיך א ווענן ניט צוריק, קיין מאָל ניט ... דיא פאָרמען פון סטאַטוען, דיא בילדער — דיא פערבלייבען; אָבער מיין קערפּער, מיין געזיכט, מיינע געדאַנקען, מיינע ליידענשאַפטען קעהרען זיך קיין מאָל ניט צוריק. און דאָך וועלען מיליאָנען, מיליאַרדען מענשען געבאָרען ווערען, וועלכע וועלען אויך האָבען א נאָז, אויגען, א שטערן, צוויי באַקען, א מויל וויא איך, און אויך א נשמה וויא איך, אָבער איך וועל שוין מעהר ניט צוריקקעהרען. אפילו דער מינדסטער ערקענבארער טהייל פון מיר וועט שוין מעהר ניט ערשיינען צווישען דיעזע אלע מענשען, וואָס זיינען אזוי פערשיעדען איינער פון דעם צווייטען, הגם זיי שיינען עהנליך אויפ'ן ערשטען בליק. און וועמען זאָל מען זיך אָנכאַפּען אין נויט? צו וועמען זאָל מען זיך ווענדען, צו וועמען זאָל מען שרייען אין נויט? און וואָס זאָל מען גלויבען? אלע רעליגיאָנען זיינען דום מיט זייער קינדערשע מאָראַל, מיט זייערע עגאָאיסטישע פערשפּרעכונגען, וועלכע זיינען אזוי אונגעהייער נאַרעש. דער טויט אליין איז פאַר אונז געוויס.

ער איז געבליבען שטעהן, האָט אָנגענומען דוראַי פאַר ביידע קלאַפּעס און געזאָגט לאַנגזאַם:

— בעטראַכט, יונגער מאַן, אלץ, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. דענקט דערפון טעג, מאָנאַטען און יאָהרען־לאַנג, און איהר וועט אָנהויבען צו קענען אויפ'ן לעבען נאָר אַנדערש. פּרובט זיך אויפהויבען העכער פון אלץ, וואָס איז אַרום אייך- רייסט זיך אַרויס מיט איבערמענשליכער קראַפט לעבעדינערהייד פון אייער קערפּער, פון אייערע אינטערעסען, פון דיא געדאַנקען, וואָס האָבען אָנגעפילט אייער מאָרך, פון דער גאַנצער מענשהייט, אום צו קענען אַראָבקוקען אויף אַלצדינג און איהר וועט דאַן זעהן, וויא גלייכגילטיג דער גאַנצער קאַמפּף איז צווישען ראָמאַנטיקער און נאַטוראַליסטע און איבערהויפּט יעדער שטרייט אין לעבען.

איצט האָט ער אָנגעהויבען צו געהען נאָך לאַנגזאַמער.

— אָבער איהר וועט אויך פיהלען דיא שרעקליכע אַנגסט פון פערצווייפלונג, האָט ער ווייטער געזאָגט. פערלאָזענדיג און פערלאָרען וועט איהר אַרומגעהען און פּלאָגען זיך פון דער אונגעוויסהייט. איהר וועט שרייען אין אלע זייטען אום היכף, נאָר קיינער וועט אייך ניט ענטפערן. איהר וועט אויסשטרעקען די הענד נאָך ליעבע, טרייסט און רעטונג, נאָר קיינער וועט זיך ניט אָברופען. און פאַר וואָס ליידען מיר אזוי? געוויס זיינען מיר געבאָרען געוואָרען צו לעבען מעהר פיזיש, אלס גייסטיג, נאָר אונזער דענקען האָט אין אונז אַרויסגערופען א שרייענדע מיספערהעלטניס צווישען אונזער וואַקסענדע ערקענטניס און דיא בעדינגונגען פון אונזער לעבען. ניט א קוק אויף דעם בעשרענקטען מענשען, ווען עס טרעפט איהם נאָר ניט קיין גרויס אונגליק, פיהלט ער זיך דורכאויס בעפריעדיגט און איהם קומט גאָר ניט אין קאָפּ אַריין צו דיינקען וועגען דעם אלגעמיינעם שמערץ. דיא חיות זיינען אויך ווייט פון אזא

נעפּיהל.

ער איז ווידער א מאָל געבליבען שטעהן און איז א פּאָר מינוט פערזונקען געוואָרען אין זיינע געדאנקען, דאן האָט ער געזאָגט מיט א קול פו הכנעה:

— איך בין א פערלאָרענע בעשעפעניס, איך האָב ניט קיין פאָטער, קיין מוטער, קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיין פרוי און קיין גאָט.

נאָך א פּויזע האָט ער ווייטער געזאָגט:

— איך האָב נאָר דיא ריימען.

ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ צום הימעל. דיא פולע לבנה האָט אראָבגעשיינט אויף זיין געזיכט, און ער האָט דעקלאמירט דעם פאָלגענדען פערז:

דאָרט אויבען אין לעערען און ענדלאָזען ניכטס,
וואו לאנגזאם א שטערן א בלייבער פערזינקט,
דאָרט זוך איך גאנץ נוצלאָז דעם אויסדרוק, דאָס וואָרט
וואָס זאָל מיר ערקלערן דעם רעטזעל פון לעבען.

זיי זיינען איצט פערביינענגען דעם פּאַלאַץ בורבאָן, און נאָרבע דע וואָרען האָט ווידער אָנגעהויבען צו ריידען:

— האָט התונה, ליעבער פריינד, וויל איהר ווייסט ניט, וואָס עס הייסט צו בלייבען אליין אויף דער עלטער. דיא איינזאַמע אבענדען אין מיין וואהנונג נעבען פייער פון קאמין ווארפען ארויף אויף מיר א שרעקליכע מרה־שחורה. מיר קומט דאן פאָר, וויא איך וואָלט געווען איינער אליין אויף דער וועלט, שרעקליך אליין. און מיר דוכט, אז דונקעלע געפאהרען און אלערליי אונבעקאנטע און שרעקליכע זאכען רינגלען מיך ארום. דיא וואנד וואָס שיידעט מיין וואהנונג פון דעם שכנ'ס, מאכט איהם אזוי וויים פון מיר וויא פון דיא שטערען, וואָס קוקען אריין צו מיר אין פענסטער. איך פאַל דאן אריין אין א מין פיעבער, דער פיעבער פון מורא, און איך שרעק זיך דאן אפילו פאר דיא ווענד, וואָס רינגלען מיך אזוי שטום ארום. דיא שטילקייט אין דעם צימער, וואו מען לעבט אליין, איז אזוי טיעף און טרויעריג. דיא שטילקייט נעהמט ארום ניט נאָר דעם קערפּער, זאָנדערן דיא נשמה אויך. און ווען א שטיק מעבעל גיט א קריפּ, פאלט איין דיא נשמה, אזוי וועניג ערווארטעט מען דעם מינדעסטען גערויש.

נאָך א קורצען שווייגען האָט ער ווייטער געזאָגט:

— ווען מען ווערט אלט דארף זיין זעהר גוט צו האָבען קינדער.

זיי זיינען איצט צוגעקומען צו א הויכע הויז. דער פּאָעט האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט אָנגעקלונגען און א דריק געטהאָן דו־ראָי'ן אין האנד.

— פערגעסט, יונגער פריינד, דיא אונניצינע שוואצעריי פון אן אלטען מאן און לעבט וויא עס פּאסט פאר אייערע יאָהרען. אדיע!

און ער איז פערשוואונדען געוואָרען אין דעם דונקעלן קאָרידאָר.

דוראָי איז געגאנגען ווייטער, נאָר דאָס הארץ איז איהם געווען צוזאמענגעפּרעסט.

ער האט געפיהלט, וויא עמיצער וואלט איהם געוויזען א גרוב פול מיט מענשישע ביינער און שארבענס און געזאגט: „אהער וועסטו מוזען קומען!"

„צום שווארץ יאהר, האט ער א מור־מעל געטאן. זעהר ב[illegible]ך דארף דארטען ביי איהם אויבען ניט זיין".

א'ן אויגענבליק איז ער געבליעבען שטעהען אום לאָזען דורכגעהען א פערפיו־מירטע דאמע, וואס איז ערשט ארויסגע־שמיגען פון א דראָזשקע און האט זיך גע־לאָזט געהן אין הויז אריין. ער האט אָנגע־הויבען איינצואָטהמען אין זיך דיא פער־פיומירטע לופט, און זיין הארץ האט וויע־דער אָנגעהויבען צו קלאפּען מיט האָפנונג. און דער געדאנק, אז ער וועט מאָרגען ווידער זעהן פרוי דע מארעל האָט איהם געמאכט ציטערן. אלץ ארום איהם האָט געלאכט, און דאָס לעבען האָט איהם צערטליך גע־נוטען אין דיא ארמען. „אך, וויא שעהן דאָס איז, ווען אלע אונזערע האָפנונגען ווערען ערפילט."

ער איז איינגעשלאָפען וויא א פער־שיכור'טער און איז אויפגעשטאנען זעהר פריה, אום צו קענען מאכען א שפּאציר־גאנג אין דעם בולאָנער וועלדעל, איידער ער וועט געהן צו זיין געליעבטער.

דאָס וועטער איבער נאכט איז געוואָ־רען מילדער. דיא זון האט געשיינט און דער בולאָנער וועלדעל איז געווען פול מיט שפּאצירענדע. דאָ האָבען גאלאָפּירט ה[illegible]רן און דאמען — דיא רייכע פון דיעזער ערד. נאָר היינט האט ער כמעט ניט געפיהלט קיין קנאה צו זיי. ער האט זיי כמעט אלעמען געקענט מיט זייערע נעמען, האָט געוואוסט, פיעל יעדער פערמאָגט אין דיא געהיימע גע־שיכטע פון זייער לעבען. זיין פראָפע־סיאָן האט פון איהם געמאכט א מין סארט אדרעס־בוך פאר אלע פאריזער בעריהמט־היימען און סקאנדאלען. דיא פרויען זיי־נען פערביי איהם פערביינגעפאהרען שטאָלץ אין זייערע שווארצע טוכענע קליידער. זיי האָבען געהאט אויף זיך דעם אויסדרוק פון „ריהר זיך ניט אָן", וויא עס האָבען פרויען ווען זיי רייטען. און דוראי האָט יע־דע בעגלייט מיט דיא אויגען, צווינגענדיג פאר זיך אין דער שטיל דיא נעמען פון זייערע געליעבטע. איהם האט פ[illegible]רשאפט פערגניגען צו געפינען דיא געמיינהייטען פון דער מענשליכער נאטור, און ער האט כמעט אין דער הויך אויסגערופען: „איהר זייט אלע היפּאָקריטקעס. ענדליך זייגען זיי איהם נמאס געוואָרען, און ער האט זיך גענומען צו דיא מענער־רייטער. ער האט געזוכט צווישען זיי דיא יעניגע, וועגען וועל־כע מען האט דערצעהלט דיא שענדליכסטע געשיכטען. פיעלע פון זיי האט ער געקענט פאר שולערס, וואס האָבען נאָר גע־לעבט פון זייערע געווינסען אין קלוב. אנ־דערע, גאנץ בעריהמטע פערזענליכקייטען, האָבען געלעבט דורכאויס פון דעם פער־מעגען פון זייערע פרויען. אויף נאָך אנ־דערע האט מען געזאָגט, אז זיי לעבען אויף'ן געלד, וואס זייערע געליעבטע געבען זיי. אנדערע זיינען געווען אזוי אנשטענדיג, אז זיי האָבען געצאָהלט זייערע שולדען, נאָר קיינער האט געוואוסט, פון וואנען זיי האָ־

בען דאָס געלד גענומען, און דאָס אַליין איז שוין געווען פערדרעכטיג. ער האָט געזעהען פינאַנסיסטען, וואָס האָבען ערוואָרבען זייער אונגעהייערע פערמעגען דורך גנבה, און דאָך זיינען זיי געווען איינגעהער אין דיא שעהנסטע קרייזען. ער האָט געזעהען האָכגעאַכטעטע מענער, פאַר וועלכע די מאַסע האָט אַרונטערגענומען דאָס היטעל, און וועלכע האָבען דאָך אָבגעטהאָן דיא גרעסטע שווינדלען ביי גרויסע נאַציאָנאַלע אונטערנעהמונגען, וואָס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען. אַלע זיינען שטאָלץ און ווירדיג פערביינעפאָהרען, וואָרפענדיג פרעכע בליקען ארום.

דוראַי האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען, מורמלענדיג דערביי.

— גאַלע לומפען! גאַלע שווינדלער!

פּלוצים האָט זיך בעוויזען אַ נידריגע אָפענע קאַרעטע, זעהר אַ שעהנע. אין דער קאַרעטע זיינען געווען געשפּאַנט צוויי ווייסע פערדלאך. אַ שעהנע יונגע בלאָנדינקע האָט דיא פערד אָנגעטריבען. דאָס איז געווען אַ בעקאַנטע פּראָסטיטוטקע. הינטער איהר זיינען געזעסען צוויי לאַקייען

דוראַי איז געבליבען שטעהן. ער וואָלט איהר גערן צוגעווינקט אַ גערוס, דיזער רויבערין פון ליעבע, וואָס האָט זיך גראָדע איצט בעוויזען צווישען אַלע אריסטאָקראַטישע היפּאָקריטען. זיא האָט געוואָגט ארויסצושטעלען אָפען דעם פּרעכטיגען לוקסוס, וואָס איהר בעט האָט איהר פערשאַפט. אין איהם האָט זיך ערוועקט אַ דאַנקבאַרע געפיהל, און צווישען איהם און איהר איז דאָ עפּעס געמיינזאַמעס, אז זיי האָבען דעם זעלבען כאַראַקטער און דעם זעלבען ארט דענקען, און אז זיין ערפאָלג וועט אויך זיין פון אַזאַ סאָרט.

אַ צופריעדענער האָט ער זיך צוריקגעקעהרט מיט לאַנגזאַמע טריט צו דער וואוינונג פון זיין פריהערדיגער געליעבטע אַ ביסעל פריהער פון דער בעשטימטער צייט און האָט אָנגעקלונגען. זיא האָט איהם בעגעגענט מיט אָפענע אַרמען, וויא צווישען זיי וואָלט קיין זאַך ניט געשעהען. אַ פּאָר מינוט האָט זיא אין גאַנצען פערגעסען איהר שטענדיגע פאָרזיכטיגקייט ביי זיך אין הויז.

זיא האָט איהם אַ קוש געטהאָן אויף דיא געקרייזעלטע שפּיצען פון דיא וואָנסען און געזאָגט:

— דו ווייסט נאָר ניט, וואָס פאַר אַ'ן אונאַנגענעהמע זאַך האָט מיט מיר געטראָפען. איך האָב זיך אַזוי געפרייט מיט דיא קומענדע גליקליכע וואָכען, ערשט מיין מאַן האָט זיך מיישב געווען און איז אראָבגעקומען אַ היים אויף אַ וואָך זעקס. איך קען אָבער ניט לעבען גאַנצע זעקס וואָכען אָהן דיר, איבערהויפּט איצט נאָך אונזער איבערבעטונג. דאָך האָב איך דיא זאַך גאַנץ גוט איינגעאָרדענט. דו וועסט צו אונז קומען מאָנטאַג צום מיטאַג, און איך וועל דיך פאָרשטעלען פאַר איהם. איך האָב שוין מיט איהם גערעדט דערפון.

דוראַי איז געווען זעהר איבערראַשט פון דיא נייעס. איהם איז נאָך קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו זיין אין פריינדליכע פערהעלטניסע מיט אַ מאַן, וועמעס פרוי

איז געווען זיין געליעבטע. ער האט מורא געהאט, אז ער זאל זיך מיט עפעס ניט פערראטהען, מיט א בליק אדער מיט א'ן אונפארזיכטיגען ווארט.

— ניין, האט ער דאריבער געענטפערט איך וואלט בעסער וועלען ניט קענען דיין מאן.

— פאר וואס? האט זיא איהם געפרעגט פערוואונדערט, קוקענדיג אויף איהם מיט נאאיווע אויגען. וויא קאמיש! אזעלכע זאכען קומען פאר יעדען טאג. איך האב דיך קיין מאל ניט גערעכענט פאר אזא נאר.

— נו, נו, זאל זיין אזוי. איך וועל קומען מאנטאג צום מיטאג, האט ער געזאגט אביסעל אין כעס.

— אום דאס זאל זיך ניט ווארפען אין דיא אויגען, האב איך אויך איינגעלאדען דיא פארעסטיעס, צוואר איך האב זעהר פיינד צו האבען ביי זיך אזוי פיעל געסט.

דיא קומענדע טעג ביז מאנטאג האט דוראי כמעט וויא ניט געטראכט וועגען דער בעגעגעניס, וואס איהם שטעהט פאר. נאר ארויסקומענדיג מאנטאג אויף דיא טרעפ פון דע מארעל'ס הויז, האט ער זיך געפיהלט עפעס צומישט, ניט ווייל זיין געוויסען האט איהם געפייניגט, וואס ער דארף געבען דיא האנד דיעזען מאן, עסען זיין ברויט און טרינקען זיין וויין, זאנדערן ווייל ער האט מורא געהאט עפעס פאר אן אונבעקאנטע געפאהר.

מען האט איהם וויא געוואוינליך אריינגעפיהרט אין זאל, און ער האט דארטען געווארט. ענדליך האט זיך דיא טהיר געעפענט, און ער האט דערזעהען פאר זיך אן ערנסטען מאן, פון הויכען וואוקס, מיט א גרויסע בארד מיט אן ארדען אויף דער ברוסט. דער מאן איז צו איהם צוגעקומען זעהר העפליך.

— מיין פרוי האט מיט מיר פיעל גערעדט וועגען אייך, העהר דוראי, און מיך פרייהט זעהר צו בעקאנען זיך מיט אייך.

דוראי האט איהם בעגריסט און האט זיך געמארטערט אויסצוזעהען אזוי פריינדליך וויא נאר מעגליך, און האט געדריקט דעם ווירטה'ס האנד מיט איבערטריבענער העפליכקייט. דאן האבען זיי זיך ביידע אנידערגעזעצט, נאר דוראי האט ניט געוואוסט, וואס אנהויבען צו ריידען. דע מארעל האט אריינגעלעגט נאך א שטיק האלץ אין קאמין און געפרעגט.

— זייט איהר שוין לאנג זשורנאליסט?

— ניין, ערסט עטליכע מאנאטען, האט דוראי געענטפערט.

— אויב אזוי, האט איהר שנעל געמאכט אייער קאריער.

— געוויס, איך בין זעהר צופריעדען, האט דוראי געזאגט און האט גענומען ריידען וואס איהם איז איינגעפאלען אין קאפ.

איצט איז ער געווען אין גאנצען זיכער ביי זיך. דיא סיטואציאן איז איהם פארגעקומען זעהר אמוזאנט. ער האט זיך קוים געקענט איינהאלטען פון א שמייכעל, קוקענדיג אין דע־מארעל'ס ערנסטע און ווירדיגע געזיכט. ער האט זיך געפרייט, וויא

עס פריים זיך א גנב נאך א געלונגענע גנבה, ווען ער ווייסט, אז אויף איהם פאלט קיין חשד ניט. איהם האט זיך פלוצים פערוועלט בעפריינדעט צו ווערען מיט דיזען מאן, צו געווינען זיין צוטרוי, און אריינצודרינגען טיעף אין זיין הארצען.

פרוי דע־מארעל איז ענדליך אריינגעקומען, האט א ווארף געטהאן ארףביידען א געהיימניספאלען בליק און בעגריסט דר ראי, וועלכער האט ניט געוואגט אפילו א קוס טהאן איהר אין האנד אין דער געגענווארט פון דעם מאן.

זיא איז געוועז רוהיג און פרייליך, וויא א פערזאן, וואס פיהלט זיך היימיש אין יעדער סיטואציאן. לארין, וואס איז איצט אריינגעקומען, האט זיך געהאלטען אביסעל פון דערווייטענס, אזוי וויא דיא אנוועזענהייט פון דעם פאטער וואלט איהר אביסעל געדריקט.

— פאר וואס רופסטו איהם היינט ניט „בעל אמי״? האט געפרעגט די מוטער.

לארין איז שטארק רויט געווארען, אזוי וויא מען וואלט ארויסגעגעבען עפעס איהרע א געהיימניס.

ווען דיא פארעסטיעס זיינען געקומען, האבען זיך אלע דערשראקען פון שארל׳ס אויסזעהען. אין א וואך איז ער אין גאנצען איינגעפאלען און האט אויסגעזעהען כמעט וויים. ער האט ניט אויפגעהערט צו הוסטען און האט ערקלערט זיינע פריינד, אז קומענדען דאנערשטאג פאהרט ער אוועק מיט זיין פרוי פון פאריז נאך קאן, וויא דיא דאקטוירים האבען איהם געהייסען.

זיי זיינען לאנג ניט געזעסען און ווען זיי זיינען אוועקגעגאנגען, האט דוראי געזאגט שאקלענדיג מיט׳ן קאפ.

— איך וואלט ניט וועלען שטעקען אין זיין הויט, ער וועט לאנג ניט ציהען.

— עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ער שטעהט שוין מיטביידע פיס אויף יענער וועלט. זיין מזל איז, וואס ער האט חתונה געהאט גראדע מיט דער פרוי.

— זיא העלפט איהם וואהרשיינליך זעהר פיעל ! האט געפרעגט דוראי.

— זיא טהוט איינפאך אלץ. זיא ווייסט אלצדינג און קען דיא גאנצע וועלט. זיא פיהרט דורך וואס זיא וויל און וויא זיא וויל און ווען זיא וויל. אה, עס איז ניטא קיין קלינערע, געשיקטערע, אינטריגאנטערע פרוי וויא זיא. פאר א מענשען, וואס וויל שטייגען, איז זיא אווירקליכער אוצר, האט געזאגט פרוי דע־ מארעל.

— זיא וועט וואהרשיינליך באלד חתונה האבען ? האט זשארזש געפרעגט.

— איך דענק אזוי, האט געענטפערט פרוי דע־מארעל. איך גלויב אפילו, אז זיא האט שוין געווארפען א׳ן אויג אויף א געוויסע פערזאן. ער איז א דעפוטירטער... נאר איך ווייס ניט, צו ער וועט וועלען, ווייל.... ווייל.... אין וועג קען איהר שטעהן שווערע מאראלישע הינדערניסע... נאר וואס קען איך וויסען......

— דו ווייסט, אז איך האב ניט ליעב ווען דו ווארפסט אויף אזא אופן א פערדאכט אויף א בעקאנטע, האט זיך אריינגעמישט הערר דע מארעל. צו וואס זאלען מיר זיך מישען אין פרעמדע געשעפטען ? מיר דארפען האנדלען נאך אונזער געווי־

סען. מעהר ניט. עס וואָלט געווען גוט, ווען יעדער זאָל דאָס האָבען אין זינען.

דוראַי האָט זיך פעראַבשיידעט און איז אוועק. ער איז געווען עפּעס אונרוהיג און דונקעלע פּלענער האָבען זיך געפּלאָנטערט אין זיין מארך.

אויף'ן צווייטען טאָג האָט דוראַי געמאַכט א בעזוך צו דיא פאָרעסטיעס. ער האָט זיי געטראָפען ביים פּאַקען. שארל איז געלעגען אויף דער סאָפע און האָט זיך געקלאָגט, אז איהם ווערט שווער צו אָטהמען. ער האָט ניט אויפגעהערט צו מורמלען דיא פאָלגענדע ווערטער:

— איך האָב שוין מיט א מאָנאט צוריק געדארפט אָבפאָהרען.

ער האָט געגעבען דוראַי'ן פיעלע אינסטרוקציאָנען וועגען דער צייטונג, הגם אלץ איז שוין געווען אָבגערעדט מיט'ן דירעקטאָר וואלטער. פאר'ן אוועקגעהן האָט זשאָרזש הערצליך געדריקט דיא האַנד זיין פריינד און געזאָגט:

— אדיע, אלטער. צום גיבען וויעדערזעהען!

פרוי פאָרעסטיע האָט איהם בעגלייט צו דער טהיר, און דוראַי האָט צו איהר געזאָגט:

— איהר האָט דאָך ניט פערגעססען, וואָס מיר האָבען אָבגערעדט. מיר בלייבען פריינד, ניט אמת? און ווען איהר וועט מיך דארפען, וואָס עס זאָל ניט זיין, שיקט מיר א טעלעגראַמע אדער א בריעף און איך וועל שטעהען אייך צום דיענסט.

— איך דאַנק אייך, האָט זיא א מורמעל געטהאָן, איך וועל עס ניט פערגעססען און אויך איהרע אויגען האָבען איהם געשיינט צו דאַנקען מיט טיעפער זאַנפטער צערטליכקייט.

אויף דיא טרעפ האָט דוראַי בעגעגענט דעם גראַף דע וואָדרע, וועלכען ער האָט שוין א מאָל ביי איהר געטראָפען. דער גראַף האָט געשיינט צו זיין זעהר טרויעריג — פיעלייכט ווייל זיא רייזט אָב? דוראַי האָט זיך געוואָלט ווייזען פאר א וועלטמאַן און האָט איהם זעהר העפליך בעגריסט. דער גראַף האָט איהם געענטפערט אויף דער בעגריסונג גראַדע אזוי העפליך נאָר אביסעל פון אויבען אראָב.

דאָנערשטאָג אָבענד זיינען דיא פאָרעסטיעס ארויסגעפאָהרען פון פאריז.

VII.

נאָך פאָרעסטיעס אָבפאָהרען איז דוראַי'ס שטעלונג אין דער רעדאַקציאָן געוואָרען נאָך א בעסערע. ער האָט איצט אונטערגעצייכענט מיט זיין נאָמען דיא פערשיעדענע גרעסערע ארטיקלען. דאָס זעלבע האָט ער אויך געטהאָן מיט דיא לאָקאַלע נאַכריכטען, ווייל דער דירעקטאָר האָט פערלאַנגט, אז יעדער זאָל טראָגען דיא פעראַנטוואָרטליכקייט פאר זיינע ארטיקלען. ער האָט איצט גאַנץ געשיקט דורכגעקעמפּפט דיא קליינע צייטונגס קריגערייען און זיין שטעלונג * צו דיא פערשיעדענע פּאָליטיקער איז געווען אזא, אז ער האָט געקענט האָבען א האָפנונג צו ווערען מיט דער צייט איינער פון די געשיקטעסטע און שאַרפסטע פּאָליטישע רעדאַקטערע.

נאָר איין דונקעלען פּונקט האָט ער גע-

זעהען אויף זיין האריזאנט. דיעזער דונקעלער פונקט האט זיך פערקערפערט אין א קליין אפאזיציאנעלען בלאט, וועלכעס האט איהם אדער ריכטיגער געזאגט דעם רעדאקטאר פון דעם לאקאלען טהייל פון זייער צייטונג שטענדיג אנגעגריפען. דאס בלאט „דיא פעדער“ האט טאג־טעגליך פערעפענט קליינע שמוציגע זאכען, בייסיגע בעמערקונגען און אלערליי פערליימדונגען געגען איהם.

— איהר זייט עפעס צו פיעל געדולדיג, האט צו איהם א מאל געזאגט זשאק ריוואל.

— וואס זאל איך טהאן? האט זיך דוראי אנגערופען, זיי בעליידיגען דאך ניט מיך דירעקט.

אין נאכמיטאג ביי זיין אריינקומען אין דער רעדאקציאן, איז איהם באא רענארד, וועמעס שטעלע ער האט פערנומען, אנטקעגענגעקומען מיט א פרישען נומער פון „דיא פעדער“.

— נעהמט און לייענט, האט ער געזאגט. דא איז ווידער דא אן אונאנגענעהמע נאטיץ געגען אייך.

זשארזש האט גענומען דיא צייטונג און האט איבערגעלייענט דיא נאטיץ, דאס קעפיל איז געווען: „דוראי אמוזירט זיך“. און ווייטער איז געשטאנען: „דער אויסגעצייכענטער רעפארטער פון „Vie Francaise“ בעלעהרט אונז היינט, אז דער דער ארעסט פון פרוי אבער דורך א דטעג־אגענט, פון וועלכען מיר האבען געכטען געמעלדעט, איז נאר בעשאפען אין אונזער פאנטאזיע. נאר לײדער איז דער פאל ניט אזוי, דיא פערזאן וואוינט אי מאנמארטר, אין דער גאס ליעקורעל, נומער 18. מיר פערשטעהען גאנץ גוט, וואס פאר אן אינטערעס עס האבען אין דעם דיא אגענטען פון דעם באנק־הויז וואלטער צו שיצען דעם פאליציי־פרעפעקט, וועלכער קוקט דורך דיא פינגער אויף וואס זיי טהוען ניט אב. וואס אנבעטרעפט ספעציעל יענעם רעפארטער, זאל ער אונז בעסער געבען איינע פון זיינע בעריהמטע סענזאציאנעלע נאכריכטען, וויא א שטיינער צו מעלדען וועגען דעם טוידט פון א מענשען, וואס נעהמט ארום געזונד און שטארק, פון א שלאכט, וואס איז ניט געשטיגען און ניט געפלויגען, אדער דיא רעדע פון א געקרוינטען קאפ, וואס האט גאר דאס מויל ניט געעפענט, אדער איבערהויפט אזעלכע נאכריכטען, וואס בריינגען נוצען פאר הערר ו אלטער'ס געשעפטע, אדער פון א באל פון א „געוויסער“ דאמע, אדער וועגען דער פארטרעפליכקייט פון געוויסע פראדוקציאנען, וואס דינען א ם.לקערינע קיהעלע פאר איניגע פון אונזערע קאלעגען“......

דוראי איז געבליבען אהן לשון. ער האט גאר בעגריפען, אז זעהר א'ן אונאנגענאהמע זאך האט איהם געטראפען.

פון וועמען האט איהר געהאט יענע נאכריכט? האט איהם געפרעגט באא רענארד.

דוראי האט זיך פערטראכט, נאר ער האט זיך ניט געקענט דערמאנען פון וועמען. ענדליך איז איהם אייגעפאלען.

— פון טענט פאטען, האט ער גע־

זאָגט.

ער האָט נאָך א מאָל דורכגעלעזען דעם ארטיקעל אין „דער פעדער" און דאָס גאנצע בלוט איז איהם אריין אין געזיכט אריין, ווען ער האָט צוקייעט, אז מען בעשולדיגט איהם אין געהמען שוחד.

— וואָס ? האָט ער אויסגערופען. מען בעשולדיגט מיך, אז איך נעהם געצאָלט פאַר......

— געווים, האָט איהם רעגאַרד איבערגעהאַקט. דאָס איז זעהר א מאָדנע זאַך פאַר אייך, ווייל איהר ווייסט, אז דער רעקטאָר האָט זעהר פיינד אַזעלכע זאַכען.

גראָדע ביי דיא ווערטער איז אין דער רעדאַקציאָן אריינגעקומען סענט פאָטין.

— האָט איהר געלייענט דיא נאָטיץ אין „דער פעדער"? האָט איהם דוראָי געפרעגט, לויפענדיג איהם אנטקעגען.

— יאָ, איך קום איצט פון דער פרוי, האָט פאָטען געענטפערט. זיא עקזיסטירט ווירקליך, נאָר זיא איז קיין מאָל ניט ארעסטירט געוואָרען.

ערשט איצט איז דוראָי אוועק צום דירעקטאָר. ער האָט געטראָפען וואַלטערן זעהר קאַלט און מיסטרויאיש. ער האָט איהם אויסגעהערט און דאַן געזאָגט:

— געהט אַליין אריבער צו דער פרוי, און ברייגגט פון איהר אזא ענטפער, וואָס זיי זאָלען מעהר קיין מאָל ניט וואגען צו שרייבען אויף אייך אזא זאַך. איך רייד איצט פון דיא פאָלגען, וואָס זיינען גראָדע אַזוי אונאַנגענאָהם פאַר אייך וויא פאַר מיר און פאַר דער צייטונג. אויף א זשורנאַליסט מאָר אַזוי ניט פאַלען קיין פערדאַכט וויא אויף צעזאַר'ס פרוי.

דוראָי האָט זיך אריינגעזעצט אין א דראָזשקע מיט סענט פאָטין און איז אוועק געפאָהרען צו דער פרוי.

אין א גרויסען טענעמענט הויז האָבען זיי געטראָפען דיא פרוי נאָכדעם וויא זיי האָבען ארויפגעקלעטערט זעקס עטאַזשען הויך.

— וואָס ווילט איהר ווידער פון מיר? האָט דיא פרוי א געשריי געטהאָן, דערזעהענדיג נאָך א מאָל סענט פאָטען.

— דיזער הערר איז פּאָליציי אינספעקטאָר, האָט פאָטען געזאָגט, ווייזענדיג אויף דוראָי, און ער וואָלט וועלען הערען פון אייער מויל, וויא אַזוי דער טעות איז ארויסגעקומען.

— נאָך אייער אוועקגעהן זיינען דאָ געוועזען נאָך צוויי רעפּאָרטערס, נאָר איך ווייס ניט פון וועלכער צייטונג, האָט דיא פרוי געזאָגט, און דאַן האָט זיא זיך געווענדעט צו דוראָי: איהר ווילט אויך וויסען וועגען דעם?

— יאָ, האָט דוראָי געענטפערט. איז דאָס אמת, אז איהר זייט ארעסטירט געוואָרען פון א זיטען־אגענט?

— דיא גאנצע געשיכטע איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, האָט זיא געזאָגט, מאַכענדיג מיט דיא הענד אין דער לופט. דיא זאַך איז אַזוי, איך האָב א קצב, מיט'ן פלייש בין איך געוועזען צופרידען, נאָר א וואָג האָט ער געגעבען א צרה'דיגע. א לאַנגע צייט האָב איך עס איבערגעטראָגען, נאָר ענדליך האָט מיין געדולד געפּלאַצט.

מײן מאַכטער און איהר מאַן האָבען נעדאַרפט קומען צו מיר צו גאַסט און איך בין אַרונטערגעגאַנגען צום קצב און געהייסען זיך געבען צוויי פונט קאָטלעטען. ערשט איך זעה, ער גיט מיר שטײנער און בײנער. דאָס איז שוין געווען צו פיעל, און איך האָב זיך אָבגעזאָגט צו נעהמען דאָס פלייש. און שטעלט אייך פאָר, אַז ער איז נאָך אין כעס געוואָרען און האָט מיך גערופען אַלטע קאַטץ. איך האָב איהם געוויינליך ניט פערשוויעגען און געזאָגט, אַז ער איז אַן אַלטער גנב. מיר האָבען געמאַכט אַזאַ ליאַרעם, אַז מענשען זײנען זיך צונויפגעלאָפען און האָבען געקליבע נחת פון אונזער קרינעריי. ענדליך איז געקומען אַ פּאָליציסט און האָט אונז ביידען אַוועקגעפיהרט צום קאָמיסאַר, וועלכער האָט אונז באַלד אָבגעלאָזט. איצט קויף איך פלייש ביי אַן אַנדערן און געה אפילו ניט פערביי זײן טהיר אום צו פערמיידען אַ סקאַנדאַל.

— איז דאָס אַלץ? האָט דוראַי געפרעגט, ווען זיא איז אַנשווינען געוואָרען.

— דאָס איז דער ריינער אמת, ליעבער הערר, האָט זיא געזאָגט און אָנגעבאָטען איהם אַ גלעזיל ליקער, פון וועלכע ער האָט זיך מיט דאַנק אָבגעזאָגט, און זיא האָט איהם זעהר געבעטען, אַז ער זאָל אין זײן בעריכט ניט פערגעסען צו שרייבען, וואָס פאַר אַ צרה'דיגע וואָג דער קצב גיט.

קומענדיג צוריק אין דער רעדאַקציאָן, האָט דוראַי אָנגעשריעבען פאָלגענדען ענטפער:

„דער אַנאָנימער פּאַטשקון פון „דער פעדער" איז אַליין אַריינגעפאַלען אין זײן איינענע גרוב. ער בעהויפּטעט, אַז אַ זיטען אַגענט האָט אַרעסטירט דיא פרוי, איך זאָג, אַז דאָס איז אַ ליגען. איך בין אַליין פערזענליך געוועזן ביי דער פרוי, זיא איז אַ זקנה פון אַ יאָהר זעכציג. זיא האָט זיך צוקריגט מיט איהר קצב פאַר שלעכטע פלייש און דערפאַר האָט מען זיי ביידען אַרעסטירט און באַלד אַרויסגעלאָזט. דאָס איז דיא ריינע וואַרהייט. און וואָס אַנבעלאַנגט דיא איבריגע בעשולדיגונגען פון דער צייטונג, געה איך זיי איבער מיט פעראַכטונג. אויף אַזעלכע זאַכען ענטפערט מען ניט, ווען מען שרייבט זיי אָהן אַ נאָמען.

זשאָרזש דוראַי".

וואַלטער און ריוואַל האָבען געפונען אַז דער נאָטיץ איז גוט, און ער זאָל ערשיינען נאָך אין דער זעלבער נומער. דוראַי איז פריה געגאַנגען אַ היים. ער איז געווען אַביסעל אונרוהיג און עררעגט. וואָס וועלען יענע ענטפערן? ווער איז דאָס? פאַר וואָס האָט מען איהם אַזוי גראָב אָנגעגריפען? ער האָט געוואוסט, אַז דיא געשיכטע וועט זיך אַזוי גלאַט ניט ענדיגען, און איז געשלאָפען זעהר שלעכט.

אויף מאָרגען ווען ער האָט געליינט זײן נאָטיץ אין דער צייטונג, האָט ער געפונען, אַז ער איז אַביסעל צו שאַרף, אַז ער האָט איהם געקענט שרייבען אַביסעל מילדער. דעם גאַנצען טאָג האָט ער זיך געפונען אין אַ פיעבער און איז דיא צווייטע נאַכט זעהר שלעכט געשלאָפען. אויפגעשטאַנען איז ער פאַרטאָג און איז געגאַנגען קויפען אַ נומער פון „דער פע־

דער". עס איז נאָך געווען צו פריה
און דיא ציימונג האָט מען ניט גע־
קענט קריגען. דיא נאכט איז
געווען א קאַלטע, און דוראַי האָט זיך
ווידער דערמאָנט יענעם פאַרטאָג, ווען ער
איז געלאָפען קויפען דיא ציימונג, וואו
עס איז געווען געדרוקט זיין ערסטער אַרטי־
קעל. דיא הענד און דיא פיס, אַם מייסטען
דיא שפּיצען פינגער האָבען איהם געביסען
פון קעלט. ענדליך איז צו דער בודקע,
אַרום וועלכע ער איז אַרומגעגאַנגען, צוגע־
קומען דער ערסטער פּאַקעט ציימונגען. ער
האָט געקראָגען א נומער פון „דער פעדער"
און האָט גענומען זוכען זיין נאָמען. אנפאַנג
האָט ער איהם ניט געפונען און ער האָט ש׳ין
אָנגעהויבען אָבצואָטהעמען לייכטער. נאָר
פּלוצים האָט ער דערזעהען דעם ענטפער
אונטער צוויי פעטע פּאַסען:

„הער דוראַי דענאַנסירט אונז און זאָגט
דערביי א פּרעכטיגען ליגען. דאָך ניט ער ווע־
נעגסטענס צו אַז א פרוי איבער עקזיסטירט
און אַז א פּאָליציי אַגענט האָט איהר אַרעס־
טירט. ער דאַרף נאָר צוגעבען אַז דער פּאָליציי
אַגענט איז געווען א זיטען־אַגענט און דיא
זאַך איז פּאַרטיג. ליידער אָבער האָבען גע־
וויסע זשורנאַליסטען ניט מעהר געוויסען וויא
טאַלאַנט. דערמיט שרייב איך זיך אונטער.
לואי לאַנרעמאַן"

אויף׳ן וועג אַהיים האָט זשאַרוש׳ס
האַרץ געקלאַפּט זעהר שטאַרק. ער האָט
זיך אָנגעטהאָן אין דער גיך, אַליין ניט ווי־
סענדיג וואָס ער טהוט. אַזוי איצט האָט
מען איהם שוין ווירקליך בעליידיגט און אַזוי
גראָב, אַז מען קען שוין ניט צוריקטרעטען.
און פאַר וואָס ? צוליב אַן אַלטע פרוי
וואָס האָט זיך צוואוערטילט מיט איהר
קצב !

עס איז געווען ערסט אכט אַזייגער אין
דער פריה און ער איז אַוועק צום רעדאַקטאָר
וואַלטער. יענער איז שוין אויך ניט גע־
שלאָפען און האָט געהאַלטען אין לייענען
„דיא פעדער".

— איהר טאָרט איצט ניט צוריקוויי־
כען, האָט ער געזאָגט ערנסט צו דוראַי׳ן,
אַזוי גיך וויא ער האָט איהם ערבליקט.

דוראַי האָט גאָר ניט געענטפערט, און
וואַלטער האָט ווידער געזאָגט:

— זוכט גלייך אָב זשאַק ריוואַל, ער
וועט שוין וויסען, וויא צו פערטרעטען
אייערע אינטערעסען.

דוראַי האָט אַרויסגעמורמעלט א פּאָר
אונפערשטענדליכע ווערטער און איז גלייך
אַוועק צו זשאַק ריוואַל.

ריוואַל איז נאָך געשלאָפען. נאָר ביים
ערסטען קלונג איז ער אַרויסגעשפּרונגען
פון בעט. אַזוי גיך וויא ער האָט אָבגעליי־
ענט דעם נאָטיץ האָט ער געזאָגט:

— דאָס וועט שוין זיין מיין זאַך. וועמען
קלייבט איהר אויס פאַר׳ן צווייטען סע־
קונדאַנט.

— איך הויב ניט אָן צו וויסען.

— דענקט איהר ניט, אַז באָא רעגאַרד
וואָלט געטויגט ?

— זאָל זיין באָא רעגאַרד.

— קענט איהר פעכטען ?

— ניין.

— צום טייוועל ! און וויא זיים איהר
מיט׳ן פּיסטאָלעט ?

— שיסען קען איך א ביסעל.

— גוט, וועהרענד איך וועל בעזאָרגען וואָס מען דארף, זאָלט איהר א ביסעל פּראַקטיצירען. ענטשולדיגט מיר אויף א מינוט.

ער איז אריין אין צווייטען צימער און אין א קורצע צייט ארום איז ער ארויסגע־קומען עלעגאַנט געקליידעט און ראַזירט.

— קומט מיט מיר, האָט ער געזאָגט.

זשאַק ריוואַל האָט געוואָהנט אויף'ן ערשטען עטאַזש פון א קליינעם האָטעל. ער האָט דוראַי'ן אריינגעפיהרט אין א גרויסען קעלער, וואָס האָט געדיענט פאַר א סאַלאָן צום פעכטען. ער האָט אָנגעצונדען א רייהע גאַז־לעמפּעלאַך. דוראַי האָט דער־זעהען פאַר זיך א'ן אייזערנע פיגור, וואָס איז געווען געפאַרבט אין בלוי און רויט דאַן האָט ריוואַל ארויסגעלייגט אויף'ן טיש א פּאָר פּיסטאָלעטען און האָט אויסגע־שריען מיט א שאַרפער שטימע, אזוי וויא ער וואָלט זיך געפונען אויף'ן שלאַכט־פעלד:

— פאַרטיג! שיס! איינס, צוויי דריי!

דוראַי האָט געטהאָן, וואָס מען האָט איהם געהייסען, ער האָט זיך געציעלט און האָט געשאָסען. ער האָט אָפט געטראָפען דיא אייזערנע פיגור אין מיטען, ווייל ער איז געווען געוואוינט צו א פּיסטאָלעט ביי זיין פאָטער אין גאָרטען אויף פויגעלאַך.

— גוט, זעהר גוט! פאַרטרעפליך! האָט זשאַק ריוואַל געזאָגט צופריעדען.

דאַן האָט ער איהם איבערגעלאָזט אליין אין קעלער, זאָגענדיג.

— שיסט דאָ ביז מיטאָג און געוואוינט זיך צו, דאָ זיינען פּאַטראָנען און ברויכט פיעל איהר דארפט. צו מיטאָג־צייט וועל איך נאָך אייך קומען און וועל אייך איבער־געבען וואָס איך וועל אויפטהאָן.

און מיט דיא ווערטער איז ער אוועק־געגאַנגען.

בלייבענדיג אליין, האָט דוראַי נאָך א פּאָר מאָל אויסגעשאָסען און האָט זיך אני־דערגעזעצט טראַכטען. וויא קינדעריש דאָס איז נאָך אלעמען. וואָס בעווייזט א דועל? איז דען א שורקע וועניגער א שורקע נאָך א דועל? וואָס קען געווינען א'ן אנשטענ־דיגער בעלעדיגטער מאַן, ווען ער שטעלט איין זיין לעבען געגען דעם לעבען פון א לומפּ. ער האָט זיך דערמאָנט וואָס נאָרבע־דע וואַרען האָט איהם געזאָגט פון דער מענשליכער קלייניגקייט, פון זייערע בע־שרענקטע אידעען און צוקראָכענער מאָראַל. און ער האָט במעט אין דער הויך אויס־גערופען:

— ווירקליך ער איז גערעכט!

פּלוצים האָט ער דערפיהלט א דורשט. ער האָט געהערט א קאַפּען פון וואַסער. ער האָט אָבגעשטעלט א קראַן און ניט האָבענדיג קיין גלאָז האָט ער געטרונקען פון דער האַנד. נאָכ־דעם האָט ער זיך וויעדער אַניעדערגעזעצט און האָט זיך אויף דאָס נייע פערטראַכט. עס איז געווען זעהר אומעדיג אין דיזען קע־לער, טעלאַנכאָליש וויא אין א קבר. דער גערויש פון דיא רעדער איבער'ן ברוק האָט זיך דאָ געהערט וויא אן אָנקומענדער שטורם. וויא שפּעט קען איצט זיין? דיא שטונדען ציהען זיך דאָ וויא אין א געפענג־

נים, וואו קיין זאך רייסט ניט איבער דיא שטילקייט, אויסער דאס קומען און אוועקגעהן פון וועכטער, ווען ער ברענגט עסען. ער האט געווארט לאנג, זעהר לאנג. פלוצים האט ער דערהערט טריט און שטימען. און גלייך האט זיך געוויזען זשאק ריוואל צוזאמען מיט באא רענארד.

— עס געהט גוט! האט ער א געשריי געטהאן צו דוראי.

דוראי האט געמיינט, אז יענע זייט האט זיך ענטשולדיגט און עס האט זיך געענדיגט מיט א שלום. איהם איז לייכטער געווארען אויפ'ן הארצען.

— אח.... איך דאנק אייך ...

נאר דער פעליעטאניסט האט איהם איבערגעשלאגען און האט ווייטער גערעדט:

— לאנגרמאן איז אן איינגעשפארטער יונג. ער האט אנגענומען אלע אונזערע בעדינגונגען. 25 שריט ווייט. איין שאס נאך דער קאמאנדע.

ער האט אויפגעהויבען א פיסטאלעט און האט אנגעהויבען צו ערקלערען באא רענארד'ן דיא אלע הלכות פון דעם דועל.

— איצט לאמיר געהן פריהשטיקען, האט ער געזאגט, ווען ער האט געענדיגט זיין ערקלערונג. עס איז שוין נאך צוועלף.

זיי זיינען אוועק אין א נאהענטען רעסטאראן. דוראי האט גערעדט זעהר ווענינ און האט זיך געצוואונגען צו עסען, אום זיי זאלען נים דענקען, אז ער האט מורא. דאן איז ער אוועק מיט באא רענארד אין דער רעדאקציאן און האט מעכאניש און צערשטרייט געטהאן זיין ארבייט. דאך האבען אלע געפונען, אז ער האלט זיך אויסגעצייכענט. נאך מיטאג איז געקומען זשאק ריוואל, האט איהם געדריקט דיא האנד און אבגערעדט מיט איהם, אז דיא סעקונדאנטען זאלען קומען צו איהם מארגען אין דער פריה מיט א קארעטע, אום צו פאהרען מיט איהם אין וועלדיל געבען בעסינע, וואו עס האט געדארפט זיין דער דועל.

יעדע זאך איז געטהאן געווארען אזוי אונערווארטעט גאר אהן זיין ווילען, אהנע דעם אז מען זאל איהם פרעגען צו ער וויל צו ניט, אז ער איז געוועזען וויא בעטויבט, וויא מען וואלט איהם געגעבען א זעץ אין קאפ. און ער האט קוים בעגריפען, וואס מיט איהם קומט דא פאר.

ביז ניין א זייגער אין אבענד איז פון איהם ניט אבגעטראטען אויס גוט-הערציגקייט באא רענארד, דאן איז ער אוועק גלייך א היים. אזוי ניך וויא ער איז געבליבען אליין, האט ער אנגעהויבען צו געהן מיט לאנגע טריט איבער זיין צימער אויף און אב. ער איז געוועזען צופיעל צומישט. אז ער זאל קענען טראכטען וועגען עפעס. איין געדאנק איז פון איהם ניט אבגעטראטען: מארגען האט ער א דועל! דאך איז דער געדאנק אליין געוועזען פאר איהם דונקעל, ער האט דאביי נאר געפיהלט א שטארקע עררעגונג. ער איז געוועזען א סאלדאט און האט געשאסען אויף אראבער, נאר ער אליין איז געוועזען אין זעהר א קליינער געפאהר, וויל אויף די אראבער האט מען געשאסען וויא אויף ווילדע חזרים. אין אלגעמיין האט ער שטענדיג געטהאן זיין פליכט און האט געטהאן, וואס מען האט

פון איהם פערלאַננט.... מען וועט פון איהם ריידען, מען וועט איהם לויבען, וויג־שען נליק.... דאַן האָט ער נעזאָנט אין דער הויך, וויא מען רעדט, ווען מען איז שטאַרק עררענט.

— וואָס פאר א׳ן עזעל דער מענש איז!

ער האָט זיך אנידערנעזעצט און ווייטער פערטראַכט.

אויף זיין קליינעם טישעל איז נעלעגען דיא וויזיט־קאַרטע פון זיין נעננער. ריוואַל האָט איהם דיא קאַרטע נענעבען, אום ער זאָל זעהן דעם אדרעס. ער האט היינט איבערנעלייענט די קאַרטעל א מאָל צוואַנ־ציג. איצט האָט ער נעלייענט נאָך א מאָל: „לואי לאַננרמאַן 176 רוע מאַנטמאַטר“.

ער האט אויפמערקזאַם בעטראַכט דיא בוכשטאַבען. זיא האָבען נעשיינט צו ענטהאַלטען עפּעס א געהיימניספאָלען זין. לואי לאַננרמאַן! ווער איז דער מאַן? וויא אַלט איז ער? וויא הויך איז ער? וויא זעהט ער אויס?.... איז דאָס ניט שרעקליך, וואָס א ווילד פרעמדער, נאָר אונבעקאַנטער זאָל נאָר אָהן א שום גרונד מיט נעוואַלד ארייגרייסען זיך אין אונזער לעבען, און צוליעב וואָס?.... ווייל אַן אַלטע פרוי האָט זיך צוקרינט מיט איהר קצב! און ער האָט נאָך א מאָל אויסגע־שריען אין דער הויך:

— וואָס פאַר אַן עזעל!

ער איז געבליעבען זיצען שטיל, אונבע־וועגט, ניט אראָבנעהמענדיג דיא אויגען פון דער קאַרטע. א שרעקליבער כעס האָט זיך ביי איהם פלוצים אויפגעהויבען נעגנען דיעזע שטיקעל פאַפּיר. ער האָט נעכאַפּט זיין שעריל פון דיא נעגיל, אין האָט דעם שפּיץ אריינגעזעצט אין מיטען נאָמען, פּונקט וויא ער וואָלט דערמיט נעקענט דערשטעכען דעם מאַן, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען.

ער דאַרף זיך שלאָגען, אויף פּיסטאָ־לעטען. פאר וואָס האָט ער בעסער ניט אויסגעקליבען דעם דעגען? דאַן וואָלט דיא גאַנצע זאַך געענדינט זיך מיט א קליינעם קראַץ אין האַנד אָדער אויף׳ן ארם, ווע־רענד מיט א פּיסטאָלעט קען מען גאָר ניט וויסען, וואָס פאַר א סוף עס קען ארויס־קומען.

— עך, וואָס איז דאָ פאַראַן צו טראַכ־טען! מען מוז זיך האַלטען פעסט!

פון דעם קלאַנג פון זיין אייגענער שטי־מע איז ער פערציטערט נעוואָרען און ער האט זיך ארומגעקוקט ארום ציטער. ער האָט נעפיהלט, וויא ער ווערט נערוועז. ער האָט אויסגעטרונקען א גלאָז וואסער, איז אריין אין בעט און האָט אויסגעלאָשען דאָס ליכט. עס איז איהם נעוועזען זעהר הייס אויף׳ן קי־שען, כאָטשע אין צימער איז נעוועזען גאַנץ קאַלט, און ער האט ניט נעקענט איינשלאָ־פען. ער האט זיך נעוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער, איז נעלעגען עטליכע מינוט אויפ׳ן רוקען, דאַן האט ער זיך אי־בערגעקעהרט אויף דער לינקער זייט און דאַן אויף דער רעכטער. ער איז נעוואָרען דורשטיג און איז אויפגעשטאַנען פון בעט אום א טרונק צו טהאָן. פּלוצים האָט איהם אָנגעכאַפּט א שטאַרקע אונרוה.

— וואס, איך האב מורא?

— פאר וואס קלאפט זיין הארץ וויא משוגע פון יעדען געוואוינליכען גערויש אין צימער? ווען דער זייגער שלאגט, נעהמט איהם איבער א קעלט איבער דיא ביינער און ער מוז האלטען דאס מויל א פאר מינוט אפען, אום צו קענען אטהעמען. און ער פרעגט זיך ווידער א מאל דיא פראגע:

— האב איך מורא?

— ער וועט זיכער קיין מורא ניט האבען, ווייל ער איז פעסט ענטשלאסען אויף יעדע געפאהר און ער האט גענוג ווילען צו קענען זיך שלאגען און נים ציטערן. אבער ער איז געוועזען אזוי שטארק עררעגט, אז ער האט ביי זיך אלע ווייל־ע געפרעגט:

— קען מען מורא האבען געגען דעם ווילען?

און דיעזער צווייפעל, דיעזע אונרוה, דיזער שרעק האבען איהם ניט אבגעלאזט. וואס וועט זיין, ווען א מאכט, וואס איז פיעל שטארקער פון זיין אייגענעם ווילען, וועט ביי איהם אבנעהמען דיא הענד מיט דיא פיס? וואס וועט זיין? ער וועט זיכער געהן צום דועל, ווייל ער מוז געהן, ווייל ער וויל געהן, נאר וואס וועט זיין, אז ער וועט ציטערן? וואס וועט זיין, אז ער וועט פלוצים א פאל טהאן חלשות?

פלוצלונג האט ער דערפיהלט א בעדירפניס אויפצושטעהן און אנקוקען זיך אין שפיעגעל. ער האט אנגעצונדען דאס ליכט, נאר ווען ער האט זיך דערזעהען אין דעם געשליפענעם גלאז פון שפיעגעל, האט ער זיך קוים דערקענט. איהם איז פארגעקומען, אזוי וויא ער וואלט נאך ביז איצט קיין מאל ניט געזעהען זיין געזיכט. זיינע אויגען האבען איהם אויסגעוויזען זעהר גרויס און ער האט אויסגעזעהן בלייך, דא איז ניטא קיין צווייפעל, ער זעהט אויס בלייך, זעהר בלייך. פלוצים איז איהם וויא א בליץ דורכגעלאפען דורכ'ן קאפ:

— מארגען אין דער צייט וועל איך שוין זיין פיעלייכט טוידט.

און זיין הארץ האט וויעדער אנגעהויבען ווילד צו שפרינגען. ער האט זיך א דריי געטהאן צום בעט און האט זיך דערזעהן ליגען אויף דיא זעלבע קישען, וואס ער האט ערשט פערלאזען, אויסגעצויגען אויפ'ן רוקען; זיין געזיכט איינגעפאלען וויא ביי א טוידטען, זיינע הענד געל וויא וואקס. איצט איז אויף איהם אנגעפאלען א שרעק פאר זיין אייגענע בעט, און אום מעהר עס ניט אנצוקוקען, האט ער געעפענט א פענסטער און ארויסגעבויגען זיך.

אן אייזיגע קעלט האט אויף איהם א בלאז געטהאן פון קאפ ביז דיא פיס, און ער האט געמוזט אבטרעטען פון פענסטער!

איצט איז איהם איינגעפאלען דער געדאנק צו מאכען פייער. ער האט עס געטהאן לאנגזאם, ניט אבקעהרענדיג דעם קאפ. יעדעס מאל וואס זיינע הענד האבען זיך צו עפעס צוגעריהרט, האט ער אנגעהויבען צו ציטערן. אין קאפ האט ביי איהם גערוישט, אבגעריסענע געדאנקען האבען געיאגט איינער דעם צווייטען און ער האט דערפיהלט א פיזישען שמערץ. ער איז געוועזען פערשכור'ט, אזוי וויא ער וואלט געטרונקען. און ער האט אהן אויפהער זיך געפרעגט:

— וואס זאל איך טהאן? וואס וועט פון מיר ווערען?

ער האט ווידער אנגעהויבען צו געהן איבערן צימער אויף און אב, טענה'נדיג מעכאניש: „איך מוז זיין ענערגיש, זעהר ענערגיש". דא האט ער געזאגט צו זיך:

„יעדענפאלס וועל איך שרייבען צו די עלטערן".

ער האט זיך געזעטצט צום טיש און האט אנגעהויבען צו שרייבען:

„ליעבער פאפא, ליעבע מאמא"....

דאן האט ער געפונען, אז דער אנפאנג פאסט ניט פאר אזא טראגישען מאמענט, האט צוריסען דאס פאפיער און האט ווי־דער אנגעהויבען:

„ליעבער פאטער, ליעבע מוטער, היינט בעגינען האב איך א דועל און אזוי ווי דער צופאל קען ברענגען, אז...."

ער האט ווייטער ניט געוואגט צו שרייבען און איז אויפגעשפרונגען. דער געדאנק, אז ער מוז זיך שלאגען, האט איהם צושטומירט. ער קען זיך שוין ניט צוריקציהען, נאר וואס קומט מיט איהם פאר? ער וויל זיך דאך שלאגען, ער איז דאך ענטשלאסען דערצו, און טראץ דעם וואס ער ווענדט אן זיין גאנצע ענערגיע, פלאגט איהם דער געדאנק, אז ער וועט מארגען ניט האבען גענוג קראפט צו קומען אפילו צום פלאץ פון דועל.

פון צייט צו צייט האבען זיינע ציינער געקלאפט איינע אן די אנדערע און ער האט ביי זיך געפרעגט:

— איז שוין מיין געגנער ווען געוועזען אין א דועל? איז ער א גוטער שיסער? קען מען איהם אין דער געזעלשאפט? ער האט נאך זיין נאמען קיין מאל ניט געהערט. ווען ער זאל זיין ניט קיין גוטער שיסער, וואלט ער דען אהן דינגעניס איינגעגאנגען אויף דיזע געפעהרליכע וואפע?

דאן האט ער זיך גענומען פארשטעלען זייער פארנעדיגע בעגעגעניס, וויא ער וועט זיך בענעהמען און וויא זיין געגנער וועט זיך האלטען. ער האט געזוכט פארצושטעלען זיך די קלענסטע איינצעלהייטען פון דעם דועל, און פלוצים האט ער דערזעהען פאר זיך דאס קליינע שווארצע מויל פון דעם פיסטאלעט, פון וואנען דער קויל וועט אים אנטקעגען פליהען.

מיט א מאל איז ער געווארען זעהר נידערגעשלאגען. זיין גאנצער קערפער האט איהם געווארפען וויא אין קדחת. ער האט צוזאמענגעפרעסט די ציינער אום ניט אויסצושרייען. א ווילדער פערלאנג האט איהם אנגעכאפט א ווארף צו טהאן זיך אויף דער ערד און ווארפען זיך אדער צו רייסען און בייסען עפעס. ער האט דערזעהן א גלאז אויפ'ן קאמין, און פלוצים איז איהם איינגעפאלען, אז ער האט אין שראנק כמעט א גאנצען ליטער בראנפען, א דאנק זיין געוואוהנהייט וואס איז איהם פערבליבען פון זיין דיענסט אין מיליטער, צו טרינקען א גלעזעל בראנפען יעדען פריהמארגען.

ער האט א כאפ געטהאן דאס פלאש האט עס צוגעשטעלט גלייך צום מויל און אבגענומען גאר דאן, ווען איהם האט פערפעלט אטהעם. ער האט אויסגעטרונקען מעהר וויא א דריטעל, און עס האט איהם

אָנגעהויבען צו ברענען אין מאָגען. דיא היץ האָט זיך באלד אָנגעהויבען צו פערשפרייטען איבערן גאנצען קערפער. ער האָט זיך בערוהיגט, ווייל דער בראָנפען האָט איהם בעטויבט.

„דאָס איז דאָס בעסטע מיטעל“ האָט ער געזאָגט.

איהם איז איצט געוואָרען אזוי הייס, אז ער האָט ווידער געמוזט עפענען דאָס פענסטער. עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען. עס איז געווען שטיל און קאלט אויף'ן העלען הימעל האָבען דיא שטערן געשיינט לאנגזאם אבצושטארבען. די גרינע, ווייסע און רויטע סיגנאל ליכטער אויף דער ליניע פון אייזענבאהן זיינען געוואָרן בלייכער און בלייבער. דיא ערשטע לאָקאָמאָטיווען האָבען אָנגעהויבען אָנצוקוקען או מען האָט זיי צוגעשעפעט צו זייערע וואגאָנען.

„דאָס אלעס זעה איך היינט פיעלייכט צום לעצטען מאָל“ האָט דוראָי געטראכט. פיהלענדיג אז ער ווערט ווידער ווייך, האָט ער איבער זיך אָנגעטהאָן א כוח און געזאָגט:

— אך, וואָס איז דאָ פאראן צו טראכטען. מען דארף ניט קלערען. אז ניט פערלירט מען דעם מוטה.

ער האָט זיך אָנגעהויבען אָנצוטהאָן. ביים ראזירען איז איהם ווידער ניט גוט געוואָרען אויף'ן הארצען פון דעם געדאנק, אז ער זעהט אפשר היינט זיין געזיכט צום לעצטען מאָל. נאָר ער האָט גענומען נאך א זופ פון פלעשעל און האָט געענדיגט זיין טואלעט.

דיא שטונדע וואָס איז איצט פערלאָפען, ביז דיא סעקונדאנטען זיינען אָנגעקומען, איז געווען זעהר שווער איבערצוקומען. ער איז ארומגעגאנגען איבער'ן צימער אויף און אָב און האָט געזוכט צו בערוהיגען זיך. דאָך ווען מען האָט א קלאפ געטהאָן אין טהיר, האָט איהם אזוי אָנגעהויבען צו קלאפען אין הארצען, אז ער האָט זיך געמוזט אָנשפארען אָן וואנד.

„דאָס זיינען דיא סעקונדאנטען.... שוין!“

דיא סעקונדאנטען זיינען געווען איינגעהילט אין פעלצען.

— עס איז שרעקליך קאלט, האָט ריוואל געזאָגט, דריקענדיג זיין האנד. וואָס מאכט איהר?

— זעהר גוט, האָט דוראָי געענטפערט.

— זייט איהר רוהיג.

— גאנץ רוהיג.

— דאָס איז זעהר גוט. האָט איהר שוין עפעס גענעסען, געטרונקען?

— יא. איך בין אין גאנצען פארטיג.

אין קארעטע האָט אויף זיי געווארט נאך א העדר, וועלכען ריוואל האָט איהם פארגעשטעלט אלס דאָקטאָר לעברוטען. דוראָי האָט איהם א דריק געטהאָן דיא האנד און האָט א מורמעל געטהאָן:

— איך דאנק אייך זעהר.

ביים אריינזעצען זיך אין קארעטע האָט ער זיך אָנגעשטויסען אָן עפעס אַ הארטע זאך און ער איז אויפגעשפרונגען ווי א שלאנג וואָלט איהם א ביס געטהאָן. דאָס איז געווען דאָס קעסטעל מיט דיא פיסטאָלעטען. דיא גאנצע צייט פון זייער פאָהרען

האט זיך דאס געשפרעך ניט געבונדען, הגם דער דאקטאר האט דערצעהלט אטליי אנעקדאטען. דער איינציגער, וואס האט מיט איהם גערעדט, איז געווען ריוואל. דוראי האט זיך אויך געוואלט א פאר מאל אריינמישען, נאר ער האט מורא געהאט, אז מען זאל ניט דערקענען זיין אויפרעגונג. ער האט זיך אלץ דערשראקען, אז ער זאל ניט אנהויבען צו ציטערען. די קארטע איז באלד ארויס אין פרייען פעלד. עס איז געווען א זייגער ניין. די ביימער זיינען געווען בעדעקט מיט אייז, די לופט איז געווען טרוקען, אונטער די רעדער האט געסקריפעט. דער בלויער הימעל האט געפינקעלט ווי א שפיגעל, און די זונן האט געווארפען אויף דער פערפרארענער ערד שטראהלען, וואס האבען ניט געקענט ווארעמען.

— איך האב מיטגעבראכט פיסטאלען, האט געזאגט ריוואל, נאר איך וויים ניט, צו מיר וועלען זיי בענוצען, ווייל דער גורל קען נאך אויספאלען, אז מיר זאלען ברויכען דעם געגנער'ס פיסטאלען.

— איך דאנק אייך, האט דוראי געזאגט מעכאניש.

דאן האט ריוואל איהם אנגעהויבען צו ערקלערען יעדע איינצעלהייט, וויא צו האנדלען, ווייל ער האט געוואלט, אז זיין פריינד זאל קיין פעהלער ניט מאכען.

— ווען איך וועל זאגען: פייער! זאלט איהר אויפהויבען דעם ארם.

דוראי האט עס אריינגענומען אין זינען און האט דאביי געטראכט:

„ווען די קארטע זאל זיך איצט איבערקעהרען, וואלט נאך אלץ געווען גוט".

וויא גערן וואלט ער איהר איצט איבערגעקעהרט, וויא גערן וואלט ער דאביי צובראכען זיך א פוס!

איצט האט ער דערזעהן אויף א פרייען פלאץ אין וועלדיל א צווייטע קארטע און פיער הערען, וועלכע האבען ארומגעשפרונגען, אום צו דערווארעמען די פיס. ער האט געמוזט אויפעפענען דאס מויל, אזוי שווער איז איהם געווארען צו אטהעמען.

פון קארטע זיינע פריהער ארויסגעשטיגען די סעקונדאנטען, דאן דוראי מיט'ן דאקטאר. ריוואל האט מיט זיך גענומען דאס קעסטעלע מיט די פיסטאלעטען און איז מיט באא רענארד געגאנגען פארווערטס: צוויי פערזאן פון דער צווייטער פארטיע האבען זיך אבגעטהיילט פון די אנדערע און זיינען די צוויי אנטקעגענגעקומען. דוראי האט געזעהען, וויא זיי האבען זיך בעגריסט און האבען אנגעהויבען צו זוכען אויף דער ערד, וויא זיי וואלטען עפעס פערלארען. דאן האבען זיי געצעהלט די טריט און האבען מיט גרויסע מאטערנים אריינגעשטעקט צוויי שטעקענס אין דער פערפרארענער ערד. דאן האבען זיי געווארפען גורל.

— פיהלט איהר זיך גוט? האט איהר עפעס א וואונש? האט זיך דער דאקטאר געווענדעט צו דוראי'ן.

— ניין, איך דאנק אייך.

איהם האט געשיינט, אזוי וויא ער נעהמט אראב פון זינען, אזוי וויא ער שלאפט

און חכום׳ט, אזוי וויא עפּעס אַן אונאַטירליבע שוואַכקייט איז אויף איהם אָנגעפאַלען. האט ער מורא? פיעלייכט. ער האט עס ניט געוואוסט. יעדע זאך ארום איהם האט געקריענען גאָר אַן אנדער אויסזעהן.

— פּארטיג, האט ריוואל געזאָגט, צורקומענדיג צו איהם זעהר צופריעדען. דער גורל איז אויסגעפאַלען גוט, מיר נעהמען אונזערע פּיסטאָלען.

דוראַי איז געווען גלייכגילטיג דערצו.

מען האַט איהם אויסגעטהאָן דעם מאַנטעל און ער האַט זיך געלאָזט. מען האט איהם בעטאַפּט זיין פּראַס, צו ער האָט ניט ביי זיך עפּעס פּאַפּירען אָדער א פּאָרטמנע, וואָס קען איהם שיצען פון א קויל. נאָר ער האָט געהאַלטען אין איין ריידען צו זיך, אזוי וויא ער וואָלט מתפלל געווען: „אז מען וועט זאָגען: „פייער! דאַרף איך אויפהויבען דעם אָרם“.

איצט האָט מען איהם צוגעפיהרט צו איינעם פון דיא שטעקענס, וואָס מען האַט אַריינגעשטעקט אין דער ערד און מען האַט איהם אַריינגעשטעקט אין דער האַנד א פּיסטאָלעט. דאָ האַט ער דערזעהן פאַר זיך א קליינעם, קייכעדיגען, פּליכעוואַטען מענשען מיט ברילען אויף דער נאָס. דאָס איז געווען זיין געגנער. דאָס האַט ער גלייך בעמערקט, נאָר געטראַכט האַט ער וועגען איין זאך: „אז מען וועט זאָגען: פייער! הויב אויף דיא האַנד און שיס“.

דורך דער טיעפער שטילקייט האָט זיך דערהערט א שטימע, וואָס האָט געשיינט צו קומען זעהר ווייט:

— זייט איהר פאַרטיג, מיינע הערען?

— יא, האָט זשאָרזש אויסגערופען.

דאַן האָט דיא זעלבע שטימע קאָמאַנדירט:

— פייער!

ער האָט מעהר קיין זאך ניט געהערט און ניט געזעהן, ער האָט נור געפיהלט, וויא ער האַט אויפגעהויבען דיא האַנד און האָט מיט אלע כחות א פּרעס געטהאָן דעם דריקער. ער האָט קיין זאך ניט געהערט. ער האָט נאָר דערזעהן א קליינעם רויך, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם מויל פון זיין פּיסטאָלעט. דער מאַן אַנטקעגען איהם איז נאָך אַלץ געשטאַנען וויא פריהער איצט האָט ער דערזעהן א צווייטען רויך, וואָס האָט געפלאַטערט ארום דעם קאָפּ פון זיין געגנער. ביידע האָבען געשאָסען און דיא זאך איז געווען פאַרטיג.

זיינע סעקונדאַנטען און דער דאָקטאָר האָבען איהם אַרומגעטאַפּט און אויסגעקלאַפּט, אָבגעשפּילעט זיין פּראַק און געפרעגט מיט אנגסט:

— איהר זייט דאָך ניט פערוואונדעט?

— דוכט זיך, אז ניט האָט געענטפערט דוראַי.

דער געגנער איז אויך געבליבען ניט פערוואונדעט. און ריוואַל האָט זיך אויסגעדריקט זעהר אונצופריעדען:

— מיט דיעזע פערדאַמטע פּיסטאָלען איז שטענדיג דיא זעלבע געשיכטע; אָדער זיי פעהלען נאָר אָדער דערשיסען צום טוידט. א נאַרעשע וואַפע.

דוראַי האָט זיך ניט געריהרט. עס האָט איהם וויא אבגענומען די הענד און די פיס

פון שמחה. מען האט געמוזט ארויסנעהמען ביי איהם פון האנד דעם פיסטאלעט, ער האט איהם נאך אלץ פעסט געהאלטען. ער וואלט זיך איצט געשלאגען מיט דער גאנצער וועלט!.... א סוף! וואס פאר א גליק. ער האט זיך פלוצים דערפיהלט אזוי מוטהיג, אז ער וואלט גערן ארויסגערופען נאך עמיצען אויף א דועל. דיא סעקונדאנטען האבען נאך א פאאר מינוט גערעדט צווישען זיך. דאן האבען זיי זיך אריינגעזעצט אין דער קארעטע, דער קוטשער האט לאבענדיג א קנאל געטהאן מיט'ן בייטש און זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט אין שטאדט.

אלע פיער האבען צוזאמען געפרישטאקט אין א קאפע או פ'ן בולוואר און האבען גערעדט פון דעם דועל. דוראי האט געשילדערט זיינע געפיהלען.

— איך בין געוועזן פאלשטענדיג קאלט! פאלשטענדיג! נאר דאס האט איהר דאך אליין וואהרשיינליך בעמערקט!

— געוויס, איהר האט זיך געהאלטען אויס עצייכענט, האט געזאגט ושאק ריוואל.

דער בעריכט וועגען דעם דועל איז איבערגעגעבען געווארן צו דוראי'ן אז ער זאל דאס פערעפענטליכע אין זיין אבטהיילונג. ער איז ערשטוינט געוועזן צו לייענען, אז ער און לאנגערמאן האבען זיך געביטען מיט צוויי קוילען.

— מיר האבען דאך נאר צו איין מאל געשאסען, האט ער געזאגט א ביסעל אונרוהיג צו ריוואל'ן.

— נאטירליך איין מאל האט זיך ריוואל צולאכט. יעדער איין קויל — צוזאמען מאכט עס צוויי קוילען.

דוראי האט דיא ערקלערונג געפונען פאר גענוג. וואלטער האט איהם ארומגענומען און [illegible] געשריען:

— בראוואָ! בראוואָ! איהר האט דעם באנער פון אונזער צייטונג מוטהיג פערטהיידיגט! בראוואָ!

אבענדס האט ושארוש בעזוכט אללע גרעסערע רעדאקציאנען און דיא גרעסטע בולוואר-קאפעס. צוויי מאל האט ער זיך אין דעם אבענד אנגעטראפען מיט זיין געגנער, וועלכער האט זיך אויך געוויזען אומעדום ביזן אבענד. זיי האבען זיך ניט בעגריסט. ווען איינער פון זיי וואלט כאטש געוועזן לייכט פערוואונדעט, וואלטען זיי זיך געדריקט דיא הענד. איבעריגענס יעדער פון זיי האט געשווארען, אז ער האט געהערט דעם צווייטענס קויל פערביילויפען סאמע ביי זיין אויער.

אויף מארגען א זייגער עלף האט דוראי געקראגען א קליין בריוועל.

„מיין גאט, וויא איך האב זיך געשראקען! קום באלד אין דער רוע קאנסטאנטינאפאל, אום איך זאל דיך קענען ארומנעהמען, מיין ליעבלינג. וויא טאפפער דו ביזט! איך פערגעטער דיך, קלא."

ער איז באלד אוועק אהין. קלאטילדא איז איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און האט איהם בעדעקט מיט קוסען.

אח, מיין ליעבלינג. ווען דו זאלסט וויסען, וויא אויפגערעגט איך בין געוועזן היינט אין דער פריה, ווען איך האב געלייענט דיא צייטונגען. נאר איצט דער-

צעהל, זאָג מיר אלץ.

ער האָט איהר אָנגעהויבען אויסצוזערצעהלען יעדע קליינינקייט.

— דיא נאכט פאַרן דועל האָט עס דיר געמוזט זיין שרעקליך! האָט זיא געפרעגט.

— עס הויבט זיך ניט אָן, איך בין געשלאָפען וויא א געהרג'עטער, האָט ער געזאָגט.

— איך וואָלט מיט קיין אויג ניט געקענט צומאכען. און דער דועל? וויא איז געווען דאָרטען?

איצט האָט ער אנגעהויבען צו דערצעהלען זעהר דראמאטיש. מיר זיינען געשטאַנען ניט מעהר וויא צוואנציג טריט וויט אייגער פון צווייטען. ניט ווייטער וויא פון איין עק צימער ביז'ן צווייטען; זשאק האָט געפרעגט, צו מיר זיינען פארטיג און האָט אויסגעשריען: „פייער!" איך האָב באלד אויפגעהויבען דיא הענד און האָב זיך צוגעצילעט. נאָר איך האָב געמאכט א פעהלער דערמיט, וואָס איך האָב זיך געצילעט צום קאָפּ, און מיין שאָס איז אוועק צו הויך. נאָר זעהר וויט איז דער קויל מסתמא ניט געגאנגען. נאָר יענער קומט שיסט אויך ניט שלעכט. זיין קויל איז פערביינעלאָפען פערביי מיין שלייף, איך האָב געהערט דאָס פייפען.

— מיין אָרימער, ליעבער, מיין אָרימער ליעבער, האָט זיא געמורמעלט, זיצענדיג ביי איהם אויף דער קניע און טהולענדיג זיך צו איהם אזוי וויא זיא וואָלט ווען נעהמען אנטהייל אין זיין געפאהר. ווען ער איז פארטיג געוואָרען מיט זיין ערצעהלונג האָט זיא געזאָגט:

— איך קען אָהן דיר מעהר ניט לעבען, איך מוז דיך זעהן יעדען טאָג. נאָר אזוי לאַנג וויא מיין מאַן איז אין פאַריז, איז דאָס אונמעגליך. אין דער פריה האָב איך א שטונדע צייט, נאָר אין דעם שרעקליכען הויז וואו דו וואוינסט קען איך ניט קומען. וואָס זאָלען מיר טהאָן?

פּלוצים איז איהם אריין א געדאַנק אין קאָפּ.

— פיעל צאָהלסט דוא פאַר דער וואוינונג?

— הונדערט פראנק א מאָנאט.

— גוט, איך וועל דינגען דעם וואוינונג אויף מיין רעכנונג, און וועל זיך אריבערציהען אהער. מיין איצטיגע וואוינונג פּאַסט איצט מעהר ניט פאַר מיר.

א פּאַר סעקונדען האָט זיא געטראכט, דאַן האָט זיא געזאָגט:

— ניין, איך וויל ניט.

— פאַר וואָס ניט? האָט ער געפרעגט ערשטוינט.

— אזוי.

— „אזוי" איז קיין אורזאכע ניט. די וואוינונג איז וויא געשאפען פאַר מיר. דאָ בין איך און דא בלייב איך. און לאכענדיג האָט ער ווייטער געזאָגט: דיא וואוינונג איז דאָך אזוי אויך אויף מיין נאָמען.

נאָר זיא האָט דערפון ניט געוואָלט הערען, זיא האָט זיך איינגע'עקשנ'ט און געזאָגט:

— ניין, ניין, איך וויל ניט.

— פאַר וואָס ווילסטו ניט? זאָג.

דאָ האָט ער איהם שטיל און צערטליך א שעפּטשע געטהאָן אין אויער:

— דו וועסט נאָך דאָ אויפנעהמען אַנדערע פּרויען, און דאָס וויל איך ניט.

ער איז געוואָרען אין כעס.

— קיין מאָל ניט. מיר פּאַלט דאָס אַפילו אין קאָפּ ניט אריין. איך זאָג עס דיר צו.

— דו וועסט עס דאָך טהאָן.

— איך שווער דיר אויף מיין עהרענוואָרט, אז דאָס איז אונזער וואוינונג, נאָר פאַר אונז אליין, האָט ער געזאָגט.

— אויב אזוי האָב איך גאָר ניט דאַגעגען, האָט זיא געזאָגט ארומנעהמענדיג איהם לייַדענשאַפטליך. נאָר נעהם דאָס גוט אריין אין זינען, אויב דו וועסט מיר אַיין איינציג מאָל נארען, וועט זיין א סוף ביי א נז, צוריסען אויף אימער.

ער האָט איהר נאָך א מאָל געשוואָרען און זיי האָבען אָבגערעדט אז ער זאָל נאָך דעם זעלבען טאָג אריבער־ציהען זיך אויף דער דירה, אום זיא זאָל איהם קענען בעזוכען, ווען זיא וועט פערביינעהן.

— יעדענפאַלס, האָט זיא געזאָגט, קום צו אונז זונטאָג צו מיטאָג, מיין מאַן געפינט אז דוא ביזט רייצענד.

— ווירקליך? האָט ער געפרעגט געחנפ׳עט.

— יאָ, יאָ, דוא האָסט איהם אין גאַנצען געוואונען. נאָך א זאַך. דוא האָסט מיר דערצעהלט, אז דוא ביזט אויסגעוואַקסען אויף'ן לאַנד און ביזט ערצויגען געוואָרען אין א שלאָס, ניט אמת?

גצווים, נאָר צו וואָס פרעגסטו עס?

— אויב אזוי דאַרפסטו דאָך עפּעס פערשטעהן פון לאַנדווירטשאַפט?

— געווים.

— אלזאָ רייד מיט איהם וועגען גערטנעריי און תבואות. ער האָט עס זעהר ליעב.

— גוט, איך וועל עס האָבען אין זינען.

ביים אוועקגעהען האָט זיא איהם הייס און צערטליך געקוסט. דער דועל האָט נאָך מעהר אויפגעפלאַמט איהר ליעבע.

געהענדיג אין דער רעדאַקציאָן, האָט דוראָי געטראַכט:

„א קאָמישעס וועזען, א וואהרע פויגעלע. מען ווייס קיין מאָל ניט, וואָס זיא וויל, און וואָס זיא וועט וועלען. און וואָס פאַר א פאַמיליען־לעבען זיא פיהרט! ווער האָט דאָס געקענט צוזאַמענפיהרען דעם אלטען פערדאַנט מיט דיעזען היץ־קעפּיל? פאַר וואָס האָט ער מיט איהר חתונה געהאַט? דאָס איז ווירקליך א רעטעניס. ווער ווייס? פיעללייכט אויס ליעבע!"

און דאַן האָט ער געזאָגט צו זיך:

— זיא איז א רייצענדע ווייבעל! איך דענק גאָר ניט צו צורייסען מיט איהר ווען עס איז!

צוליעב זיין דועל איז דוראָי געשטיגען ביז דער שטופע פון דיא פעליעטאָניסטען, וועמעס ארטיקלען דרוקען זיך אויפ'ן אָנגעזעהענסטען פּלאַץ פון דעם בלאַט. עס איז איהם אָבער געווען זעהר שווער צו געפינען אייגענע געדאַנקען, און ער האָט אָנגעהויבען צו קלאָגען, וואָס דיא מאָראל איז

געזונקען אזוי ניעדריג, וואס דיא באראקטערע זיינען געוואָרען שוואכער, און דאס עהרענגעפיהל האט אנגעהויבען צו פערשווינדען ביי דיא פראנצויזען. דעם בעסטען צייכען דערפון האט ער געפונען אין דעם, וואס דיא דועלען זיינען געוואָרען זעלטענער.

פרוי דע מארעל האט זיך אפט געמאכט לוסטיג מיט איהר שארפען, בייסענדען פאריזער וויץ איבער זיינע מוסר און פלעגט זיך אבפערטיגען מיט דעם מיט איין קורצען פערניכטענדען ווארט. נאר אויף אלע שפעטערייען פלעגט ער ענטפערן מיט א שמייכעל:

— דאס וועט מיר מאכען א גוטע רעפוטאציע.

איצט וואוינט ער שוין אין דער רוע קאנסטאנטינאפאל, וואוהין ער האט אריינגעפיהרט זיין קאסטען, זיינע בערשטלאך, זיינע ראזיר-געצייג און זיין זייף, מיט איין ווארט זיין גאנצע בעל־ה־יתשקיים. צוויי דריי מאל אין דער וואך בעזוכט איהם דיא יונגע פרוי אין דער פריה, און יעדען דאָנערסטאג עסט ער ביי איהר אין הויז מיטאג און חנפ'עט זיך צו צו איהר מאן. געוועהנליך רעדט ער מיט איהם וועגען לאנדווירטהשאפט. און אזוי וויא דיעזע געשפרעכען געפעלען אויך איהם אליין זעהר, פערטיעפען זיי זיך אין זיי אזוי שטארק, אז זיי פערגעסען נאר אן דער ווירטהין, און זיא ווערט רוהיג אנשלאפען אויף דער זאפע. לאָרין האט געפאלגט דער מאמע'ס ביישפיעל און פלעגט איינשלאפען אדער ביים פאטער אדער ביים שעהנעם זשארוש אויף'ן שוים.

יעדעס מאל נאך דוראי'ס אוועקגעהען פלעגט הערר דע מארעל זאגען מיט דער ערנסטקייט, מיט וועלכער ער פלעגט ריידען וועגען יעדער קלייניגקייט:

— ער איז ווירקליך זעהר אן אנגענעהממער, זעהר געבילדעטער יונגער מאן.

דער מאנאט פעברואר האט געהאלטען ביים ענדע. און דער לופט האט זיך שוין געפיהלט דער קומענדער פריהלינג. דוראי האט געלעבט וויא אין גן־עדן. פלוצים אין איין שעהנעם פריהמארגען, ווען ער איז געקומען אהיים, האט ער געפונען א בריעף מיט'ן פאסט שטעמפעל „קאן". ער האט דעם בריעף געעפענט און איבערגעלייענט.

קאן, ווילא זשאלי.

מיין ליעבער פריינד, איהר האט מיר געזאגט, אז איך קען זיך אויף אייך שטענדיג פערלאזען, ניט וואהר? איך מוז אייך היינט בעטען, איהר זאלט פאר מיר טהאן זעהר א שווערע זאך. שארל ליגט ביים שטארבען און איהר דארפט מיר ניט לאָזען אליין אין זיינע לעצטע שטונדען. ער געהט נאך ארום, נאר דער דאקטאר האט מיר געזאגט, אז ער וועט דיא וואך נישט איבערלעבען. איך האב מעהר נישט דיא קראפט און דעם מוטה צו־צוזעהען יעדען טאג און יעדע נאכט זיין קאמפף מיט'ן טוידט. און עס גרוילט מיך ביי דער פארשטעלונג פון דער לעצטער שטונדע. איך האב זיך ניט צו וועמען צו ווענדען, ווייל מיין מאן איז עלענד. ער איז

געהען אייער פריינד, ער האט אייך פערשאפט דעם פלאץ אין דער צייטונג. קומט צו פאהרען איך בעט אייך, און זייט איבערצייגט, אז איך וועל בלייבען אייער דאנקבארע טרייע פריינדין, מארעלין פארעסטיא.

אויף זשארזשין האט פלוצים א וועה געטהאן א זעלטזאמעס געפיהל, אזוי וויא א פרישער בלאז לופט איז איהם אריין אין הארצען, אזוי וויא אין איהם וואלט עפעס פריי געווארען, אזוי וויא דיא וועלט וואלט זיך פאר איהם ווייט אויפגעעפענט.

„געוויס מוז איך פאהרען״, האט ער א מורמעל געטהאן. „ארימער שארל! נאר אויף יעדע קומט זיין רייהע״.

ער האט דעם בריעף געגעבען וואלטער, צו לייענען און יענער האט איהם זעהר גים געדן אבגעלאזט.

— קומט אזוי גיך וויא מעגליך צוריק, מיר קענען זיך דא אהן אייך נים בעגעהן, האט ער איהם געזאגט עטליכע מאל.

זשארזש דוראי האט געלאזט וויסען דורך א טעלעגראמע דיא דע־מארעלס ווען זיין פלעצליכען אבדייזען און איז אויף'ן צווייטען טאג אבגעפאהרען מיט'ן שנעלצוג נאך קאן. אנגעקומען אהין איז ער אויף'ן צווייטען טאג צוויי א זייגער נאכמיטאג. א פארטער האט איהם געבראכט צו דער ווילא, וואס איז געלעגען אין א טענען־וואלד ארויף בארג. דער בארג איז בעזייעט מיט ווייסע הייזלאך, וועלכע ציהען זיך ביז צום ברעג ים. דיא ווילא איז געווען אין איטאליענישען כטיל, קליין און נידעריג, און פון דאנען האט מען געקענט האבען א שיינעם אנבליק אויף דער געגענד.

ביי זיין צוקומען צום הויז, האט א דיענער געעפענט דיא טהיר און אויסגערופען:

— דיא געגעדיגע פרוי ערווארט אייך מיט גרוים אונגעדולד, העדר דוראי.

— וואס מאכט הערר פארעסטיע? האט געפרעגט דוראי.

— זעהר שלעכט, געעדיגער הערר, איך האב מורא אז ער וועט זיך לאנג נים האלטען.

דער סאלאן, אין וועלכען מען האט אריינגעפיהרט דוראי'ן, איז געווען טאפעצירט אין בלוי און ראזע, פון דעם ברייטען פענסטער האט מען געזעהען דיא שטאדט און דעם ים.

— פאר א זומער, וואוינונג איז דאס אביסעל צו עלעגאנט, האט דוראי א מורמעל געטהאן פון וואנען געהמען זיי דיא געלד?

ער האט זיך אומגעווענדעט דערהערענדיג א גערויש פון א קלייד.

— וויא גוט דאס איז פון אייך, וואס איהר זייט געקומען האט געזאגט פרוי פארעסטיע, אויסשטרעקענדיג איהם אנטקעגען ביידע הענד. זיא איז געווען אזוי ערדענט און אויסגעמיטשעט, אז זיא האט איהם ארומגענומען. דאן האבען זיי איינער דעם צווייטען אנגעקוקט. זיא איז געווארען בלאסער און מאגערער, נור דאס האט איהר צוגעגעבען חן.

— ער איז שרעקליך, האט זיא געמורמעלט, ער פיהלט, אז ער איז קאפוט און טיראניזירט מיך שרעקליך.... איך האב איהם פארבערייטעט אויף אייער קומען.

נאר וואו איז אייער נעפעק?

— איך האב מיין נעפעק איבערגע־לאזט אויף'ן וואקזאל. איך האב ניט גע־וואוסט, אין וואס פאר א האטעל צו פער־פאהרען אום צו זיין נאהענט פון אייך.

— איהר וועט וואהנען דא אין דער ווילא, האט זיא נעזאגט נאכדענקענד, אזוי וויא זיא וואלט ניט געוואוסט, וואו וועט זיין בעסער. איך האב שוין פאר אייך גע־הייסען צוגרייטען א צימער, ער קען שטאר־בען יעדע מינוט, און ווען דאס אונגליק זאל געשעהען ביי נאכט, בלייב איך איינע אליין. איך וועל הייסען בריינגען אהער אייער נעפעק.

— טהוט וויא איהר פערשטעהט, האט ער נעזאגט מיט פערגניגען.

אויף'ן ערסטען עטאזש האט זיא גע־עפענט א טהיר, און דורא'י האט דערזעהן א פיגור, איינגעהילט אין דעקעס. די פיגור איז געזעסען אין א פאטעל און האט מעהר אויסגעזעהען וויא א מת אלס א לעבעדינער מענש. ער האט דיא געשטאלט ניט דערקענט. ער האט זיך נאר אנגעשטויסען, אז דאס דארף זיין זיין פריינד. אין צימער האט געהערשט דער גערוך, וואס הערשט געוועהנליך אין דיא צימערן פון לונגען־קראנקע.

מיט גרויס מיה האט איהם פארעסטיע אויסגעשטרעקט דיא האנד.

— ביזטו ווירקליך געקומען אום צו זעהן מיך שטארבען? האט ער געזאגט. איך דאנק דיך.

— צו זעהען דיך שטארבען! האט דר־רא'י געזאגט מיט א געצוואונגענעם שפיי־בעל. דאס איז נאר ניט אזא פיינער שפי־שפיעל אום צופאהרען עס זעהן אזא מהלך. איך בין געקומען צו בעזוכען דיך און אליין אביסעל אבצורוהען.

— זעץ זיך, האט פארעסטיע א מורמעל געטאן.

ער האט געאטהעמט שנעל און גע־פרעסט. פון צייט צו צייט האט ער ארויסגעלאזט א קרעכץ, אזוי וויא ער וואלט מיט דעם וועלען געבען צו פער־שטעהן זיין פריינד, וויא קראנק ער איז.

אזוי גיך וויא ער איז אנשוויגען גע־ווארען, האט זיך פרוי פארעסטיע ארויס געלעהנט פון פענסטער און נעזאגט שטיל:

— זעהט, וויא שעהן דא איז.

אין דער ווירקליכקייט איז דער אנ־בליק פון פענסטער געוועזן רייצענד. פון איין זייט האט זיך געזעהן דער האפען, פון דער צווייטער—דיא אלטע שטאדט, איבער וועלכע עס האט זיך הויך אויפגעהויבען א טהורעם. דיא צוויי גרינע אינזלען זיינען געלעגען אויף'ן טיעף בלויען וואסער וויא צוויי גרינע פלעקען. זיי האבען פון דאנען אויסגעזעהן זעהר פלאך און מען האט זיי געקענט אננעהמען פאר צוויי אונגעהייער גרויסע שוימענדע בלעטער, און ווייט ווייט האבען זיך געזעהן דיא אבריסע פון דיא בערג. הינטער זיי איז דער הי־מעל געוועזן גאלדיג רויט. און דאס אויג האט קוים געקענט קוקען אהין א לענגערע צייט. דיא פראכט פון דיעזען זון־אונטערגאנג האט אפילו ביי דורא'ין ארויסגערופען א בעוואונדערונג. ניט גע־פינענדיג קיין פאעטישען אויסדרוק, האט

ער ארויסגעמורמעלט:

— עס איז ווירקליך קאלאסאל, גאנץ קאלאסאל.

— איך וויל האבען א ביסעל פרישע לופט, האט פארעסטיע געזאגט צו זיין פרוי אויפהויבענדיג א ביסעל זיין קאפ.

— זיי נאר פארזיכטיג, האט זיא געזאגט, עס איז שוין שפעט יא געהט אונטער, עס ווערט קיהל און דו ווייסט, וויא דאס קען דיר שאדען ביי דעם איצטיגען צושטאנד.

ער האט געוואלט מיט'ן קולאק א זעץ טהאן איבער'ן הענטיל פון דעם פאטעל, נאר אלץ וואס ער האט געקענט טהאן איז געווען צו מאכען א שוואכע בעוועגונג מיט דער האנד. זיין געזיכט האט זיך פערקרימט פון כעס, און דערביי האט מען נאך מעהר געקענט זעהען זיינע דינע ליפען, איינגעפאלענע באקען און ער האט איצט נאך מעהר אויסגעזעהן וויא א מת אלס פריהער.

— איך זאג דאך דיר, אז איך ווער דערשטיקט, האט ער א מורמעל געטהאן. וואס מאכט דאס אויס צו שטארבען מיט א טאג פריהער אדער שפעטער. איך בין דאך שוין......

זיא האט דאס פענסטער אין גאנצען אויפגעפענט און אלע דריי זיינען געווארען איבעראשט פון דער מילדער, ווארעמער, ווייכער לופט, וואס האט אריינגעבלאזען. דאס איז געווען וויא אן אטהעם פון דעם פריהלינג און האט מיט זיך אריינגעבראכט דעם פערשכור'ענדע גערוך פון דיא בוימער, און בלומען וואס האבען געוואקסען ארום.

פארעסטיע האט איינגעזויגען דיא לופט מיט א גיכען און קורצען אטהעם. זיינע הענד האבען פעסט אנגעהויבען צו פרעסען דיא הענטלאך פון דעם פאטעל, און קאכענדיג זיך פאר כעס, האט ער ארויסגעזאגט:

— מאכט צו דאס פענסטער! דיא לופט טוידטעט מיך. איך וועל בעסער קראפיר'ען אין א קעלער.

פרוי פארעסטיע האט לאנגזאם צוגעמאכט דאס פענסטער, האט צוגעפרעסט דעם קאפ צום שויב און האט ווייטער געקוקט אין דרויסען.

דוראי האט זיך געפיהלט זעהר אומבעקוועם. ער וואלט גערן געזאגט דעם קראנקען א פאר בערוהיגענדע ווערטער, נאר ער האט גראדע ניט געפונען קיין פאסענדען ווארט און האט געזאגט:

— דיין צושטאנד, ווייזט אויס, האט זיך דא ניט פערבעסערט.

— דו זעהסט דאך, האט פארעסטיע געענטפערט, ציהענדיג מיט פערצווייפלענדער אונגעדולד דיא אקסלען, און די קאפ איז איהם וויעדער אראבגעזונקען אויף דער ברוסט.

— דא איז זאנדערבאר שעהן, אין פערגלייכונג מיט פאריז, האט דוראי וויעדער געזאגט. דארטען איז איצט אין מיטען ווינטער. עס שנייט, אס האגעלט, און רעגענט, און דריי א זייגער ביי טאג איז שוין אזוי פינסטער, אז מען מוז אנצינדען ליכט.

— וואס הערט זיך עפעס נייעס אין דער רעדאקציאן?

— נאר ניט. אויף דיין שטעלע האט מען אנגעשטעלט דעם קליינעם לאברין, אבער ער קען קיין זאך ניט טהאן. עס איז שוין צייט, אז דו זאלסט צוריקקומען.

— איך? איך וועל שוין באלד מיינע ארטיקלען שרייבען זעקס פוס אונטער דער ערד.

דער טוידט איז ביי איהם געווארען א אידעע פיקס, און ער האט ניט געקענט ארויסברייגנען קיין ווארט, אז ער זאל ניט דערמאנען וועגען טוידט.

א לאנגע צייט האבען אלע געשוויגען און די שטילקייט איז געווען זעהר שמערצליך. דיא גלוטה פון דעם זונען־אונטערגאנג איז ביסלעכווייז אויסגעלאשען געווארען. די בערג זיינען געשטאנען שווארץ אונטער'ן רויטען הימעל, וואס איז אלץ געווארען דונקעלער און דונקעלער. פארבינע שאטענס פון דער אנקומענדער נאכט אין וועלכער עס האבען נאך געגוסס'ט דיא שטארבענדע ליכטער פון דעם טאג, האבען זיך געשפארט אין צימער אריין און האבען אבגעטונקט דיא מעבעל און דיא זעלטזאמע פארבען פון טינט און פורפור. דער שפיגעל איבערן קאמין, אין וועלכען עס האט זיך אבגעטונקט דער הימעל, האט אויסגעזעהן וויא א פלעק בלוט.

און דוראי האט זיך פלוצים דערמאנט, וואס נארבע דע ווארען האט איהם געזאגט מיט עטליכע וואכען צוריק. „איך זעה אפט דעם טוידט אזוי נאהענט פון זיך, אז מיר דוכט, אז איך קען אויסשטרעקען די הענד און אוועקשטופען איהם. די קליינע חיה'לאך וואס ווערען צוטראטען אויף די וועגען אונטער אונזערע פיס, דיא פאלענדע בלעטער, דיא גרויע האר אין בארד ביי א פריינד, דאס אלץ צורייסט מיין הארץ און מיר און שרייט צו מיר: אט דאס איז ער!"

דאמאלס האט ער איהם ניט בגריפען, ערשט היינט האט ער איהם פערשטאנען, ווען ער האט געזעהען פארעסטיע פאר זיינע אויגען. און א זעלטזאמער שרעקליכער אנגסט האט איהם ארומגעכאפט, אזוי וויא דארטען, וואו אין פאטעל איז געזעסען דער שטארבענדער מענש, וואלט געשטאנען דער שרעקליכער טוידט אליין, אזוי וויא ער וואלט איהם געקענט אנכאפען מיט דער האנד. ער האט געוואלט אויפשפרינגען, ראטעווען זיך, אנטלויפען אזוי גיך וויא מעגליך צוריק אין פאריז. אה, ווען ער וואלט עס געזעהן פריהער, וואלט ער אהער ניט געקומען.

דיא נאכט האט איצט איינגעהילט דאס גאנצע צימער וויא אין א טרויערקלייד, וועלכע מען האט א ביסעל צו גיך ארויפגעווארפען אויפ'ן שטארבענדען. נאר דאס פענסטער האט מען נאך געקענט זעהען און אין דעם פירעק פון פענסטער האט זיך אבגעצייכענט דיא אונבעוועגטע געשטאלט פון דער יונגער פרוי.

— וועט מען היינט נאר קיין לאמפ ניט אנצינדען? האט פארעסטיע געפרעגט צורייצט. דאס איז פיינע פפלעגע פאר א קראנקען.

דער שאטען פון דער יונגער פרוי איז פערשוואונדען געווארן פון דעם פענסטער, און דער העלער טאן פון א'ן עלעקטרישען

גלעקיל האט זיך דערהערט איבערן גאנצען הויז. באלד נאכדעם איז אריין א דיענער מיט א'ן אנגעצונדענעם לאמפ און האט איהם אנידערגעשטעלט אויף'ן קאמין.

— ווילסטו געהן שלאפען אדער אַרונטערגעהן צום עסען? האט פרוי פארעסטיע געפרעגט איהר מאן.

— איך וועל ארונטערקומען.

כמעט א גאנצע שטונדע האבען זיי געדארפט ווארטען אויף'ן עסען. די גאנצע צייט זיינען זיי געזעסען אומבעוועגליך, כמעט ניט ריידענדיג איינער צום צווייטען. נאר פון צייט צו צייט האט איינער פון זיי ארויסגעווארפען א גלייכגילטיגע בעמערקונג, אזוי וויא מורא האבענדיג צו לאנג צו שווייגען אין דיא צימער, וואו דער טויט האט שוין געלויערט. ענדליך האט דער דיענער געמעלדעט, אז דער טיש איז געגרייט.

דוראי'ן האט אויסגעוויזען, אז דאס עסען האט געדויערט זעהר לאנג. זיי האבען קיין ווארט ניט גערעדט, און האבען געגעסען אהן א שום גערויש. דער דיענער האט אויך ניט געמאכט קיין גערויש, ער האט געטראגען פאנטאפעל, ווייל שארל האט ניט געקענט פערטראגען דעם גערויש פון פאסאצען; נאר דאס רעגעלמעסיגע טיק-טאק פון זייגער האט אונטערבראכען דיא טיפע שטילקייט. גלייך נאך'ן עסען האט דוראי געזאגט, אז ער איז זעהר מיעד און האט זיך צוריקגעצויגען צו זיך אין צימער. דארט האט ער נאך לאנג געקוקט אויף דער פולער לבנה און האט געזוכט עפעס א'ן אויסרייד, וויא אזוי ער זאל קענען וואס גיכער אנטלויפען פון דאנען. ער האט אויסגערעכענט אלץ, וואס האט איהם געקענט דיענען פאר א'ן אויסרייד, ער האט געטראכט זיך אליין צו לאזען שיקען א דעפעשע, אזוי וויא דער דירעקטאר פאדערט פון איהם, ער זאל גלייך קומען צוריק.

ווען ער איז אויפגעשטאנען מארגען אין דער פריה, האט איהם געשיינט, אז אלע זיינע פלענער צו אנטלויפען זיינען זעהר שווער דורכצופיהרען. ער וועט איהר ניט אבנארען, און קען דורך זיין פיינהייט פערלירען אלץ, וואס ער האט ערווארבען דורך זיין ערגעבענהייט. אמת, עס איז זעהר לאנגוויילינג, האט ער געזאגט צו זיך, אבער מען מוז זיך אין לעבען צוגעוואוינען א מאל אויך צו אונאנגענעהמע זאכען. און לאנג וועט דאס ניט געדויערן.

דער הימעל איז געווען אזוי בלוי וויא ער קען נאר זיין אין דיא זידליכע לענדער, און זיין הארץ האט זיך פריילין געהויבען ביי זיין אנבליק. דוראי האט געמאכט א שפאציר ביז צום ים. ער וועט נאך צייט האבען צו זעהן פארעסטיע'ס געזיכט. ווען ער איז צום פריהשטיק געקומען א היים, האט איהם דער דיענער געזאגט:

— הערר פארעסטיע האט צוויי-דריי מאל געפרעגט אויף אייך, ער וויל איהר זאלט צו איהם ארויפקומען.

פארעסטיע האט געשיינט צו דרעמלען אין זיין פאטעל. זיין פרוי איז געלעגען אויף דער סאפע און האט געלייענט. ביי דוראי'ס אריינקומען האט ער אויפגעהויבען

— וואָס הערט זיך, וואָס מאַכסטו ? האָט דוראַי געפרעגט. דו זעהסט איצט אויס נאָר מונטער.

— יאַ, איך פיהל זיך אביסעל בעסער און קרעפטיגער, האָט פּאָרעסטיע א מורמעל געטהאָן. געה מיט מאַדעליין און עסט ניבער אָב דעם פריהשטיק און דאַן וועלען מיר אַלע אויספאָהרען.

— היינט דענקט ער וויעדער, אז ער איז אויסער געפאַהר, האָט די יונגע פרוי געזאָגט צו דוראַי'ן. אזוי גיך וויא זיי זיינען געבליבען אליין. פון אין דער פריה אן טראָגט ער זיך ארום מיט א לעדליי פּלענער. ער וויל אז מיר זאָלען פאָהרען צום גאָלף זשואן און דאָרטען איינקויפען אלערליי פאיאַנסענע זאכען פאַר אונזער וואוינונג אין פאַריז. איך האָב שטאַרק מורא, אז עס וועט פאַסירען אַן אונגליק. נאָר ער האָט זיך איינגעשפּאַרט. איך וויים, אז ער קען איצט ניט אויסהאַלטען דעם מינדסטען טריסעל פון דער קאַרעטע.

ווען דער דיענער האָט פּאָרעסטיע'ן אריינגעזעצט אין קאַרעטע, האָט דער קראַנקער פערלאַנגט, אז דיא קאַרעטע זאָל זיין אָפען.

— זיי ניט קיין נאַר, האָט זיך דיא פרוי געבעטען ביי איהם, בענעהר ניט קיין נאַרעשקייט, דו וועסט זיך נאָך פערקיהלען.

נאָר ער האָט זיך איינגעשפאַרט און האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערען.

— ניין, ניין, איך פיהל, אז מיר איז

אָנפאַנגס איז דיא קאַרעטע געפאָהרען איבער דעם גרויסען וועג, וואָס איז געווען בעוואַקסען פוןביידע זייטען מיט בוימער, דאַן האָבען זיי זיך געלאָזט פאָהרען מיט'ן וועג פאַזע ים. פאָרעסטיע האָט געוויזען זיין פריינד די ווילל'אַס און האָט איהם דערצעהלט, ווער עס וואוינט אין זיי. נאָר זיין פריילִיבקייט איז געווען א געצוואונגענע, א געמאַכטע, וויא פון א מענשען, וואָס איז פעראורטהיילט צום טויט. ביים ווייזען אויף דיא ווילל'אַס האָט ער נאָר געהויבען איין פינגער, ווייל אויפהייבען דיא גאַנצע האַנד האָט ער קיין כח ניט געהאַט.

דאַן האט ער ארויסגערופען עראינערונגען פון זייער לעבען אין אפריקא, ווען זיי האבען ביידע צוזאַמען געדיענט. ער האט זיך דערביי דערמאָנט עטליכע אנעקדאָטען וועגען זייערע אָפיציערען און ער האט זיי איבערדערצעהלט. ענדליך זיינען זיי אָנגעקומען צום גאָלף זשואן און זייער קאַרעטע האט זיך אָבגעשטעלט נעבען א פאיאַנס-מאַגאַזין. פּאָרעסטיע האט געוואָלט קויפען צוויי וואַזען, וואָס זאָלען שטעהען אויף זיין ביכער שראַנק. אזוי וויא ער האָט ניט געקענט ארויסגעהען פון דער קאַרעטע, האט מען איהם צוגעטראָגען פערשיעדענע סאָרטען, אז ער זאל אויסקלייבען וועלכע ער וויל. ער האט לאַנג געקליבען און מישב געווען זיך מיט דוראַי'ן און זיין ווייב. ענדליך האט ער אויסגעקליבען, האָט בעצאָהלט און פערלאַנגט, אז מען זאל איהם דיא וואַזע באַלד צושיקען.

— אין א פּאָר טעג ארום פאָהר איך

צוריק נאך פאריז, האט ער געזאגט.

אהיים זיינען זיי געפאהרען ווידער מיט'ן וועג וואס איז געלאפען פאזע ים. פלוצים האט זיך אויפגעהויבען א קיהלער ווינד. דער קראנקער האט אנגעהויבען צו הוסטען. אנפאנגס איז דער הוסט געווען א לייכטער דאן איז ער געווארען שרעקליך. פארעסטיע איז שיער ניט דערשטיקט געווארען. דער הוסט האט איהם צוריסען די ברוסט. ווען זיי זיינען אנגעקומען אהיים, האט מען איהם שוין ניט אריינגעפיהרט אין זיין צי־מער, זאנדערן אריינגעטראגען.

דאס ווארעמע בעט האט איהם ניט געבראכט קיין ערלייכטערונג. דער אנפאל פון הוסט האט אנגעהאלטען ביז האלבע נאכט. פאר טאג איז ענדליך געלונגען איינצושטילען דעם הוסט מיט מעדיצין. אזוי גיך וויא איהם איז געווארען גרינגער, האט ער געהייסען שיקען נאך'ן פאריקמאכ־בער, ווייל ער האט זיך געמוזט ראזירען יע־דען אין דער פריה. ער האט זיך אויפגע־הויבען פון בעט, נאר ער האט זיך באלד געמוזט צוריקלעגען. זיין אטהעם איז גע־ווארען אזוי קורץ און שוואך, אז זיין פרוי האט זיך דערשראקען און האט געבעטען דוראי'ן, ער זאל ברענגען דעם דאקטאר. דער דאקטאר האט פערשריעבען עפעס א מעדיצין און האט ביי'ם ארויסגאנג געזאגט צו דוראי'ן:

— דאס איז שוין דאס ענדע. מאר־גען אין דער פריה איז ער טויד. זאגט עס זיין ארימער, יונגער פרוי און שיקט רופען א פריסטער. איך האב שוין דא מעהר ניט וואס צו טהאן, דאך שטעה איך יעדע צייט צו דיענסט.

— ער שטארבט, האט דוראי געזאגט צו פרוי פארעסטיע, אזוי גיך וויא ער האט איהר געטראפען. דער דאקטאר ראטה אז מען זאל שיקען נאך א פריסטער — וואס זאל מען טהאן.

זיא האט א גאנצע צייט געטראכט, דאן האט זיא געזאגט:

— יא, דאס איז דאס בעסטע.... איך וועל איהם זאגען, אז דער פריסטער וויל איהם זעהן. איהר זייט אזוי גוט און זוכט דערווייל אב איינעם. געפינט אזעלכען וואס וועט ניט מאכען פיעל געשעפטען.

דוראי האט געטהאן וואס זיא האט גע־בעטען, און האט געבראכט אן אלטען פריסטער, וואס האט אויסגעזעהען זעהר פריינדליך.

— ווען איך האב איהם געזאגט וועגען פריסטער, איז ער געווארען שרעקליך ער־רעגט האט זיא געזאגט אזוי גיך וויא זיא איז געבליבען מיט דוראי אין צווייטען צימ־מער און דער פריסטער איז אריין צו פא־רעסטיע, זיין גאנצע געזיכט האט זיך פער־קרימט.... ער האט פלוצים פערשטאנען, אז זיינע שטונדען זיינען געצעהלט.... עס האט געשיינט, אזוי וויא ער וואלט גע־פיהלט דעם אטהעם.... איהר קענט עס לייכט פערשטעהען....

זיא איז דערביי געווארען זעהר בלייך.

— דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט וועל איך קיין מאל נישט פערגעסען, איך בין זיכער, אז ער האט יענעם אויגענבליק גע־זעהען דעם טויט פאר דיא אויגען....יא, ער האט איהם געזעהען....

זיי האָבען געהערט וויא דער פּריס־טער, וועלכער איז געווען א ביסעל טויבליך, האָט געזאָגט אין דער הויף.

— ניין, ניין, איהר האלט נאָר ניט אזוי שלעכט. איהר זייט קראנק, אָבער אהן סכנות. ניין, ניין. איך בין נאָר געקומען אלס פריינד, אלס אייער שכן.

פאָרעסטיע'ס ענטפער האָבען זיי ניט געקענט הערען. דאַ האָט דער פּריסטער ווייטער גערעדט:

— דאָס איז גאָר ניט, עס קאָן ניט שאַ־דען צו זאָגען וידוי. איך בין א פּאסטער, וואָס פערזאַמט ניט קיין געלעגענהייט צו זאַמלען ארום זיך זיינע שעפּעלאך.

א לאנגע צייט איז געווען שטיל. וואר־שיינליך האָט פאָרעסטיע גערעדט מיט זיין קלאנגלאָזער שטימע. פּלוצים האָט זיך דערהערט דיא שטימע פון דעם פּריס־טער, וועלכער האָט געלייענט א תפלה און יענער האָט איהם נאָכגעזאָגט. ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— איצט זייט זיך מתודה....

דיא יונגע פרוי און דוראַי האָבען זיך ניט גערוהרט פון אָרט. זיי האָבען זיך געפיהלט זעלטזאם פערווירט און האָבען געוואַרט מיט אנגסט. דער קראנקער האָט עפּעס געמורמעלט, און דער פּריסטער האָט ווידערהאָלט.

— איהר האָט זיך געמאַכט שולדיג דערמיט, וואָס איהר האָט נאָכגעגעבען א זינד?.... און וואָס פאַר א הינזיכט, סיין קינד?......

דיא יונגע פרוי איז געשווינד אויפגע־שפּרונגען פון איהר אָרט און האָט געזאָגט קורץ:

— נאָמיר געהן אין גאָרטען, מיר דאַר־פען ניט אונטערהערען זיינע געהיימניסע.

זיי זיינען ארויס אין גאָרטען און האָ־בען זיך געזעצט ניט ווייט פון דער טהיר אונטער א בליהענדען קוסט פון ראָזען. אנטקעגען זיי איז געשטאַנען א גרויסער קאָרב פול מיט נעלקען־בלומען, וואָס האָ־בען פול געמאַכט דיא גאַנצע לופט מיט פערשכור'ענדען גערוך. דוראַי איז געזעסען עטליכע מינוט שטיל, דאַן האָט ער גע־פרעגט:

— וועט עס לאַנג געדויערען ביז איהר וועט צוריקקעהרען אין פּאַריז?

— ניין, האָט זיא געענטפערט. אזוי ניך וויא דאָ וועט זיך ענדיגען, קעהר איך זיך אום צוריק נאָך פּאַריז.

— דאָס הייסט אונגעפעהר א טאָג צעהן?

— יאָ, ניט מעהר.

— האָט ער גאָר קיין קרובים ניט? האָט דוראַי ווידער געפרעגט.

— קיינע קרובים, אויסער א פּאָר קו־זינען. זיין פאָטער און מוטער זיי־נען איהם אָבגעשטאָרבען ווען ער איז נאָך געווען גאַנץ יונג.

זיי האָבען איצט ביידע געקוקט אויף א זומער פויגעלע, וואָס איז געפלויגען פון איין בלום אויף דער צווייטער און האָט געזומט נאָהרונג. ביידע האָבען געשוויגען. ענדליך איז צו זיי צוגעקומען דער דיענער און האָט געמעלדעט, אז דער פּריסטער איז פאַרטיג, און זיי זיינען ביידע ארויף אין דער

הויך.

פּאַרעסטיע האָט געשיינט נאָך מעהר איינגעפאַלען פון נאַכ..ען. דער פּריסטער האָט געהאַלטען זיין האנד און געזאָגט:

— צום ווידערזעהן, מיין קינד; מאָר־גען אין דער פריה בין איך ווידער ביי איך.

אזוי גיך וויא ער איז אוועקגעגאַנגען האָט פּאַרעסטיע אויסגעשטרעקט ביידע הענד צו זיין פּ־ווי און אָנ־געהויבען צו ריידען אזוי, אז מען האָט קוים געקענט פערשטעהן:

— ראַטעוועט מיך !...... מיין ליע־בע !.... איך וויל ניט שטאַרבען......איך וויל ניט שטאַרבען.... זאָגט מיר, וואָס איך זאָל טהאָן....רופט דעם דאָקטאָר.... איך וועל נעהמען אַלץ, וואָס ער וועט הייר־פען.... אָבער איך וויל ניט.... איך וויל ניט....

ער האָט זיך צוואויינט. גרויסע טרע־רען זיינען געראָנען איבער זיינע איינגעפאַ־לענע באַקען און דיא ווינקלען פון מויל האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען וויא ביי א פּער־דאָנה'טע קינד. פּרוי פּאַרעסטיע האָט זיך אויך צוואויינט און האָט געזאָגט:

— ניין, דאָס איז גאָר ניט, עס איז ניט מעהר וויא א אנפאַל. מאָרגען וועט דיר ווערען בעסער. דער שפּאַציער האָט דיך מיעד געמאַכט.

פּאַרעסטיע האָט איצט געאָטהעמט וויא א הונד, וואָס איז צו שטאַרק געלאָפען. ער האָט געאָטהעמט אזוי גיך, אז מען האָט קוים געקענט צעהלען זיינע אָטהעם־ציגע און אזוי שטיל, אז מען האָט זיי קוים געקענט פערנעהמען.

— מיין נאָט.... מיין נאָט.... וואָס וועט פון מיר ווערען.... איך וויל ניט שטאַרבען.... איך וועל מעהר גאָר ניט זעהן.... קיין זאַך ניט קיין מאָל ניט.... אָה, מיין נאָט !.......

און עס האָט געשיינט, אזוי וויא ער וואָלט געזעהען פאַר זיך עפּעס אזוינס וואָס קיינער פון זיי האָט ניט געקענט זעהן, עפּעס שרעקליכעס. דאָביי האָבען זיינע הענד ניט אויפגעהערט צו שאַרען ארום זיך. פּלוצים האָט ער א ציטער געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער און ער האָט אויס־געשטאַמעלט:

— דער בית עולם.... איך.... מיין גאָט !...

דיא צייט איז געגאַנגען. דער זייגער פון א נאָהענטען קלויסטער האָט געשלאָ־גען צוועלף. דוראַי איז ארויס פון צימער, אום עפּעס איבערצובאַפּען. מיט א שטונ־דע שפּעטער איז ער ווידער געווען דאָ. פּרוי פּאַרעסטיע האָט קיין זאַך ניט געוואָלט ניט עסען און ניט טרינקען. דער קראַנקער האָט זיך ניט געריהרט, נאָר זיינע פינגער האָבען ניט אויפגעהערט צו וואַנדערען אי־בער דער דעקע, וויא ער וואָלט איהר וועל־לען אריבערציהען איבערן געזיכט. די יונגע פרוי איז געזעסען אין א פאָטעל ביים צו־פוסענס פון בעט. דוראַי האָט צו איהר צו־געריקט זיי שטוהל, און זיי זיינען ביידע געזעסען שטיל און האָבען שווייגענדיג גע־וואַרט.

דיא וואַכטערין, וואָס דער דאָקטאָר האָט צוגעשיקט, איז געזעסען נע..ען פענס־

טער און האָט גערדרעמילט. דוראַי האָט אויך געהאַלטען ביים איינדרעמלען, ווען ער האָט פּלוצים דערפיהלט, אזוי וויא עפּעס איז פאַרגעקומען אין צימער. ביי זיין אויפעפענען דיא אויגען, האָט ער דערזעהן, וויא פאַרעסטיע'ס אויגען האָבען זיך צוגעמאַכט וויא צוויי אויסגעלאָשענע ליכט. א קורצער שלוּפערץ האָט אויפגעהויבען דאָס האלדז פון דעם שטאַרבענדען, און אין דיא ווינקלען פון זיין מויל האָבען זיך דערזעהן צוויי בלוט־פּעדימלאַך, וואָס האָבען זיך גענומען ציהען און האָבען אַרויפגעטריפט אויפ'ן העמד. זיינע הענד זיינען פּלוצים געוואָרען רוהיג, און ער האָט אויפגעהערט צו אָטהעמען. פרוי פאַרעסטיע האָט פערשטאַנען, וואָס דאָס בעדייט און זיא האָט אויסגעשריען, א וואַרף טהוענדיג זיך אויף דיא קניע פאַר'ן בעט מיט א געוויין. זשאַרזש האָט זיך פאַר שרעק און איבעראַשונג מעכאַניש איבערגע'צלמ'ט. דיא וואכטערין האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צום בעט.

— ער איז אויסגעגאַנגען, האָט זיא געזאָגט.

דוראַי האָט זיך דערוויילע בערוהיגט, האָט זיך ערלייכטערט אָבגעזיפצעט און האָט א מורמעל געטהאָן:

— איך האב מורא געהאַט, אז דאָס וועט זיך ציהען א סך לענגער.

ווען זיי האָבען זיך אין גאַנצען בערוהיגט, האָבען זיי אָנגעהויבען צו בעזאָרגען וואס עס איז געווען נייטהיג. דוראַי האָט נאָך אין דער נאַכט געבאַפט מאַכען עטליכע גענג. ווען ער איז געקומען צוריק, איז ער געווען שרעקליך הונגעריג. פרוי פאַרעסטיע האָט אויך געגעסען א ביסעל, דאַן האָבען זיי זיך געזעצט אין צווייטען צימער צו היטען דיא לייכע.

זיי זיינען געווען אליין נעבען דעם פערשטאָרבענעם. זיי האָבען אויף איהם גע־קוקט שווייגענד און נאָכדענקליך. נעבען איהם האָבען געברענט 2 ליכט. זשאַרזש האָט פון דעם טוידטען ניט געקענט אראָבנעהמען דיא אויגען. ביים ציטערנדיגען שיין פון דער ליכט האָבען די באַקען אויסגעזעהן נאָך מעהר איינגעפאַלען. דאָס איז געלעגען זיין פריינד, שאַרל פאַרעסטיע, מיט וועלכען ער האָט נאָך נעכטען גערעדט. ער האָט זיך איצט ווידער דערמאָנט נאָרבע'ס ווערטער: „קיינער קעהרט זיך צוריק פון דאָרטען; מיליאָרדען ווערען געבוירען גראָדע אזעלכע ווען וויא מיר, זיי האָבען דיא זעלבע גליעדער, דיא זעלבע געהירען וואָס מיר, אָבער מיר קעהרען זיך שוין מעהר נישט צוריק". ער, דער פערשטאָרבענער האָט געלעבט עטליכע יאָהר, האָט געגעסען, געליעבט, געהאָפט גראָדע וויא אלע אנדערע. איצט איז מיט איהם געפּטר'ט. וואָס איז א מענשענס לעבען? א פּאָר טעג און ווייטער גאָר ניט. מען ווערט געבאָרען, מען וואַקסט אויס, מען איז גליקליך, מען וואַרט אויף עפּעס און דאַן שטאַרבט מען. זיי געזונד, פרוי אָדער מאַן, דו זעהסט מעהר ניט דיעזע ערד, און דאָך טראָגט אין זיך יעדער מענש דיא פיעבערהאַפטע אונערפילבאַרע בענקענים צו זיין אויביג

אין ער זינקט צוריק אין ניכטס. און קיין מאָל קעהרט קיין וועזען ניט צוריק, וואָס עס זאָל ניט זיין, אַ וואָרים אַ מענש, אַ שטערן.

און אונבעשרייבליכער שרעק איז אָנגעפאַלען אויף דוראַי'ן, א גרויל פאַר דעם אונענדליכען ניכטס, וועלכען מען קען ניט אויסווייכען און וועלכעס עס הערט ניט אויף צו צערשטערען יעדע זאַך. ער האָט איינגעבוינגען דעם קאָפּ פאַר דער שרעקליכער געשטאַלט. ער האָט געטראַכט פון די פליגען, וואָס לעבען אַ פּאָר שטונדען, די חיות וואָס לעבען אַ פּאָר טעג, די מענשען וואָס לעבען אַ פּאָר יאָהר און די וועלטען, וואָס לעבען אַ פּאָר יאָהר-הונדערט. איז דען צווישען זיי דאָ אַ גרויסער אונטערשיעד? אַ פּאָר מאָל געהט דיא זון אויף מעהר און ווייטער גאָר ניט. און ער האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ אום לענגער ניט אָנצוקוקען דעם מת.

פרוי פאַרעסטיע איז געזעסען מיט אַן אַראָבגעזונקענעם קאָפּ און האָט אויך געשיינט צו זיין פערזונקען אין טרויריגע געדאַנקען. איהרע בלאָנדע האָר האָבען צונעגעבען נאָך מעהר חן איהר טרויריגען געזיכט, און זשאָרזש דוראַי האָט געפיהלט, ווי אַ זיסע האָפנונג האָט ערוואַכט אין זיין האַרצען. צו וואָס זאָל ער זיין פּע צווייפעלט, ווען ער האָט נאָך פאַר זיך לאַנגע יאָהרען?

ער האָט איהר אויפמערקזאַם בעטראַכט. זיא האָט עס ניט בעמערקט, אַזוי פערטיעפט איז זיא געוועזען אין איהרע געדאַנקען.

„דיא ליעבע איז דאָך דיא איינציגע וואַהרהייט אין לעבען", האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. „צו האַלטען אַ געליעבטעס ווייב אין דיא אָרמען איז דאָס העכסטע גליק אין לעבען. וואָס פאַר אַ גליקליכער צופאַל האָט צוזאַמענגעפיהרט דעם פערשטאָרבענעם מיט דיעזער קלוגער און רייצענדער פרוי. וויא אַזוי איז זיא דאָס געקומען צו הייראַטהען אַזאַ מיטעלמעסיגען און אָרימען יונג?"

ער האָט זיך אָנגעהויבען צו דערמאָנען דיא אָנצוהערענים וועגען איהרע געהיימניסע, וואָס ער האָט געהערט וועגען גראַף וואַדרע, וואָס האָט איהר געגעבען נדן און חתונה געמאַכט איהר.

„מיט וועמען וועט זיא איצט חתונה האָבען? מיט'ן דעפּוטירטען, וועגען וועלכען פרוי דע-מאַרעל האָט גערעדט? אָדער מיט אַ יונגען מאַן וואָס האָט אַ צוקונפט פאַר זיך? האָט זיא שוין אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן? נאָר וואָס האַרט איהם אַזוי שטאַרק, וואָס זיא וועט טהאָן?"

ער איז אַ ביסעל צומישט געוואָרען ביי דער פראַגע, ווייל ערשט איצט איז איהם קלאָר געוואָרען, אַז אונטער זיין אונרוהיגקייט ליגט אַ פערדאָרבענער דונקעלער געדאַנק, אַ געדאַנק וואָס מען האַלט געוואוינליך פערבאָרגען פון זיך אַליין ווען מען געפינט איהם אויס, ווען מען הויבט אָן דורכצוזוכען די פערבאָרגענסטע ווינקעלאַך פון האַרצען.

„יא, פאַר וואָס זאָל ער אַליין ניט פּרוּווען צו געווינען איהר? ביי איהר זייט וואָלט ער געוועזען שטאַרק און שרעקליך. האַנד אין האַנד מיט איהר וואָלט ער גע־

קענט ערווייבע יעדע זאך. און פאר וואס זאל אי..ם דאס ניט גלי־קען? ער ווייס גאנץ גוט, אז ער געפעהלט איהר, אז זיא פיהלט צו איהם מעהר וויא א בלויזע סימפאטיע זייערע נאטורען זיינען עהנליך. זיא רעד־בענט איהם פאר א קלוגען און ענטשלא־סענעם און האט צו איהם צוטרוי. האט זיא זיך צו איהם ניט געווענדט און ניט גערופען איהם אהער אין איהר ערנסטער לאגע? אין צוויי טעג ארום מוז ער אוועק־פאהרען, ווייל ער קען ניט לענגער בלייבע אליין אין הויז מיט דער יונגער אלמנה. ער מוז זיך איילען און אויסגעפינען איהרע פלענער. ער דארף ניט ווארטען, ביז זיא וועט צוריקקומען אין פאריז און צובינדע זיך פיליכט צו א'ן אנדערן".

און אין דער טיעפער שטילקייט פון דעם צימער האט זיך מעהר ניט געהערט דער טיק־טאק פון זייגער, וואס איז גע־שטאנען אויפ'ן קאמין.

— אהר מוזט זיין זעהר מיעד, האט ער א מורמעל געטהאן.

— יא, האט זיא געענטפערט, נאר מעהר וויא מיעד בין איך טרויעריג.

דער טאן פון זייערע שטימען האט אזוי זעלטזאם אבגעקלונגען אין דעם טרויעריגען צימער, אז זיי זיינען אליין ערשטוינט גע־ווארען און האבען פלוצים א קוק געטהא־ אויפ'ן געזיכט פון דעם טוידטען, אזוי וויא זיי וואלטען ערווארט, אז ער וועט זיך א ריהר טהאן און ריידען צו זיי, וויא ער האט געטהאן מיט א פאאר שעה צוריק.

— איהר האט געהאט א שווערען פער־לוסט, האט געזאגט דוראי. דאס האט געמאכט א'ן איבערקעהרענעס אין אייער גאנצען לעבען.

זיא האט קיין זאך ניט געענטפערט און האט נאר א שווערען זיפץ געטהאן.

—פאר א יונגע פרוי וויא איהר איז דאס זעהר טרויעריג צו בלייבען אליין אין דער וועלט, האט ער ווייטער געזאגט.

ער איז אויף א מינוט אנשווייגען געווארען. זיא האט נאך אלץ ניט גע־ענטפערט.

— יעדענפאלס פארגעסט ניט, וואס מיר האבען אבגעמאכט, האט ער געזאגט שטיל. טהוט מיט מיר וואס איהר ווילט איך שטעה אייך אין גאנצען צו דיענסט.

זיא האט איהם געגעבען דיא האנד און א קוק געטהאן אויף איהם מיט אזעל־כע ווייכע און טרויעריגע אויגען, אז איהם האט עס געריהרט ביז טיעף אין הארצען.

— איך דאנק אייך, איהר זייט ליעב און גוט. ווען איך זאל וואנען און זיין אין שטאנד עפעס צו טהאן פאר אייך, וואלט איך אייך געזאגט, איהר קענט רעכ־נען אויף מיר.

ער האט אנגעכאפט איהר האנד און האט איהר א דריק געטהאן מיט'ן הייסען פערלאנג צוטראגען איהר צו זיינע ליפען. ענדליך האט ער געפאסט מוטה און האט צוגעטראגען איהרע הייסע פינגער צו זיינע ליפען און ערשט ווען ער האט זיך געכאפט, אז דאס איז צופיעל פאר צערטליכע פריינדשאפט, האט ער אבגעלאזט איהר קליינע האנד.

— איך וועל זיך פיהלען זעהר איינ־

זאָס, האָט ווידער געזאָגט דיא יונגע פרוי ערנסט, נאָר איך וויל זיך סטאַרען צו זיין מוטהיג.

ער האָט ניט געוואוסט, וויא ער זאָל איהר קלאָר מאַכען, וויא גליקליך ער וואָלט געווען, ווען זיא זאָל וועלען ווערן זיין פרוי. ער האָט עס בשום אופן ניט געקענט אויסריידען דאָ אין דער אַנוועזענהייט פון דעם טרמען. דאָך האָט ער געהאָפט צו געפינען איינע פון יענע פראַזען, וואָס גיט לייבטע אַנצוהערענים און זאָגט דאָך קיין זאַך ניט דירעקט. נאָר דער קערפּער פון זיין טוידטען פריינד האָט איהם געשטערט, דער פערגליווערטער קאַלטער קערפּער, וואָס איז געלעגען פאַר זיי און וואָס האָט געשיינט צו שטעלען זיך צווישען זיי ביידען. אויסער דעם, האָט איהם אויסגעוויזען, אַז ער שפּירט שוין פון אַ געוויסער צייט עפּעס אַ פּאַרדעכטיגען גערוך, וואָס שיינט אַרויסצוקומען פון דעם טוידטען.

— קען מען ניט עפענען אביסעל דאָס פענסטער? האָט געפרעגט דוראַי. מיר שיינט, אַז דיא לופט איז דאָ אביסעל פערדאָרבען.

— געוויס, מיר וויזט אויך אזוי אויס.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט עס געעפענט. דיא פרישע שמעקעדיגע לופט פון דער נאַכט האָט אַריינגעבלאָזען אין צימער און האָט געמאַכט אויפפלאַקערען דיא ליכט, וואָס זיינען געשטאַנען ביים בעט. דיא פולע לבנה האָט געוואָרפען מאַסען העלע ליכט אויף דיא ווייסע הייזער און אויפ'ן ים. דוראַי האָט איינגעאָטהעמט דיא לופט מיט אַ פולען האַרצען, און פּלוצים האָט אין איהם ערוואַכט אַ פרייליכע האָפנונג, און איהם האָט אויסגעוויזען, אזוי וויא דאָס גליק קומט צו נעהענטער צו איהם.

— קומט אויך צו צום פענסטער, דיא לופט איז וואונדערבאַר, האָט ער געזאָגט צו איהר.

זיא איז רוהיג צוגעגאַנגען און האָט זיך אַרויסגעלעהנט נעבען איהם פון פענסטער.

— הערט מיך אויס, האָט ער צו איהר גענומען ריידען זעהר שטיל, האָט אויף מיר קיין פערדרוס ניט, וואָס איך וואָג צו ריידען צו אייך וועגען אַזעלכע זאַכען אין אַזאַ אויגענבליק. אָבער איבער־מאָרגען מוז איך אייך פערלאָזען און ווען איהר וועט צוריקקעהרען אין פּאַריז, קען שוין פיליייכט זיין צו שפּעט. איהר ווייסט, אַז איך בין אַ'ן אָרימער יונג, איך האָב ניט קיין שום פערמעגען און מוז מאַכען אַ קאַריערע. אָבער איך האָב ענערגיע און בין ניט קיין נאַר און שטעה אויפ'ן בעסטען וועג צו שטייגען. מיט אַ מאַן וואָס האָט שוין געמאַכט זיין גליק, ווייסט מען וואו מען איז אין דער וועלט, אָבער מיט איינעם וואָס האַלט איצט אין מאַכען זיין גליק, ווייס מען ניט, וויא ווייט ער קען געהן. דאָס איז אפשר בעסער, אפשר ערגער. געדענקט איהר, ווען איך בין אַ מאָל געווען ביי אייך, האָב איך אייך געזאָגט, אַז דער שעהנסטער טרוים פון מיין לעבען וואָלט געווען צו קריגען אַ פרוי, וויא איהר זייט. היינט זאָג איך עס נאָך אַ מאָל. נאָר וואַרט, ענטפערט מיר נאָך ניט. לאָזט מיר ענדיגען.

איך פרעג אייך ניט, צו איהר שטימט איין, דאס ארט און דיא צייט זיינען ניט געלונגען דערפאר. מיר נעהמט נאָר אָן, אז איהר זאָלט וויסען, וויא גליקליך איהר וואָלט מיר געמאכט מיט דעם איינציגען וואָרט, אז איהר מאכט מיר פאר אייער ברודערליכען פריינד אָדער פאר אייער מאַן, וויא איהר ווילט, ווייל מיין הארץ און מיין גאנצעס „איך“ געהערט צו אייך. איך וויל ניט, אז איהר זאָלט מיר איצט ענטפערן און נאָך ווייניגער וויל איך ריידען איצט וועגען דעם. ווען איהר וועט קומען אין פאריז, וועט איהר מיר זאָגען, וואָס איז אייער בעשלוס. ביז דאמאָלס וועלען מיר מעהר קיין וואָרט וועגען דעם ניט ריידען. ניט אמת?

ער האָט אויף איהר ניט א קוק געטאָן דיא גאנצע צייט פון זיין ריידען, אזוי וויא ער וואָלט עס איינגערוימט א סוד דער שווייגענדער נאכט. זיא האָט אויך געשיינט גאָר ניט צו הערען, אזוי אונבעוועגט איז זיא געשטאנען און געקוקט אויף דער לאנדשאפט. א לאנגע צייט זיינען זיי אזוי געשטאנען שטיל און נאָכדענקענד אקסעל צו אקסעל. דאן האָט זיא א מורמעל געטהאָן: „עס ווערט קיהל“, האָט זיך אָבגעקעהרט און איז צוגעגאנגען צום בעט.

ער איז איהר נאָכגעגאנגען. ווען ער איז צוגעקומען נעהנטער, האָט ער בעמערקט, אז פאָרעסטיע'ס קערפער ניט ארויס פון זיך אין דער ווירקליכקייט א שלעכטען גערוך. ער האָט אָבגערוקט זיין שטוהל, ניט קענענדיג עס אריבערטראָגען לאנג.

— מען מוז איהם גלייך מאָרגען אין דער פריה אריינלעגען אין טרונע, האָט ער געזאָגט.

— יא, יא, דער טישלער קומט 8 אזייגער אין דער פריה.

און ווען דוראַי האָט מיט א זיפץ ארויס גערעדט: „אָרימער יונג!“ האָט זיא אויך א זיפץ געטאָן.

איצט האָבען זיי שוין ניט געקוקט אזוי אָפט אויף'ן טוידטען. זיי האָבען דאָך צוגעוואוינט צום געדאנק, אז ער איז געשטאָרבען. זיי האָבען מעהר ניט גערערט וועגען דעם טוידטען. זיי זיינען נאָר געזעסען און געוואַרט און געזוכט ניט איינצושלאָפען. אָבער ארום האלבע נאכט האָט דוראַי ניט אויסגעהאלטען און איז דער ערשטער איינגעשלאָפען. ווען ער האָט זיך ערוואכט מיט א ווייכע שפּעטער, האָט ער בעמערקט, אז זיא שלאָפט אויך. איצט האָט ער זיך בעקוועמער געזעצט אין זיין פאָטעל, האָט צוגעמאכט דיא אויגען און האָט א מורמעל געטהאָן:

— אין בעט איז נאָך אלעמען פיעל בעקוועמער.

א פלעצליכער גערויש האָט איהם אויפגעוועקט, און ער איז אויפגעשפרונגען. דיא וועכטערין איז אריינגעקומען, עס איז שוין געוועזן העלער טאָג. פרוי פאָרעסטיע, וואָס איז נאָך אלץ געזעסען אנטקעגען איהם, האָט געשיינט צו זיין ניט ווייניגער ערשטוינט וויא ער, וואָס עס איז שוין אזוי ניך טאָג געוואָרען. זיא איז געוועזן א ביסעל בלייך, נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס

זיא האט פערבראכט דיא גאנצע נאכט אין א פאטעל, האט זיא אויסגעזעהן אזוי שעהן און ליעבליך וויא שטענדיג.

זיי זיינען איצט אוועק אברוהען ביז עלף א זייגער. דאן האט מען שארל'ן אריינגעלעגט אין טרונע, און ערסט איצט האבען זיי זיך דערפיהלט לייכטער און רוהיגער. זיצענדיג ביים פריהשטיק, האבען זיי ביידע דערפיהלט א לוסט צו ריידען וועגען פרייליכערע זאכען, וואס זאל זיי צוריקרופען צום לעבען, נאכדעם וויא דער טוידט האט צוגענומען וואס איהם האט געקומט. דורכ'ן ברייטען אפענעם פענסטער האט אריינגעבלאזען די ווארעמע לופט פון פריהלינג צוזאמען מיט'ן זיסען גערוך פון נעלקען, וואס האבען געבליהט נעבען דער טהיר. פרוי פארעסטיע האט אנגעבאטען דורא'ין הורכצוגעהן זיך אביסעל אין גארטען זיי האבען דארטען רוהיג ארומשפאצירט, פרייהענדיג זיך מיט דער פרישע לופט, וואס איז געווען אנגעפילט מיט דיא זיסע ריחות פון דיא זידליכע געוויקסע. נאך א לאנגען שטילשווייגען האט זיא די ערסטע אנגעהויבען צו ריידען. זיא האט גערעדט במעט וויא ער האט נעבטען גערעדט צו איהר, דאס הייסט ניט קוקענדיג אויף איהם, לאנגזאם מיט א טיעפער ערנסטער שטימע.

— הערט מיך אויס, ליעבער פריינד האט געזאגט מאדעליין. איך האב זיך בעטראכט—שוין איצט—וועגען דעם וואס איהר האט מיר פארגעשלאגען, און איך וויל אייך ניט לאזען אברייזען ביז איך וועל אייך באטש איין ווארט מיטגעבען אויף'ן וועג. מיר וועלען אבווארטען ביז מיר וועלען זיך בעסער בעקאנען. איבערלייגט זיך גוט. אויב איך רייד איצט מיט אייך דערפון נאך איידער מיין ארימער שארל איז געקומען צו דער קבורה, טהו איך דאס נור דארום, ווייל איך וויל, אז איהר זאלט מיך קלאר פערשטעהן און זאלט זיך ניט ארומטראגען מיט קיינע פלענער, אויב איהר קענט מיך נעהמען אזוי וויא איך בין. פערגעסט ניט, אז הייראט פאר מיר איז ניט קיין קייט, זאנדערן א געזעלשאפטליכער אבמאך. איך פאדער שטענדיג דיא פולע פרייהייט אין אלע מיינע האנדלונגען. איך וועל קיינמאל ניט דולדען אז מען זאל מיך קאנטראלירען אייפערזיכטיג אדער איבערהויפט פארדערן פון מיר וואס עס איז פאר א רעכנונג. נאטירליך וועל איך זיך פערפליכטען קיין מאל ניט צו קאמפראמאטירען דעם נאמען פון דעם מאן, מיט וועלכען איך וועל חתונה האבען, און וועל איהם קיין מאל ניט מאכען לעכערליך אדער פעראכטליך אין דיא אויגען פון אנדערע. דערפאר דארף מיר דער מאן בעטראכטען אלס א גלייכען חבר, ניט אלס זיין אונטערגעבענע אדער געהארכזאמע פרוי. איך וויס, אז מיינע אנזיכטען זיינען ניט אלגעמיינע, נאר איך וועל פון זיי קיין מאל זיך ניט אבזאגען. נאך איין זאך מוז איך אייך בעמערקען, און ווידערהאלען דאס, וואס איהר האט מיר נעכטען געזאגט: ענטפערט מיר גאר ניט, ווייל דאס וועט זיין איבעריג און ניט פאסענד. אין פאריז וועלען מיר דערפון פיעלייכט ווידער רעדען. איצט געהט

אליין שפּאַציערען ווייטער און איך מוז צוריקקעהרען צו מיין טוירטען.

דוראַי האָט איה־ לאַנג געקוסט דיא האַנד און איז שווייגענד אוועקגעגאַנגען. זיי האָבען זיך בעגעגענט ערשט אָבענד ביי דינער. דאַן איז יעדער אַוועק צו זיך אין צימער, ווייל זיי זיינען געווען זעהר אויס־געמאַטערט.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט מען בעערדיגט שאַרל פאָרעסטיע. זשאָרזש דוראַי איז אָבגעפאָהרען מיט'ן שנעל צוג האַלב צוויי נאָכמיטאָג. פרוי פאָרעסטיע האָט איהם בעגלייט ביז צום וואָקזאַל. זיי זיינען געגאַנגען רוהיג און האָבען גערעדט פון גאַנץ געוועהנליכע זאַכען. ענדליך איז דער צוג אָנגעקומען און דוראַי האָט זיך פּלוצים דערפיהלט ניעדערגעשלאָגען און צוקלעמט. איהם האָט געריסען דאָס האַרץ, וואָס ער דאַרף איהר פערלאָזען און עס האָט איהם אויסגעוויזען אַזוי וויא ער וועט איהר צוליעב דעם פערליערען אויף אייביג. ער האָט זיך א־ויסגעלעהנט פון פענסטער און האָט געקוקט אויף דער יונגער פרוי, וואָס איז געשטאַנען אונבעוועגליך און איהם נאָכגעקוקט. און ווען זיא האָט שוין געהאַלטען ביים פערשווינדען, האָט ער איהר צוגעוואָרפען פייערדיגע קוסען מיט דער האַנד. זיא האָט איהם אויף דעם גע־ענטפערט, נאָר אייגגעהאַלטען, צולעגענדיג נאָר איין פינגער צום מויל.

IX.

זשאָרזש האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין אַלטען אַרט לעבען און האָט געלעבט רוהיג און צוריקגעצויגען אין דער רו קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל. אפילו מיט פרוי דע מאַ־רעל האָט ער זיך גענומען אויפפיהרען אַנ־שטענדיגער און מעהר וויא א פאַמיליען מאַנן. קלאָטילדא פלעגט אָפט אַזוי ער־שטוינט זיין פון דעם פריעדליכען אַרט לעבען זייערען, אַז זיא פלעגט זאָגען מיט א געלעכטער:

— דו ביזט נאָך א גרעסערער קליין־בירגער, וויא מיין מאַ', און איך זעה נים וואָס האָב איך דאָ אויסגעביטען.

פרוי פאָרעסטיע האָט זיך נאָך אַלץ נים צוריקגעקעהרט. זיא האָט איהר צו־ריקקומען אַלץ אָבגעלעגט און האָט איהם אין א בריעף געלאָזט וויסען, אַז זיא וועט ערשט קומען אין מיטען אַפּריל. פון זייער לעצטען געשפּרעך אין גאָרטען האָט זיא קיין וואָרט נים דערמאָנט. ער האָט געוואַרט געדולדיג און איז געווען פעסט ענטשלאָסען אָנצוואָוענדען אַלע מיטלען אום חתונה צו האָבען מיט איהר. ער האָט זיך פערלאָזט אויף זיין גליק און אויף דער אַנציהונגס קראַפט וואָס ער האָט אויף אַלע פרויען. ענדליך האָט ער בעקומען א קורצען ברי־וועל מיט דיא פאָלגענדע ווערטער:

— איך בין אין פּאַריז און וואַרט אויף אייך. מאַדעלין פאָרעסטיע".

מעהר איז נים געווען קיין וואָרט. ער האָט דעם בריעף געקראָגען ניין א זייגער אין דער פריה, און דריי א זייגער נאָך האַלבען טאָג איז ער שוין געווען ביי איהר. זיא האָט איהם בעגעגענט מיט איהר שטענדיגען ליעבען און פריינדליכען שמיי־כעל, און האָט איהם אויסגעשטרעקט ביידע הענד. עטליכע סעקונדען לאַנג האָבען זיי

זיך געקוקט טיעף אין דיא אויגען
אריין.

— עס איז געווען אזוי גוט פון אייער זייט, וואס איהר האט מיך ניט געלאזט אליין אין יענער שרעקליכער לאגע, האט זיא געזאגט שטיל.

— איך וואלט געטהאן יעדע זאך, וואס איהר וואלט געהייסען, האט ער גע-ענטפערט.

זיי האבען זיך אנידערגעזעצט, און זיא האט איהם אנגעהויבען אויסצופרעגען אלע נייעס וועגען דיא קאלעגען אין דער צייטונג, וועגען וואלטער און וועגען דער צייטונג אליין. זיא האט זעהר אפט געטראכט וועגען דער צייט-טונג.

— זיא געהט מיר שטארק אב, האט זיא געזאגט. איך בין שוין געווען דורך און דורך זשורנאליסט. מיר געפעלט דיא פראפעסיאן.

זיא איז אנשווייגען געווארן. איהם האט אויסגעוויזען, אז ער פערשטעהט איהר. פון איהר שטייבעל, פון דעם טאן פון איהר שטימע האט ער זיך געשטויסען, אז זיא וויל איהם ארויפרופען צו ריידען. ער האט זיך געגעבען דאס ווארט ניט צו איילען זיך, נאר איצט האט ער ניט געקענט איינהאל-טען זיך.

— יא.... פאר וואס?.... פאר וואס ווילט איהר דען.... אייער זשורנאליסטישע טהעטיגקייט ניט אנהייבען ווידער?...און-טערן נאמען דוראי פיליכט?

זיא איז פלוצים ווידער ערנסט געווא-רען. זיא האט איהם ארויפגעלייגט די האנד אויף'ן ארם און געזאגט:

— מיר וועלען דערוויילע ניט ריידען דערפון.

דאך האט ער פערשטאנען, אז זיא ווילינט איין. ער איז איהר געפאלען צו דיא פיס, האט איהר ליידענשאפטליך געקוסט דיא הענד, שטאמלענדיג:

— דאנק, דאנק.... אה, וויא איך ליעב אייך!......

זיא איז אויפגעשטאנען און ער האט געטהאן דאס זעלבע, און האט בעמערקט דאביי, אז זיא איז שרעקליך בלאס געווא-רען. דא איז איהם קלאר געווארען, אז ער איז איהר געפעלען געווארען פיעלייכט שוין מיט א לאנגע צייט צוריק. זיי זיינען גע-שטאנען נאהענט איינער צום אנדערן. ער האט איהר ארומגענומען און געגעבען א לאנגען צארטען קוס אין שטערן. זיא האט זיך פון איהם אבגעוועהרט און אנלעהנענ-דיג זיך אן זיין ברוסט, האט זיא געזאגט:

— האט אין זינען, מיין פריינד, אז איך האב נאך ניט געמאכט קיין ענטשלוס. נאר עס איז זעהר מעגליך, אז איך וועל זאגען: „יא!“ איהר מוזט מיר אבער צוזאגען צו שווייגען וועגען דעם, ביז איך וועל אייך ערלויבען.

ער האט געשווארען און איז אוועק אהיים מיט א הארץ פול מיט האפנונג.

פון יענער צייט אן איז ער מעהר צו איהר ניט צוגעשטאנען נאך אן ענטפער. נאר פון איהרע רייד וועגען דער צוקונפט און פון די פלענער, וואס זיא האט געמאכט, אין וועלבע זיי האבען ביידע געשפיעלט א ראל-ליע, האט ער פערשטאנען, אז דאס אין

ביי איהר אן ענטשלאָסענע זאַך.

דוראַי האָט געארבייט זעהר פלייסיג, האט געלעבט זעהר שפּאַרזאם און האָט געזוכט אָנצוקלייבען א ביסעל געלד, ער זאָל ניט דארפען חתונה האבען אָהן א סו געלד. און ער איז איצט געווען אזוי גייציג וויא ער איז געווען פערשווענדעריש פאר פּאָרעסטיעס טוידט.

דער זומער איז פערגאַנגען און אויך דער הערבסט איז אוועק און קיינער האָט ניט געוואוסט, אין וועלכע בעציהונגען דור־ראַי שטעהט צו פרוי פּאָרעסטיע, דען זיי האָבען זיך געזעהן זעהר זעלטען און שטענדיג מיט עפּעס א'ן אויסרייד.

איין אבענד האָט איהם מאדעליין טיעף אריינגעקוקט אין דיא אויגען און געזאגט:

— האָט איהר שוין דערצעהלט פרוי דע מארעל וועגען אונזערע פלענער?

— ניין, טייערסטע פריינדין. איך האָב אייך צוגעזאָגט צו שווייגען און איך האָב נאָך קיין מענשען ניט געזאָגט קיין וואָרט.

— אויב אזוי איז איצט דיא צייט איהר פּאָרצובערייטען דערצו. איך וועל דערצעה־לען וועגען דעם דיא וואלטערס. איהר וועט עס נאָך טהאָן היינטיגע וואָך, ניט אמת?

ער איז רויט געוואָרען.

— געוויס, האָט ער געזאָגט, נאָך מאָרגען.

זיא האָט ארונטערגעלאָזט דיא אויגען, אזוי וויא זיא וואָלט וועלען פער־בארגען איהר צופרידענהייט און האָט גע־זאָגט:

— אויב איהר ווילט, וועלען מיר היי־ראטהען אָנהויב מאי. דיא צייט איז פּאַ־סענד.

— מיט פערגניגען. איך וועל טהאָן אלץ, וואָס איהר וועט זאָגען.

— דער צעהנטער מאי פאלט אויס שבת. מיר וואָלט דער טאָג געווען אם ליעבסטען, וויל דאָס איז מיין געבורטס־טאָג.

— גוט, זאָל זיין דער צעהנטער מאי.

— אייערע עלטערן וואוינען ניט ווייט פון ראָען, ניט אמת?

— יא.

— ווער זיינען זיי דאָרטען?

— זיי זיינען.... זיינען... זיי זיינען קליינע בעל הבתים.

— אח, איך פריי זיך זעהר, וואָס איך וועל זיך מיט זיי בעקאָנען.

ער איז שטארק צושראָקען געוואָרן און האָט אויסגעשטאמעלט:

יא.... אָבער ... עס... זיינען.......

דאן האָט ער ארויסגערעדט מיט ענט־שלאָסענהייט:

— ליעבע פריינדין, זיי זיינען פּויערים, איינפאכע שיינקאָרעס. זיי האבען געארבייט מיט בלוט און שוויס אום צו לאָזען מיך שטודירען.

זיא האָט א צאָרטליכען שמייכעל גע־מאָכט, איהר געזיכט האָט געשטראָהלט פון הימלישער גוטסקייט. ער האָט עס בע־מערקט און האט ווייטער געזאָגט:

— איך שעם זיך ניט מיט זיי.... אָבער זייער.... פּויערשע איינפאכקייט וועט אייך פּיעלייכט ניט געפעלען.

— ניין, איך וועל זיי ליעב קריגען, האט זיא געזאגט. מיר וועלען זיי בעאכען, איך וויל אזוי. מיר וועלען שפעטער נאך ריידען דערפון. אויף מיינע עלטערן זיינען געווען איינפאכע מענשען. אבער זיי זיינען טוידט. איך האב מעהר קיינעם אויף דער וועלט, אויסער אייך האט זיא געזאגט נעבענדיג איהם די האנד.

ער האט זיך געפיהלט זעהר צערטליך געריהרט. נאך קיין מאל האט א פרוי ניט געוואוסט אזוי אנצוכאפען ביי דער גוטער זייט.

— מיר איז נאך עפעס איינגעפאלען, האט זיא ווייטער געזאגט, נאר מיר ווערט שווער צו ריידען דערפון.

— וואס איז עס, האט ער געפרעגט.

— גוט, איך וועל אייך זאגען. איך בין וויא אלע פרויען. איך האב.... מיינע קליינע שוואכקייטען. איך ליעב אלץ, וואס גלאנצט, וואס קלינגט. מיין שטארקסטער וואונש איז צו טראגען אן אריסטאקראטישען נאמען. קענט איהר ניט ביי דער געלעגענהייט פון אונזער חתונה לאזען.... אדלען אביסעל אייער נאמען?

איצט איז זיא רויט געווארען, אזוי וויא זיא וואלט פון איהם פערלאנגט זעהר ניט קיין צארטע זאך.

— איך האב שוין אויך דערפון געטראכט, האט ער געענטפערט איינפאך אבער איך גלויב, אז דאס איז ניט לייכט אויסצופיה־ען.

— פאר וואס?

— ווייל איך מאך זיך זעהר ניט נערן לעכער‧ך," האט ער געענטפערט לאכענד.

זיא האט א ציה געטהאן מיט דיא אקסלען.

— איהר האט א טעות. דאס איז גאר ניט לעכערליך. אזעלכע זאכען געשעהען דא יעדען טאג און קיינעם פאלט ניט איין צו לאכען. צוטהיילט אייער נאמען איינפאך אין צוויי טהייל. דאס וועט קלינגען זעהר גוט.

ער האט זיך גלייך אנגערופען, וויא איינער וואס איז א בריה אין אזעלכע זאכען.

— ניין, דאס טויג ניט, דאס וועט זיין צו איינפאך, צו געוואוינליך. איך האב געטראכט צו צוגעבען צו מיין נאמען דעם נאמען פון מיין געבורט־שטאדט און נעהמען פאר א ליטעראַרישען פסעוודאנים און מיט דער צייט מאכען עס פאר מיין נאמען. שפעטער וואלט איך געקענט, וויא איהר שלאגט פאר, צוטהיילען מיין נאמע אין צווייען.

— קאנטעלין הייסט אייער געבורט־שטאדט, ניט אמת? האט זיא געפרעגט.

— יא.

— מיר געפעלט ניט דאס ענדע. קען מען ניט איבערמאכען דאס ווארט? נאמיר זעהען.... קאנטעליו?

זיא האט גענומען א פעדער און האט אנגעהויבען צו שרייבען פערשידענע נעמען און אויספרובען זייער עפעקט. פלוצים האט זיא אויסגערופען:

— ווארט! איך האב שוין!

זיא האט איהם דערלאנגט דאס פאפיער, און ער האט איבערגעלייענט: „פרוי

דוראַי דע קאַנטעל".

ער האָט זיך איבערגעלעגט עטליכע סעקונדען און דאַן האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז ניט שלעכט.

זיא האָט מיט פרייד פאַר זיך ווידער־האָלט א פּאָר מאָל:

— דוראַי דע קאַנטעל.... דוראַי דע קאַנטעל.... פּאַרטרעפליך! איהר וועט זעהן, וויא גיך מען וועט זיך דערצו צוגע־וואָהנען. מען דאַרף נאָר דערצו האָבען די ריכטיגע געלעגענהייט, דערנאָך איז שוין צו שפּעט. פון מאָרגען אָן וועט איהר אנהויב־בען אונטערצושרייבען זיך אונטער אייערע פעליעטאָנען „ד. דע קאַנטעל" און אין איי־ער לאָקאַלער אבטהיילונג וועט איהר זיך אונטערשרייבען איינפאַך דוראַי.... אין צייטונגען קומען פאַר אַזעלכע זאַכען טאַג־טעגליך, און קיינער וועט זיך ניט וואונ־דערן, וואָס איהר נעהמט אָן אזא פּסעוו־דאָנים. נאָך אונזער חתונה וועלען מיר געהן נאָך ווייטער און זאָגען אונזערע בעק־קאַנטע, אז איהר האָט נור צוליעב עניוות אָבגעזאָגט זיך פון אייער „פאָן", ווייל דאָס האָט ניט געפּאַסט פאַר אייער איינפאַכע שטעלע. וויא הייסט אייער פאָטער? זיין ערסטער נאָמען.

— אלעקסאנדער.

ווידערהאָלענדיג א פּאָר מאָל פאַר זיך דאָס וואָרט „אלעקסאנדער", האָט זיא זיך אנידערגעזעצט און האָט אָנגעהויבען צו שרייבען אויף א נייען בויגען פּאַפּיר: הערר און פרוי אלעקסאנדער דו ראַי דע קאַנטעל נעהמען זיך דיא עהרע אייך צואָנמעלדען דיא פערהייראַטונג פון הערר זשאָרזש דו ראַי דע קאַנטעל, זייער זוהן, מיט פרוי מאַ־דעליין פאָרעסטיע.

זיא האָט דעם בויגען פּאַפּיער געהאַל־טען פאַר זיך פון דערווייטענס און האָט מיט פרייד געזעהן דיא ווירקונג וואָס האָט אויף איהר געמאַכט.

— מיט א ביסעל בערעכנונג קען מען מאַכען, וואָס מען וויל, האָט זיא געזאָגט.

ווען ער איז אַרויס אין גאַס, איז ער שוין געווען ביי זיך פעסט ענטשלאָסען צו רופען זיך פון היינט אָן ניט נאָר דו ראַי נאָר אפילו דו ראַי דע קאַנטעל. ער האָט זיך געפיהלט, וויא מען וואָלט איהם אָנ־געטאָן א קרוין. ער האָט זיך געלאָזט געהן וויא עס פּאַסט פאַר אַ'ן עדעלמאַן שטאָלץ מיט א פערריסענעם קאָפּ, און דרייענדיג זיינע וואָנסען. ער האָט געהאַט גרויס חשק אויסצושרייען צו יעדען פערביינגעהענדען: „איך הייס דו ראַי דע קאַנטעל!"

קוים איז ער געקומען א היים, איז אויף איהם ווידער אָנגעפאַלען אַן אונרוה, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אָן די פרוי דע־מאַ־רעל. ער האָט איהר באַלד אָנגעשריבען און האָט איהר געבעטען, אז זיא זאָל מאָרגען קומען זעהן זיך מיט איהם.

„איך וועל האָבען איבערצוקומען א שווערע שטונדע, האָט ער געזאָגט צו זיך אליין. זיא וועט ווערען אָנגעצונדענע".

מיט דער געוואוינליכער זאָרגלאָזיגקייט מיט וועלכע ער פלעגט אוועקשטופּען אָן א זייט אַלע אונאַנגענעהמליכקייטען, וואָס טרעפען אין לעבען, האָט ער זיך גיך גע־טרייסט, און האָט אָנגעהויבען צו שרייבען

א פעליעטאָן און האָט איהם אונטערגעצײ־
בענט ד. דע קאָנטעל.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט ער געקריגען פון קלאָטילדא א בלויען בריוועל, וויא זיא פלעגט רופען דיא טעלעגראַמען, אין וועלכען זיא האָט איהם געשריבען, אז זיא וועט ביי איהם זיין עלף א זייגער.

ער איז געווען אביסעל עררעגט, דאָך פעסט ענטשלאָסען אָבצו׳פטר׳ן מיט איהר ענערגיש. ער האָט איהר געוואָלט גלייך ערקלערן, וואָס איז געשעהן, און נאכדעם וויא זיא וועט אביסעל קיהלער ווערען ער־קלערן איהר, אז ער קען דאָך ניט בלייבען אייביג א בחור. און אזוי וויא עס שיינט, אז הערר דע מארעל האָט קיין חשק ניט צו פערלאָזען דיזע וועלט, האָט ער קיין קיין אנדער ברירה ניט וויא חתונה צו האָ־בען. דאָך איז זיין עררעגונג ניט לייכטער געוואָרען און ווען ער האָט דערהערט א קלונג מיט׳ן גלעקיל, האָט ער דערפיהלט, וויא זיין הארץ האָט איהם אָנגעהויבען צו קלאַפּען שטארק.

— גוט מאָרגען, שעהנער זשאָרזש, האָט זיא איהם בעגריסט און איז מיט דיא ווערטער ארויפגעפאלען איהם אויפ׳ן האלז.

זיא האָט באלד בעמערקט, וויא קיהל ער האָט געענטפערט אויף איהר בעגריסונג און זיא האָט געפרעגט.

— וואָס איז מיט דיר?

— זעץ זיך, האָט ער געזאָגט. איך האָב מיט דיר צו ריידען וועגען אן ערנסטע זאַך.

זיא האָט זיך אנידערגעזעצט, ניט אראָבנעהמענדיג איהר הוט און האָט נאָר אַרויפגעצויגען דעם שלייער איבער׳ן שטערן. ער האָט אראָבגעלאָזט דיא אויגען און אָנ־געהויבען פון הינטען ארום.

— מיין טייערסטע פריינדין, דוא זעהסט וויא שמערצליך און פיינליך איז פאר מיר דערצעהלען דיר, וואָס איך האָב דיר איצט צו זאָגען. איך ליעב דיך זעהר, פון טיעפען הארצען, און דער געדאנק, אז איך דארף דיר פּראוורזאכען שמערץ, איז פאר מיר נאָך ערגער, וויא די נאכריכט אליין, וועלכע איך טאָר פון דיר מעהר ניט בעהאלטען.

זיא איז זעהר בלייך געוואָרען און האָט ישטאמלענדיג און ציטערנדיג אויסגעשריען:

— וואָס אזוינס איז עס? זאָג מיר, ציה מיר ניט דיא עצמות!

מיט א טרויעריגען אָבער פעסטען טאָן, מיט יענער געמאכטער נידערגעשלאָגענ־הייט, מיט וועלכער מען דערצעהלט גע־וויינליך אונאנגענעהמע אונגליקס נאכריב־טען האָט ער געזאָגט:

— איך האלט ביי חתונה האָבען.

זיא האָט א טיעפען זיפץ געטהאָן און האָט געשיינט צו וועלען פאלען חלשות, דאן האָט זיא אויסגעבראָכען איז אזא גע־וויין, אז זיא האָט ניט געקענט ריידען.

אזוי וויא זיא האָט ניט געענטפערט, האָט ער ווייטער גערעדט:

— דוא קענסט זיך ניט פאָרשטעלען, פיעל איך האָב אויסגעליטען, איידער איך בין געקומען צו דיזען ענטשלוס, נאָר איך האָב ניט קיין שטעלונג און ניט קיין פער־מעגען. איך שטעה איינער אליין אין דעם

גרויס'ן פאריז. איך מוז האבען עמיצען נעבען זיך, וועלכער וועט מיר קענען ראטהען, טרייסטען און שטיצען. א פריינדין האב איך געזוכט און איך האב איהר געפונען.

ער האט געשוויגען און האט ערוואַרט, אז זיא וועט עפּעס ענטפערן, אז זיא וועט ווערען אין כעס און וועט זיך אנהויבען צו ידלען. זיא האט צוגעפּרעסט איין האנד צום הארצען, אזוי וויא זיא וואלט עס געדארפט צוהאלטען אום עס זאל ניט ארויסשפּרונגען פון ברוסט, און האט אלץ ניט געקענט כאפּען דעם אטהעם צוליעב איהר שטארקען וויינען. ער האט אנגענומען איהר פאר דער צווייטער האנד, וואס איז געווען אנגעשפּארט אן דעם הענטיל פון דעם פאַטעל, נאר זיא האט זיך פון איהם אויסגעריסען, מורמלענדיג:

— אה, מיין גאט.... מיין גאט!....

ער האט זיך געשטעלט פאר איהר אויף די קניע, נאר ער האט ניט געוואגט אנצוריהרען איהר. איהר שוויינען האט איהם מעהר ערדעגט, וויא ווען זיא זאל אויסברעכען אין כעס.

— מיין קלא, מיין קליינע קלא, דו מוזט בעטראכטען, אין וואס פאר א לאגע איך געפין זיך. וויא גליקליך וואלט איך געווען, ווען איך זאל קענען חתונה האבען מיט דיר. אבער דו ביזט שוין פערהייראט. וואס זאל איך טהאן, זאג אליין. איך מוז זיך שאפען א שטעלונג אין דער געזעלשאפט, און דאס קען איך ניט דערגרייכען ניט האבענדיג קיין אייגענע הויז. ווען דו זאלסט וויסען...

עס זיינען געווען טעג, ווען איך האב דיין מאן געקענט ערמארדען...

זיין שטימע האט געקלונגען ווייך, פערשטעלט און פערפיהרעריש. זיא האט געקלונגען וויא מוזיק אין איהרע אויערען.

ער האט געזעהען וויא 2 גרויסע טרערען האבען זיך ארויסגעקייקעלט פון איהרע אויגען, האבען אראבגערונען אויף איהרע באקען און אין די אויגען האבען זיך געוויזען נייע צוויי טרערען.

— וויין ניט קלא, האט ער געבעטען. וויין ניט. דו צורייסט מיר מיין הארץ.

זיא האט איבער זיך אנגעטהאן א כח און בעהערשט זיך אום איהר שטאלץ און ווירדע זאלען ניט פאלען אין גאנצען, און מיט א ציטערנדיגער שטימע האט זיא געפרעגט:

— ווער איז זיא?

א סעקונדע האט ער געשוויגען, דאן האט ער פערשטאנען, אז ער מוז זאגען און ער האט אויסגערופען.

— פרוי פארעסטיע.

פרוי דע מארעל האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער און האט שטום געקוקט פאר זיך. זיא האט געשיינט אין גאנצען צו פערגעסען, אז ער שטעהט פאר איהר אויף די קניע און איבערהויפּט האט זיא געשיינט ניט צו געדענקען, וואו זיא געפינט זיך. גרויסע טראפּען טרערען האבען זיך געקייקעלט פון איהרע אויגען.

זיא איז אויפגעשטאנען און דורא' האט פערשטאנען, אז זיא וועט אוועקגעהן, ניט טאבענדיג קיינע פארווירפע און ניט זאגענדיג קיין ווארט פון פערצייהונג.

דאָס האָט איהם טיעף געסרענקט. ער האָט איהר געוואָלט אָבהאַלטען, האָט ארום ענומען איהרע קניע און האָט געבעטען:

— איך בעשווער דיך, געה ניט אוועק אזוי פון מיר.

זיא האָט אויף איהם א קוק געטהאָן מיט איהרע פערוויינטע אויגען, פערצווייפעלט און טרויעריג.

— דו.... דו ביזט גערעכט... דו... דו האָסט גוט אויסגעקליבען...גראָדע וואָס דו דאַרפסט.

און זיא האָט זיך פון איהם אַרויסגעריסען און איז אוועקגעגאַנגען. ער האָט שוין איצט נישט געפּרובט אָבהאַלטען איהר.

ווען ער איז געבליבען אליין, האָט ער זיך דערפיהלט אזוי וויא בעטויבט, אזוי וויא עמיצער וואָלט איהם געגעבען מיט'ן קולאַק א שטאַרקען סלאַפּ אין שטערן. נאָר באַלד האָט ער זיך געפּאַסט און האָט א מורמעל געטהאָן.

— נאַ, אבי גע'פּטר'ט.... גרינג אָבגעקומען, אָהן א סצענע, דאָס איז גאַנץ גוט.

פּלוצים האָט ער זיך דערפיהלט וויא בעפרייט פון א שווערע משא. איצט האָט ער געסענט אנהויבען א נייע לעבען. ער האָט אָנגעהויבען קלאַפּען מיט דיא קולאַקעס אין האַנד, וויא פער'שכור'ט פון זיין ערפאָלג, אזוי וויא ער האָט געהאַט א קאַמפּף מיט'ן שיקזאל אליין און האָט געוואונען.

ווען פרוי פאָרעסטיע האָט איהם געפרעגט, צו ער האָט געלאָזט וויסען פרוי דע מארעל, האָט ער גאַנץ רוהיג געענטפערט:

— נאַטירליך...

איהרע העלע אויגען האָבען איהם דורכדרינגליך אָנגעקוקט.

— איז זיא געווען שטאַרק עררעגט דערפון? האָט זיא געפרעגט.

— ניין, קיין האָר ניט. אין געגענטהייל, זיא דענקט אַז איך האָב גוט אויסגעקליבען.

דיא נייעס האָט זיך גיך פערשפּרייט. אייניגע זיינען געווען דערפון ערשטוינט, אַנדערע האָבען בעהויפּטעט, אַז זיי האָבען שוין פריהער געוואוסט, אַז אזוי וועט זיין. נאָך אַנדערע האָבען געשמייכעלט און האָבען זיך געמאַכט, וויא דאָס וואָלט זיי גאָר ניט געוואונדערט. דער יונגער מאַן האָט איצט אונטערגעשריעבען זיינע פעליעטאָנען ד. דע קאַנטעל, אונטער'ן לאָקאַלען טהייל דוראָי און דיא פּאָליטישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבען פון צייט צו צייט, האָט ער אונטערגעצייכענט דו ראָי. א העלפט פון זיין צייט האָט ער פערבראַכט מיט זיין כלה. זיא האָט איהם בעהאַנדעלט וויא א שוועסטער, דאָך האָט מען לייכט געקענט בעמערקען א צוריקגעהאַלטענע צערטליכקייט, א מין סאָרט פערלאַנגען, וואָס זיא האָט מורא געהאַט אַרויסצואווייזען, אום מען זאָל עס ניט רעכענען פאַר א שוואַכקייט. זיא האָט בעשטימט, אַז זייער חתונה זאָל זיין זעהר א שטילע, נאָר פאַר צוויי עדות, און אַז זיי זאָלען אין דעם זעלבען אָבענד

בון דער חתונה אוועקפאָהרען נאָך רוען. מיט א טאָג שפּעטער זאָלען זיי פאָהרען בעזובען דוראַי'ס אלטע עלטערן און פערבלייבען ביי זיי א פּאָר טעג.

דוראַי האָט איהר נעוואָלט אָבריידען פון דיזען בעזוך, נאָר דאָס איז איהם ניט געלונגען, און ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבען.

דער צעהנטער מאַי איז געקומען. דוראַי און פּוי פּאַעסטיע האָבען געמאכט א שטילע חתונה און האָבען זיך צוריקגעקעהרט אַהיים אום צו פערפּאַקען און אוועקשיקען זייערע זאַכען. זיי האָבען זיך בעגינגענט מיט א ציוויל-הייראַט, רעכענענדיג דיא רעליגיעזע חתונה פאַר איבעריג, ווייל זיי האָבען נישט איינגעלאַדען קיינע געסט. 6 אזייגער אבענד זיינען זיי אריין אין זייער צוג, וואָס האָט זיי אוועקגעפיהרט אַך נאָרמאַנדיע.

דיא גאנצע צייט ביז זיי זיינען אריין אין זייער קופּע, האָבען זיי קוים געררעדט צוואנציג ווערטער. ווען זיי זיינען שוין ענדליך געזעסען אין זייער וואַגאָן, האָבען זיי פּרוּרצווינגען א געשפּרעך אום צו פערבאָרגען א געוויסע פּערלעגענהייט, וואָס זיי האָבען ביידע געפיהלט. זיי זיינען אזוי געזעסען, ביז דער צוג האָט געדארפט דורכגעהן איבער א בריק. דער אָנבליק פון דעם טייך מיט דיא גרויסע און קליינע שיפען און מיט דיא פישער, וואָס זיינען געזעסען ביי דיא ברעגען און האָבען געפאנגען פיש, האָט זיי געמאכט א ביסעל פרייליכער. דיא זון האָט געוואָרפען איהרע שטראַהלען אויף דיא שיפען און אויפ'ן טייך, וואָס איז געלעגען רוהיג און אונבעוועגט אזוי וויא אויסגעגאָסען אונטער'ן גלוט פון דער זינקענדער זון. אין מיטען טייך האָט א זעגעל שיפעל פערשפּרייט זיינע ווייסע דרייעקיגע זעגלען און האָט אויסגעזעהען וויא א ריעזיגע פויגעל, וואָס איז פארטיג יעדען אויגענבליק אוועקצופליהען.

— איך האָב זעהר ליעב דיא אומגעגענדען פון פּאַריז. אזעלכע גוט געפּרעגעלטע פיש, וויא איך האָב דאָ געגעסען, האָב איך נאָך אין מיין גאנצען לעבען ניט גענעסען.

— און דיא שיפלאָך? האָט זיא געזאָגט. עס איז ניטאָ קיין שעהנערע זאַך וויא צו פאָהרען אין א שיפעל איבערן וואַסער ווען דיא זון האַלט ביים אונטערגעהן.

דאַן זיינען זיי ביידע אנשווינגען געוואָרען וויא מורא האָבענדיג זיי זאָלען ניט אויספּלוידערען מעהר פון זייער לעבען. זיי זיינען געבליבען שטיל. אפשר האָט שוין אָנגעהויבען אויפצוגעהן אין זייער הערצער דיא זריעה פון חרטה. דוראַי איז געזעסען זיין פרוי אנטקעגען איבער. איצט האָט ער אָנגעכאַפּט איהר האַנד און האָט איהר א קוש געטהאָן.

— נאָך אונזער צוריקקעהרען וועלען מיר אָפט מאַכען א שפּאַציר אונטער פּאַריז.

— מיר וועלען זיין צו פיעל פערנומען, האָט זיא געזאָגט מיט א טאָן, וואָס האָט געשיינט צו זאָגען: מיר וועלען מוזען אָפּפערן דאָס אנגענאהמע צוליעב

דאָס נוצליכע.

ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען איהר האַנד און האָט אוג־והיג געבראָכען זיך דעם קאָפּ, וויא אַזוי ער זאָל איבערגעהן צו ערנסטערע צערטליכקייט. איהם וואָלט ניט אָבגעשראָקען דיא נאַאיווע אונערפאַהרענהייט פון אַ יונג מיידעל. נאָר מאָדע־ליינ׳ס ערפאַהרונגען האָבען זיין האַלטונג געמאַכט זעהר שווער. ער האָט מורא געהאַט ניט אַרויסצואווייזען זיך קאָמיש אין איהרע אויגען. וויא זאָל ער זיך האַלטען? זאָל ער זיך האַלטען צו מורא׳דיג, צו האַס־טיג, צו לאַנגזאַם? ער האָט געדריקט איהר האַנד פון צייט צו צייט און זיא האָט אויף דעם ניט געענטפערט.

ענדליך האָט ער געזאָגט:

— עס קומט מיר פאָר אַזוי קאָמיש, אַז איהר זאָלט זיין מיין פרוי.

— פאַר וואָס? האָט זיא געפרעגט איבעראַשט.

— איך ווייס ניט, נאָר דאָס געפיהל איז אַ קאָמישעס. איך וואָלט אייך וועלען אַ קוש טהאָן און בין ערשטוינט, וואָס איך האָב אַ רעכט דערצו.

זיא האָט רוהיג אונטערגעשטעלט איהר באַק און ער האָט איהר אַ קוש געטהאָן, אַזוי וויא ער וואָלט געקוסט זיינע שוועס־טער.

— ווען איך האָב אייך דערזעהען צום ערסטען מאָל, האָט ער ווייטער געזאָגט; איהר ווייסט, ווען פּאָרעסטיע האָט מיך איינגעלאַדען צום ערסטען מאָל צום מיטאָג, האָב איך געטראַכט: צום שוואַרץ־יאָהר, ווען איך זאָל קענען קריגען אַזאַ פרוי, וויא דיעזע, און איצט איז מיין וואונש ערפילט געוואָרען.

— זעהר ליעבענסווירדיג האָט זיא אַ מורמעל געטהאָן, און האָט דאַביי איהם אָנגעקוקט מיט איה ע אויגען, וואָס האָבען שטענדיג געלאַכט.

„איך בין צו קאַלט, האָט ער געטראַכט מיט זיך. עס איז צו נאַרעש, איך מוז אָנ־הויבען אַ ביסעל שאַרפער. און ער האָט איהר געפרעגט.

— וויא אַזוי האָט איהר זיך בעקאַנט מיט פּאָרעסטיע?

— וויא עס שיינט האָבען מיר אונטער־גענומען אונזער רייזע נאָך רוען, אום מיר זאָלען זיך קענען אונטערהאַלטען וועגען איהם, האָט זיא געזאָגט מיט אַ בייזע סאַ־טירע.

ער איז שטאַרק רויט געוואָרען.

— דאָס איז זעהר נאַריש, האָט ער גע־זאָגט, נאָר נענען אייך פיהל איך זיך זעהר מורא׳דיג.

זיא האָט זיך פריילי‍ך צולאַכט.

— נענען מיר? אונמעגליך? פאַר וואָס?

ער האָט זיך צוגערוקט נאָהענט צו איהר. איצט האָט זיא פלוצים אויסגע־רופען:

— אַח, אַ הירש!

דער צוג איז איצט דורכגעפאָהרען דורך אַ וואַלד, און אַ צושראָקענער הירש איז פערבייגעלאָפען. ווערהרענד זיא האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם אָפענעם פענ־סטער, האָט זיך דוראָי איבער איהר אָנגע־בויגען און האָט איהר אַ הייסען און לאַנ

נען קוס געטהאָן אויף דיא לאָקען, וואָס זיינען אריבערגעפאלען איבער איהר נאַקען. עטליכע אויגענבליק איז זיא געזעסען אונבעוועגליך, דאן האָט זיא געזאָגט.

— הערט אויף, עס קיצעלט.

אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט און און האָט ניט אויפגעהערט צו קיצלען איהר ווייסן לייב מיט זיינע וואָנסען. זיא האָט א ציטער געטאָן:

— הערט אויף!

ער האָט זיין האנד אונטערגעלעגט אונטער איהר קאָפּ און האָט איהם צוגעצויגען צו זיך און האָט זיך ארויפגעוואָרפען אויף איהרע ליפּען, וויא א שפּארבער אויף זיין רויב. זיא האָט זיך געוועהרט פון איהם, האָט זיך צוריקגעשטופּט. ענדליך איז איהר געלונגען ארויסצורייסען זיך פון איהם און דיא גאנצע צייט האָט זיא ניט אויפגעהערט צו ריידען צו איהם: „הערט שוין אויף! הערט שוין אויף!"

נאָר ער האָט איצט קיין זאַך ניט געהערט. ער האָט איהר געפּרעסט מיט זיינע הענד און האָט איהר געקוסט וויא משוגע, מאַטערענדיג זיך צוריקצוואַרפען איהר אין איהר פּאָטעל. זיא האָט זיך אויסגעריסען פון איהם מיט א געוואלדיגער אנשטרענגונג און איז געשווינד אויפגעשטאנען.

— הערט אויף, זשאָרזש, מיר זיינען שוין ניט מעהר קיין קינדער, מיר קענען זיך דערוואַרטען ביז רוען.

ער איז געזעסען פערשוויצט און רויט, אָבער איהר רוהיגקייט האָט איהם צוריקגעקעהרט זיין פאַסונג.

— גוט, איך וועל זיצען שטיל, האָט ער געזאָגט, נאָר איך וועל ביז רוען ניט אויסריידען קיין צוואַנציג ווערטער, און מיר זיינען נאָך זעהר ווייט פון דאָרטען.

— אויב אזוי וועל איך ריידען, האָט זיא געזאָגט, און האָט זיך רוהיג אנידערגעזעצט נעבען איהם און האָט קלאָר און דייטליך אָנגעהויבען צו ריידען, וואָס זיי דארפען טהאָן, גלייך נאָך זייער צוריקקעהרען נאָך פּאריז.

זיי וועלען בלייבען אין דער זעלבער וואוינונג, וואו זיא האָט געוואוינט מיט איהר ערשטען מאַן, און דוראַי האָט אויך גע'ירש'עט פאָרעסטיע'ס שטעלע און געהאלט ביי דער צייטונג. זיא האָט גוט פערשטאנען געשעפט און האָט נאָך פאר זייער חתונה איינגעאָרדענט יעדע זאַך.

זיי האָבען ניט געלעבט אין קיין קאָמונע, און האָבען געזאָרגט פאר יעדע זאַך, וואָס האָט געקענט געשעהן, פאר א טויט, פאר א שיידונג, אזוי אויך פאר א קינד אָדער עטליכע קינדער, וואָס זיי קענען האבען. דוראַי האָט אריינגעלעגט אין זייער געמיינשאפטליכער קאסע 4000 פראנק, פערגעסענדיג איהר צו זאָגען דערביי, אז 1500 האָט ער געליהען. דאָס איבריגע האָט ער אָבגעשפּאָרט אין דעם לעצטען יאָהר. די יונגע פרוי האָט געהאַט 40 טויזענד פראנק, וועלכע פאָרעסטיע — וויא זיא האָט געזאָגט — האָט איהר איבערגעלאָזט. זיא האָט דערביי ווידער אָנגעהויבען צו רעדען פון פאָרעסטיע:

— ער איז געווען זעהר א שפּארזאמער און פלייסיגער מענש, ער וואָלט זיך באלד

געמאכט א פערמענגען.

דוראַי האָט מעהר ניט געהערט, ווייל ער האָט געטראַכט נאָר פון אנדערע זאַכען, און זיא פּלענט זיך אלע ווילע איבער־רייסען און האָבען צו דערצעהלען פון דאָס ניי.

— אין דריי אָדער פיער יאָהר אַרום וועט איהר שוין לייכט קענען פערדיענען פון דרייסיג ביז פערציג טויזענד פראנק א יאָהר, שאַרל וואָלט אַזוי פיעל פערדיענט, ווען ער זאָל בלייבען לעבען.

זשאַרזש'ן האָט דאָס געשפּרעך אָנגע־הויבען צו לאַנגווייליגען, און ער האָט איצט ווידערהאָלט איהרע פריהערדיגע ווערטער:

— מאַכען מיר דען דאריבער א רייזע נאָך רוען, אום אונטערצוהאַלטען זיך ווע־גען פּאַרעסטיע?

זיא האָט איהם געגעבען א לייכטען פּאַטש אין באַק און האָט לאַכענדיג גע־זאָגט:

— איהר זייט גערעכט.

ער האָט געהאַלטען דיא גאַנצע צייט זיינע הענד אויף דיא קניע, וויא א געזעצט אינגעלע.

— אַזוי מאַכט איהר א קינדישען איינדרוק, האָט זיא בעמערקט.

— קיין אנדער ברירה האָב איך ניט, האָט ער געענטפערט. איהר האָט מיך איצט אויסגעזידעלט און דאַריבער מוז איך זיך איצט האַלטען אַנשטענדיג.

— פאַר וואָס?

— ווייל איהר האָט גענומען די דעה איבער אונזער גאַנצער בעל הבית'שקייט און איבער מיין פּערזאָן.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? האָט זיא געפרעגט ערשטוינט.

— איך מיין, אַז אַזוי דאַרף טאַקע זיין. איהר זייט אַן אַלמנה, איהר האָט שוין ערפאַהרונג אין דעם פערהייראַטען לעבען. איהר וועט מיר זיין א הילף אין מיין בחור'שער אונוויסענהייט.

זיא האָט זיך שטאַרק צולאַכט.

— דאָס איז אַביסעל צו פיעל, האָט זיא געזאָגט.

— דער פאַקט אָבער איז אַזוי, האָט ער געענטפערט. איך קען דיא פרויען ניט.... איהר אָבער קענט דיא מענער יא, ווייל איהר זייט אַ'ן אלמנה. איהר מוזט מיך לערנען.... יא.... און אויב איהר ווילט קענט איהר שוין אָנהויבען צו געבען מיר דיא ערשטע לעקציאָן.

— דאָס איז זעהר שעהן, האָט זיא געענטפערט נאָך אַלץ לאַכענדיג. נאַר טרייסט זיך בעסער ניט מיט אַזעלכע האָפ־נונגען. דוא ביזט א נאַר.

— אַזוי וויא דו הויבסט שוין אָן צו ריידען מיט מיר אויף „דו", וויל איך דיר זאָגען, אַז איך האָב דיך ליעבער מיט יעדע סעקונדע, און דער וועג ביז רוען שיינט מיר צו זיין זעהר לאַנג.

ער האָט איצט גערעדט און גע־שפּיעלט וויא אַ'ן אַקטיאָר. און דיא יונגע פרוי וואָס איז געוואוינט געווע מיט אַלע ווילדע המצאות פון דיא יונגע שריפטשטעלער, האָט אין דעם געפונען זעהר פיעל שפּאַס. זיא האָט געקוקט אויף איהם פון דער זייט און האָט אויסגעפונען, אַז ער איז ווירקליך זעהר רייצענד.

— גלויבט מיין ערפאהרונג, מיין נרויסער ערפאהרונג, מיין קליינער שילער. דיא קיסען אין א וואגאן פון דער אייזענבאהן טויגען ניט, זיי פיהרען נאר איבער דעם אפעטיט.

איהרע בעקלעך תאבען זיך אלץ מעהר בעפארבט מיט א ראזיגען קאליר, וועהרענד זיא האט געזאגט אין דער שטיל:

— מען טאר ניט שניידען קיין תבואה, כל זמן זיא איז ניט צייטיג.

ער האט זיך צולאכט, ווייל ער האט פערשטאנען דיא אנצוהערענים וואס איז ארויסגעקומען פון איהר שענעם מויל.

דיא נאכט האט זיך שטיל אנגעהויבען ארונטערצולאזען און צו בעדעקען מיט איהר דורכזיכטינען שאטען וויא מיט א לייכטען שלייער דיא ברייטע פעלדער, וואס האבען זיך געצויגען רעכטס פון דער באהן, דער צוג איז געגאנגען פאזע דעם טייך סיין. דאס יונג פאארעל האט ארויסגעקוקט אויף'ן טייך, וואס האט זיך געצויגען וויא א ברייטע, מעטאלענע שטענגע. רויטע פלעקען פון דער פערגעהענדער זון האבען זיך דא אבגעטונקט מיט דיא גלענצענדע קאלירען פון פורפור און פייער. אויך דיזע ליכטינע פלעקען האבען ביסלעכווייז אנגעהויבען צו פערשווינדען און מאכען פלאץ פאר דער דונקעלהייט. דאס פעלד האט זיך איינגעוויקעלט אין שווארצען, און דאס ציטערן פון טוידט, וואס יעדע פינסטערנים ברענגט מיט זיך, איז פערביי זיי דורכגעלאפען. דיא מעלאנכאלישע שטימונג פון אבענד האט דורכגעדרונגען דורך דעם אפענעם פענסטער און האט געמאכט שווייגען דאס יונגע פאאר, וואס איז אקערסט געוועזן אזוי לוסטיג.

אין נאנטעס האט מען אנגעצונדען אין וואגאן דיא קליינע לעמפלאך, וועלכע האבען צוגאסען איבער דיא גרויבעצויגענע פאטעלען א געלבליכע, ציטערנדע ליכט. דוראי האט ארומגענומען זיין פרוי ביי דער טאליע און האט איהר צוגעפרעסט צו זיך צערטליך. דער ווילדער באגער, וואס האט זיך ערוועקט אין איהם פריהער, האט זיך פערוואנדעלט אין א שמאכטענדע צערטליכקייט און אין א פערלאנג נאך יענע לאסצענדע קוסען, וועלכע וויעגען איין קינדער.

— איך וועל דיך זעהר ליעב האבען, מיין קליינע מאדעלען, האט ער געמורמעלט שטיל.

דער ווייבער טאן פון זיין שטימע האט ערציטערט דיא יונגע פרוי און א קעלט איז איהר איבערגעלאפען איבערן לייב. ער האט אנגעשפארט זיין קאפ אן איהר ברוסט און זיא האט זיך צו איהם אנגעבויגען און אנגעבאטען איהם איהר מויל צום קוסען. דאס איז געוועזן א לאנגער, שטומער און צארטליכער קוס, דאן פלוצים א ווילדער ארומנעהמען, א קורצער, שטילער קאמפף, א ווילדע, משוגענע פערשכור'טקייט פון ליעבע. דאן האבען זיי זיך ביידע געהאלטען א ווילע ארומגענומען ביידע אביסעל ענטטוישט נאר מאט און צערטליך, ביז דער פייף פון דעם לאקאמאטיוו האט געמעלדעט, אז דיא סטאנציע איז נאהענט.

זיא האט אביסעל איינגעארדענט איהרע

האָר און האָט בעמערקט:

— דאָס איז צו נאַרעש. מיר פיהרען זיך אויף וויא קינדער.

ער אָבער האָט געקוסט איהרע הענד און געמורמעלט:

— איך פערגעטער דיך, מיין קליינע, מאַדעליין.

ביז רוען זיינען זיי געזעסען אנגעלעהנט באַק צו באַק, כמעט אונבעוועגליך און האָבען ארויסגעקוקט פון פענסטער אויף דיא ליכטער פון דיא איינצעלנע הייזער, פערביי וועלכע דער צוג איז דורכגעפלויגען. זיי זיינען געווען צופריעדען צו זיין אזוי נאָהענט איינער צום צווייטען און האָבען געטרוימט פון דער צוקונפט ווען זיי וועלען זיין מעהר צוזאמענגעבונדען.

זיי האבען אראָבגעשטיגען אין א האָטעל נעבען האפען. זיי האָבען ווענינ געגעסען און זיינען באַלד אוועק אין זייער צימער.

אויף מאָרגען אכט אין דער פריה האָט זיי אויפגעוועקט דיא דיענסט. זיי זיינען אויפגעשטאנען און נאָך׳ן טהיי, האָט דוראָי צערטליך ארומגענומען זיין פרוי, אזוי וויא ער וואָלט ערסט איצט אויסגעפונען וואָס פאַר א טהייערן אוצר ער האָט געקראָגען. און ער האָט איהר שטיל אריינגעשעפטשער אין אויער אריין:

— מיין קליינע מאדעליין, איך ליעב דיך זעהר.... זעהר.... זעהר....

זיא האָט געשמייכעלט צו איהם צוריעדען און האָט איהם קוסענדיג צוגעשעפטשעט:

— איך דיך אויך.... פיעלייכט....

דער בעזוך צו זיינע עלטערן האָט איהם נאָך אלץ בעזאָרגט. ער האט זיין פרוי געגוג געוואָרנט און האָט איהר פאָרבערייטעט צו אלץ. איצט האָט ער נאָך געפרובט צום לעצטען מאָל.

— זיי זיינען פויערים. דו מוזט וויסען, אז זיי זיינען אמת׳ע פויערים, פויערים פון א דאָרף, ניט פון טהעאטער.

— יא, יא, איך ווייס, דו האָסט מיר שוין גענוג גערעדט, האָט זיא אויסגערופען לאַכענדיג.

— מיר וועלען אין זייער הויז ניט געפינען קיינע בעקוועמליכקייטען. אין מיין צימער געפינט זיך נאָר אן אלטע בעט מיט א שטרוי־זאַק. פון מאַטראַצען מיט שפרינג פעדערען ווייסט מען אין קאַנטעליו גאָר ניט.

זיא האָט געשיינט צו זיין זעהר ענטציקט דערפון.

— נאָך בעסער, האָט זי געענטפערט. מיר וועלען ביידע פרובירען שלאָפען שלעכט און לאָזען זיך אויפוועקען פון דעם קרייהען פון האָהן.

זיא האָט היינט אין דער פריה געטראָגען א ווייסען פלאַנעלענעם מאָרגען־ראָק. דאָס איז איהם ניט געפעלען געוואָרען. פאַר וואָס? ער האָט גוט געוואוסט, אז זיין ווייב האָט א גאַנצע טוץ אזעלכע מאָרגען־קליידער. זיא האָט דאָך ניט געקענט ארויסוואַרפען איהר גאַנצע גאַרדעראָב און מאַכען זיך א נייען! דאָך וואָלט איהם געווען זעהר ליעב, ווען זיא זאָל כאָטש איהר אונטערסטע וועש ניט נוצען פון פריהער. עס האָט

איהם אלץ געשיינט, אז עס איז נאָך אויף זיי געבליבען פון פאָרעסטיע'ס בעריהרונג.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט אָנגעצ־נדען א פאפּיראָס. דער אָנבליק פון דעם האפּ־ן, פון דעם ברייטען שטראָם מיט דיא שיפען און דיא שלאַנקע מאַסטען מיט דיא גרויסע דאַמפּפערס, וואָס האָבען אויסגעליידיגט זייער לאדונג מיט א טאַראַראַם אויף'ן ברעג, האָט איהם דאָך פערבאַפּט דעם אטהעם, כאָטש ער האָט עס שוין אזוי גוט געקענט. און ווירקליך וויא שעהן דאָס איז! מאדעליין איז צו איהם צוגעלאָפען, האָט ארויפגעלייגט איהרע הענד אויף זיינע אקסלען, האָט זיך איבער איהם אָנגע־עהנט און אויסגערופען ענטציקט:

— אָה, וויא שעהן! איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז דאָ זיינען פאַראַן אזוי פיעל שיפען.

מיט א שטונדע שפּעטער האָבען זיי פערלאָזט דעם האָטעל, ווייל זיי האָבען געוואָלט אָנקומען צו דיא אלטע נאָך צום פריהשטיק. א'ן אַפּענע אלטע דראָשקע האָט זיי מיט א גרויסען גערויש אָנפאַנגס אריבערגעפיהרט איבער א'ן אומעדיגען בולוואַר, דאַן ארויסגעפיהרט זיי אויף דיא פעלדער און ענדליך אָנגעהויבען צו שלעפען זיך אויף א באַרג.

מאדעליין איז איינגעשלאָפען אונטער דיא וואַרעמע קוסען פו דער זונן. איצט האָט איהר דער מאַן אויפגעוועקט.

— זעה, גיב א קוק, האָט ער געזאָגט.

זיי האָבען זיך געפונען אויף א שטעלע אויפ'ן באַרג, פון וואַנען עס האָט זיך געעפענט זעהר א שעהנער אָנבליק. דער גאַנצער ברייטער טהאָל מיט'ן דורכציהענדע שט־אָם, מיט זיינע אינזלען און דיא שטאָדט רועו נאָר פון דער ווייטענס. דער קוטשער האָט געוואַרט, ביז דיא פּאַסאַזשירען האָבען זיך זאַט אָנגעקוקט. פון זיין לאַנג-יעהריגע ערפאהרונג האָט ער געוואוסט, פיעל צייט דאַרף גענומען ביי יעדען בעזוכער אויסצודריקען זיין פערוואונדערונג. ווען דיא קאַרעטע האָט זיך געלאָזט פאָהרען ווייטער, האָט דוראַי פלוצים בעמערקט אין א צוויי הונדערט שריט פון זיי צוויי אלטע לייט, וועלכע זיינען געקומען זיי אנטקעגען. ער איז ארויסגעשפּרונגען פון דער דראָזשקע און האָט אויסגעשריען.

— דאָס זיינען זיי, מיינע עלטערן, איך דערקען זיי.

דאָס זיינען געווען צוויי אלטע פּויערים א מאַן און א פרוי. זיי זיינען צו זיי צוגעקומען מיט אומרעגעלמעסיגע טריט, אָנשטויסענדיג זיך איינער מיט'ן צווייטען אָן דיא אקסלען. דער מאַן איז געווען א נידריגער, איינגעקאָרטשעטער מיט א קליין בייכעל, דאָך גאַנץ געזונד, ניט קוקענדיג אויף זיינע יאָהרען. די פרוי איז געווען לאַנג און מאָגער. זיא איז געגאַנגען איינגעבויגען און פערקרימט, וויא אן אמת'ע פעלדארבייטערקע, וועלכע האָט געהאָרעוועט פון איהר קינדהייט אָן און האָט קיין מאָל ניט געטאָרט לאַכען, וועהרענד דער מאַן האָט געטרונקען און געשוועצט מיט דיא קונדען אין זייער

שענק.

מאַדעליין איז אויך אַרויסגעשטיגען פֿון דראָזשקע. דאָס האַרץ האָט איהר פֿערקלעמט, ווען זיא האָט דערזעהען די ביידע אָרימע מענשען. אַ טרויער איז אויף איהר אָנגעפאַלען, אויף וואָס זיא האָט זיך גאָר ניט געריכט. אָנפאַנגס האָבען דיא אַלטע לייט גאָר ניט געקענט דערקענען אין דעם שעהנעם יונגען מאָן זייער זוהן, און עס וואָלט זיי קיין מאָל אין זינען ניט אַריין, אַז דיא שעהנע יונגע דאַמע אין דעם עלעגאַנטען העלען קלייד זאָל זיין זייער שנור. שנעל און אָהן ווערטער זיינען זיי געגאַנגען אַנטקעגען זייער זוהן, אויף וועלכען זיי האָבען געוואַרט, און האָבען אַפילו ניט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דיא גרויס־שטעדטישע, וואָס זיינען זיי געגאַנגען אַנטקעגען און הינטער וועלכע עס איז געפאָהרען אַ קאַרעטע. ערסט ווען זיי זיינען אַריבער, האָט זיי דוראָי נאָכגעשריען מיט אַ געלעכטער:

— גוט מאָרגען, פֿאָטער דוראָי!

דיא אַלטע לייט זיינען געבליבען שטיין וויא צוגעשמידטע, פֿערגליווערט פֿון ערשטוינונג און איבערראשונג. דיא אַלטע איז דיא ערשטע געקומען צו זיך און האָט אויסגעשטאַמעלט, ניט מאַכענדיג קיין שרים צו זיי.

— ביזטו עס אונזער זוהן?

— נאַטירליך, דאָס בין איך, מוטער.

ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און האָט איהר אַ קוש געטהאָן אין ביידע באַקען. נאָכדעם וויא ער האָט בעגריסט דעם פֿאָטער, האָט ער זיי פֿאָרגעשטעלט זיין פֿרוי.

ביידע פֿויערים האָבען געקוקט אויף מאַדעליין וויא אויף אַ ביין וואונדער. דער פֿאָטער האָט געשיינט צו זיין צופֿריעדען, נאָר אין דער מוטערס אויגען האָט אַ פֿינקעל געטהאָן אַ פֿיינדליכע אייפֿערזוכט.

דער אַלטער דוראָי איז פֿון דער נאַטור געווען אַ פֿרייליכער. דורך דעם טרינקען פֿון מילדען אַלקאָהאָל און עפּעל־וויין האָט זיך זיין פֿרייליכקייט נאָך פֿערגרעסערט, און ער האָט איצט געפֿרעגט מיט אַ וואונק:

— קען איך איהר אויך געבען אַ קוש?

— געוויס, האָט געענטפֿערט דער זוהן.

מאַדעליין האָט זיך געפֿיהלט זעהר אונבעקוועם און האָט איהם אונטערגעשטעלט איהר באַק. ער האָט איהר געגעבען אַ קלינגענדען קוש און האָט דערנאָך אָבגעווישט דאָס מויל מיט דער לינקער זייט פֿון האַנד. דיא אַלטע האָט זיך געהאַלטען אַביסעל פֿון דערווייטענס, וועהרענד זיא האָט געקוקט איהר שנור. אַזוי האָט זיא זיך ניט פֿאָרגעשטעלט דיא פֿרוי פֿון איהר זוהן. איהר שנור האָט נאָך איהר מיינונג געדאַרפֿט זיין אַ פֿרישע, דיקע פֿאַכטערקע, רויט וויא אַן עפּעל, און קיילעכדיג. אָבער דיא דאַמע, זיא זעהט אויס עפּעס וויא אַ דירנע, מיט איהרע שפּיצען און פֿאַטשולי. דיא אַלטע האָט נאָר געוואוסט פֿון איין פֿאַרפֿיום. אַלע פֿאָרפֿירמען האָבען ביי איהר געהייסען פֿאַטשולי.

איצט זיינען זיי אַלע געגאַנגען פֿאזע דראָזשקע, אויף וועלכע איז געשטאַנען דיא קאַסטען פֿון דעם יונגען פֿאָאַרל. דער אַלטער האָט אָנגענומען דעם זוהן אונטער דער האַנד, איז פֿערבליבען אַ ווײַלע מיט

איהם פון הינטען און האָט איהם נעפרעגט:

— וויא געהען דיינע געשעפטע?

— זעהר גוט; אויסגעצייכנט.

— זעהר גוט. זאָג מיר יעצט, איז דיין פרוי רייך?

— פיערציג טויזענד פראַנק, האָט זשאַרזש געענטפערט.

דער אלטער האָט ארויסגעלאָזען א שטילען פייף פאַר בעוואונדערונג, און איז געווען אזוי ערעגט פון דער גרויסער סומע, אז ער האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען ניט אויסצומורמלען:

— צום טייוועל!

דאן האָט ער ווייטער געזאָגט זעהר ערנסט:

— זיא איז אין אמת'ן א שעהנע פרוי.

זיא איז איהם שטארק געפעלען געוואָרען און ער האָט א מאָל געהאט א שם פאַר א מבין אין אזעלכע זאכען.

מאדעליין און דיא אלטע דוראַי זיינען געגאַנגען פאָראויס און האָבען ניט גערעדט קיין וואָרט.

דאס קליינע דערפיל, וואוהין זיי זיינען איצט אָנגעקומען, איז געשטאַנען אויפ'ן פאָסטאָווען וועג, א צעהן הייזער פון יעדער זייט. דיא הייזלאך זיינען געווען האלב איינגעפאלענע. א טהייל הילצערנע און א טהייל ציגעלנע, געדעקט מיט שטרוי אָדער מיט שינדלען. דער שענק פון דעם אלטען דוראַי איז געווען אן אריימע הייזקע מיט א קליינע שאַלקע. דער טיש איז געווען געגרייט פאַר דיא געסט אין שענק, וואו מען האָט צוזאמענגעשטעלט צוויי טישלאך און איבערגעדעקט מיט א טישטוך. א שכנה איז געקומען העלפען סארווערען און האט בעגריסט דיא געסט מיט גרויס הכנעה, ווען זיא האָט דערזעהען אזא אויסגעפוצטע דאמע. דאן האָט זיא דערקענט זשאָרזש'ן און האט אויסגערופען:

— נאָט מיינער! ביזטו דאָס קליינינקער?

—געווים, בין איך דאָס, האָט זשאָרזש געענטפערט פריילין.

ער האָט איהר באלד א קוש געטהאָן און האָט זיך געווענדעט צו זיין פרוי:

— קום אין אונזער ציטער מאָדעלין. דו וועסט דאָך וועלען אויסטהאָן דייו הוט.

ער האָט איהר אריינגעפיהרט אין א קאלט צימער אויסגעפלאסטערט מיט שטיינער, דיא וועגד אויסגעקאלכט. דאָ איז געשטאַנען א בעט, פערהאַנגע מיט קאָרטונענע פאָרהאַנגען. אויף דער וואַנד איז געהאַנגען א קרוסיפיקס און א בילד פון נאפּאָלעאָן, וויא ער רייט אויף א געלען פערד. דאָס איז געווען דיא איינציגע צירונג אין צימער.

אזוי גיך וויא זיי זיינען געבליעבען אליין האָט ער איהר א קוש געטהאָן און געזאָגט:

— גוט מאָרגען דיר, מאָדעלין. איך פריי זיךווירקליך צו זעהן ווידער דיא אלטע. ווען מען איז אין פאַריז, דענקט מען גאָר ניט פון אזא זאך, גאָר וויא מען קומט זיך ווידער צוזאמען, פערשאפט עס דאָך פערגעניגען.

דער פאַטער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיהר מיט'ן קולאַק, זאָגענדיג:

— גיכער, גיכער! דיא זופּ שטעהט אויפ'ן טיש.

דער פריהשטיק האָט געדויערט א לאַנגע צייט און איז בעשטאַנען פון וואורשט און אַ פּיין־קוכען. דער אַלטער דוראַי איז געוואָרען זעהר לוסטיג פון א פּאָר גלעזער וויין און האָט אויסגעשאָטען אַלע זיינע בעסטע געשיכטען, וועלכע, וויא ער האָט געזאָגט, ער האָט נאָר דערצעהלט אין גרויסע ימים טובים. דיא געשיכטעס זיינען געוועזען פרעכע און ציניש אנעקדאָטען. זשאָרזש האָט זיי אַלע געוואוסט, דאָך האָט ער געלאַכט. דיא לופט פון דער היימאַטה און דיא ליעבע צו דיא עלטערן האָבען איהם בערוישט. אַלטע עראינערונגען האָבען אין איהם ערוואַכט און איהם האָט פערשאַפט פערגניגען צו זעהען אַלע קלייניגקייטען, וואָס זיינען געווען פערבונדען מיט געוויסע עראינערונגען. דער גערוך פון ע־רד, פון סמאַלע, וואָס האָט דערגרייכט אהער פון דעם נאָהענטען וואַלד, דיא קליינע הייזקע, דער טייך און אפילו דיא קופּע מיסט פון סטאַדאָלע, וואָס איז געלעגען נעבען טהיר. דוראַי'ס מוטער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. זיא איז געבליבען ערנסט און מורא'דיג. און האָט געקוקט אויף איהר שנור מיט אויגען פול מיט האַס. יאָ, דיא אַלטע פּויערטע מיט איהר איינגעבויגענעם רוקען פון שווערע ארבייט, האָט געהאַסט דיא גרויס־שטעדטישע פרוי. זיא האָט זיך געפיהלט אָבגעשטויסען פון איהר וויא פון א פערדאַכטען, געפאַלענעם, אונריינעם וועזען, וואָס איז נאָר בעשאַפען פאַר לעדיג געהען און זינד. זיא האָט זיך אַלע ווילע אויפגעהויבען אום אריינצוטראָגען דאָס עסען און אָנצוגיסען דעם שוימענדען עפּעלוויין. מאַדעליין האָט ניט געגעסען און ניט גערעדט. איהר געוועהנליכער שמייכעל, וואָס האָט איצט אויסגעזעהען זעהר טרויעריג, איז וויא פערגליווערט געוואָרען אויף איהרע ליפּען. זיא איז געווען ענטטוישט און פערצווייפעלט. פאַר וואָס? זיא האָט דאָך אַליין געוואָלט פאָהרען אהער און האָט פריהער געוואוסט, אַז זיא פאָהרט צו אָרימע פּויערים, צו אמת'ע אָרימע פּויערים. פאַר וואָס האָט זיא געדענקט, אַז דיעזע פּויערים וועלען זיין אַנדערש וויא מען האָט איהר זיי פאָרגעשטעלט. פאַר וואָס האָט זיא זיך געלאָזט פערפיהרען פון א פאַנטאַזיע, זיא וועלכע פאַנטאַזירט קיין מאָל ניט? האָט זיא זיך פון דערווייטענס פאָרגעשטעלט, אַז זיי זיינען פּאָעטישער וויא אין דער ווירקליכקייט? ניין, דאָך האָט זיא געדענקט, אַז זיי זיינען עדעלער, צערטליכער, שעהנער. אמת, זיא האָט זיך ניט געוואונשען, אַז זיי זאָלען זיין אַזוי, וויא אין דיא ראָמאַנען, פאַר וואָס זשע מאַכען זיי אויף איהר אַזאַ שלעכטען איינדרוק מיט זייער גראָבקייט, מיט זייער האַנדלען, מיט זייער ריידען, אַפילו מיט זייער לאַכען. זיא האָט געטראַכט וועגען איהר אייגענער מוטער, וועגען יענער מוטער, וועגען וועלכער זיא פלעגט מיט קיינעם קיין מאָל ניט ריידען.

זיא איז געווען א לעהרערין, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען געוואָרען אין סט. דעניס, זיא איז יונג פערפיהרט געוואָרען און

איז געשטאָרבען פון קומער און עלענד, ווען מאַדעליין איז אַלט געווען צוועלף יאָהר. אָן אונבעקאַנטער האָט דיא יתומה געוואָלט ערציהען. איז דאָס געווען איהר פאַטער? בעשטימט האָט זיא עס ניט געוואוסט, כאָטשע זיא האָט געהאַט אַ פערדאַכט.

דער פריהשטיק האָט געשיינט ווערט זיך קיין מאָל ניט ענדיגען. עס האָבען אָנגעהויבען אָנצוקומען געסט. זיי האָבען גע־דריקט דעם אַלטען דוראַי דיא האַנד און האָבען ערשטוינט געקוקט אויף זיין זוהן. אויף דער יונגער פרוי האָבען זיי געקוקט אָן אַ זייט און צוגעוואונקען איינער דעם צווייטען, אַזוי וויא זיי וואָלטען וועלען זאָגען:

— וויא געפעלט אייך, וואָס פאַר אַ פּלונית׳טע ער האָט געקראָגען?

אַנדערע, וואָס זיינען וועניגער בעקאַנט געווען מיט׳ן בעל הבית, האָבען זיך אַרום־געזעצט אַרום אַ טיש און גערופען:

— מיר אַ ליטער!.... אַ גלאָז!.... צוויי קאָניאַק!.... אַ ביטערן פאַר׳ן מאָ־גען!.... און דאַן האָבען זיי געשפּיעלט דאָמינאָ, מאַכענדיג אַ ליאַרעם מיט דיא ביינדלאַך.

דיא אַלטע איז קיין מינוט ניט געזעסען שטיל. מיט איהר פעריאָמערטען בליק האָט זיא דיא גאַנצע צייט בעדיענט דיא געסט, גענומען דאָס געלד און געווישט דעם טיש מיט׳ן עק פאַרטוך. דער רויך פון דיא פּיפּ־קעס און בילינע סיגאַרען האָבען אָנגעפילט דיא גאַנצע שטוב. מאַדעליין האָט אָנגע־הויבען צו הוסטען און האָט ענדליך גע־פרעגט:

— קענען מיר ניט געהן? איך קען עס מעהר ניט אויסהאַלטען.

דער פריהשטיק האָט זיך נאָך אַלץ ניט געענדיגט. דער אַלטער דוראַי איז געוואָרן ביסלעכווייז אונצופריעדען. מאַדעליין האָט זיך אויפגעהויבען און געזעצט זיך אויף אַ שטוהל ביי דער טהיר אין גאַס, וואַרטענ־דיג ביז איהר מאַן און דער שווער וועלען אויסטרינקען דעם בילינען קאַפע.

דוראַי איז באַלד אַרויסגעגאַנגען צו איהר.

— ווילסטו זיך אפשר אַ ביסעל דורכשפּאַצירען איבער׳ן טייך? האָט ער גע־פרעגט.

— יאָ, קום! האָט זיא געענטפערט דערפריידט.

זיי זיינען אַרונטערגעגאַנגען פון באַרג, האָבען געדונגען אַ שיפעל און געשיפט זיך דעם גאַנצען טאָג. דיא וואַרעמע לופט פון פריהלינג האָט זיי ביידען שלעפעריג גע־מאַכט. ווען עס איז געוואָרען אָבענד, האָ־בען זיי זיך צוריקגעקעהרט אַהיים, האָבען זיי אָבגעגעסען וועטשערע פאַר׳ן שיין פון אַ ליכטעל. מאַדעליין האָט זיך איצט געפיהלט נאָך אומעדיגער, וויא אין דער פריה ביים פריהשטיק. דער אַלטער איז איצט געווען האַלב שכור און האָט כמעט גאָר ניט גע־רעדט, און דיא אַלטע האָט נאָך אויסגעזעהן זויערער וויא פריהער!

גלייך נאָכ׳ן עסען, האָט מאַדעליין אַרויסגעפיהרט זשאָרזש׳ן אין דרויסען, אום נאָר פטור צו ווערען פון דער טרויעריגער שטוב. וואָס איז נאָך אַלץ געווען אָנגעפילט מיט׳ן ביטערען רויך פון טאַבאַק און פון

פערנאָסענעם בילינען ווין.

ווען זיי זיינען געווען אין דרויסען האָט ער צו איהר געזאָגט:

— דו לאַנגווײלסט זיך שוין.

זיא האָט עס אָבער ניט געוואָלט צוגעבען. נאָר ער האָט איהר איבערגעשלאָגען.

— זאָג ניט, זאָג ניט, איך האָב עס גוט געזעהען, אויב דו ווילסט, פאָהרען מיר אָב מאָרגען אין דער פריה צוריק.

— אַך, יא, איך וויל, האט זיא געענטפערט שטיל.

זיי זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען ווייטער. די נאַכט איז געווען ווארעם און אין די טיעפע, טילדע שאָטענס האָבע, זיך געהערט אַלערליי געראַוישען.

— וואו זיינען מיר? האָט זיא געפרעגט.

— אין וואַלד, האָט ער איהר געענטפערט.

— איז ער גרויס?

— זעהר גרויס. איינער פון די גרעסטע וועלדער אין גאַנץ פראַנקרייך.

מען האָט געפיהלט דעם ריח פון ערד, בוימער, דער דיקער גערוך פון א געדיכטען וואַלד. מאַדעליין האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט דערזעהען די שטערן דורך דיא שפּיצען פון דיא בוימער, און כאָטשע קיין ווינטעל האָט ניט געבלאָזען צווישען דיא צווייגען, האָט זיא דאָך געפיהלט ארום זיך א שטיקען גערויש פון דעם ים בלעטער.

א זעלטזאַמער ציטער איז איהר דורכגעלאָפען איבער'ן לייב. עפּעס א מין שרעק האָט איהר צוזאַמענגעפּרעסט דאָס האַרץ. פאַר וואָס? זיא האט עס אַליין ניט געוואוסט. נאָר זיא האָט געהאַט דאָס געפיהל אזוי וויא זיא האָט פערבלאָנדזשעט און איז ארומגערינגעלט מיט געפאַהרען. זיא האָט זיך געפיהלט פערלאָרען פון אַלעמען, איינע אליין אין דער גאַנצער וועלט, דאָ אונטערן לעבעדיגען געוועלב, וואס האָט איבער איהר געציטערט.

— איך האָב אביסעל מורא, האָט זיא א מורמעל געטהאָן. איך וואָלט וועלען ארויסגעהן פון וואַלד.

— גוט, קום צוריק.

— און ... מאָרגען קעהרען מיר צוריק נאָך פּאַריז.

— געוויס. מאָרגען.

— אין דער פריה?

— זאָל זיין אין דער פריה, אויב דו ווילסט.

ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט, זיינען שוין ביידע אַלטע געווען אין בעט. מאַדעליין איז שלעכט געשלאָפען דיעזע נאַכט צוליעב די אונבעקאַנטע גערוישען פון דאָרף פון דעם כריוקען פון דיא חזירים, וואָס זיינען געווען איינגעשפּארט אין א שטעלכעל הינטער'ן וואַנד, פון דעם קרייהען פון א האָהן און דאָס גלייבען. שוין פאַר טאָג איז זיא געווען אויף דיא פיס און פאַרטיג צו דער רייזע.

ווען זשאָרזש האט מיטגעטהיילט זיינע עלטערן, אז ער פאָהרט שוין אוועק האָבען זיי דערפון געהאט פיעל קלעמענים, נאָר זיי האָבען באַלד פערשטאַנען פאַר וואָס ער האָט זיך בעשלאָסען אזוי גיך

אבצוּבאַהרען. דער אלטער האָט נאָר געפרעגט:

— וועלען מיר דיך אין ניכען ווידער זעהען?

— געוויס, נאָך היינטיגען זומער.

— אויב אַזוי איז גאַנץ גוט.

דיא מוטער האָט נאָר מיט כעס אויס־געמורמעלט:

— איך ווינש דיר נאָר, אַז דו זאָלסט קיין חרטה ניט האָבען אויף דעם, וואָס דו האָסט געטהאָן.

זשאַרזש האָט זיי געשענקט צוויי הונ־דערט פראַנק, אום צו שטילען אביסעל זייער קלעטענים. צעהן אַ זייגער איז שוין דיא דראָזשקע געשטאַנען נעבען זייער טהיר. זשאַרזש און מאַדעליין האָבען זיך נאָך אַ מאָל צוקוסט מיט דיא אַלטע לייט און זיינען אוועקגעפאָהרען. אַרונטערפאָה־רענדיג דעם באַרג, האָט דוראַי לאַכענדיג געזאָגט:

— זעהסטו, איך האָב דיר געוואָרענט. איך האָב דיך איבערהויפט ניט געדאַרפט צוזאַמענפיהרען מיט'ן הערר און פרוי דו ראַי דע קאַנטעל.

זיא האָט זיך אויך צולאַכט און האָט געענטפערט:

— טראָץ דעם פרייט עס מיך איצט. זיי זיינען גוטע מענשען און איך האָב זיי איצט שוין זעהר ליעב, און איך וועל זיי שיקען פון פאַריז קאַנפיטורען.

דאַן האָט זיא שטיל געזאָגט צו זיך: „דו ראַי דע קאַנטעל"..... און אין דער הויף האָט זיא געזאָגט צום מאַן:

— דו געסט זעהן, קיינער וועט זיך ניט וואונדערן אויף אונזערע האַכציימס־קאַר־טען. מיר וועלען אויסעדים דערצעהלען, אַז מיר האָבען פערבראַכט אַ וואָך אין אייער גוט, און צובויינענדיג זיך צו איהם, האָט זיא איהם אַ קוש געטהאָן. גוט מאָר־גען, זשאַרזש!

— גוט מאָרגען, מאַדעליין, האָט ער געענטפערט און אַרומגענומען איהר.

פון דערוואייטענס, אונטען אין טהאַל, האָט זיך געזעהן דער ברייטער טייך, וועלכער האָט געשיינט אַנטקעגען דער זון פון פריה־מאָרגען ווי אַ זילבער־נע שטענגע און דיא הויכע קוימענס פון דיא פאַבריקען, פון וואַנען עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ געדיכטער רויך ביז צום בלויען הימעל.

X.

דיא דו ראָיס זיינען שוין פון צוויי טעג געווען אין פאַריז. דער זשורנאַליסט האָט ווידער אָנגענומען זיין אַלטע שטעלע אין דער צייטונג, מיט דער האָפנונג באַלד בע־פרייט צו ווערן פון דעם לאָקאַלען טהייל און איבערצונעהמען פאָרעסטיע'ס פלאַץ, דאָס הייסט אָבצוגעבען זיך צו פּאָליטיק.

אבענד־צייט פלעגט ער זעהר פרייליך קומען אהיים. עס האָט איהם געצווינגען צו זיין ווייב, וועלכעס קערפערליכע און גייסטי־גע רייצען האָבען איהם אין גאַנצען גע־פאַנגען. אויף'ן וועג האָט ער געקויפט אַ גרויסען בוקעט ראָזען פאַר מאַדעליין. אויף יעדען עטאַזש האָט ער זיך ווידער אָנגע־קוקט צופרידען אין שפּיעגעל, וואָס האָט איהם דערמאָנט שטענדיג אין זיין ערשטען בעזוך אין דיעזען הויז, ווען ער איז

נעקומען דאס ערסטע מאל צו פארעסטיע. דעם צווייטען אבענד האט ער פערגעסען דעם שליסעל און ער האט אנגעקלונגען. דער זעלבער דיענער, וואס איז געווען דאמאלס, האט איהם געעפענט דיא טיהר.

— איז מיין פרוי שוין צו הויז האט ער געפרעגט.

— יא, גנעדיגער הערר.

ווען ער איז דורכגעגאנגען דאס שפייזצימער, האט ער בעמערקט מיט גרויס איבעררעשונג, אז דער טיש איז געדעקט פאר דריי פערזאן. ער האט אויפגעהויבען דיא פארטיערען פון דער זאאל-טהיר און האט דערזעהען מאדעלין שטעהט נעבען א וואזע און שטעלט דארטען אריין א בוקעט ראזען, פונקט אזעלכע וויא ער האט איצט געבראכט. ער איז געווארען שטארק אונצופריעדען, אזוי וויא עמיצער האט פערכאפט זיינע אן אידעע און צוגנ'גנב'עט ביי איהם די פרייד, וואס ער האט פאר איהם אנגעגרייט.

— האסטו דען עמיצען איינגעלאדען? האט ער נעפ־ענט.

זיא האט זיך ניט אבגעריסען פון איהר ארבייט און האט געענטפערט:

— יא און ניין. דאס איז מיין אלטער פריינד, גראף דע וואדרע. ער איז געוואוינט צו עסען ביי אונז יעדען מאנטאג און איז היינט געקומען וויא געוואוינליך.

— אה, זעהר אנגענעהם, האט זשארזש א מורמעל געטאן.

ער האט געהאט גרויס חשק צו בעהאלטען דעם בוקעט און דערנאך ארויס ווארפען איהם, דאך האט ער געזאגט:

— נעהם, איך האב דיר געבראכט ראזען.

זיא האט זיך געשווינד אומגעווענדעט און אויסשטרעקענדיג צו איהם איהרע הענד און ליפען, האט זיא אויסגעשריען מיט א געלעכטער.

— וויא פיין פון דיר, וואס דו האסט מיך געהאט אין זינען.

זיא האט איהם דאבייא ארויסגעוויזען אזוי פיעל אמת'ע פרייד, אז ער האט זיך נעפיהלט געטרייסט. זיא האט גענומען זיין בוקעט און אריינגעשטעלט איהם אין דער צווייטער וואזע אויפ'ן צווייטען עק קאמין. דאן האט זיא זיך אוועקגעשטעלט פון דערווייטענס און האט זיי בעטראכט.

— איך בין זעהר צופריעדען, האט זיא געזאגט, איצט איז מיין קאמין בעפוצט וויא געהעריג איז. דאן האט זיא ווייטער געזאגט: גלויב מיר, וואדרע איז זעהר א פיינער מאן, דו וועסט מיט איהם גיך בעפריינדעט ווערען.

דער קלונג פון דעם גלעקיל האט אנגעדייטעט דעם גראפ'ס קומען. ער איז אריינגעקומען רוהיג און זיכער, אזוי וויא ער וואלט געווען ביי זיך אין דער היים, האט גאלאנט א קוש געטהאן דיא האנד ביי דער ווירטהין פון הויז און דאן געווענדעט זיך צו זשארזש, געבענדיג איהם דיא האנד און האט געפרעגט:

— וויא געהט עס אייך, מיין ליעבער דו ראי?

דער גראף האט שוין מעהר ניט געבלאזען פון זיך וויא פריהער. זיין איידעל

בענעהמען זיך האָט בעוויזען, אז דיא סי־טואַציאָן האָט זיך געענדערט. דער זשור־נאַליסט איז געווען איבעראַשט און האָט זיך געגעבען דיא מיה צו זיין אַזוי פריינדליך וויא מעגליך. מיט פינף מינוט שפּעטער האָט מען געקענט גלויבען, אַז זיי זיינען שוין פון יאָהרען לאַנג בעקאַנט.

מאַדעליין האָט געשטראַלט פאַר פרייד, זעהענדיג זיי אַזוי פריינדליך.

— איך מוז אייך איצט לאָזען אַליין, האָט זיא געזאָגט. איך מוז אייך איצט לאָ־זען אין מיין קיך.

מיט דיא ווערטער איז זיא ארויס פון צימער, און ביידע מענער האָבען איהר נאָכ־געקוקט.

דער דינער איז געווען רייצענד און אַנ־גענאַהם. דער גראַף איז פערבליבען ביז שפּעט אין אָבענד. ער האָט זיך געשיינט צו בּיהלען זעהר גוט ביי דעם יונגען פּאָר פאָלק.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט מאַ־דעליין געזאָגט צו איהר מאַן:

— איז ער ניט אַ פיינער מאַן? וואָס מעהר מען קען איהם, אַלץ מעהר ליעבט מען איהם. ער איז אַ וואהרער, איבערגעבענער און טרייער פריינד. אָהן איהם....

זיא האָט דיא פראַזע ניט געענדיגט, און זשאָרזש האָט איהר געענטפערט:

— יאָ, איך געפין, אַז ער איז זעהר אַנ־גענעהם. איך גלויב, אַז מיר פּאַסען זעהר גוט איינער צום צווייטען.

— ווייסטו, איז זיא איהם אריינגעפאַ־לען אין דיא רייד, מיר האָבען נאָך היינט אַרבייט פאַר'ן שלאָף. איך האָב פאַר'ן עסען ניט געהאַט קיין צייט צו זאָגען דיר, וויייל וואָדרע איז גלייך אָנגעקומען. איך האָב געקריגען זעהר וויכטיגע נאַכריכטען איבער מאַראָקאָ. דער דעפּוטירטער לאַראָש מאַטהיי, אונזער צוקינפטיגער מיניסטער, האָט מיר זיי געבראַכט. מיר מוזען שרייבען אַ גרויסען אַרטיקעל, אַ סענזאַציאָנס-אַרטיקעל. איך האָב אַלע פאַקטען און ציפערן. קום, מיר זעצען זיך גלייך צו דער אַרבייט. נעהם דעם לאָמפּ.

ער האָט גענומען דעם לאָמפּ און זיי זיינען אריין אין קאַבינעט. אויפ'ן ביכער־שראַנק זיינען געשטאַנען דיא צוויי וואַזען, וואָס פאָרעסטיע האָט געקויפט אין דעם טאָג פון זיין טוידט. דיא זעלבע ביכער זיי־נען נאָך געשטאַנען אין דיא שאַפּעס, אונ־טער דעם טיש איז געלעגען דער זעלבער פוס-טעפּפּיך, וואָס דער פערשטאָרבענער האָט פריהער געברויכט. דו ראָי האָט זיך אַנידערגעזעצט צום טיש.

מאַדעליין האָט זיך געזעצט נעבען קאַמין, האָט פערדרייכערט אַ פּאַפּי־ראָס און דערצעהלט איהם, וואָס זיא האָט זיך דערוואוסט. דאַן האָט זיא איהם געגעבען איהר פּלאַן, וויא אַזוי צו שרייבען דעם אַרטיקעל. ער האָט איהר אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געמאַכט אַ פּאָר נאָטיצען. דאַן האָט ער געמאַכט אַ פּאָר איינווענדונגען און האָט אויך גע־מאַכט זיין פּלאַן, נאָר ניט וועגען דעם אַר־טיקעל זאָנדערן וועגען אַ גאַנצע מלחמה געגען איצטיגען מיניסטעריום. זיין פרוי האָט איהם אַזוי אויפמערקזאַם אויסגע־

הערט, אז זיא האָט אפילו פערגעסען צו רויבענען, און האָט נאָר געמורמעלט פון צייט צו צייט:

— יא.... יא.... אויסגעצייכענט!.... פאַרטרעפליך!...

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין פּלאַן, האָט זיא געזאָגט:

— איצט קענען מיר זיך זעטצען שרייבען.

נאָר דער אָנהויב איז איהם איצט אויך אָנגעקומען זעהר שווער. איהם האָט געקאָסט גרויס מיה צוזאמענצושטע־לען דיא ערשטע פּאָר ציילען, דאָ האָט זיא זיך איבערגעבויגען איבער זיין אקסעל און האָט איהם אָנגעשעפּטשעט אין אויער א פּאָר זעצע. יעדעס מאָל פלעגט זיא זיך אָבשטעלען און פרעגען: געפעלט דיר, וויא איך דריק זיך אויס?

— יא, יא, אויסגעצייכענט, האָט ער געענטפערט.

זיא האָט געפונען אלערליי שפּעטישע בעמערקונגען, שטעכווערטלאך, וועלכע האָבען שטארק געדארפט אָנגרייפען דעם מי־ניסטער־פּרעזידענט. זיא האָט עס אזוי צו־זאמענגעפלאָכטען מיט פּאָליטיק, אז דער לעזער האָט געמוזט לאכען און בעוואונדערן דעם שרייבער'ס שארפע בעאָבאכטונגס־קראפט.

ווען דער ארטיקעל איז געוואָרען פאַר־טיג, האָט איהם זשאָרזש איבערגעלייענט אין דער הויך. זיי האָבען ביידע געפונען, אז דער ארטיקעל איז גאנץ גוט, און האָבען געלאכט פאר פרייד און ערשטוינונג, אזוי וויא זיי וואָלטען ערשט ענטדעקט איינער דעם צווייטען. זיי האָבען זיך אריינגעקוקט איינער דעם צוויי־טען אין דיא אויגען און דאן שטורמיש און ליידענשאפטליך ארומגענומען.

— קים, מיין ליעבע, האָט דוראָי געזאָגט, באַפּענדיג דעם לאָמפּ.

ער איז געגאנגען פריהער, און זיא נאָך איהם, קיצלענדיג איהם מיטן פינ־גער איבער'ן האלז, כדי ער זאָל גיכער געהן.

דער אָרטיקעל איז ערשיענען אונטער־געצייכענט: זשאָרזש דו ראָי דע קאַנטעל, און האט געמאכט א פוראָר. אין דער דע־פּוטירטען קאמער האט דער ארטיקעל ארויסגערופען א שטורמישע זיצונג. הערר וואלטער האט גראטולירט דעם פערפאסער און איבערגעגעבען איהם דיא לייטונג פון דער פּאָליטישער אבטהיילונג, וואָס ראָט פריהער בעלאנגט צו פאָרעסטיע. אויף דו ראָי'ס פּלאטץ איז געוואָרען צוריק דער פריהערדיגער רעדאקטער באָא רענארד.

פון איצט אָן האט זיך אָנגעהויבען אין דער צייטונג א שרעקליכער קאמפּף געגען דעם מיניסטעריום. יעדער אָנגריף איז גע־ווען געפיהרט קלוג און געגרינדעט אויף פאקטען, א מאָל איראָניש, א מאָל ערנסט, א מאָל גיפטיג אָדער שפּאסענדיג און האָט שטענדיג געטראָפען אין דער שוואכער זייט. אלע זיינען געווען ערשטוינט, און די איבריגע צייטונגען האָבען געמוזט צי־טירען גאנצע שטיקער פון וואלטער'ס צייטונג.

דיא רעגיערונג האט זיך אָנגעפרעגט,

צו מען קען ניט פערשטאַפּען דאס מויל ביי דעם אונבעקאַנטען פיינד מיט א פלאַץ פון א פּרעפעקט. אין די פּאָליטישע קרייזען איז דוראַי באַלד געוואָרען בעריהמט; אין דער מאַניער ווי מען האָט פאַר איהם ארונטער גענומען די הוט און געדריקט דיא האנד האָט ער געקענט מעסטען זיין שטייגען. און ער האָט זיך ניט געקענט אָבוואונדערן פון זיין פרוי'ס גייסט, פון דער ריכטינקייט פון איהרע אינפאָרמאַציאָנען און פון איהר גרויסע בעקאַנטשאַפט. צו יעדער צייט פון טאָג האָט ער געקענט טרעפען ביי זיך אין סאַלאָן א סענאַטאָר אָדער דעפּוטירטען, א ריכטער אָדער גענעראַל, וועלכע האָבען זיך אַלע בעגאַנגען מיט מאַדעליין, וויא מיט א'ן אַלטער פריינדין. וואו האָט זיא זיך בעקענט מיט דיזע אַלע לייט? זיא פלעגט זאָגען, אַז אין דער געזעלשאַפט. אָבער וויא אזוי האָט זיא געוואונען זייער פערטרויען? איהם איז דיא זאַך געוועזען ניט קלאָר. און ער פלעגט שטענדיג ענדיגען זיינע געדאַנקען מיט דיא ווערטער:

— זיא וואָלט געוועזען א'ן אויסגעצייכענטער דיפּלאָמאַט.

זיא פלעגט אָפט קומען שפּעט צום עסען און אריינפאַלען אין צימער אָהן אָטהעם רויט און ערדעגט.

— היינט האָב איך עפּעס גרויסאַרטיגעס, פלעגט זיא זאָגען, נאָך איידער זיא האָט צייט געהאַט אויסצוטהאָן איהר הוט און שלייער. שטעל זיך נאָר פאָר, דער מיניסטער האָט אָנגעשטעלט צוויי ריכטער, וועלכע זיינען געוועזען אין דער געמישטער קאָמיסיאָן. מיר וועלען איהם היינט געבען אַזאַ קלאַפּ אַז ער וועט איהם לאַנג געדענקען.

און מען האָט געגעבען דעם מיניסטעריום איין קלאַפּ נאָך'ן צווייטען, און דער דעפּוטירטער לאַראָש מאַטהיי, וועלכער האָט ביי זיי געגעסען יעדען דינסטאָג פלעגט זיי שטענדיג שטאַרק דריקען דיא הענד און זאָגען דערביי:

— צום טייוועל! אָט דאָס איז א קאַמפּף! מיר וועלען מוזען דערגרייכען דעם ציעל.

ער האָט געהאָפט דורך דעם צו געווינען דעם פּאָרטפעל פון דעם מיניסטער דער אויסוואַרטיגען אַנגעלעגענהייטען. ער האָט געהערט צו יענע פּאָליטיקער, וועלכע זיינען געוועזען פאַרטיג צו שפּיעלען יעדע ראָליע. ער האָט ניט געהאַט קיינע איבערצייגונגען, קיינע גרויסע מיטלען, איהם האָט געפעהלט שכל און טיעפע קענטניס. אַלס אַדוואָקאַט אין דער פּראָווינץ האָט ער געהאַט א שם פאַר א שעהנעם יונגען מאַן און האָט געקענט זעהר פיין דורכקריכען צווישען דיא עקסטרימע פּאַרטייען. ער איז געוועזען א רעפּובליקאַנישער יעזואיט פון א זעהר צווייפעלהאַפטען כאַראַקטער, איינער פון יענע וואָס פּלאָדען זיך אין דיא שווערע הונדערטער אין דער מיסט פון דעם אַלגעמיינעם שטימרעכט. א דאַנק זיין פּויערשע לוסטיגקייט האָט ער געגאָלטען צווישען זיינע קאָלעגען, צווישען יענע רואינירטע פּערזאָנען, פון וועלכע מען מאַכט דעפּוטירטע, אַלס א זעהר בעגאַבטער מענש. ער האָט זיך געהאַלטען פיין און גוט, איז

געווען ליעבענסווירדיג און האָט זיך געשאַפען פריינד צווישען די קלענערע און גרעסערע געזעלשאַפט פון בעאַמטע, וועלכע האָבען גראַדע איצט געהאַט דיא גאַנצע מאַכט אין דיא הענד. אומעדום האָט מען גערעדט, אַז לאַראָש וועט נאָך אַ מאָל ווערען מיניסטער. ער איז אין דעם געווען איבערצייגט ניט ווייניגער וויא אַלע אַנדערע.

ער איז געווען איינער פון דיא הויפּט-אַקציאָנערען פון וואַלטער'ס צייטונג און האָט גענומען אַנטהייל אין אַלע זיינע פינאַנציעלע אַנגעלעגענהייטען. דו ראָי האָט איהם אונטערשטיצט, האָפענדיג אויף דער צוקונפט. איבריגענס, האָט ער נאָר פאָרטגעזעצט דיא אַרבייט, וואָס פאָרעסטיע האָט אָנגעהויבען. לאַראָש האָט דעם לעצטען צוגעזאָגט דאָס קרייץ פון דער עהרען - לעגיאָן אין דעם טאָג, ווען ער וועט זיעגען. איצט האָט דאָס קרייץ געדאַרפט איבערגעהן צו מאַדעליינ'ס נייען מאַן. ווייטער האָט זיך קיין זאַך ניט געענדערט.

דאָס געפיהל, אַז קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז פאָרעסטיע'ס קאַמעראַדען האָבען געמאַכט דו ראָי'ס לעבען זויער און ביטער. זיי האָבען פאַר איהם קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט, וויא פאָרעסטיע. אַזוי ניך וויא ער פלעגט קומען אין דער רעדאַקציאָן, פלעגט מען אויס־שרייען:

— אַהאַ! האָט קומט פאָרעסטיע.

ער האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג און האָט גענומען לייענען זיינע בריעף. וויעדער און אָבער האָט זיך געהערט דער אויסגעשריי: „אָה, פאָרעסטיע!" און אַ פערשטיקטער געלעכטער האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען.

ווען דו ראָי האָט געוואָלט אַריינגעהען צו הערר וואַלטער אין קאַנטאָר האָט איהם דער קאָלעגע, וואָס האָט איהם גערופען פאָרעסטיע, אָבגעהאַלטען:

— פאַרדאָן, איך האָב געוואָלט מיט דיר ריידען. אָבער דאָס ערגסטע איז וואָס איך פערגעס זיך שטענדיג און פערבייט דיין נאָמען מיט דעם אָרימען שאַרל. שולדיג אין דעם זיינען דיינע אַרטיקלען, וועלכע זיינען געשריעבען גראַדע אַזוי וויא ער פלעגט שרייבען.

דו ראָי האָט קיין זאַך ניט געענטפערט ער איז געווען אויסער זיך פאַר כעס און אַ טעמפער האַס האָט גענומען אויפוואַקסען ביי איהם אין האַרצען געגען דעם פערשטאָרבענעם.

ווען מען האָט וואַלטער'ן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דיא זאָנדערבאַרע עהנליכקייט צווישען דיא אַרטיקלען פון דעם פערשטאָרבענעם פאָרעסטיע און דו ראָי'ס אַרטיקלען, האָט וואַלטער געענטפערט:

— געוויס איז דאָס פאָרעסטיע, אָבער אַ שטאַרקערער, מעהר פיהלענדער און פרישערער פאָרעסטיע.

אַ מאָל ווען דו ראָי האָט געעפענט אין דער רעדאַקציאָן זיין שאַפע, וואָס האָט פריהער בעלאַנגט צו פאָרעסטיע, האָט ער געפונען, אַז עמיצער האָט אַרומגעבונדען זיינע זאַכען מיט אַ רויטען באַנד און פאָרעסטיע'ס מיט אַ שוואַרצען. פון אויבען

איז געווען צוגעקלעפּט אַ צעטיל מיט דיא פאָלגענדע ווערטער:

„אלטע זאַמלונגען פון פּאָרעסטיע עט קאָמפּאַני — פּאָרעסטיע — דו ראַי נאָכ־פאָלגער. אָבגעניצטע אַרטיקלען מוזען גע־נוצט ווערען ביי יעדער געלעגענהייט אפילו אין דער רייזע“.

ער האָט רוהיג פערשלאָסען דיא שאַפע און געזאָגט אַזוי הויך, אַז אַלע האָבען געקענט הערען:

נאַראָנים און בעלי קנאה זיינען דאָ אי־בעראַל.

ער איז געווען טיעף פערוואונדעט אין זיין שטאָלץ און אייטעלקייט אַלס ליטעראַ־טאָר, יענע מיסטעריעזע אייטעלקייט וואָס געפינט זיך ביי יעדען שרייבער, סיי ביי דעם קלענסטען רעפּאָרטער און סיי ביי דעם גרעסטען דיכטער. דער נאָמען פּאָרעסטיע האָט בעליידיגט זיין אויער, ער האָט מורא געהאַט צו הערען דאָס וואָרט און ווען ער פלעגט עס הערען, איז ער בעגאָסען געוואָ־רען מיט אַ רויטקייט. פאַר איהם איז אין דעם נאָמען געלעגען אַ בייסענדער שפּאָט, מעהר וויא אַ שפּאָט — אַ בעליידיגונג. דער נאָמען האָט צו איהם געשריען:

— דיין פרוי בעזאָרגט דיינע אַרטיק־לען, וויא זיא האָט בעזאָרגט דעם ערשטען מאַן'ס. אָהן איהר וואָלסטו געווען אַ גאָר נישט.

ער האָט גערן צוגעגעבען, אַז פּאָרעס־טיע וואָלט אָהן מאַדעליין געווען אַ גאָר נישט, אָבער מיט איהם איז עפּעס אַנ־דערש!

אין דער היים האָט איהם פּאָרעסטיע אויך ניט געלאָזט צורוה, דאָס גאַנצע הויז האָט איהם דערמאָנט אין דעם טוידטען, דאָס מעבעל, דיא ביכער און יעדע זאַך, אויף וואָס זיין בליק איז געפאַלען. דיא ערסטע צייט האָט ער דערפון גאָר ניט גע־טראַכט, נאָר דאָס נעגען פון זיינע קאָלע־גען האָט געמאַכט ביי איהם אַזאַ וואונד, אַז יעדע קלייניגקייט האָט אַרויסגערופען אַ וויהטאָג. ער האָט ניט געקענט נעהמען קיין זאַך אין האַנד, אום ניט צו פיהלען, אַז שאַרל'ס האַנד האָט עס געהאַלטען. ער האָט זיך איצט נאָר בעדיענט מיט יענע זאַכען, וואָס ער האָט אַליין געקויפט. דער בלויזער געדאַנק וועגען דיא בעציהונגען צווישען זיין פערשטאָרבענעם פריינד און זיין פרוי האָט איהם אין גאַנצען אַרויסגע־בראַכט פון זין. צייטענווייז פלעגט ער אַליין זיין ערשטוינט איבער דעם טיעפען האַס אין זיין הארצען און ער פלעגט זיך אַליין פרעגען:

— צום טייוועל! פון וואַנען נעהמט זיך עס? אויף מאַדעליין'ס פריינד בין איך ניט אייפערזיכטיג און מיר געהט גאָר ניט אָן, וואָס זיא טהוט. זיא געהט און קומט ווען זיא וויל, און נאָר דער געדאַנק וועגען דעם נאַרעשען שאַרל מאַכט מיר משוגע פאַר כעס. אין גרונט איז ער געווען אַ וואַהרער אידיאָט, און דאָס ערגערט מיר, וואָס מאַדעליין האָט געקענט חתונה האָבען מיט אַזאַ עזעל. וויא אַזוי האָט אַזאַ בהמה באָטשע איין אויגענבליק געקענט געפעלען ווערען דיזע פרוי? האָט ער ניט אויפגע־הערט צו פרעגען זיך.

זיין האַס איז געוואַקסען פון טאָג צו

טאָג, פעראורזאכט פון טויזענדע קליינינ־קייטען, וואָס האָבען געשטאָכען וויא נאָדלען.

דו ראָי האט ליעב געהאט זיסע שפּייזען און א מאָל האט ער געפרעגט זיין פרוי:

— פאר וואָס האָבען מיר נישט קיין צווישען־געריכט? דו הייסט קיין מאָל ניט קאָכען אזא זאך.

— איך האָב פון דעם גאָר נישט געטראכט, האָט זיא געענטפערט. דאָס קומט וואהרשיינליך דערפון, וואָס שארל האט עס ניט געקענט ליידען.

— איך מוז דיר זאָגען, האָט ע אויסגעשריען אונגעדולדיג, אז דיעזער שארל קריכט מיר שוין פון האלז. איך הער מעהר ניט וויא „שארל" און „שארל". ער איז טוידט און בעגראָבען, לאָז איהם ליגען אין רוהע.

מאדעליין האט ערשטוינט אָנגעקוקט איהר מאַן, נאָר באלד האט זיא פערשטאַנען אום וואָס דאָ האנדעלט זיך. זיין אייפערזיכט צום טוידטען האט איהר געשיינט צו זיין קינדיש, דאָך האט דאָס איהר געשמייכעלט, און זיא האט קיין זאך ניט געענטפערט.

ער איז געווען זעהר אונצופריעדען מיט זיך, וואָס ער האָט געלאָזט אזוי ארויסווייזען זיין בעס. אויף דער נאכט, ווען זיי זיינען געזעסען ביי דער ארבייט, און ער האָט איינגעוויקעלט זיינע פיס אין פוסטעפּפּיך, האָבען זיך דיא פיס פערפלאָנטערט און ער האט אוועקגעשארט דעם טעפּיך מיט דיא פיס און געזאָגט מיט א געלעכטער:

— שארל האט מסתמא שטענדיג געהאט קאלטע פיס.

— געוויס, האָט זיא געענטפערט לאַבענדיג. ער האָט שטענדיג מורא געהאט פאר א פערקיהלונג.... זיין ברוסט איז ווירקליך געווען זעהר שוואך.

— פאר מיין גליק, האָט דו ראָי אונטערגעכאַפּט, קושענדיג איהר דיא האנד.

פון דעם טאָג אָן האָט ער ניט אויפגעהערט צו ריידען מיט זיין פרוי וועגען שארל. ער האָט שטענדיג גערעדט פון איהם מיט גרוים מיטלייד און האָט פון איהם ניט גערעדט אנדערש וויא פון דעם אָרימען שארל. יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען פון דער רעדאקציאָן, וואו מען האָט ניט אויפגעהערט צו נענען איהם מיט'ן טוידטען, פלעגט ער זיך אָברעכענען מיט איהם אין דער היים, מאכענדיג חוזק פון איהם. עס האָט אויסגעוויזען, אזוי וויא ער פיהרט א קאמפּ מיט א שרעקליכען געגנער ביי זיין פרוי אין הארצען.

— ווייסטו, מאדעליין, האָט ער א מאָל געזאָגט צו זיין ווייב. אז דער נאָר פאָרעסטיע האָט אונז א מאָל געוואָלט איינריידען, אז דיא דיקע מענ ע זיינען שטאַרקער פון דיא מאָגערע! דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט איבערדערצעהלען אנדערע אינטימע זאכען פון פאָרעסטיע, ביז מארעליין האָט ארויסגעמורמעלט:

— הער דאָך אויף א מאָל! דו קענסט דאָך איהם פערגינען צו ליגען אין רוה.

ענדע יוני איז ער געזעסען ביים פענסטער און האָט געדויכערט א פּאַפּיראָס. די

גרויסע הייך האָט איהם צו געגעבען חשק ארויסצופאָהרען א ביסעל שפּאַצירען.

— ווילסטו ניט דורכפאָהרען זיך אַבי־סעל, מאַדעליין, אין וואַלד אַריין? האָט ער געפרעגט.

— זעהר גערן.

זיי האָבען גענומען אַ'ן אָפענע קאַרעטע און זיינען ארויסגעפאָהרען אין בולאָנער וועלדיל. דיא נאַכט איז געווען אַ שטילע, און דיא לופט פון דעם אָנ־געברענטען פּאַריז האָט אַריינגעדרונגען אין דיא לונגען, וויא דיא גלוט פון אַ באַק אויי־וועון. הונדערטער דראָזשקעס מיט ליעבע־פּאָרלאַך האָבען זיך געזעהען צווישען דיא ביימער און האָבען זיך געצויגען וויא לאַנגע, ענדלאָזע קייטען. דזשאָרדזש און מאַדעליין האָבען מיט פערגניגען בעטראַכט דיא פּאַרבייפאָהרענדע קאַרעטען. דאָס רוב זיינען דיא דראָזשקעס געווען פערנומען מיט פּאָרלאַך, וועלכע זיינען געזעסען צוגעטהו־לעט איינע צום צווייטען, ניט קוקענדיג אויף דיא הייץ. דיא וואַרעמע נאַכט האָט געשיינט צו זיין אָנגעזאָפּט מיט קושען. אַ דיקע תאוה איז געלעגען אין דער לופט און האָט איהר געמאַכט נאָך דריקענדער, און פון אַלע פּאָרלאַך האָט זיא ארויסגע־שטראָהלט וויא אַ גליהענד פיעבער.

אויך דזשאָרדזש און מאַדעליין האָבען דיך געפיהלט אנגעשטעקט פון דיעזער צערטליכקייט. זיי האָבען זיך צוגעטהו־לעט נעהנטער איינער צום צווייטען און זייערע הענד האָבען זיך הייס געדרוקט. ווען דיא קאַרעטע איז ארויסגעקומען אין אַ פינסטערן פּלאַץ הינטער דיא מויערן פון דער פעסטונג, האָבען זיי זיך צוקוסט, און מאַדעליין האָט ארויסגעשטאַמעלט פערווירט:

— מיר זיינען נאָך היינט אַזוי קינדיש וויא אויף דער רייזע נאָך רואן.

דזשאָרדזש האָט איהר צוגעדריקט צו זיך און האָט איהר אַ מורמעל געטהאָן,

— אַה, מיין קליינע מאַדעליין....

— געדענקסטו, האָט זיא געזאָגט, וויא מורא'דיג עס איז געווען אין וואַלד אין אייער דאָרף. מיר האָט געדוכט, אַז ארום און ארום זיינען פּאַראַן ווילדע חיות. דיא אָבער איז רייצענד, און איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס אונז ערוואַרט אויף יענער זייט וועלדיל.

— אין אונזער וואַלד זיינען נאָר פּאַראַן הירשען און פוקסען און צייטענ־וויז אַ ווילדער שווין.

פּלוצים האָט ער זיך איבערגעהאַקט, און דער געדאַנק וועגען פאָרעסטיע איז איהם אַריין אין קאָפּ, און ער האָט גע־פרעגט:

— ביזטו אָפט געפאָהרען מיט שאַרלין אין דיזען וועלדעל?

— געוויס, זעהר אָפט, האָט זיא גע־ענטפערט.

ער האָט זיך באַלד געוואָלט צוריק־קעהרען אַהיים, נאָר דער געדאַנק וועגען פאָרעסטיע האָט איהם ניט געלאָזט צורוה. ער האָט איצט נאָר געקענט ריידען און דענקען פון איהם, און מיט אַ בייסערינגען טאָן האָט ער געזאָגט:

— הער, מאַדעליין....

— יאָ, מיין פריינד.

— ביזטו דעם ערשטען שאל טריי געוועזן?

— דו ביזט ווירקליך א נאַרר מיט דיינע אויבינע אויספּרעגונגען, האָט זיא גע־ענטפערט פֿעראַכטליך.

נאָר ער האָט ניט נאָכגעלאָזט:

— זאָג מיר גאַנץ אָפֿען, דו קליינע מאַדעליין, מיר מענטשו דאָך זאָגען, ביזטו איהם געווען טריי?

זיא האָט איהם קיין זאַך ניט געענט־פערט און ער האָט ווידער געזאָגט.

— איין גאָט איז אַ'ן עדות, אז ער איז גראַדע געווען דער מענש דערפאַר. זיין קאָפּ איז וויא בעשאַפֿען געווען פֿאַר א פּאָר הערנער. עס וואָלט מיר פֿערשאַפֿט פיעל שפּאַס, ווען איך זאָל וויסען, אז דוא ביזט איהם ניט געווען טריי.

ער האָט געפּיהלט, וויא עפּעס אַ'ן ער־אינערונג האָט ביי איהר ארויסגערופען א שמייכעל אויף דיא ליפּען, און איז צו איהר צוגעשטאַנען פֿון דאָס ניי.

— זאָג מיר דאָך, וואָס איז דאָס אזוינס!

ער האָט איצט געציטערט פֿון האָפֿנונג אויסצוגעפֿינען, אז זיא איז ווירקליך ניט געווען טריי דעם פֿערשטאָרבענעם, און דאָך האָט איהם געטריבען אן אומקלאָרע ערוועג־טונג צו ערפֿאַהרען אַלעס. זיין איינגעזעקש'נ־טע בעטען האָט איהר אַנגעהויבען צו מאַ־כען שפּאַס, ווייל זיא האָט זיך א פּאָר מאָל קורץ צולאַכט. ער האָט זיך צוגעבוי־גען צו איהר אויער און האָט א שעפּטשע געטהאָן:

— ביזטו זיך ענדליך מודה!

זיא האָט זיך פּלוצים אָבגעריקט פֿון איהם און געזאָגט מיט כעס:

— דו ביזט א נאַר, אויף אזעלכע פֿראַגען ענטפֿערט מען קיין מאָל ניט.

זיא האָט עס געזאָגט מיט אזא זאַנ־דערבאַרען טאָן, אז א קעלט איז איבערגע־לאָפֿען איבער זיין לייב, און ער איז גע־בליבען זיצען שטום און דערשראָ־קען, אזוי וויא עמיצער וואָלט איהם דער־לאַנגט א מאָראַלישען פּאַטש. די קאַרעטע איז איצט געפֿאַהרען פּאַזע טייך, וואו עס האָבען ארומגעשוואומען צוויי שוואַנען. דער הימעל איז געווען בעשאָטען מיט שטערען.

— צוריק! האָט זשאָרזש א געשריי געטהאָן צום קוטשער.

דער קוטשער האָט פֿערקירעוועט דיא פֿערד צוריק.

„וויא זעלטזאַם זיא האָט עס ארויסגע־רעדט! איז דאָס געווען א געשטענדניס?“ האָט ער זיך געפֿרעגט. און כמעט דיא זיכערהייט, אז זיא האָט איהר ערשטען מאַן גענאַרט, האָט איהם איצט געמאַכט ווילד פֿון כעס. ער איז איצט געווען פֿעהיג צו שלאָגען איהר, וואָרגען, שלעפּען ביי דיא האָר. אַך, ווען זיא וואָלט איהם נאָר גע־ענטפֿערט: „מיין ליעבלינג, ווען איך וואָלט איהם וועלען נאַרען, וואָלט איך עס דאָך געטהאָן מיט דיר“ אָה, דאַן וואָלט ער איהר ארומגענומען, צוגעפּרעסט צו זיך און פֿער־געטערט איהר!

ער איז געזעסען אונבעוועגליך מיט פֿערלעגטע אָרמען, און האָט דיא אויגען געווענדעט צום הימעל. ער איז נאָך געווען

צוביעל אויפגערעגט, אז ער זאל קענען רוהיג נאכדענקען. און דער צארן, וואס וועקט זיך אויף אין הארצען ביי יעדען מאן געגען דער אונטרייהייט פון דער פרוי, האט איהם געהאלטען וויא צונעשמידט. ער האט נאר געפיהלט, וויא זיין האס איז געווארען וואס ווייטער אלץ שטארקער און זיין בעס גרעסער. צום ערסטען מאל האט ער דערפיהלט דעם אונבעשטימטען אנגסט פון א מאנן, וועלכער קריעגט עפעס א פערדאכט. מיט איין ווארט ער איז געווען אייפערזיכטיג, אייפערזיכטיג פאר א טוידטען, אייפערזיכטיג אויף פארעסטיע'ס רעכנונג און דיזע אייפערזוכט איז געווען אזוי שארף אז אין איהר האט זיך שוין געלאזט שפירען דער האס צו מעדאלין. זיא האט יענעם בעטראגען, וויא קען ער איהר איצט גלויבען ?—

ביסלעכווייז איז ער געווארען רוהיגער און אזוי וועלענדיג פערגרינגערען זיין צער, האט ער געטראכט צו זיך :

„אלע פרויען זיינען פראסטיטוטקעס, מען מוז זיי אויסנוצען, אבער קיין מאל זיי ניט געבען קיין שטיק הארץ."

דיא ביטערקייט אין זיין הארצען האט געטריבען צו זיינע ליפען מאוס'ע ווערטער, נאר ער האט זיי ניט ארויסגערעדט, און האט דאביי די גאנצע צייט געטראכט.

„דעם שטארקען געהערט די וועלט. מען מוז זיין שטארק און ניט לאזען זיך בעהערשען פון קיין זאך."

דיא קארעטע איז איצט געפאהרען שנעלער, פון ווייטען האט זיך שוין געהערט דאס ציטערן און דער אטהעם פון פאריז, וואס האט געקוקט און געסאפעט אין דער זומערדינער נאכט וויא אן אויסגעמאטערטער ריעז.

„עס וואלט געווען זעהר נארעש, אז איך זאל זיך דערפון אבעסען דאס הארץ" האט זשארזש געטראכט. „יעדער פאר זיך, דאס איז אין גאנצען ניט מעהר וויא עגאאיזמוס, און דער עגאאיזמוס פאר עהרע און רייכטהום איז א סך ניצליכער פון יענעם עגאאיזמוס, וואס יאגט זיך נאר נאך פרויען און ליעבע".

— פון וואס טראכסטו, מיין פריינד? האט ענדליך געפרעגט מאדעליין. שוין צייט א האלבע שטונדע, וויא דו האסט ניט אויסגערעדט קיין ווארט.

— איך טראכט פון דיזע אלע נאראנים, וועלכע האלטען זיך אין איין קוסען, האט ער געזאגט מיט א ביטערען שמייכעל. איך זאג צו זיך אליין, אז מען קען אויסנוצען דאס לעבען א סך בעסער.

— געוויס, האט זיא א מורמעל געטהאן, אבער צייטענווייז איז דאס אזוי שעהן.

— געוויס, געוויס, ווען מען האט ניט וואס צו טהאן בעסערעס, האט ער געזאגט.

דער געדאנקען וועגען פארעסטיע האט איהם מעהר ניט געררייצט. איהם האט אויסגעוויזען אזוי וויא איצט וועלען זיי זיך איבערבעטען און ווידער ווערען גוטע פריינד. און ער וואלט איהם זעהר גערן איצט בעגריסט : „גוט מארגען, מיין פריינד!"

מאדעליין איז נמאס געווארען דאס

שווייגען.

— אפשר וועלען מיר דאָ אראָבשטייגען און עסען אייז־קרים, איידער מיר וועלען פאָהרען אהיים.

ער האָט אויף איהר א וואָרף געטהאָן א זייטיגען בליק. דאָס העלע עלעקטרישע ליכט פון א קאפע־שאנטאן, פערביי וועלכען זיי זיינען דורכגעפאָהרען, איז געפאלען אויף איהר פיין געשניטענע געזיכט.

„שעהן איז זיא, מען קען ניט זאָגען“, האָט ער געטראכט צו זיך. „דוּסטאָ בעסער. מיר פאסען גאנץ גוט איינער פאר'ן צווייטען, מיין טהייערע פריינדין, נאָר גלויב מיר, אז איך וועל זיך שטארק ניט קלעמען“.

אין דער הויך האָט ער געענטפערט:

— געווים, מיין ליעבע.

און ער האָט איהר דערביי א קוס געטהאָן, אום איהר בעסער צו נארען.

איהר איז פאָרגעקומען, וויא זיינע ליפען זיינען געווען קאלט וויא אייז. דאָך האָט ער צו איהר געשמייכעלט וויא שטענדיג, העלפענדיג איהר ארויסשטייגען פון דער קארעטע ביים אריינגאנג אין קאפע.

XI

ווען דו ראַי איז אויף מאָרגען געקומען אין דער רעדאקציאָן, איז ער גלייך צוגעקומען צו באָא רענארד און האָט געזאָגט צו איהם:

— ליעבער פריינד, איך האָב דיך עפּעס צו בעטען. דו האָסט דאָך מסתמא בעמערקט, אז דיא קאָלעגען מאַכען דיא לעצטע צייט א שפּאס דערמיט, וואָס זיי רופען מיך פאָרעסטיע. און איך וויל דיך דאריבער בעטען, אז דו זאָלסט זיי זאָגען, אז דיא געשיכטע האָט מיר דערעסען און אז איך וועל צוברעכען דיא ביינער יעדען, וואָס וועט א מאָל וואגען צו טרייבען מיט מיר דעם שפּאס. איך ווענד זיך צו דיר, וויל דו האָסט מיר שוין מיטגעהאָלפען אין א דועל, און דוא ווייסט, אז ווען איך וויל ניט, איז בעסער ניט צו טרייבען מיט מיר קיין שפּאס.

ער האָט געדארפט זיין אין א פּאָר פּלעצער, און ווען ער האָט זיך אין א שטונדע ארום צוריקגעקעהרט, האָט איהם שוין מעהר קיינער ניט גערופען פאָרעסטיע. ווען ער איז מיט א צייט שפּעטער געקומען א היים, האָט ער אין קאָרידאָר דערהערט פרויען־שטימען, וואָס האָבען דערגרייכט אהער פון סאלאָן.

— ווער איז דאָרטען? האָט ער געפרעגט דעם דינער.

— פרוי וואלטער און פרוי דע מארעל.

זיין הארץ האָט א ביסעל געקלאפּט, ווען ער האָט געעפענט דיא טהיר און ער האָט צו זיך געטראכט:

„איך בין נייגיעריג צו זעהן, וויא זיא (פרוי דע מארעל) וועט מיך בעגעגנען“.

קלאָטילדא איז געזעסען אין א ווינקעל נעבען קאמין און אויף איהר איז געפאלען דאָס העלע ליכט פון פענסטער. זשאָרוש'ן האָט אויסגעוויזען, אזוי וויא זיא איז א ביסעל בלאסער געוואָרען ביי זיין אריינקומען פריהער פון אלעמען האָט ער בעגריסט פרוי וואלטער מיט איהרע צוויי טעכטער, וועלכע זיינען געזעסען נעבען איהר אזוי וויא א וואך און דאָן האָט ער זיך געווענדט צו זיין גע־

ווענגע געליעבטע. זיא האָט איהם דער־כאַנגט איהר האַנד און ער האָט איהר אַזאַ דריק געטהאָן, וויא ער וואָלט וועלען זאָגען:

— איך ליעב אייך, טראָץ איך בין פערהייראַט.

און זיא האָט איהם געענטפערט מיט אַ דריק.

— וויא איז אייך געגאַנגען דיא לאַנגע צייט, וואָס מיר האָבען זיך ניט געזעהען? האָט ער געפרעגט.

— פאָרטרעפליך. און אייך, שעהנער פריינד?

דאַבֿיי האָט זיא זיך געווענדט צו מאַ־דעליין און האָט אויסגערופען:

— דו האָסט דאָך נאָר ניט גענומען דעם, וואָס איך רוף איהם נאָך אַלץ „שעהנער פריינד“.

— געוויס, מיין ליעבע קלאָטילדאַ. איך ערלויב דיר אַלץ, וואָס דו ווילסט. און אַ לייכטע איראָניע האָט געשיינט צו קלינגע אין איהרע ווערטער.

פרוי וואַלטער האָט דערצעהלט וועגען אַ יום טוב, וואָס זשאַק ריוואַל וועט געבע אין זיין בחור'שע וואָהנונג.

— מען וועט דאָרטען פעכטען, האָט זיא געזאָגט, און עס וועט זיין אַ גרויסער שפּאַס און איך בין פערצווייפעלט, וואָס מיין מאַן וועט יענעם טאָג ניט קענען זיין אין פּאַריז, און מיר וועלען דעריבער ניט קענען געהען.

דו ראָי האָט זיך באַלד אָרויסגערוד־פען, אַז ער וועט זיי קומען געהמען, און זיא האָט דעם פאָרשלאָג אָנ־גענומען, בעסטערקענדיג.

— מיינע טעכטער און איך וועלען אייך זעהר דאַנקבאַר זיין.

ער האָט דאַבֿיי בעטראַכט דיא איג־גערע טאָכטער איהרע און האָט געזאָגט צו זיך אַלייך:

— דיא קליינע סוזאַנאַ איז נאָר נישט־קשה.

זיא האָט ווירקליך אויסגעזעהען וויא אַ צאַרטע בלאָנדע ליאַלקע, מיט איהר שליאַנקע פיגור און קליין פּנים'על. איהרע בלויע אויגען האָבען אויסגעזעהן וויא גע־מאָלטער עמאַל, דיא הויט איז געווען אַביסעל צו ווייס, צו גלאַט, צו פאַרבלאָז. איהרע קינסטליך געקרייזעלטע האָר האָבען זעהר שעהן געפּאַסט צו איהר געזיכט, וויא דיא האָר פון אַ שייערע ליאַלקע, וועלכע איז אָפט גרעסער פון דיא קינדער וואָס שפּיעלען מיט איהר.

ראָזע דיא עלטערע שוועסטער איז גע־ווען העסליך און אויסגעדאַרט. זיא האָט געהערט צו יענע יונגע מיידלאַך, אויף וועלכע מען קוקט קיין מאָל ניט, מיט וועל־כע מען שמועסט קיין מאָל ניט און וועגען וועלכע מען רעדט קיין מאָל ניט.

דיא מוטער איז אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט:

— איך ערוואַרט אייך אַלזאָ נעקסטען דאָנערשטאַג צוויי אַ זייגער.

— איך וועל זיין פּינקטליך, גנעדיגע פרוי.

נאָך איהר אַוועקגעהן, האָט אויך פרוי דע מאַרעל גענומען אַבשיעד. זיא האָט געדריקט זשאָרזש'ס האַנד לאַנג און שטיל

און ער האָט פּלוצים דערפיהלט אַ נייען בענער צו דער קליינער גוטמוטהיגער פרוי, דיא איינציגע וועלכע ער האָט יאָ ווען עס איז ליעב געהאַט.

— צום ווידערזעהן שעהנער פריינד, האָט זיא געזאָגט.

„איך וועל איהר מאָרגען בעזוכען", האָט ער געטראַכט צו זיך.

ווען ער איז געבליבען מיט זיין פרוי אליין, האָט זיך מאַדעלין צולאַכט אויף'ן קול, און קוקענדיג איהם גלייך אין געזיכט אריין, האָט זיא געזאָגט:

— ווייסטו אַז פרוי וואַלטער איז פער־ליעבט אין דיך?

— את, נעה! האָט ער געענטפערט.

— אָבער דו מענסט מיר גלויבען. דו האָסט געדאַרפט הערען, מיט וואָס פאַר אַ נאַרעשער בעגייסטערונג זיא רעדט פון דיר. זיא ווינשט זיך נאָר, אַז זיא זאָל קע־נען געפינען פאַר איהרע טעכטער אַזעלכע צווי מענער וויא דו ביזט!.... צום גליק האָבען ביי איהר אַזעלכע זאַכען קיין ווערדע ניט.

ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס זיא מיינט דערמיט.

— פאַר וואָס ניט? האָט ער גע־פרעגט.

— וויל, האָט זיא געענטפערט מיט אַ'ן איבערציינגטען טאָן, אויף פרוי וואַלטער איז נאָך ביז איצט ניט געפאַלען אפילו דער שאָטען פון אַ פערדאַכט. זיא איז ריין אין יעדער בעציהונג. איהר מאַן.... וועגען איהם איז נימאָ וואָס צו ריידען, מיר קענען איהם גוט, אָבער זיא איז גאָר עפּעס אַנ־דערס. זיא האָט זעהר געליטען דער־פון, וואָס זיא האָט געדאַרפט חתונה האָבען מיט אַ אידען, דאָך איז זיא איהם געבליעבען טריי. זיא איז זעהר אַן אָנשטענדיגע פרוי.

— איך האָב געמיינט, אַז זיא איז אויך אַן אידיש קינד, האָט דשאָרזש געזאָגט אי־בערראַשט.

— זיא? זיא איז אַן אמת'ע כשר'ע קריסטין און בעלאַנגט צו פיעלע קריסט־ליכע פעראיינען. געהייראַטעט האָט זיא אויך אפילו אין קירכע. איך ווייס ניט, צו הערר וואַלטער האָט זיך געלאָזט בלומר'ש אָב'שמד'ען, אָדער דיא קאַטוילישע קירכע האָט צוגעשטאַכט איין אויג.

— אַלזאָ.... איז זיא.... ווירקליך פערנאַרט אין מיך? ... האָט געפרעגט דשאָרזש.

— יאָ, איבער דיא אויערען. וואָלסטו געווען פריי, וואָלט איך דיר געראַטהען צו שרב'ענען זיך צו סחאַנצע. ניט אמת, דאָס וואָלט געווען סוזאַנצע און ניט ראָזע.

— יאָ, דיא מוטער איז אויך ניט שלעכט. זיא איז אַ ווייבעל אַן אַנטיק, האָט ער געזאָגט דרייענדיג דיא וואָנסען.

— גלויב מיר, האָט איהם מאַדעליין איבערגעריסען אומגעדולדיג. איך וואָלט דיר אויך פערגינען דיא מוטער, אָבער אין דער הינזיכט האָב איך קיין זאָרג ניט. ווען אַ פרוי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט און איז ניט אַראָב פון וועג, וועט זיא שוין איצט ניט פערקריכען. דוא האָסט פריהער גע־דאַרפט פּרובען.

— וואלט איך דען ווירקליך געקענט חתונה האבען מיט סוזאנא? האט גע־טראכט זשארזש. אח, וואס רעדט זיא! האט ער א ציה געטהאן מיט דיא אקס־לען. דער אלטער וואלטער וואלט קיין מאל ניט איינגעשטימט צו נעהמען מיך פאר א'ן איידעם.

דאך האט ער זיך פארגענומען צוצור־קען זיך בעסער צו פרוי וואלטער'ס בענעהמען זיך צו איהם, ניט טראכטענדיג דערווייל וואס פאר א פראָ־פיט ער קען דערפון האבען.

דעם גאנצען אבענד איז איהם קלא־טילדא ניט ארויס פון קאפ. ער האט זיך דערמאנט אלע איהרע איינפעלע אין זייערע געמיינשאפטליכע וואנדערונגען איבער פא־ריז, און האט געענדיגט דערמיט, וואס ער האט געזאגט צו זיך, אז זיא איז א ליעבע בעשעפענים און אז מארגען אין דער פריה מאכט ער איהר בעשטימט א וויזיט.

אויפ'ן צווייטען טאג איז ער אוועק צו איהר. דאס זעלבע דיענסט מיידעל האט איהם געעפענט דיא טיר און געפרעגט גוט־מוטהיג, וואס ער מאכט.

— זעהר גוט, האט ער געענטפערט און איז אריין אין סאלאן, וואו א'ן אונגע־איבטע האנד האט געשפיעלט אייפ'ן קלא־וויר. דאס איז געווען דיא קליינע לארין. ער האט געדענקט, אז זיא וועט איהם ארויפפאלען אויף' האלז, אבער זיא האט זיך אויפגעהויבען, או בעגריסט איהם ערנסט און עטיקעטיש ווי א גרויסע דאמע או' פערלאזט דאס צימער מיט פיעל ווירדע. זיא האט זיך בענומען ווי א פאלשטענדיג בעליידיגטע פרוי, און ער האט פון ער־שטוינונג ניט געוואוסט וואס צו זאגען.

איצט איז אריינגעקומען דיא מוטער. ער האט גענומען איהרע הענד און האט ווי' צערטליך א קוס געטהאן.

— וויא אפט האב איך געטראכט פון אייך, האט ער געזאגט.

— און איך!

זיי האבען זיך אנידערגעזעצט און הא־בען זיך לאכענדיג אנגעקוקט איינער דעם צווייטען אין דיא אויגען, ועהרענד זייערע ליפען האבען געגארט א קוס.

— אך קליינע זיסע קלא, איך ליעב דיך.

— און איך דיך אויך.

— אויב אזוי..... אויב אזוי... ביזטו ניט געווען זעהר אויפגעבראכט אויף מיר?

— יא, ניין...... איך האב זעהר גע־ליטען...... אבער דאך איז מיר קלאר געווארען, אז דו ביזט גערעכט און איךהאב געזאגט צו זיך: פריהער אדער שפעטער וועסטו צוריקקומען צו מיר.

— ביז איצט האב איך ניט געוואגט. איך האב ניט געוואוסט, וויא דוא וועסט מיך אויפנעהמען. איך האב ניט געוואגט הנם. איך האב זעהר געוואלט. נאר זאג מיר, וואס איז דאס געשעהן מיט לארין? זיא האט מיך קאלט בעגריסט און איז גלייך מיט כעס ארויסגעלאפען.

— איך וויים עס אויך ניט, נאר צייט דו האסט חתונה געהאט טאר מען מיט איהר ניט ריידען וועגען דיר. איך גלויב ווירקליך, אז זיא איז איי־פערזיכטיג.

— וואס רעדסטו?

— וואס זאל איך טהאן, מיין ליעבלינג. זיא רופט דיך שוין מעהר קיין מאל ניט „דער שעהנער פריינד" זאנדערן הערר פאַרעססיע.

דו ראַי איז רויט געוואָרען און האָט זיך אָנגעבוינען צו דער יונגער פרוי.

— גיב מיר א קוס, האט ער געזאָגט.

און זיי האָבען זיך צוקוסט.

— וויא קענען מיר זיך וויעדערזעהן? האָט ער געפרעגט.

— אין ..... דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער גאַס.

— וואס?.... איז דיא וואוינונג נאָך ניט פערדונגען?

— ניין.... איך האלט איהר נאָך

— דוא האלסט איהר נאָך?

— יא.... איך האָב געטראַכט, אז דוא וועסט נאָך א מאָל צו מיר צוריקקומען.

זיין ברוסט האט זיך געהויבען מיט שטאָלץ און פרייד. דיעזע פרוי האט איהם אלזאָ געליעבט, געליעבטווירקליך, טריי און טיעף.

— איך פערגעטער דיך, האט ער געזאָגט שטיל. דאַן האט ער געפרעגט: וואס מאכט דיין מאן.

— איך דאַנק דיר, זעהר גוט. ער האט פיער וואָכען פערבראַכט אין דער היים און איז ערסט מיט צוויי טעג צוריק אוועקגעפאָהרען.

— דאס איז גראַדע צוגעפּאַסט פאַר אונז.

— און דוא? האט זיא געפרעגט, וויא געפעלט דיר דיין נייע לעבען?

— ניט גוט, ניט שלעכט. מיין פרוי איז מיין קאמעראַד, מיין קאָלעגע.

— ווייטער גאָר ניט?

— מעהר ניט, האָט ער געענטפערט. דאָס הארץ האָט מיט דעם גאָר ניט צו טהאָן.

—איך פערשטעה. אָבער זיך איז דאָך זעהר שעהן.

— געוויס. אָבער מיך רייצט זיא ניט.

ער האָט איהר צוגעצויגען צו זיך און געפרעגט:

— ווען זעהען מיר זיך?

— מאָרגען, צוויי א זייגער.

ביים אוועקגעהן האָט ער געזאָגט א ביסעל זשעגירט:

— נאַטירליך, איצט נעהם איך דיא וואהנונג אויף מיין רעכנונג. דאָס וואָלט געווען א פיינע געשיכטע, אז דו זאָלסט נאָך וועלען איצט צאָהלען פאַר איהר.

— טהו וויא דו ווילסט, האָט זיא געזאָגט, קוסענדיג איהם דיא הענד. פון מיינעטוועגען איז גענוג, אז איך האָב איהר אויפגעהאלטען ביז איצט.

דוראָי איז געווען שטאַרק צופריעדען. נאר פערבייגעהענדיג פערביי א פאָטאָגראַפער, וואו עס איז געווען אויסגעשטעלט א בילד עהנליך צו פרוי וואלטער, האָט ער געזאָגט צו זיך.

— זא איז ווירקליך נאָך גאר א שיינע פרוי, נאר וויא איז דאס מיר ביז איצט ניט איינגעפאלען. איך וואָלט שוין וועלען, אז עס זאל זיין דאָנערסטאג און זעהן, וויא מען וועט מיך בעהאנדלען.

ער האָט זיך געריבען דיא הענד און

איז געגאנגען ווייטער. זיין הארץ איז געווען פול מיט אויסגעמישטע געפיהלען. נעבען דער עגאאיסטישער פרייד פון דער געשיקטקייט, מיט וועלכער ער האט ערריכט זיין ציעל, האט ער אויך געהאט א צארטעס געפיהל פון בעפרידיגטער אייטעלקייט און ליידענשאפט, יענעם געפיהל, וואס עררעגט אונז אזוי פריילעך, ווען דיא פרויען ליעבען אונז.

— וועסטו געהן צום פרייד־פעבטען ביי ריוואל? האט ער דאנערסטאג געפרעגט ביי מאדעליין.

— אה, ניין, מיך לאנגווייל'ען אזעלכע זאכען, האט זיא געזאגט. איך וועל געהן אין דעפוטירטען קאמער.

דאס וועטער איז געווען זעהר שעהן. דו ראי האט גענומען א'ן אפענע קארעטע און איז געפאהרען נטהמען פרוי וואלטער מיט איהרע טעכטער. ווען ער האט איהר דערזעהן, איז ער איבערראשט געווארען, אזוי יונג און שעהן האט זיא אויס געזעהען. זיא האט געטראגען א ליכטיג קלייד און זיא האט נאך קיין מאל ניט אויסגעזעהן אזוי פריש. זיא האט זיך בעוועגט שטיל און ווירדיג און אזוי מוטערליך אז זיא האט נים געקענט צוציהען צו זיך דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא מענער. דאבייא האט זיא ניט געזאגט קיין זאך, וואס זאל זיין ניי אדער אריגינעל אדער איבערטריבען. איהרע אידעען זיינען געווען גוט קלאסיפיצירט און אין ארדנונג.

איהר טאכטער סוזאנא איז געווען געקליידעט אין גאנצען אין ראזע. איהר עלטערע שוועסטער האט אויסגעזעהן וויא אן ערציהערקע, וואס האט געדארפט אכטונג געבען אויף דער רייצענדע בעשעפעניס

זשאק ריוואל האט זיי בעגעגענט ביי זיין טהיר און האט זיי אנגעוויזען אויף דיא טרעפ, וואס האבען געפיהרט צום פעכט־זאאל.

— דארטען, אונטען, האט ער געזאגט; דארטען וועט שטאטפינדען דאס פרייז־פעכטען.

ער איז אנטקעגען געלאפען פרוי וואלטער און א דריק געטהאן דו ראי'ן דיא האנד, זאגענדיג:

— וואס מאכט איהר, „שעהנער פריינד?“

— פון וואנען ווייסט איהר דעם נאמען? האט דו ראי געפרעגט איבעראשט.

— פרוי וואלטער, האט ריוואל געענטפערט. זיא געפינט, אז דער נאמען פאסט אייך.

— איך גיב צו, האט פרוי וואלטער געזאגט, ווערענדיג רויט. ווען איך זאל אייך קענען פריהער, וואלט איך אייך אויך גערופען, וויא לארע, „שעהנער פריינד“. דער נאמען פאסט אייך זעהר.

דו ראי האט זיך צולאכט.

— אבער איך בעט אייך, גנעדיגע פרוי איהר קענט עס נאך איצט אויך טהאן.

— ניין, דערצו קענען מיר זיך נאך זעהר וועניג, האט פרוי וואלטער געענטפערט מיט אראבגעלאזטע אויגען.

— קען איך האפען, אז מיט דער צייט זאלען מיר זיך קענען בעסער?

— מיר וועלען זעהן.

דער פעכט־זאל האט זיך געפונען אין

קעלער, וואו דו ראַי האָט זיך אַ מאָל גע־
לערנט שיסען. ווען דו ראַי האָט צונעפיהרט
פרוי וואָלטער און איהרע טעכטער צו זיי־
ערע רעזערווירטע פּלעצער אויף דער פּאָ־
דערסטער באַנק, האָט ער געוואָלט אוועק־
געהן, זאָגענדיג:

— איך מוז אייך, ליידער, פערלאָזען,
ווייל דיזע פּלעצער זיינען נאָר בעשטימט
פאַר דאַמען.

— דאָך וואָלט איך וועלען, אז איהר
זאָלט בלייבען מיט אונז, האָט געזאָגט פרוי
וואָלטער; איהר וועט מיר קענען זאָגען
די נעמען פון די פעכטער. ווען איהר
וועט זיך זעצען אויפ'ן עק באַנק, וועט איהר
קיינעם ניט זיין אין וועג.

— מיט פערגניגען, גנעדיגע פרוי, האָט
דו ראַי געענטפערט.

פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט
שטימען:

— וויא געפעלט אייך דער קעלער?....
אַ גוטער איינפאַל!....

זשאַרזש האָט געקענט דעם קעלער צו
גוט. ער האָט געטראַכט פון יענעם האַל־
בען טאָג, וואָס ער האָט דאַמאָלס פער־
בראַכט דאָ אין קעלער. איצט האָט זיך דער־
הערט ריוואַל'ס שטימע פון די טרעפּ.

— עס הויבט זיך אָן, מיינע דאַמען.

זעקס הערען זיינען ארויף אויף דער
ביהנע און האָבען זיך געזעצט אויף די
פּלעצער, וואָס זיינען בעשטימט געוואָ־
רען פאַר די פּרייז־ריכטער. זייערע נעמען
זיינען באַלד בעקאַנט געוואָרען. צווישען זיי
האָט זיך געפונען אַ גענעראַל, אַ מאַלער,
נאָך עטליכע וויכטיגע פערזאָן און אַ פעכט־
מייסטער.

צוויי פּראָפעסיאָנעלע פעכטער זיינען
איצט ארויף אויף דער ביהנע. זיי
האָבען בעגריסט דאָס פּובליקום מיט
זייערע דעגענס און דער קאַמפּף האָט זיך
אָנגעהויבען. אין זייערע ווייסע לייווענטע־
נע קאָסטיומען האָבען זיי אויסגעזעהען
וויא צוויי פּאַיאַצען, וואָס פעכטען זיך אויף
צופלייסען. פון צייט צו צייט איז דורכגע־
לאָפען צווישען פּובליקום דאָס וואָרט:
„געטראָפען". די ריכטער האָבען דאַביי
געניינגט מיט די קעפּ. די צושויער האָבען
בען נאָר געזעהען צוויי לעבעדיגע
ליאַלקעס, פון וועלכע יעדע האָט אַלע
וויילע אויסגעשטרעקט די האַנד. מען
האָט דאָ קיין זאַך ניט פערשטאַנען, נאָר
מען איז געווען צופריעדען. דאָך האָבען זיי
אויסגעזעהן זעהר לעבערליך און ווייט ניט
גראַציעז און זיי האָבען דערמאָנט אָן די
הילצערנע ליאַלקעס, וואָס מען פערקויפט
פאַר, ווייהנאַכטען אויף די בולוואַרען.
ענדליך זיינען זיי אראָב און זייער פּלאַץ
האָבען פערטראָטען צוויי אַנדערע בעוואוס־
טערע פעכט־מייסטערס. איינער פון זיי
איז געווען אַ קליינינקער און דאַרינקער,
און דער צווייטער הויך און דיק. עס האָט
אויסגעזעהן, אַזוי וויא דיזער אויפגעבלאָ־
זענער באַלאָן מוז באַלד ביים ערשטען
שטאָך פּלאַצען. דער קליינינקער איז ארומ־
געשפּרונגען וויא אַ מאַלפּע, דער צווייטער
האָט קוים געקענט ריהרען זיין אָרם, ווייל
איהם איז געווען שווער צו שלעפּען זיין שווע־
רען קערפּער. געענדיגט האָט זיך די ערסטע
אבטהיילונג מיט דעם, וואָס זשאַק ריוואַל

אליין האט זיך נעפאכטען מיט א בעריהמ־טען בעלגישען פעכט־מייסטער. ריוואל איז שטארק געפעלען געווארען דיא פרויען. ער איז ווירקליך געווען א שעהנער יונג, הויך און שלאנק און פיעל גראציעזער פון דיא אלע אנדערע, וואס זיינען אויפגעטראטען פאר איהם.

— מען דערקענט באלד דעם מענשען, וואס האט געהאט א גוטע ערציהונג, האבען אלע געזאגט. און מען האט איהם שטארק אפלאדירט.

ווען דיא ערסטע אבטהיילונג האט זיך געענדיגט, האט זיך ריוואל דערמאנט, אז עס איז זעהר הייס, און זיינע געסט דארפען האבען אן ערפרישונג. דער קעלער איז געווען שרעקליך געפאקט, אויף דיא טרעפ, וואס האבען געפיהרט אהער, זיינען גע־שטאנען מעהר וויא פופציג מענשען און האבען ניט אויפגעהערט צו שטופען איינער דעם צווייטען.

— לאזט מיך דורך, האט זיך געבע־טען ריוואל. איך מוז קריגען עפעס פאר די דאמען.

נאר דאס איז געווען אומזיסט. אנ־שטאט איהם דורכצולאזען, האט מען אנ־געהויבען צו שרייען פון אונטען ביז אויבען: „אייז, אייז, פאר דיא דאמען!“ ענדליך האט זיך געוויזען א גרויסער טאץ, וואס מען האט איבערגעגעבען פון איין האנד צו דער צווייטער, נאר ווען דער טאץ איז אנגעקו־מען אונטען, זיינען שוין דיא גלעזלעך און שעלכלאך געווען ליידיג. מען האט זיי אויס־געלעדיגט אויפ'ן וועג.

ווען דאס פרייז־פעכטען האט זיך ענד־ליך געענדיגט, און דו ראי האט ארויסגע־פיהרט די וואלטערס פון קעלער און אריינ־געזעצט זיי אין קארעטע, האט ער זיך שוין ניט געזעצט נעבען פרוי וואלטער, וויא פריהער, זאנדערן אנטקעגען איהר, אום ער זאל איהר בעסער קענען בעטראכטען. ווען ער האט ווירקליך בעמערקט, אז זיא האט א פאאר מאל געווארפען אויף איהם פער־גנב'עטערהייד צערטליכע בליקען.

— מיר דוכט ווירקליך, אז דיא ווענדע כאפט עפעס אן, האט ער געזאגט צו זיך און האט געשמייכעלט. איצט האט ער גע־גלויבט, אז ער האט טאקע גליק מיט פרויען. עס ווייזט אויס, אז פרוי דע מארעל קריגט מיך ליעבער מיט יעדען טאג.

ער איז געקומען א היים זעהר צופריע־דען. און זאאל האט איהם מאדעליין בע־געגנט מיט דיא ווערטער:

— איך האב פרישע נאכריכטען. דיא פערהעלטניסע מיט מאראקא ווערט אלץ מעהר פערפלאנטערט. עס קען זיין, אז שוין אין א פאאר וואכען ארום וועט פראנקרייך שיקען אהין אן עקספעדיציאן. יעדענפאלס מוזען מיר זיך בענוצען מיט דער געלעגענ־הייט און אראבווארפען דאס מיניסטעריום, אום לאראש־מאטהיי זאל ענדליך קריגען זיין פארטפעל.

דו ראי האט פלוצים בעקומען חשק, צו ערגערן א ביסעל זיין פרוי און ער האט זיך געמאכט אזוי וויא ער גלויבט ניט אין איהרע נייעס.

— איך זאג דיר, אז עס איז אזוי, ווירק־ליך אזוי. פערשטעהסטו דען ניט, אז דא האנדעלט זיך אום א פינאנציעלע

דריידעל. אין פּאָליטיק פרעגט מען היינט מעהר ניט וויא א מאָל: וואו איז דיא פרוי, זאָנדערן וואו איז דאָס געשעפט.

דו ראַי האָט נאָר געענטפערט מיט א פעראַכטליכען שמייכעל, אום איהר נאָך מעהר צו ערגערן.

— דו ביזט גראַדע אזוי נאַאיוו, וויא פּאָרעסטיע איז געוועזן, האָט זיא אויסגערופען מיט כעס.

זיא האָט איהם מיט דיעזע ווערטער געוואָלט וויי־טהאָן און האָט ערוואַרט, אז ער וועט דערפון זעהר אויפגעבראַכט ווערן. ער איז אָבער געבליבען גאַנץ רוהיג און האָט נאָר געפרעגט מיט א שמייכעל.

— פּאָרעסטיע, וועלכען דו האָסט אזוי שעהן בעטראָגען.

זיא איז פערגליווערט געוואָרען פאר שרעק.

— זשאָרזש!.... זשאָרזש!.... האָט זיא געשטאַמעלט.

— וואָס איז? האָט ער געפרעגט שפּע־טיש. האָסטו אַליין ניט צוגעזאָגט מיר, אז דו האָסט איהם געג רם? און מיט טיעפען מיטלייד האָט ער ווידער געזאָגט: אָרימער מענש!

מאַדעליין האָט קיין זאַך ניט געענט־פערט און האָט זיך נור אָבגעווענדעט. נאָך א קורצער פויזע האָט זיא געזאָגט:

— מיר האָבען דינסטאג געסט: פרוי לאַראָש מאַטהיי און גראַפין דע פערסמור וועלען ביי אונז עסען מיטאג. ווילסטו איינ־לאַדען ריוואַל און נאָרבע דע וואַרען? איך וועל מאָרגען איבערגעבען צו פרוי וואַלטער און פרוי דע־מאַרעל. אז פיעלייכט וועט מיר נאָך געלינגען צו קריגען פרוי ריזאָלין.

פון א געוויסער צייט האָט זיא בענוצט דעם פּאָליטישען איינפלוס פון איהר מאַן, אום אריינצודרייען זיך אין געזעלשאַפט און האָט מיט גוטען אָדער מיט געוואַלט אריינ־געצווינגען צו זיך אין הויז דיא פרויען פון דיא דעפּוטירטע און סענאַטאָרען, וועלכע האָבען געדאַרפט דיא אונטערשטיצונג פון דער צייטונג, ווען איהר מאַן איז געווען רעדאַקטאָר.

— מיט פערגניגען, האָט געענטפערט דו ראַי. איך נעהם ריוואַל און נאָרבע דע וואַרען אויף זיך.

ער האָט צופריעדען געריבען די הענד, וויל ער האָט געפונען א מיטעל וויא צו ערגערן זיין פרוי און צו שטילען זיין פער־באָרגענעם האַס און דונקעלע אייפערזוכט, וואָס האָט זיך אין איהם ערוועקט יענעם אבענד, ווען ער איז געפאָהרען מיט זיין פרוי אין דעם בולאָנער וועלדעל. ער האָט ניט געקענט אויסרייידען פּאָרעסטיע'ס נאָ־מען, אז ער זאָל אין דער זעלבער צייט ניט דערמאָנען זיינע הערנער. אין דעם פערלויף פון דעם אבענד האָט ער א מאָל צעהן געפונען דיא געלעגענהייט צו דערמאָנען דעם טוידטען מיט פריינדליכער איראָניע און מיט פולע אָנ־צוהערענים. צום טוידטען האָט ער מעהר גאָר ניט געהאַט, ער האָט זיך געוואָלט אָברעכענען פאר איהם. זיין פרוי האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג און איז געזעסען רוהיג אנטקעגען איהם, מיט איהר גלייב־גילטיגען שמייכעל אויף דיא ליפּען.

אזוי וויא זיא האָט געוואָלט אויפ'ן צווייטען טאָג בעזוכען פרוי וואַלטער, האָט ער זיך פאַרגענומען צו זיין דאַרטען פאַר איהר און איבערצייגען זיך, אויב זיין פערדאַכט האָט אַ גרונד. דיא זאַך האָט איהם געמאַכט שפּאַס, ווייל דאָס האָט איהם געקיצעלט, און ער האָט געטראַכט ביי זיך:

— פאַר וואָס דען ניט?.... אויב עס וועט גאָר געהן.

אויף מאָרגען צווֹי אַ זייגער איז ער אוועק צו דיא וואַלטערס. מען האָט איהם אריינגעפיהרט אין זאַל און ער האָט זיך געזעצט וואַרטען.

וואָס פאַר אַ גליקליבער צופאַל האָט אייך געבראַכט אהער? האָט איהם געפרעגט פרוי וואַלטער אריינקומענדיג און אויסשטרעקענדיג איהם דיא האנד ערענגט פון פרייד.

— קיין צופאַל, נאָר דער וואונש צו זעהן אייך נאָך אַ מאָל. איך ווייס ניט פאַר וואָס, ווייל איך האָב אייך קיין זאַך ניט צו זאָגען. נאָר אזוי וויא איך בין שוין דאָ, קען איך אייך נאָר בעטען איהר זאָלט מיר פערצייהען מיין פריהינגען וויזיט און אָפענהערציגע ערקלערונג.

ער האָט עס געזאָגט וויא אין שפּאַס, מיט אַ שמייכעל אויף דיא ליפּען, נאָר מיט זעהר אַן ערנסטען טאָן אין דער שטיממע.

זיא איז געזעסען זעהר ערשטוינט האָט זיך בענאָסען מיט אַ רויטקייט און געשטאַמעלט:

— אָבער.. ווירקליך.. איך פערשטעהע אייך ניט.... אזוי אונערוואַרטעט ..

— איך האָב געמאַכט דיא ערקלערונג אין אַ שפּאַס, ווייל איך האָב אייך ניט געוואָלט ערשרעקען, האָט ער ווידער געזאָגט.

זיי זיינען געזעסען איינער קעגען דעם צווייטען. זיא האָט איצט אויך גענומען די זאַך הומאָריסטיש.

— אזוי, האָט איהר מיר ווירקליך געמאַכט אַן ערקלערונג אין פולען ערנסט? האָט זיא געזאָגט.

— געוויס. איך טראָג אייך שוין לאַנג ביי זיך אין הארצען, נאָר איך האָב עס ניט געוואָלט צו זאָגען אייך, ווייל מען האָט אייך געשילדערט פאַר מיר זעהר שטרענג און קאַלט....

איצט האָט זיא זיך אין גאַנצען בערוהיגט און האָט געפרעגט:

— פאַר וואָס האָט איהר אויסגעקליעבען גראַדע היינטיגען טאָג פאַר אַן ערקלערונג?

— איך ווייס אַליין ניט, האָט ער געזאָגט און דאַן האָט ער פאָרטגעזעצט מיט אַ נעדראַמפּטער שטימע: נאָר ניין, איך ווייס יאָ, ווייל פון נעכטען אָן נאָך האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען אייך.

זיא איז פּלוצים בלייך געוואָרען און האָט אַ טורמעל געטהאָן:

— וואָס טויגען אייך דיא קינדערשע זאַכען, נאָמיר ריידען וועגען עפּעס אַנדערס.

אָבער ער האָט זיך אראָבגעלאָזט פאַר איהר אויף דיא קניע, און זיא האָט זיך דערשראָקען. זיא האָט געוואָלט אויפהויבען זיך, נאָר ער האָט איהר מיט ביידע

הענד געהאלטען ארומגענומען און האט איהר ליידענשאפטליך צוגעשעפטשעט:

— יא, איך ליעב אייך ווילה, שוין פון א לאנגע צייט.... רעדט נאר ניט! וואס ווילט איהר, איך בין וואהנזיניג! איך ליעב אייך.... אה, ווען איהר זאלט וויסען, וויא איך ליעב אייך!

זיא האט געקרעכצט און געסאפעט, זיא האט געוואלט ריידען, נאר זיא האט קיין ווארט ניט געפונען. זיא האט זיך גע־וועהרט מיט ביידע הענד און געווארפען מיט'ן קאפ רעכטס און לינקס, אום אויס־צווייכען זיינע קוסען. ער האט געפיהלט איהר קערפער דורכ'ן קלייד, איהרע קרעפ־טען האבען איהר פערלאזען אונטער זיין ברוטאלע צערטליכקייט. איצט האט ער זיך אויפגעהויבען אום צו צוציהען איהר אין גאנצען צו זיך. זיא האט בענוצט דיזע סע־קונדע און האט אנגעהויבען צו לויפען פון פאטעל צו פאטעל. ענדליך האט ער איינ־געזעהן, אז דאס נאכלויפען איז זעהר נא־רעש. ער האט זיך א ווארף געטהאן אויף א שטוהל, האט פערדעקט מיט ביידע הענד דאס געזיכט און האט זיך געמאכט, וויא ער וויינט שטארק און כליפעט. דאן איז ער אויפגעשפרונגען און אויסשרייענדיג: „אדיע, אדיע!" איז ער ארויסגעלאפען פון צימער.

אין פארצימער האט ער רוהיג גענומען זיין שטעקיל און איז געלאסען ארונטערגע־גאנגען דיא טרעפ, טראכטענדיג צו זיך.

—בלעבען, איך דענק, אז עס וועט געהן א גאנג.

ווען ער איז געקומען צו דער געוואוינ־ליכער צייט א היים, האט ער געפרעגט זיין פרוי.

— נו, וואס הערט זיך מיט דיינע געסט וועלען זיי אלע קומען?

— יא, נאר פרוי וואלטער ווייס ניט בעשטימט, צו זיא וועט זיין פריי. זיא זאגט, אז זיא איז זעהר פערנומען. איבע־ריגענס זיא האט היינט אויסגעזעהן זעהר קאמיש, דאך האף איך אז זיא וועט נאך היינט קומען.

— איך דענק אויך, אז זיא וועט קו־מען, האט ער געענטפערט, ציהענדיג מיט דיא אקסלען.

נאר ביי זיך אין הארצען איז ער ניט געוועזען גאנץ זיכער און איז געבליבען אונ־רוהיג ביז'ן טאג, ווען דיא געסט האבען זיך געדארפט צוזאמענקומען.

אין דעם טאג פון דעם דינער, האט מאדעליין געקראגען פון פרוי וואלטער א בריעף מיט פאלגענדען אינהאלט:

„מיט גרויס מיה איז מיר געלונגען צו בעפרייען זיך און איך וועל קומען. ליידער קען מיין מאן מיך ניט בעגלייטען".

— איך האב זעהר גוט געטהאן, וואס איך בין ניט געגאנגען אהין נאך א מאל, האט געטראכט דו ראי צו זיך. יעצט האט זיא זיך בערוהיגט, נאר מען דארף זיין זעהר פארזיכטיג.

ער האט איהר ערווארט מיט גרויס אונגעדולד. דיא איז געקומען רוהיג, און איהר בענעהמען זיך איז געוועזען קאלט און שטאלץ. זיין בענעהמען איז געוועזען אונ־טערטהעניג. דיא פרויען לא ראש מאטהיי און רעזאלין זיינען געקומען מיט זייערע מע־נער. דיא גרעפין דע פארסטמור האט

באלד אָנגעהויבען צו דערצעהלען דיא לעצ־טע נייאינקייטען פון דיא הויכע קרייזען. פרוי דע מארעל האָט אויסגעזעהען זעהר רייצענד אין אַ'ן אָריגינעלען שפּאנישען קאָסטיום פון שווארץ און געל. ביים טיש איז דו ראָי געזעסען נעבען פרוי וואלטער, נאָר ער האט מיט איהר דיא גאנצע צייט גערעדט וועגען ערנסטע זאכען מיט א טאָן פון איבערטריבענער הכנעה. פון צייט צו צייט האָט ער א וואָרף געטהאָן א בליק אויף קלאָטילדא און האָט געטראכט צו זיך:

„נעווים איז זיא פרישער און שעהנער“

דאן האָט ער אריבערגעטראָגען דעם בליק פון איהר אויף זיין פרוי און ער האָט געמוזט צוגעבען, אז זיא איז די רייצענדסטע פון אלע, הגם אין איהם האָט נאָך אַלץ גע־ברענט א געהיימער צאָרן געגען איהר.

נאָר פרוי וואלטער האט איהם געדייצט צוליעב דיא שוועריגקייט, וואָס ער האָט בעגעגענט אין געווינען איהר. זעהענדיג, אז זיא גייט זיך שוין אבזאגענען, האָט ער איהר אָנגעבאָטען צו בעגלייטען איהר. זיא האָט איהם בעדאנקט, נאָר ער האָט זיך געהאלטען ביי דאָס זייניגע:

— פאר וואָס ווילט איהר ניט? איהר טהוט מיר זעהר וועה, האָט ער געזאָגט, ווייל דאָס בעווייזט, אז איהר האָט מיר נאָך ניט פערגעבען. איהר זעהט דאָך וויא רוהיג איך בין.

— איהר קענט דאָך ניט איבערלאָזען אייערע געסט, האָט זיא געזאָגט.

— דאס איז גאָר ניט. אין צוואנציג מינוט שפּעטער בין איך שוין דאָ צוריק.

זיי וועלען עס גאָר ניט בעמערקען. אייער אבזאָגען זיך קרענקט מיך זעהר.

— גוט, בעגלייט מיך, האט זיא גע־ענטפערט שטיל.

אזוי גיך וויא זיי זיינען געזעסען אין קארעטע, האָט ער אָנגעכאפּט איהר האנד און בעדעקט איהר מיט ליידענ־שאפטליכע קוסען.

— איך ליעב אייך, איך ליעב אייך, איך מוז אייך זאָגען. איך וויל אייך ניט אָנריהרען, נאָר איהר מוזט מיר ערלויבען צו זאָגען אייך: איך ליעב אייך.

ער האָט זיך געטאכט, וויא ער דאַרף אָנטהאָן איבער זיך א געוואלדיגען כח, אום צו קענען זיך בעהערשען און האָט מיט א דערשטיקטע שטימע ווייטער גע־זאָגט.

— איהר זעהט ווי איך בעהערש זיך....

נאָר לאָזט מיר בלויז זאָגען, אז איך ליעב אייך. ערלויבט מיר נאָר צו קומען צו אייך יעדען טאָג אויף עטליכע מינוט, צו בעוואונדערן אויף דיא קניע אייער שעהן געזיכט און צו זאָגען נאָר דיא דריי ווערטער: איך ליעב אייך.

— ניין, איך קען ניט, איך וויל ניט, האָט זיא געענטפערט, אטהעמענדיג שווער און ניט צונעמענדיג פון איהם איהר האנד. בעדענקט אייך, וואָס וועט מען זאָגען וואס פאר א פּנים וועל איך האָבען ביי מיין די־נערשאפט און ביי מיינע טעכטער.

— איך קען אָבער ניט לעבען אָהנע צו זעהן אייך, האָט ער ווייטער גערעדט. איך מוז אייך זעהען ביי אייך אָדער ערגעץ אנ־דערש־וואו, כאָטש אויף עטליכע מינוט,

אום צו קענען דריקען אייך דיא האנד, צו איינאטהעמען דעם דופט פון אייער קער-פער, קוקען אייך אין דיא וואונדערבארע אויגען, וועלכע האבען מיך אראבגעפיהרט פון זינען.

זיא האט זיך ציטערנדיג צוגעהערט צו זיינע אבגעריסענע ליעבעס-פראזען און האט נאר שטיל געשעפטשעט;

— שווייגט!.... ניין, ניין, דאס איז אונמעגליך.

דא האט ער ווידער אנגעהויבען צו שעפטשען איהר אין דיא אויערען ליעבע ווערטער. איהם איז געווארען קלאר, אז זיא איז א׳ן איינפאכע פרוי און ער מוז איהר לאנגזאם פערוויקלען אין זיין נעץ, ביז זיא וועט איהם צוזאגען צו זעהן זיך מיט איהם. זיא איז איינע פון יענע, וועל-כע בעפעהלען פון אנהויב און דערנאך פאלגען זיי וויא קעצעלאך.

— הערט מיך אויס, האט ער ווייטער געזאגט. איך וועל אייך זעהן.... איך מוז אייך זעהן.... איך וועל ווארטען פאר אייער טהיר.... וויא א בעטלער.... קומט איהר ניט ארונטער, וועל איך ארויף צו אייך אבער זעהן וועל איך אייך...... מארגען....

ניין, ניין, איהר דארפט ניט קומען, האט זיא געענטפערט. איך וועל אייך ניט עמפפאנגען. פערגעסט ניט מיינע טעכטער.

— אויב אזוי זאגט מיר, וואו וועל איך אייך טרעפען.... אויף דער גאס.... וואו איהר ווילט.... אזוי גיך וויא איך וועל אייך זעהן.... וועל איך אייך בעגריסען... זאגען אייך, אז איך ליעב אייך, און איך וועל געהן......

זיא האט ניט געוואוסט, וואס זיא זאל טהאן, און אזוי גיך וויא די קארעטע האט גענומען אריינפאהרען אין דעם טהויער פון איהר הויז, האט זיא געשווינד א שעפטשע געטאן צו איהם.

— איך וועל מארגען ... האלב נאך פיער ... זיין אין דער קירכע.... פון דיא דריי איינינקייט....

דאן איז זיא ארויסגעשטיגען און גע-זאגט צו איהר קוטשער:

— פיהרט אב הערר׳ן דו ראי א היים.

ווען דו ראי איז געקומען א היים, האט איהם זיין פרוי גלייך געפרעגט:

— וואו ביזטו געוועזן אזוי לאנג?

— אין דער טעלעגראף-סטאציאן, האט ער איהר געענטפערט שטיל. איך האב געדארפט אוועקשיקען א נויטהיגע דע-פעשע.

פרוי דע מארעל איז אין דער מינוט צוגעגאנגען צו זיי.

— איהר מוזט מיך בעגלייטען א היים, שעהנער פריינד, האט זיא געזאגט צו זשארזש׳ן. איהר ווייסט דאך, אז נאר אונ-טער דיעזע בעדינגונגען נעהם איך אן איינ-לאדונגען ווייט פון הויז.

דאן האט זיא זיך געווענדעט צו מא-דעליין און האט איהר געפרעגט:

— דו ביזט דאך ניט אויפגערעגט?

— ניין, ניט זעהר האט געענטפערט פרוי דו ראי לאנגזאם.

דיא געסט האבען אנגעהויבען צו נעה-מען אבשיעד. פרוי לא ראש מאטהיי האט

אויסנעזעהן, ווי א פראווינציאלע דיענסטמיידעל. זיא איז נעווען דיא טאכטער פון א נאטאר, און כא ראש האט מיט איהר תתונה נעהאט ווען ער איז נאך אליין נעווען א קליינער פראנצויזישער אדוואקאט. פרוי רעזאלין איז נעווען אלט און האט זיך נעגעבען מיה צו האלטען שטאכץ. זיא האט נעמאכט דעם איינדרוק, אזוי וויא זיא וואכט איהר גאנצע בילדונג אויסנעשעפט אין דיא קליינע לייה ביבליאטהעקען. גרעפין דע פארסעמור האט ארונטערנעקוקט אויףביידע מיט א קעניגליכער פעראכטונג און האט זעהר נים נערן נעלעגט איהר קליין הענטיל צווישען זייערע גרויסע פינגער.

קלאטילדא האט זיך איינגעוויקעלט אין א שאל פון שפיצען און נעזאגט צו מאדעליין ביים אוועקגעהן.

— דאס עסען איז נעווען גרויסארטיג. דו וועסט באלד האבען דעם פארנעהססטען פאליטישען סאלאן אין פאריז.

ווען זיא איז געבליבען מיט זשארזש'ן אליין, האט זיא איהם ארומגענומען און נעזאגט:

— אה, מיין שעהנער פריינד, מיט יעדען טאג ליעב איך דיך אלץ מעהר.

ער האט נעענטפערט אויף איהר לייזדענשאפטליכען קוס און האט דאביי נעטראכט פון פרוי וואלטער.

XII

דער פלאץ פאר דער קירכע „דרייאיינינקייט" איז נעלעגען אפען אונטער דער ברענענדער זון פון מאנאט יולי און איז איצט נעווען לעדיג. איבער פאריז איז נעווען פערשפרייט א דריקענדע היסע לופט און עס איז נעווען שווער צו אטהעמען. דיא פאנטאנען ביי דער קירכע האבען זעהר פיעל נעלאזט רינען זייער וואסער, אזוי וויא זיי וואלטען זיך אנגענומען פון דער אלגעמיינער מיעדינקייט. דיא פליסינקייט, וואס האט פון זיי ארויסגעטריפט און איז נעפאכען אין גרויסע מארמערנע בעקענס אויף דיא אבגעריסענע בלעטלאך און שטיקלאך פאפיר, האט אויסגעזעהען גרינליך, דיק און שמוציג. אין איינעם פון דיא בעקענס האט זיך געבאדען א הונט און דיא פאאר מענשען וואס זיינען נעזעסען אין דעם שאטען פון דעם מויער אויף דיא בענקלאך, האבען נעקוקט מיט קנאה אויף'ן הונד.

דו ראי האט א קוק נעטהאן אויף זיין זייגער. עס איז נאך נים נעווען דריי, ער איז נעקומען מיט א האלבע שטונדע צו פריה. ווען איהם איז אריין אין זינען, וואס פאר א פלאץ זיא האט אויסגעקליבען פאר זייער בעגעגנים, האט ער זיך צולאכט.

„דיא קירכע איז דאך א ניצליכע זאך אונטער אלע אומשטענדען", האט ער געטראכט צו זיך, דיא קירכע טרייסט איהר פאר וואס זיא האט תתונה נעהאט מיט א אידען, דיא קירכע נים איהר געלעגענהייט צו מאכען זיך בעליעבט און דיא העכערע קרייזען און זיא דיענט איהר אפילו אלס א ווינקעל פאר א ליעבעס-בעגעגנים. עס זיינען דא הונדערטער מענשען, וועלכע האבען אין גרונט גאר נים צו טהאן מיט'ן ליעבען גאט, דאך ווילען זיי נים לאזען זאגען אויף איהם קיין שלעכט ווארט, און אז מען דארף קענען זיי זיך מיט איהם

בעדיענען, וויא מיט א פערמיטלער. ווען מען זאָל זיי זאָגען אז מען וויל זיי בעגעגנען אין א האָטעל, וואָלטען זיי עס בעטראַכט אלס אַן אונפערשעמטע פרעכהייט, נאָר צו שפיעלען ליעבע כמעט הינטער דעם אלטאר מאכט ביי זיי נאָר ניט אוים".

דו ראַי איז אריין אין קירכע. זאָי איז געווען כמעט לעדיג. א דיקער הערר האָט ארומגעשפאצירט אויף און אָב אין א וויי־טען ווינקעל. דאָ און דאָרטען האָט מען געקענט זעהען אַ'ן אלטע פרוי, וויא זיא שטעהט אויף דיא קניע און בעט. זשאָרזש האָט זיך געפיהלט זעהר בערוהיגט אין דער שטילקייט און קיהלקייט פון דער קירכע. דיא האלבע דונקעלהייט האָט געגעבען רוה דיא אויגען.

ער האָט דערהערט טריט הינטער זיך און ער האָט זיך גיך אומגעקוקט. דאָס איז געווען אַ'ן אָרימע ארבייטער־פרוי אין א וואָלענע קליידעל. זיא האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף דיא קניע גלייך ביים אריינגאנג און איז געבליעבען אונבעוועגליך, מיט פערגלאָצטע אויגען און פערלעגטע הענד. דו ראַי האָט איהר אויפמערקזאם בעקוקט, און האָט ביי זיך געפרעגט, וואָס פאר א קימער, וואָס פאר זאָרג אדער נויט דריקט אזוי דאָס שוואכע הארץ פון דער פרוי. זיא האָט אויסגעזעהן שרעקליך עלענד. און אפשר ליעגט אין דער היים א קינד ביים שטארבען אָדער זיא האָט א מאַן וואָס שלאָגט איהר.

„אָרימע מענשען! האָט ער געזאָגט צו זיך. עס זיינען פאראן אזוי פיעל וואָס דארפען ליידען!"

און ער איז אין כעס געווען אויף דיא ערבארמונגסלאָזע נאטור, דאן האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, אז דיזע ארימע גלויבען ווענינגסטענס, אז פון דארט אויבען קוקט אראָב אויף זיי א וואכענדע אויג און אין קאָנטאָר אויף'ן הימעל, פיהרט מען א גענויען חשבון איבער זייערע הוצאות און הכנסות. „דאָרט אויבען! וואו איז דאָס?"

און ער איז פערזונקען געוואָרען אין דעם טיעפען שוויינען, וואָס האָט איהם אלץ מעהר ארומגערינגעלט מיט חלומות.

דאָס רוישען פון א קלייד האָט איהם געמאכט ערציטערן.

„דאָס איז זיא!"

ער איז אויפגעשפרונגען און איז איהר אנטקעגען געקומען. זיא האָט איהם ניט געגעבען דיא האנד און האָט נאָר געזאָגט שטיל:

— איך האָב נאָר צייט א פּאָר סעקונדען. איך מוז גלייך געהן א היים. שטעלט זיך אויף דיא קניע נעבען מיר, אום מען זאָל אונז ניט בעמערקען.

זיא האָט זיך געלאָזט געהן ארויף אין קירכע, אום אָבצוזוכען א פּאַסענדען פּלאַץ. ווען האָט געקענט זעהען, אז זיא קען דאָ יעדעס ווינקעלע. איהר געזיכט איז געווען פערדעקט מיט א דיקען שלייער, און זיא איז געגאנגען שטיל און מען האָט קוים געקענט הערען איהרע טריט. ענדליך האָט זיא זיך געשטעלט אויף דיא קניע. זשאָרזש האָט זיך גע־

שטעלט נעבען איהר, און אזוי זיינען זיי בײדע געשטאַנען, וויא עס האָט אויסגעזעהן בעטענדיג.

— דאַנק, דאַנק, האָט ער געשעפּטשעט איך פערגעטער אייך. איך וואָלט עס אייך וועלען זאָגען גאָר אָהן אויפהער, דערצעהלען אייך, וויא די ליעבע צו אייך האָט זיך ביי מיר אין הארצען איינגעוואָרצעלט, וויא אייער רייץ האָט מיך בעצויבערט פון דעם ערסטען טאָג, וואָס איך האָב אייך בעגעגנט .... וועט איהר מיר א מאָל געבען א געלעגענהייט אויסגיעסען פאַר אייך מיין גאַנצע האַרץ?

זיא האָט געשיינט צו זיין טיעף פערזונקען אין געדאַנקען און מען האָט געקענט גלויבען, אז זיא האָט גאָר ניט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. זיא האָט פערשטעלט איהר געזיכט מיט די הענד און האָט ארויסגערעדט דורך דיא פינגער אין דער שטיל:

— עס איז א משוגעת, וואָס איך העראייך איבערהויפּט, וואָס איך לאָז איך גלויבען, אז דאָס .. קען אנגעהן אזוי ווייטער. פערגעסט עס, און רעדט מיט מיר מעהר קיין מאָל ניט דערפון.

זיא האָט געוואַרט. ער האָט געזוכט עפּעס א ליידענשאַפטליכען און ענטשידענעם ענטפער, נאָר אזוי וויא ער האָט זיינע ווערטער ניט געקענט איצט אונטערשטיצען מיט קיין בעוועגונג, האָט ער זיך געפיהלט, וויא געשמידט. ענדליך האָט ער ווייטער גערעדט:

— איך ערוואַרט קיין זאַך ניט.... און איך האָף אויך קיין זאַך ניט.... איך ליעב אייך.... טהוט וואָס איהר ווילט, און איך וועל עס ניט אויפהערען צו זאָגען אייך, ביז איהר וועט מיר מוזען ענדליך גלויבען. איך וועל לאָזען מיינע ווערטער טריפען אויף אייך שטונדע נאָך שטונדע, ביז איהר וועט מיר ענדליך אויך זאָגען, אז איהר ליעבט מיך.

ער האָט דערפיהלט, וויא איהר אַקסעל, וואָס איז געווען אַנגעשפּאַרט אָן זיינעם, האָט א ציטער געטהאָן. איהר ברוסט האָט זיך האַסטיג געהויבען, און זיא האָט אין דער גיך ארויסגערעדט:

— איך ליעב אייך אויך.

ער איז אויפגעשפּרונגען, אזוי וויא עמיצער וואָלט איהם א קלאַפּ געטהאָן אין קאָפּ, און ער האָט נאָר ארויסגעזיפצט:

— אָה, מיין גאָט!....

— אין דאָס גוט פון מיין זייט, וואָס איך זאָג דאָס אייך? האָט זיא ווייטער גערעדט, אָטהעמענדיג שווער. איך פיהל זיך שולדיג ... איך פּערלאַכט זיך אזוי...... איך...... איך האָב צוויי טעכטער.... אָבער איך קען ניט העלפען.... איך קען ניט...... איך האָב קיין מאָל ניט געגלויבט... קיין מאָל ניט געטראַכט.... אָבער דאָס איז שטאַרקער פון מיר. הערט מיך אויס... הערט, איך האָב נאָך קיין מאָל ניט ליעב געהאַט, אויסער אייך... איך שווער אייך, און איך ליעב אייך שוין מעהר וויא א יאָהר, פערבאָרגען און שטיל, בעגראָבען טיעף אין האַרצען. אה, וואָס האָב איך ניט אויסגעליטען! וויא האָב איך ניט געקעמפּפט! אָבער איך קען מעהר ניט, איך

ליעב אייך....

צווישען דיא פינגער האבען איהר דורכגערונען דיא טרערען, און זיא האט געציטערט מיט אלע גליעדער פון ערגעגונג.

— גיט מיר אייער האנד, אז איך זאל איהר פיהלען, אז איך זאל איהר צודריקען צו זיך....

זיא האט לאנגזאם אראבגענומען דיא האנד פון געזיכט. איהרע באקען זיינען געווען נאס, אין איהרע אויגען זיינען געשטאנען טרערען.

— וויא גערן וואלט איך אייך אויסגעווישט דיא טרערען, האט ער געזאגט צו איהר, דריקענדיג איהר האנד.

— שוינט מיך.... איך האב זיך אין גאנצען פערלארען, האט זיא געזאגט אזוי שטיל און געבראכען, אז עס האט כמעט געקלונגען, וויא א זיפץ.

ער האט זיך שיער ניט צו לאכט. וויא זאל ער איהר ניט שוינען אין אזא ארט! ער האט געפרעסט איהר האנד צו זיין הארצען און געפרעגט:

— פיהלט איהר, וויא עס קלאפט?

זיינע ליידענשאפטליכע פראזען האבע זיך שוין אויסגענומען ביי איהם, און ער האט ניט געוואוסט, וואס צו זאגען מעהר. ער האט איצט נאר געטראכט וועגען איין זאך, וויא אזוי צו פועל'ן ביי איהר אז זיא זאל איהם בעגעגנען אין א'ן אנדער פלאץ ניט אין קירכע.

— וואו וועל איך אייך מארגען בעגעגנען? האט ער איהר געפרעגט שטיל.

זיא האט איהם ניט געענטפערט. זיא האט געשיינט וויא טוידט, וויא א פערגליווערטע תפילה.

— זאל איך אייך מארגען בעגעגנען אין גארטען מאנס'ן? האט ער איהר ווידער געפרעגט.

זיא האט אומגעווענדט איהר געזיכט צו איהם. דאס געזיכט איז געווען זעהר בלייך און פערקרימט פון א שארפען שמערץ.

— לאזט מ[illegible]... האט זיא געזאגט, וויינענדיג, לאזט מיך איצט.... געהט אוועק, באטשע אויף עטליכע מינוט... איך לייד אזוי שטארק, ווען איהר זייט נעבען מיר.... איך וויל בעטען גאט, אבער איך קען ניט.... געהט! לאזט מיך בעטען.... באטש פינף מינוט זיין אליין...... איך קען ניט ..... איך מוז בעטען גאט, אז ער זאל מיר פערגעבען.... אז ער זאל מיך רעטען.... לאזט מיך אויף פינף מינוט ..

זיא האט געקוקט אויף איהם אזוי צובראכען און אזוי צוקלעמט, אז ער איז אויסגעשטאנען אהן א ווארט.

— איך קעהר זיך באלד צוריק, האט ער געזאגט.

זיא האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, אזוי וויא זיא וואלט געענטפערט: „יא באלד".

זיא האט איצט געפרובט בעטען. זיא האט מיט איבערמענשליכע אנשטרענגונג געבעטען צו גאט, און נאר דיא צוויי ווערטער זיינען ארויס פון איהרע ליפען: „ערבארעם זיך".

זיא האט מיט בעס פערמאכט דיא אויגען. זיא האט איהם מעהר ניט גע-

וואָלט זעהען, מעהר ניט טראכטען פון איהם, ארויסווארפען איהם אין גאנצען פון איהרע געדאנקען, און דאָך זיינען זיינע געקרייזעלטע וואָנסען ניט ארויס פון איהר זינען. שוין צייט א יאָהר וויא זיא קעמפפט געגען דיזען בילד, וואס האט זיך איינגע־דרונגען אין איהר מארך און גערויבט איהר רוה. זיא האט זיך געפיהלט וויא א גע־פאנגענע חיה אין א נעץ. זיא האָט זיך גע־פיהלט ענטוואפענט געגען דעם מאַן, וואס האט איהר געפאנגען בלויז מיט זיינע וואָנ־סען און שעהנע אויגען.

און אפילו דא אין קלויסטער, אזוי נאָהענט פון גאָט, האט זיא זיך נאָך גע־פיהלט שוואכער, פערלאָזענער וויא ביי זיך אין דער היים. זיא האט מעהר ניט געקענט בעטען. זיא האט נאָר געקענט דענקען פון איהם. איצט ווען ער איז פון איהר אוועק־געגאנגען, האט זיא געליטען נאָך מעהר, און דאָך האָט זיא געקעמפפט וויא א פערצווייפעלטע, זיא האט זיך פערטהיידיגט און געשריען נאָך הילף מיט דער גאנצער קראפט פון איהר זעלע. זיא וואָלט גיכער געשטאָרבען איידער אזוי צו פאלען, זיא, וועלכע איז נאָך קיין מאָל ניט אראב פון דעם דרך הישר. זיא האט מיט איהר גאנ־צע איינגעווייט גערופען צו גאָט, און דאָך האט זיא נאָר געהערט זשאָרזש'ס טריט, וועלכע זיינען אלץ שטילער און שטי־לער געוואָרען.

איצט איז איהר געוואָרען קלאָר, אז מעהר האט זיא קיין כח ניט צו קעמפפען און אז דאס איז אַ׳ן אומזיסטער קאמפף; און דאָך האָט זיא ניט געוואָלט נאָכגעבען.

זיא האט געציטערט מיט אלע גלידער און האָט זיך געפיהלט אזוי שוואך, אז זיא האָט געקענט יעדע מינוט צוזאמענ־ברעכען.

דאָ האָט זיא דערהערט ניכע טריט. זיא האט זיך אומגעווענדט. דאס איז גע־ווען אַ פריסטער. זיא איז אויפגעשפרונגען איז צו איהם צוגעלאָפען און אָנגעהויבען בעטען איהם מיט פערבראָכענע הענד:

— ראַטעוועט מיך! ראַטעוועט מיך!

— וואָס ווינשט איהר, גנעדיגע פרוי? האָט ער געפרעגט, בלייבענדיג שטעהן אי־בערראַשט.

— איהר זאָלט מיך רעטען. ערבאַ־רעמט זיך אויף מיך. אויב איהר וועט מיך ניט שיצען, בין איך פערלאָרען.

ער האָט איהר אָנגעקוקט און געשיינט צו פרעגען, אויב זיא איז ביי איהר קלאָרען זינען. דאן האָט ער געזאָגט:

— וואָס קען איך טהאָן פאר אייך?

ער איז געווען אַ הויכער און דיקער יונגער מאַן, אַ שעהנער גלח, וואָס האָט געשיינט צו זיין געוואוינט נאָר מיט רייכע בעל עבירה'ניצעס.

— הערט מיין וידוי, האָט זיא געזאָגט, און ראָט מיר, העלפט מיר, זאָגט מיר, וואָס איך זאָל טהאָן.

— איהר ווייסט, אז איך נעהם אויף מיינע קינדער צום וידוי שטענדיג שבת פון דריי ביז זעקס.

זיא האָט איהם אָבער צוגעהאַלטען ביי דער האנד און געשריען.

— ניין, ניין, גלייך, איהר מוזט. ער איז דאָ אין קירכע און וואַרט אויף מיר.

— ווער ווארט אויף אייך, האט גע־
פרעגט דער גלח.

— א מאן.... וועלכער וועט מיך פער־
פיהרען, אויב איהר וועט מיך ניט אבראַ־
טעווען. איך קען מעהר ניט אנטלויפען פון
איהם...... איך בין צו שוואך ...... אזוי
שוואך.... אח, אזוי שוואך....

זיא איז געפאלען פאר איהם אויף דיא
קניע און האט זיך צואויינט:

— האט מיטלייד מיט מיר, פאטער,
און ראטעוועט מיך. אום גאטעס ווילען,
ראטעוועט מיך.

זיא האט איהם נאך אלץ געהאלטען
פאר זיין שווארצען מאנטעל און ער
האט זיך אונרוהיג ארומגעקוקט אין אלע
זייטען, צו זעהט ניט עמעס אן אויג, וויא
א פרוי ליגט פאר זיינע פיס. ענדליך האט
ער געזעהען, אז ער וועט זיך פון איהר ניט
בעפרייען און האט געזאגט:

— שטעהט אויף, איך האב גראדע
דעם שליעסעל פון מתודה־שטיבעל ביי
זיך.

ער האט ארויסגענומען פון קעשענע א
בינטעל שליסעל און געעפענט איינע פון
יענע דונקעלע קאמערלאך, אין וועלכע די
נשמות מיינען, אז זיי רייניגען זיך אב פון
יעדע זינד און יעדען שמוץ. ער האט פער־
שלאסען דיא טהיר; פרוי וואלטער איז
געפאלען אויף דער ערד און האט אנגע־
הויבען שמאלענדיג:

— האט אויף מיר רחמנות, מיין פא־
טער, ווייל איך האב געזינדיגט.........
....

דו ראַי האט ארומגעשפאצירט איבער'ן
קירכע און איז ענדליך צוגעקומען צום דיי־
קען הערען, וואס איז ארומגעגאנגען אויף
און אב אין איין ווינקעל.

— ענטשולדיגט, וואס איך שטער אייך,
האט יענער געזאגט. קענט איהר מיר ניט
זאגען, ווען דיא קירכע איז געבויט גע־
ווארען?

— איך ווייס ניט זיכער, האט געענט־
פערט דו ראַי. דוכט זיך מיט א יאהר
צוואנציג אדער פינף און צוואנציג. איך בין
דא דאס ערסטע מאל.

— איך אויך.

— איהר שיינט צו זיין זעהר פאראינ־
טערעסירט אין דער קירכע, האט דו ראַי
געפרעגט נייגעריג.

— אח, ניין, האט יענער געענטפערט
מעלאנכאליש. איך ווארט נאר אויף מיין
פרוי, זיא האט זיך היינט זעהר פער־
שפעטיגט.

נאך א קורצער פויזע האט ער ווידער
געזאגט:

— אין דרויסען איז שרעקליך היים.

דו ראַי האט איהם אויפמערקזאם בע־
טראכט, און פלוצים האט איהם אויסגע־
וויזען, אז דער פרעמדער האט א שטארקע
עהנליכקייט צו פארעסטיע.

— איהר זייט פון דער פראווינץ?
האט דו ראַי געפרעגט.

— געוויס, פון רען. האט אייך אויך
געפיהרט אהער בלויז דיא נייגיערדע?

— ניין איך ווארט אויך אויף א פרוי,
האט דו ראַי געענטפערט לאכענדיג, האט
זיך פערנייגט און איז אוועק ווייטער.

ער האט גענומען קוקען אויפ'ן פלאץ,

וואו ער האט איבערגעלאזט פרוי וואלטער און האט מיט כעס און פערוואונדערונג בעמערקט, אז זיא איז פערשוואונדען געוואָרען. נאָר אפשר איז איהר דאָס וואַרטען אויף איין אָרט געווען צו לאַנג און זיא איז איהם נאָכגעגאַנגען? ער האָט זיך געלאָזט איבער דער קירכע זוכען איהר, און ניט געפינענדיג איהר האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף'ן זעלבען פּלאַץ, וואו ער האָט איהר פריהער איבערגעלאָזט, מיט דער האָפנונג, אז זיא וועט צוריקקעהרען אהער וויסענדיג, אז ער וועט אויף איהר וואַרטען. פּלוצים האָט ער דערהערט א שטילע, שעפּטשענדע שטימע. דיא שטימע האָט דערגרייכט פון איינע פון דיא שטיבלאַך, וואו מען איז זיך מתודה. צוקוקענדיג זיך אהין, האָט ער דערזעהן ארויסשטעקען א זיים פון א קלייד. דאָס איז זיא! זיא איז זיך מתודה...... ער האָט דערשפּירט א חשק צוצולויפען אהין, אָנצוכאַפּען איהר ביי דיא אקסלען און ארויסשלעפּען איהר פון דאָרטען. נאָר באַלד האָט ער זיך געטרייסט:

— אך, וואָס! היינט איז דיא רייהע אויפ'ן פּריסטער, מאָרגען אויף מיר!

ער האָט זיך ווידער רוהיג אַנידערגעזעצט וואַרטען. דיא גאַנצע געשיכטע איז איהם איצט פאָרגעקומען זעהר קאָמיש. ענדליך איז פרוי וואַלטער ארויסגעקומען, האָט איהם דערזעהען און איז צו איהם צוגעקומען.

— העדר דו ראַי, האָט זיא געזאָגט קאַלט און ערנסט, איך בעט אייך, איהר זאָלט מיך ניט בעגלייטען, מיר ניט נאָכגעהן און ניט בעזוכען מיר, ווייל איך וועל אייך ניט עמפּפאַנגען. אדיע! און זיא איז אוועק מיט שטילע טריט.

ער האָט זיך געלאָזט געהן, ווייל זיין פּרינציפּ איז געווען ניט צו נעהמען קיין זאך מיט געוואַלד. דערזעהענדיג דעם פּריסטער, וועלכער איז ארויסגעקומען ערגענט פון מתודה-שטיבעל און האָט געוואָלט פערביי איהם פערביינעהן, איז ער איהם פערגאַנגען דעם וועג, האָט איהם שאַרף א קוק געטהאָן אין דיא אויגען און א געשריי געטהאָן צו איהם:

— ווען איהר וואָלט ניט געטראָגען קיין לאַנגען ראָק, וואָלט איך אייך איצט אויסגעפּאַטשט.

דאַן האָט ער זיך א דריי געטהאָן אויף'ן אָבּסאַץ און איז ארויס פון דער קירכע.

אָנקומענדיג אין דער רעדאַקציאָן, האָט ער גלייך בעמערקט אייף דיא פּנים'ער פון דיא אינגלעך אין פאָרהויז, אז עפּעס אונגעוועהנליכעס איז געשעהען. ער איז גלייך אריין צו העדר וואַלטער אין צימער. דער דירעקטאָר האָט שטעהענדיג דיקטירט א'ן ארטיקעל; אין דער זעלבער צייט האָט ער געעפענט בריעף און געזאָגט צו דיא רעפּאָרטערס, וואָס זיינען געשטאַנען ארום, וואָס זיי דאַרפען טהאָן. דערזעהענדיג דו ראַי'ן, האָט ער אויסגעשריען מיט פרייד:

א דאַנק גאָט! דער שעהנער פריינד איז דאָ!

ער האָט זיך איבערגעריסען אין פערקענענהייט און ענטשולדיגט.

— פערצייהעט, וואס איך רוף אייך אזוי. איך בין איצט זעהר ערהיצט. אויסער דעם, הער איך פון פריה ביי נאכט, וויא מיין פרוי און דיא טעכטער רופען אייך דער „שעהנער פריינד" און איך האב זיך צוגעוואוינט צו דעם נאמען. איהר זייט דאך ניט בייז אויף מיר דערפאר?

— קיין האר ניט, האט דו ראי גע-ענטפערט און צו לאכט זיך. אין דעם נאמען איז ניטא קיין שום בעליידי-גענדעס.

— גוט, אויב אזוי, וועל איך אייך אויך רופען „שעהנער פריינד" און איצט הערט דיא גרויסע נייעס. דאס מיניסטעריום איז געפאלען מיט 310 שטיממען געגען 102. דאס מיניסטעריום איז געפאלען, וויל שפאניען האט זיך איצט אנגעהויבען צו קאכען צוליעב מאראקא. מיר האבען איצט ארביים איבער דיא אויערן. מען האט בע-אויפטראגט מארא, אז ער זאל בילדען א נייעם קאבינעט, און ער האט ערוויילט גע-נעראל באטען ד'ארק פאר קריעגס מיניס-טער און אונזער פריינד לא ראש מאטהיי פאר מיניסטער דעם אויסווארטיגען. ער אליין נעהמט דיא אינערליכע אנגעלעגענ-הייטען. איך דיקטיר איצט דעם הויפט ארטיקעל, נאר איך ברויך נאך עפעס אינ-טערעסאנטעס וועגען דער מאראקאר פראגע, א סענזאציאנעלען פעליעטאן. גרייט עפעס צו.

דו ראי האט געטראכט א סעקונדע און האט געענטפערט:

— איך האב, וואס איהר ברויכט. איך וועל אייך געבען א שטודיע וועגען דער לא-גע פון דיא מעהרסטע פון אונזערע קאלא-ניעס, פון טוניס ביז אלזשיר און דאן ביז מאראקא. איך וועל דערצעהלען וועגע דיא שבטים וואס בעוואהנען דיא גרויסע שטרעקע און וועל אריינפלעכטען אין דעם א שילדערונג פון א רייזע איבער א וועג, וואו קיין אייראפייער איז נאך ניט געווען, גראדע וועגען יענעם שטיקעל לאנד איבער וועלכען עס איז איצט דיא גאנצע קאבאנ׳ס.

— וואונדערבאר! האט אויסגערופען וואלטער. און דער טיטעל?

— פון טוניס נאך טאנגער.

— אויסגעצייכנט.

דו ראי האט אויסגעזוכט זיין ארטיקעל אין פריהערדיגען יאהרגאנג „דיא ערא-נערונגען פון אן אפריקאנישען סאלדאט", האט אומגעביטען דעם נאמען, האט איהם געמאכט אביסעל קיילעכדיגער, צוגעגעבען א פאר בעמערקונגען אריינגעלויבט אביסעל דאס נייע מיניסטעריום, און וואלטער האט דעם ארטיקעל איבערגעלייענט און האט געזאגט:

— אויסגעצייכענט...! אויסגעציי-כענט... אויסגעצייכענט!... איהר זייט פאר אונז אן אמת'ער אוצר. איך גראַ-טוליר אייך פון דעם גאנצען הארצען.

ווען דו ראי איז געקומען אהיים צום מיטאג, איז ער ניט קוקענדיג אויף זיין דורכפאל אין דער קירכע „דריי אייניגקייט", געווען זעהר צופריעדען, וויל ער האט גוט געוואוסט, אז זיא וועט פון איהם ניט אנטלויפען. זיין ווייב האט איהם ערווארט מיט א פיעבערישע איפרעגונג.

— וויסטו שוין, אז לא ראש איז מי־
ניסטער דעם אויסוואַרטיגען?

— געוויס, איך האָב שוין צוליעב דעם געשריעבען אַן אַרטיקעל איבער אַלזשיר.

— וואָס פאַר אַן אַרטיקעל?

— דוא געדענקסט דאָך דעם ערסטען אַרטיקעל, וואָס מיר האָבען געשריעבען צו זאַמען: עראינערונגען פון אַן אַפריקאַנישען סאָלדאַט. איך האָב דעם אַרטיקעל אָבגע־זוכט און צורעכט געמאַכט איהם פאַר די איצטיגע אומשטענדען.

— יאָ, דער אַרטיקעל פּאַסט זיך גאַנץ גוט, האָט זיא געענטפערט, לאַכענדיג, און נאָך אַ קורצען נאָכדענקען האָט זיא ווייטער געזאָגט:

— איך דענק, אַז איצט וואָלטען מיר געקענט געבען דיא פּאַרטזעצונגען, וואָס דו האָסט דאַמאָלסט געוואָלט געבען. דאָס וואָלט געווען זעהר אַ שעהנע סעריע אַר־טיקלען.

— נאַטירליך, איצט שטעהט קיין זאַך ניט אין וועג, האָט ער געזאָגט, עסענדיג זיין זופּ. פּאַרעסטיע, וועמען דו האָסט אַזוי שעהן געפיהרט ביי דער נאָז ליגט שוין אין דער ערד....

— דער שפּאַס איז מיר שוין נמאס געוואָרען און איך געפין איהם זעהר אונ־פּאַסענד און בעט דיך, דו זאָלסט אויפ־הערען.

ער האָט איהר ווידער געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר מען האָט איהם אין דעם מאָמענט אַריינגעבראַכט אַ טעלעגראַמע אָהן אַ'ן אונטערשריפט:

„איך האָב פערלאָרען דעם קאָפּ. ענט־שולדיגט און קומט מאָרגען פיער אַ זייגער אין פּאַרק מאָנסע".

ווען ער האָט דיא טעלעגראַמע אַריינ־געלענט אין קעשענע, איז ער אַזוי געוואָ־רען פריילין, אַז ער האָט געזאָגט צו זיין פרוי:

— איך וועל דאָס מעהר ניט טהאָן, מיין ליעבע. דו ביזט גערעכט, דאָס איז צו נאַרעש.

עסענדיג ווייטער, האָט ער אַלץ ווי־דערהאָלט אין זיך דיא ווערטער: „איך האָב פערלאָרען מיין קאָפּ, ענטשולדיגט און קומט מאָרגען פיער אַ זייגער אין פּאַרק מאָנסע". אַלזאָ זיא איז איינגענאַנגען. דאָס איז גראַדע וויא זיא זאָל זאָגען. איך גיב זיך איבער צו אייך, איך געהער צו־אייך וואו איהר ווילט און ווען איהר ווילט. ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַל־טען פון אַ געלעכטער ביי דיזען געדאַנק.

— וואָס איז דיר? האָט איהם גע־פרעגט מאַדעלין.

— קיין זאַך בעזאָנדערס. איך האָב זיך נאָר דערמאָנט אָן אַ גלח, וואָס איך האָב היינט בעגעגענט און וועלכער האָט אויס־געזעהען זעהר קאָמיש.

אויף'ן צווייטען טאָג איז דו ראָי ער־שיענען אין פּאַרק פּונקט צו דער מינוט. אַלע בענק זיינען געווען פול מיט מענשען, וואָס האָבען דאָ געזוכט אַ בעהעלטעניס פון היץ. צווישען זיי האָט מען אויך גע־קענט בעמערקען אַ פּאָאַר דרעמלענדיגע דיענסט־מיידלאַך, וועלכע האָבען איבערגע־לאָזט אין גאַנצען אויף הפקר דיא קינדער

וואָס מען האָט זיי אָנפּערטרויט און וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אויפ'ן וועג אין זאמד. ער האָט געפונען פרוי וואַלטער נע־בען פאָנטאַן. זיא איז געגאַנגען אויף און אָב זעהר מעלאַנכאָליש און אונרוהיג. ער האָט איהר בעגריסט און געזאָגט:

— דאָ זיינען אזוי פיעל מענשען אין פּאַרק; זאָלען מיר פיעלייכט געהען ערגעץ אַנדערש־וואו.

— אָבער וואוהין?

— דאָס איז אַלץ איינס. מיר קענען צום ביישפּיעל נעהמען אַ קאַרעטע, איהר וועט אויף אייער זייט אַראָבלאָזען דיא גאַרדינע און איהר זייט אַבסאָלוט אַליין.

— יאָ, יאָ, דאָ איז פיעל בעסער. איך שטאַרב דאָ פון אַנגסט.

— ביטע, וואַרט דאָ אָב אַ מינוט פינף, איך וועל באַלד צוקומען אהער מיט אַ קאַרעטע.

אזוי גיך וויא זיא איז געזעסען נעבען איהם אין קאַרעטע און האָט אַראָבגעלאָזט דיא גאַרדינע אין איהר זייט, האָט זיא איהם געפרעגט:

— וואוהין פאָהרט דער קוטשער?

— איהר ברויכט ניט צו זאָרגען וועגען דעם, האָט געזאָגט זשאָרזש. איך האָב איהם שוין געזאָגט וואוהין. ער האָט איהם געגעבען זיין אדרעס פון זיין וואוינונג אין רוע קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

— איהר קענט זיך ניט פאָרשטעלען, האָט זיא ווידער געזאָגט, וויא איך לייד צו־ליעב אייך. נעכטען אין קירכע בין איך געווען גרויזאַם צו אייך, נאָר איך האָב גע־וואָלט אַנטרינען פון אייך אום יעדען פרייז, אזוי שרעקליך האָב איך מורא צו בלייבען מיט אייך אַליין.

— יאָ, יאָ, איך ליעב אייך, און מוז אייך אַלץ פערצייהען, האָט ער געענטפערט, דריקענדיג איהר דיא האַנד.

— אָבער איהר מוזט זיך האַלטען אַנ־שטענדיג, אַז ניט וועל איך אייך ווייטער ניט קענען זעהען, האָט זיא געזאָגט.

אָנפאַנגס האָט ער גאָר ניט געענטפערט און האָט נאָר צו איהר צערטליך צוגע־שמייכעלט, ענדליך האָט ער אַ שעפּטשע געטהאָן:

— איך בין אייער שקלאַף.

איצט האָט זיא איהם אָנגעהויבען צו דערצעהלען, וויא אזוי זיא האָט געמערקט צום ערשטען מאָל, אַז זיא האָט איהם ליעב. דאָס איז געווען דאַן, ווען זיא האָט ערפאַהרען, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט מאַדעליין פאָרעסטיע. פּלוצים איז זיא אַנשווינען געוואָרען. די קאַרעטע האָט זיך אָבגעשטעלט, און זיא האָט געעפענט דיא טהיר.

— וואו זיינען מיר? האָט זיא געפרעגט.

— שטייגט נאָר ארויס און קומט אריין אהער, דאָ וועט אונז קיינער ניט זעהן.

— אָבער וואו זיינען מיר?

ביי מיר...... דאָס איז מיין וואָהנונג געווען איידער איך האָב חתונה געהאַט. איך האָב איהר איצט ווידער געדונגען.... אויף אַ פּאָאַר טעג.... כדי מיר זאָלען האָ־בען וועניגסטענס אַ שטילען ווינקעל, וואו מיר זאָלען זיך קענען זעהן.

— ניין, ניין, איך וויל ניט, איך וויל ניט, האָט זיא געשטאַמעלט, האַלטענדיג

זיך פעסט פאר'ן קישען אין קארעטע.

א פאר מענשען אויף'ן טראטואר האבען זיך אבגעשטעלט, און דער ווירטה, וואס האט געהאלטען א וויין-שענק אונטען אין הויז, האט אריינגעווארפען א נייגיעריגען בליק אין קארעטע. זיא האט זיך נאך מעהר דערשראקען. זיא איז געשווינד ארויסגעשפרונגען פון קארעטע און איז אריין אין הויז.

זיא האט געוואלט ארויפשטייגען אויף דיא טרעפ, נאר ער האט איהר פעסט אנגעכאפט:

— ניין, ביטע, גלייך דא, לינקס.

ער האט איהר כמעט מיט געוואלד אריינגעשטופט אין זיין וואוינונג, און אזוי גיך וויא ער האט פערשלאסען הינטער זיך דיא טהיר, האט ער זיך אויף איהר ארויפגעווארפען וויא אויף זיין רויב. זיא האט זיך געוועהרט און האט איהם ווייענדיג צוריקגעשטופט.

— אה, מיין גאט!.... אה, מיין גאט!....

ער האט איהר ליידענשאפטליך געקוסט דאס האלז, דיא אויגען, דאס מויל, און זיא האט ניט געקענט אויסוויכען זיינע ליידענשאפטליכע צערטליכקייטען, און וועהרענד זיא האט איהם אבגעשטופט און געפרובט אויסמיידען זיינע ליפען, האט זי איהם געגעבען איהר ווילען געענטפערט אויף זיינע קוסען. פלוצים האט זיא אויפגעהערט צו וועהרען זיך און מיט דער אונטערגעבענהייט פון א בעזיעגטער האט זיא זיך געלאזט פון איהם אויסטאן. ראש און געשיקט מיט דער פלינקקייט פון א קאמער מיידעל האט ער איהר צובונדען א שלייף נאך א שלייף.

זיא האט ביי איהם ארויסגעריסען דעם קארסעט פון דער האנד און האט דארטען פערבארגען איהר געזיכט.

ער האט אויך איהר איבערגעלאזט די שיך און האט איהר אריינגעטראגען אין בעט. זיא האט זיך צוגעבויגען צו זיין אויער און מיט א געבראכענער שטימע, האט זיא צוגעשעפטשעט:

— איך שווער אייך...... איך שווער אייך... איך האב נאך קיין מאל ניט געהאט קיין געליעבטען.

גראדע וויא א יונגע מיידעל וואלט געזאגט:

— איך שווער אייך, אז איך בין נאך א בתולה.

און ער האט געטראכט צו זיך:

„וואס געהט עס מיר אן!...“

XIII.

דער הערבסט איז געקומען. דיא דו ראים זיינען דעם גאנצען זומער פערבליבען אין פאריז און האבען ענערגיש געארבייט פאר'ן נייעם מיניסטעריום.

הגם עס איז נאך געווען אנהויב אקטאבער, האבען זיך דיא זיצונגען אין קאמער אנגעהויבען בעצייטענס, ווייל דיא פערהעלטניסע אין מאראקא האבען אלץ מעהר אנגענומען א דראהענדע פארמע. אין גרונד האט קיינער ניט געגלויבט אין א נייע עקספעדיציאן נאך טאנגער, אבוואהל אין דער לעצטער זיצונג פון דעם מיניסטעריום האט איין דעפוטירטער אין א וויציגע רעדע געשטעלט אין א וועט זיינע וואנסען

נעגען דעם מיניסטער-פרעזידענט'ס באקענבארדען, אז דאס נייע קאבינעט וועט האנדלען גראדע אזוי וויא דאס פריהערע און מען וועט שיקען אן עקספעדיציאן נאך טאנגער, וויא מען האט פריהער געשיקט נאך טונים, שוין צוליעב דיא סימעטריע אליין, אזוי וויא מען פלעגט א מאל שטעלען צוויי וואזען אויפ'ן קאמין.

„אפריקא איז פאר פראנקרייך א קאמין, וואס פערצעהרט אונזער בעסטע האלץ, א קאמין וואס האט גוטען צוג און וועלכען מיר הייצען מיט באנק-אקציאנען. זיי האבען אויף זיך גענומען דיא קינסטלערישע אויפגאבע צו בעפוצען דעם לינקען עק פון דעם קאמין מיט א טונעזישע וואזע און דאס נייע קאבינעט וועט שוין זארגען, אז דער רעכטער עק פון קאמין זאל בעפוצט ווערען מיט א מאראקאנישע וואזע“.

דיעזע רעדע האט געמאכט א רושם, און דו ראי האט צוליעב דעם געשריבען צעהן ארטיקלען איבער דער קאלאניע אין אלזשיר, דיא גאנצע סעריע, וואס ער האט פריהער איבערגעריסען. אין דיעזע ארטיקלען איז ער זעהר ענערגיש ארויסגעטראטען פאר דעם געדאנק פון א מיליטארישע עקספעדיציאן, אבוואהל ער איז געוועזען איבערצייגט, אז עס וועט קיין מאל דערצו ניט קומען. ער האט געקלאפט אויף דער פאטריאטישער סטרונע און האט בעשאטען שפאניען מיט אלע יענע בעליידיגונגען, מיט וועלכע איין נאציאן בעשיט א צווייטע, ווען יענע שטעהט איהר אין וועג.

דיא „וויע פראנסעז“ האט זיך דורך איהרע בעציהונגען צו דער רעגיערונג אויפגעהויבען הויך. דיא פאליטישע נייאינקייטען האט זיא געבראכט פריהער פון אלע מאסגעבענדסטע צייטונגען און קלאר געגעבען דיא אבזיכטען פון איהר בעפריינדעטען מיניסטער; אין אלע צייטונגען אין פאריז און אין דער פראווינץ האבען געמוזט נעהמען פון איהר זייערע אינפארמאציאנען. מען האט איהר ציטירט, מען האט פאר איהר מורא געהאט און מען האט איהר זאגאר אנגעהויבען צו אכטען. איצט איז די צייטונג געווארען דאס אנערקענטע ארגאן פון דעם מיניסטעריום. לאראש-מאטהיע איז געוועזען דיא נשמה פון דער צייטונג און דו ראי זיין צינג. וואלטער איז אבגעטראטען אין הינטערגרונד אום צו מאכען אין דער שטיל, וויא מען האט געזאגט, א גרויס געשעפט אין דיא מאראקאנישע קופער-מינען.

מאדעליינ'ס סאלאן איז געווארען א צענטרום, וואו פערשיעדענע מיטגליעדער פון קאבינעט האבען זיך געטראפען. דער מיניסטער-פרעזידענט האט זאגאר צוויי מאל געשפייזט ביי איהר און דיא דאמען פון דיא פאליטיקער וועלכע האבע פריהער כמעט ניט געוואלט אריבערטרעטען איהר שוועל, האבען זיך איצט בערימט, וואס זיי זיינען איהרע פריינדינען און זיי זיינען א סך עפטער געקומען צו מאדעליין, וויא זיא צו זיי. דער מיניסטער דער אויסווערטיגען איז דא געוועזען א גאנצער בעל בית. ער איז געקומען ווען ער האט געוואלט צו יעדער צייט פון טאג און געבראכט דעפעשען, נאכריכטען, אינפארמאציאנען

און האָט דיקטירט אַ מאָל דעם מאַן און אַ מאָל דער פרוי, אַזוי וויא זיי וואָלטען געווען זיינע סעקרעטאַרען. ווען דו ראַי פלעגט בלייבען אליין מיט זיין פרוי נאָך זיין אוועקגעהען, פלעגט ער אויסשיטען אַ ים זידלעריי אויף דעם אויפגעקומענעם גאַר־נישט. מאַדעליין פלעגט נאָר ציהען די אַקסלען מיט פעראַכטונג און זאָגען:

— דערגרייך נאָר אַזוי פיעל וויא ער. ווער אַ מיניסטער און דאַן וועסטו קענען פיהרען וויא דו וועסט וועלען. ביז דאַן אָבער מוזטו זיך אונטערגעבען.

— מען ווייס נאָך ניט מיינע פעהיג־קייטען, פלעגט ער ענטפערן, קוועלנדיג אויף איהר פון אַ זייט און דרייענדיג זיינע וואָנ־סעלעך. נאָר אין אַ שעהנעם טאָג וועט מען עס נאָך דערפיהלען.

— דערווייל נאָמיר וואַרטען, פלעגט זיא ענטפערן מיט אַ פילאָזאָפישער רוהיג־קייט.

אַ טאָג נאָכדעם וויא דיא קאַמער האָט זיך געעפענט האָט דיא יונגע פרוי, נאָך ליגענדיג אין בעט, געגעבען איהר מאַן טויזענדער אינסטרוקציאָנען, וועהרענדער האָט זיך אָנגעטהאָן, אום צו געה, צום מיניסטער פריהשטאָקען און צו קריגען פון איהם, איידער דיא קאַמער וועט זיך עפע־נען, אינסטרוקציאָנע פאַר אַ לייט ארטי־קעל, וואָס האָט געדאַרפט ווערען געדרוקט אויפ׳ן צווייטען טאָג אין דער „וויא פראַנ־סעז״. דיעזער אַרטיקעל האָט געדאַרפט זיין דיא אָפיציעלע ערקלערונג וועגען דיא ווירקליכע פלענער, וואָס דאָס מיניסטע־ריום האָט געמאַכט.

— פריהער פון אַלץ פערגעס ניט צו פרעגען איהם, האָט געזאָגט מאַדעליין, צו מען האָט געשיקט גענעראַל מעלאָנקל נאָך אָראַן, וויא מען האָט געהאַט בדעה. דאָס איז זעהר וויכטיג.

— איך ווייס עס אַזוי גוט, וויא דו, האָט געענטפערט זשאָרוש, וואָס איך האָב צו טהאָן און דו דאַרפסט ניט איבערקייען מיר יעדע זאַך צעהן מאָל.

— מיין ליעבער, האָט זיא רוהיג גע־זאָגט, דו פערגעסט שטענדיג אַ העלפט פון דעם, וואָס דו האָסט דעם מיניסטער צו זאָגען.

— דיין מיניסטער איז מיר שוין נמאס ומאוס געוואָרען, האָט זשאָרזש אַ ברום גע־טהאָן. ער איז אַ מאַלפע.

— ער איז אַזוי דיין מיניסטער וויא מיין מיניסטער, האָט זיא געענטפערט אָהן אַ שום ערריגונג, און דו האָסט אַ סך מעהר פאָרטהייל פון איהם וויא איך.

— ענטשולדיגט, אַרום מיך דרייט ער זיך ניט אַרום, האָט ער געזאָגט אַ דריי־טהוענדיג זיך צו איהר מיט אַ געלעכטער.

— אַרום מיר נאָך וויינינער, האָט זיא געענטפערט לאַנגזאַם, נאָר ער מאַכט אונז רייך.

ער איז אַנשווינען געוואָרען און דאַן האָט ער נאָך אַ קורצער פויזע וויעדער געזאָגט:

— ווען איך זאָל דאַרפען אויסקלייבען צווישען דיינע פערעהרער, וואָלט מיר דער אַלטער נאָר וואָדרע געווען ליעבער פון אַלעמען. מחשבות׳ן, וואו איז ער פער־פאַלען געוואָרען איך האָב איהם שוין אַ

וואך צייט ניט געזעהן.

— ער איז קראנק, האט זיא געענטפערט. ער האט דיא ניכט און האט מיר געשריען, אז ער מוז ליעגען אין בעט. דו האסט געדארפט אויס אנפרעגען וואס ער מאכט. דו ווייסט, אז ער האט דיך זעהר גערן און דאס וועט איהם הנאה טהאן.

— געוויס, איך וועל באלד געהן, האט געענטפערט זשארזש.

ער האט געענדיגט זיין טואלעט און האט זיך דאן ארומגעקוקט צו ער האט נאך ניט פערגעסען. דאן איז ער צוגעגאנגען צום בעט, האט א קוס געטהאן מאדעלען אין שטערן און געזאגט:

— צום וויעדערזעהן, איך וועל פאר זיעבען געוויס ניט זיין אין דער היים.

לאראש־מאטהיי האט שוין געווארט אויף איהם. אויסער זיי איז ביים טיש אויך געוועזן דעם מיניסטער'ס פריוואט־סעקרעטער. זיי האבען איצט פריה געפריהשטאקט, ווייל זיי האבען געמוזט זיין ווען דער פארלאמענט וועט זיך עפענען. דו ראי האט באלד ענטוויקעלט דעם פלאן פון זיין ארטיקעל נאך דיא נאטיצען, וואס ער האט אנגעווארפען אויף זיינע וויזיטקארטען.

— ווינשט איהר, ליעבער מיניסטער, עפעס צו ענדערן, האט ער ענדליך געפרעגט.

— זעהר ווענינ, מיין ווערטהער פריינד. אייערע בעהויפטונגען וועגען דער מאראקאנישער פראגע קלינגען פיעלייכט אביסעל צו פאזיטיוו. רעדט וועגען דער עקספעדיציאן אזוי וויא מען וואלט איהר געמוזט שיקען, נאר לאזט דייטליך מערקען, אז דאס וועט ניט געשעהן און איהר גלויבט אין דעם אם ווענינסטען. זעהט אויך, אז דאס פובליקום זאל קלאר לייענען צווישען דיא צייל[ע]ן, אז מיר וועלען קיין מאל ניט דערלאזען, אז מען זאל אונז ניט פערפלאנטערן אין אזא זאך.

— איך פערשטעה גאנץ קלאר און וועל זעהן, אז דיא לעזער זאלען אויך אזוי פערשטעהן. מיין פרוי האט מיר אנגעזאגט, אז איך זאל אייך פרעגען אויב גענעראל בעלאנאקל וועט אבגעשיקט ווערען נאך אראן. פון דעם וואס איהר זאגט מיר, קען איך זיך שטויסען, אז דאס וועט ניט געשעהן.

— איהר האט רעכט, האט געענטפערט דער מיניסטער.

דאן האבען זיי ווייטער גערעדט פון דער קומענדער זיטצונג. לאראש מאטהיי האט פריהער געוואלט אויספראבירען אויף דיא געסט דיא פראזען, וואס ער האט אנגעגרייט פאר זיינע קאלעגען די מיניסטארען. ער האט געמאכט מיט דער רעכטער האנד אין וועלכער ער האט געהאלטען דא א מעסער דא א גאפעל דא א שטיקעל ברויט. ער האט אויף קיינעם ניט געקוקט און האט זיך געשיינט צו ווענדען צו אן אונזיכטבארע פערזאמלונג. דער פריוואט סעקרעטאר האט געשיינט צו זיין געוואוינט צו אזא זאך, און דו ראי וואס האט געקוקט מיט גרויס קנאה אויף זיין גיכען ערפאלג, האט געטראכט ביי זיך.

„דו ביזט ניט מעהר וויא אן אלטער

עזעל. וויא קליין־קעפינ דיא זאָגנאַנטע פּאָליטיקער זיינען!"

נעבען דעם שוואַצער דעם מיניסטער האָט דוראַי ערסט געזעהן זיין אייגענעם ווערטה, און ער האָט נעטראַכט ביי זיך:

— צום שווארץ יאָהר! ווען איך זאָל נאָר האָבען הונדערט טויזענד פראַנק מזומנים אין האַנד און לאָזען זיך אויס־קלייבען אַלס רעפּוטירטער אין מיין היים נעבען רועון וואָס פאַר א פיינער שטאַטס־מאַן איך וואָלט געוועזן אין פערגלייך מיט דיזען קורצזיכטיגע נאַסען־יונג.

לאַראָש־מאַטהיי האָט ניט אויפגע הערט צו ריידען ביז מען האָט דערלאַנגט קאַפע. דאַן האָט ער זיך נעכאַפּט, אז עס איז שוין שפּעט האָט נעהייסען צופיהרען זיין קאַרעטע און געגעבען דעם זשורנאַליסט דיא האַנד.

— איהר האָט מיך אַלזאָ ריכטיג פער־שטאַנען, ליעבער פריינד?

— פאָלקאָמען, ליעבער מיניסטער, איהר קענט זיך אויף מיר אין גאַנצען פער־לאָזען.

דוראַי האָט זיך לאַנגזאַם געלאָזט נעהן צו דער רעדאַקציאָן, וואו ער האָט נעדאַרפט שרייבען זיין אַרטיקעל, וויל ביז פיער א זייגער האָט ער ניט געהאַט קיין אנדער זאַך צו טהאָן, און דאַ האָט ער זיך נעדאַרפט טרעפען מיט פרוי דע מארעל אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער נאַס. זיא האָט איהם איצט בעזוכט צוויי מאָל א וואָך מאָנטאַג און פרייטאַג. אין דער רעדאַקציאָן האָט מען איהם איבערגעגעבען א פערמאַכטע דעפּע־שע פון פרוי וואַלטער מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

„איך מוז דיך זעהן אונטער אַלע אומ־שטענדען נאָך היינט. עס האַנדעלט זיך אום זעהר א וויכטיגע זאַך. ערוואַרט מיך צוויי א זייגער אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָ־לער גאַס. איך וועל דיר קענען טהאָן א גרויסע טובה.

אייביג דיינע ווירזשין".

— צו אַלדע שווארץ־יאָהרען! וויא געפעלט דיר אַזאַ געשיכטע!

ער איז אריין אין א שלעכטען מוטה און איז באַלד אוועק, וויל ארבייטען האָט ער שוין ניט געקענט. שוין א וואָך זעקס וויא ער האָט געזוכט צוצורייסען מיט איהר, נאָר זיא האָט זיך געהאַלטען אָן איהם וויא א פערצווייפעלטע. אָנ־פאַנגס האָט זיא געהאַט דיא שרעקליכסטע געוויסענביסע און האָט האָט איהם פערוואָרפען מיט דיא ביטער־סטע פאָרווירפע, ביז דיא סצענען זיינען איהם נמאס ומאוס געוואָרען, אַזוי וויא דיא עלטערע און דראַמאַטישע פרוי איז איהם אַזוי שוין אויך מיאוס געוואָרען. ער האָט אויפגעהערט צו ווייזען זיך איהר אויף דיא אויגען, האָפענדיג דערמיט פּטור צו ווערען ון איהר. נאָר זיא איז אריינגעפאַ־לען אין דער ליעבע, וויא א מענש מיט א שטיין אויף׳ האַלז פאַלט אריין אין וואַ־סער. ער איז געוועזן שוואַך און נאָכגעביג און האָט זיך געלאָזט צוריקציהען און איצט האָט זיא איהם פערפאָלגט מיט איהר צאַרטליכקייט. יעדען טאָג האָט זיא איהם געוואָלט זעהן און האָט איהם פער־

שאָטען מיט דעפּעשען, אַז דאָ וואַרט זיא אויף איהם אין אַ'ן עק גאַס, דאָ אין אַ מאַגאַזין און דאָ אין אַ פּאַרק, און האָט איהם יעדעס מאָל בעגעגענט מיט דער זעלבער פראַזע, אַז זיא ליעבט איהם און פערגעטערט איהם און איז שטענדיג אַוועק פון איהם, שווערענדיג, אַז זיא איז גליקליך, וואָס זיא האָט איהם געזעהן.

זיא איז געווען גאַנץ אַנדערש, וויא ער האָט ערוואַרט, און האָט זיך געסטאַרעט צו צובינדען איהם מיט אַלערליי קינדעריי, וואָס האָט נאָר ניט געפּאַסט פאַר איהרע יאָהרען. אַזוי וויא זיא איז ביז איצט געבליבען ריין אין הארצען, האָט דיזע פערשפּעטיגטע ליידענשאַפט ערוועקט אין איהר אַ מין פערוויאַנעטען פריהלינג אין דעם הערבסט פון איהר לעבען, אַ פערשפּעטיגטע ליידענשאַפט, הייס און דאָך נאַאיוו, מיט מאַנערען פון אַ זעכצעהן־יאָהריגע מיידעל. זיא האָט איהם טעגליך געשריבען צעהן בריעף, און ווען זיי זיינען געווען אַליין, האָט זיא איהם געקוסט און געשפּיעלט זיך און אַרומגעשפּרונגען וויא אַ קינד. ער פלעגט פערצווייפעלט ווערען, ווען זיא פלעגט איהם רופען: „מיין הינטעלע, מיין קעצעלע, מיין אוצר'ל".

— וועמען געהערט דאָס מיילכיל? פלעגט זיא פרעגען.

און ווען ער פלעגט ניט ענטפערן גלייך „מיר", איז זיא צו איהם אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען, ביז ער האָט איהר געמוזט נאָכגעבען און דורכמאַכען מיט איהר אַלע נאַרעשקייטען. און זעהר אָפט ווען זיא פלעגט איהם רופען: „מיין ליאַלקעלע, מיין קליינינקער", האָט ער חשק געהאַט צו רופען איהר: „מיין באָבע".

דיא ערשטע צייט האָבען זיי זיך אָפט געזעהן אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער גאַס, דאַן האָט דו ראַי מורא געקריגען, אַז זיי קענען זיך דאָ אַ מאָל טרעפען מיט פרוי דע מארעל, און ער פלעגט געפינען אַלערליי תירוצים ניט צו בעגעגענען זיך דאָרטען מיט איהר. דאַן האָט ער געמוזט קומען כמעט יעדען טאָג צו איהר, אַ מאָל צום פריהשטאַק, אַ מאָל צום דינער און פלעגט איהם דערביי דריקען אונטערן טיש דיא האַנד און קוסען איהם, ווען זיי האָבען זיך געפונען אונטער עפּעס אַ פאָרהאַנג. ער האָט אָבער געהאַט פיעל שפּאַס צו בעשעפטיגען זיך מיט סוזאַנאַ. זיא האָט איהם אָפט געמאַכט לאַכען. אין איהר קערפּער פון אַ ליאַלקע האָט געשטעקט אַ לעבעדיגער, בייסענדער, בעוועגליכער און שאַרף בעאָבאַכטענדער גייסט. זיא האָט זיך געמאַכט לוסטיג איבער אַלעמען און אַלץ מיט איהרע בייסעדיגע בעמערקונגען. זשאַרזש איז געווען שטאַרק גערייצט פון איהר טעמפּעראַמענט, און זיי האָבען זיך פערשטאַנען אויסגעצייכענט. יעדע מינוט האָט זיא איהם גערופען צו זיך: „קומט צו מיר אויף איין אויגענבליק שעהניצר זשאָר ש ... הערט נאָר, שעהנער זשאָ־זש!" און ער פלעגט איבערלאָזען די מוטער און לויפען צו דער טאָכטער, וועלכע פלעגט איהם מאַכען עפּעס אַ בייזע בעמערקונג און ביידע האָבען געלאַכט פון גאַנצען האַרצען.

ענדליך האט זיא בעגריעפען, אז ער
ליעבט איהר מעהר ניט און זיא האט שרעק־
ליך געליטען. אבער איצט האט זיא איהם
נאכגעשפירט און נאך מעהר פערפאלגט.
זיא איז איהם נאכגעפאהרען אין א פער־
מאכטע דראזשקע און נאכגעשפירט ווען
ער איז געגאנגען אין רעדאקציא, האט
אויף איהם געווארט נעבען זיין וואהנונג
און אויף דיא גאסען, דורך וועלכע ער האט
געדארפט דורכגעהן. ער וואלט גערן איהר
דורכגעקלאפט און געזאגט גלייך אין דיא
אויגען אריין: „לאז מיך צורוה, עס עקעלט
מיך פון דיר", נור ער האט עס ניט געקענט
טהאן צוליעב דער צייטונג; און ער האט
זיך געסטארעט דורך קאלטע בליקען און
גראבע בעמערקונגען צו געבען איהר צו
פערשטעהן, אז צווישען זיי איז אלץ
געענדיגט. דאך האט זיא זיך געסטארעט
מיט אלערליי לוסטיגקייטען צו פער־
נארען איהם אין דער קאנסטאנטינאפאלער
גאס און ער האט געלעבט אין א שטענ־
דיגער מורא, אז ביידע פרויען קענען זיך
אין א שעהנעם טאג צוזאמענקלאפען מיט
דיא נעזער דא־טען פאר דער טהיר.
דאגעגען זיין נייגונג צו פרוי דע מארעל
איז אין דעם פערלויף פון דעם זומער
שטארקער געווארען. ער האט איהר גערופען
„מיין קליין שטראסען אינגעל" און זיא איז
איהם ווירקליך זעהר געפעלען געוועזן. זייער
ביידענס נאטורען זיינען אין פיעלע פונקטען
געוועזען עהנליך, זיי האבען ביידע בעלאנגט
צו דיא ציגיינער־נאטורען אין לעבען, יענע
ציגיינער פון דער גוטער געזעלשאפט,
־עלכע עס פאלט ניט איין, וויא ווייניג
זיי אונטערשיעדען זיך פון דיא ציגיינער
פון דיא גרויסע וועגען. זיי האבען פער־
בראכט א פיינעם זומער, וויא צוויי סטו־
דענטען וואס ווילען א לעב טהאן. צום
פריהשטיק פלעגען זיי ארויספאהרען
ערגיץ אין א דערפעל ניט
ווייט פון פאריז און פלעגען
זיצען שטונדען־לאנג אין א שיפעל אדער
רייסען בלומען. זיא האט געטרוימט פון
געפרעגעלטע און געפילטע פיש, פון דיא
גערטלאך הינטער דיא דארפס־שענקען און
פון דעם געשריי פון דיא רודערער אין
דיא שיפלאך.

ווען ער פלעגט נאך אזא שפאציער
מוזען זיין צום דינער ביי פרוי וואלטער,
האט ער נאך מעהר געהאסט דיא אלטע,
האבענדיג אין זינען דיא יונגע, וועלכע ער
האט אקארסט פערלאזען. ענדליך האט
ער געדענקט, אז ער איז פארטיג געווארען
מיט דער פרוי פון זיין דירעקטאר, וויל
ער האט איהר גאנץ אפען געזאגט, אז ער
וויל מיט איהר צורייסען. און איצט
האט ער ערהאלטען דיא דעפעשע, אין
וועלכער זיא האט איהם גערופען אין דער
קאנסטאנטינאפאלער גאס. ער האט נאך
א מאל איבערגעלייענט דיא דעפעשע און
האט זיך לענגער אבגעשטעלט אויף דיא
ווערטער: „איך קען דיר טהאן א גרויסע
טובה".

„וואס קען דיא אלטע שאכטעל פון מיר
וועלען? איך קען זיך וועטען אז זיא האט
מיר קיין זאך מעהר צו זאגען, וויא אז זיא
פערגעטערט מיך, אבער טראץ דעם מוז
איך איהר זעהן, זיא רעדט פון א וויכטיגע

זאך און א גרויסע טובה, וואס זיא קען מיר טהאָן. פיעלייכט איז דאָך עפּעס דא אין דעם.... פיער א זייגער קומט קלאטילדא. איך מוז זעהן פּטור צו ווערען פון דער ביז דריי א זייגער. זאָלען זיי זיך נאָר ניט בּעגעגנען. אח, עס איז גרויסע צרות מיט די ווייבער!"

און ער האָט געטראַכט פון זיין איינער פרוי, וועלכע האָט איהם וויינינער וויא אלע אָנגעטהאָן צרות, און האָט געשיינט, אז צייטענווייז האָט זיא איהם זאָגאָר ליעב.

נעהענדיג צו דער קאָנסטאנטינאָפּאלער גאס, האָט ער זיך אלץ מעהר און מעהר אָנגעצונדען נעגען פרוי וואלטער.

„אויב זיא האָט מיך איצט אָבגענארט, וועט זיא פון מיר כאפּען א פּאָרציע!"

ער איז אריינגעקומען אין זיין וואוינונג, וואָס ער האט געהאלטען אויף דער קאָנסטאנטינאָפּאָלער גאס, און באלד נאך איהם איז אָנגעקומען פרוי וואלטער.

— וואָס פאר א גליק, וואָס דו האָסט בעקומען מיין דעפּעשע, האָט זיא געזאָגט.

— איך האָב איהר נעקריגען אין דער רעדאקציאָן גראדע ווען איך האָב זיך געקליבען נעהן אין דער דעפּוטירטען קאמער. וואָס ווילסטו פון מיר?

זיא האט ארויפגעצויגען איהר שלייער, אום איהם א קוש צו טהאָן און איז צו איהם צוגעקומען מיט אזא מורא'דיגקייט וויא א הונד, וואָס האט שוין ניט איין מאָל געקריגען געשלאָגען.

— וויא גרויזאם דו ביזט נעגען מיר! וויא הארט דו רעדסט צו מיר. וואָס האָב איך דיר דען געטהאָן? דו קענסט זיך גאָר נישט פאָרשטעלען וויא איך לייד צוליעב דיר.

— דו הויבסט שוין ווידער אָן? האָט ער א ברום געטהאָן.

זיא איז געשטאנען נעבען איהם און האָט נאָר געוואַרט אויף א שמייכעל, אויף א פריינדליכע מינע, אום צו פאַלען איהם אויף דער ברוסט.

— ווען דו האָסט געוואָלט בעהאנדלען מיך אזוי, זעה איך ניט, פאר וואָס דו האָסט צושטערט מיין פריעדען און מיין גליק.

— דאָס איז אלץ דאָס זעלבע ליעדעל, האָט ער אונגעדולדיג א קלאפּ געטהאָן מיט'ן פוס אָן באָדען. ווען עמיצער זאָל זיך צוהערען, האָט ער געקענט מיינען, אז דו האָסט זיך ווירקליך מיר איבערגעגעבען צו צוועלף יאָהר און אונשולדיג וויא א מלאך. ניין, מיין ליעבע, דיא זאך איז נאָר ניט אזוי און דאָ קען ניט זיין קיין רייד פון פערפיהרען א קליין מיידעלע. דו האָסט זיך מיר איבערגעגעבען נאכהער וויא דו האָסט זיך גוט בעטראכט. איך בין דיר זעהר דאנקבאר פאר דיא ליעבע, וואָס דו האָסט מיר געשענקט, אָבער איך קען זיך ניט האלטען שטענדיג ביי דיין פארטוך. מיר זיינען ביידע ניט קיין פרייע מענשען. דו האָסט א מאן און איך האָב א פרוי. עס איז געוועזן א מאָמענטאלע שכרות און דאָס איז שוין לאנג איבערגעגאנגען.

זיא האָט צוגעפּרעסט דיא הענד צו

דער ברוסט און האָט זיך שטאַרק צואָווינט.

אזוי ניך וויא ער האָט דערזעהן איהרע טרערען, האָט ער נעכאַפּט זיין הוט און האָט זיך געלאָזט געהן.

— אז דו ווילסט ווינען, זיי זשע מיר געזונד. האָסטו מיך געבראַכט אהער צוליעב דעם?

— ניין.... איך בין נעקומען, אום דיר ..

זיא איז איהם פערלאָפען דעם וועג און האָט זיך נעצוואוננען מיט געוואלד צו בערוהינען זיך און דאן האָט זיא פאַרטנעזעצט:

— איך האב דיר נעבראַכט א נייעס... א פּאָליטישע נייעס.... אום דיר צו נעבען דיא מעגליכקייט צו פערדיענען באלד פופצינ טויזענד פראנק — און אפשר נאָך מעהר.... אויב דו ווילסט נאָר....

— וויא אזוי? וואָס מיינסטו מיט דעם? האָט ער געזאָגט ווערענדיג פּלוצים גאַנץ ווייך.

— איך האָב נעכטען ביי נאכט צופעלינ אונטערגעהערט א געשפּרעך, וואָס מיין מאַן האט געהאַט מיט לאַראָש. איבערינענס, האָבען זיי זיך ניט שטאַרק געהיט פאַר מיר. אָבער וואָלטער האָט דעם מיניסטער אויסדריקליך געבעטען, אז ער זאָל דיר ניט אריינגעהמען אין דעם געהיימנים, ווייל דו קענסט נאָך אלץ פערראַטהען.

דו ראָי האָט צוריק אנידערגעשטעלט זיין הוט או, האָט גענומען הערען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

— וועגען וואָס האַנדעלט עס זיך דאָ? האָט ער ענדליך נעפרעגט.

— זיי ווילען בעזעצען מאַראָקאָ ...

— אח, וואס דערצעהלסטו מיר. איך האָב ערשט היינט געפריהשטיקט מיט לאַראָש און ער האָט מיר כמעט דיקטירט וואָס צו שרייבען וועגען דיא פּלענער פון דעם מיניסטעריום.

— ניין, מיין ליעבער, זיי האָבען דיך אָבגענאַרט, ווייל זיי האָבען מורא, אז דו זאָלסט זיי ניט פערראַטהען.

— זעץ זיך, האָט געזאָגט זשאַרזש און האָט זיך אליין אנידערגעזעצט אויף א פאָטעל.

זיא האָט גענומען א קליין פוס־בענקעלע און האָט זיך אנידערגעזעצט אזוי אז איהר קאָפּ איז אויסגעקומען נעבען זיינע קניע. זיא האָט ווידער אָנגעהויבען מיט א חניפה דינער שטימע:

— אזוי וויא איך טראַכט שטענדיג פון דיר, הער איך זיך צו וואָס מען שעפּטשעט ארום מיר.

און זיא האָט איהם לאַנגזאם אָנגעהויבען צו ערקלערען, אז זיא האָט שוין א לאַנגע צייט בעמערקט, אז מען וויל איהם אויסנוצען פאַר עפּעס א זאַך און מען האָט דאָך מורא, אז ער זאָל דערפון וויסען.

— דוא זעהסט, האָט זיא געזאָגט, ווען מען ליעבט ווערט מען לוסטיג, האָט זיא געזאָגט.

נעכטען איז איהר אלץ קלאָר געוואָרען. עס האָט זיך געהאַנדעלט אום א גרויסע, אונגעהייער גרויסע אונטערנעה־

מוג, צו וועלכע מען האָט זיך זעהר שטיל פאַרבערייט.

זיא האָט איצט געלאַכט און געפרייט* זיך מיט איהר געשיקטליכקייט. אלס א פרוי פון א מאַן, וועלכער האָט זיך שטענדיג בעשעפטיגט מיט דער בירזשע, איז זיא געווען געוואוינט צום שפּיינען און פּאַלען פון באָנדס, וועלכע האָבען אין א פּאָר שטונדען געקענט פערניכטען טויזענדע קליינע מענשעלאַך.

— זיי האָבען זעהר קלוג אפּערירט, האָט זיא ווייטער געזאָגט. זעהר קלוג. וואַלטער האָט צורעכט געמאַכט די גאַנצע זאַך. ער פערשטעהט זיך אויף אזעלכע זאַכען.

— נו, נו, האָט ער אויסגעשריען, ווע־רענדיג אונגעדולדיג פון איהר לאַנגע פאַר־רעדע.

— דיא עקספּעדיציאָן נאָך טאַנגער איז שוין געווען א בעשלאָסענע זאַך פון דעם ערסטען טאָג, וויא לאַראָש איז געוואָרען מיניסטער. ביסלעכוויין האָבען זיי איינגע־קויפט דיא גאַנצע מאַראָקאַנישע אנלייהע, וועלכע איז דאַמאָלס געפאַלען אויף 64 אָדער 65. זיי האָבען דאָס געטאָהן זעהר געשיקט. דיא אגענטען וואָס האָבען דיא באָנדס אויפגעקויפט, זיינען געווען קליי־ניגקע, אזעלכע וואָס האָבען ניט געקענט ערוועקען קיין פערדאַכט, און האָבען אפילו מיט דעם אָבגענאַרט דיא ראָטשילדס. הנם יענע האָבען זיך באַלד געכאַפּט און זיינען געוואָרען פערדעכטיג אויף דיא גרויסע פאַרדערונגען. ווען אָבער מען האָט אָנגערופען דיא נעמען פון דיא קויפער, קליינע באַנקראָטירטע מענשלאַך, האָט זיך דיא גרויסע באַנק־הויז בערו־הינט. איצט וועט מען דורכפיהרען, אז דיא עקספּעדיציאָן זאָל געשיקט ווערען. אזוי גיך וויא דיא עקספּעדיציאָן וועט זיין דאָרטען, וועט דיא פראַנצוי־זישע רעפּובליק גאַראַנטירען דיא שולדען פון מאַראָקאָ און אונזערע ליעבע פריינד וועלען דערביי כאַפּען א געווינס פון פופ־ציג ביז זעכציג מיליאָן. פערשטעהסטו איצט ווענען וואָס דאָ האַנדעלט זיך און פאַר וואָס זיי דאַרפען זיך אזוי היטען, אז מען זאָל זיך דערפון ניט דערוויסען.

זיא האָט צוגעבויגען דעם קאָפּ צו זיין ועסט און האָט זיך צו איהם צוגעטולעט, ווייל זיא האָט געוואוסט, אז איצט האָט זיא אויפגעוועקט זיין אינטערעס. פאַר זיינעם א שמייכעל, פאַר זיינעם א קוס איז זיא פאַרטיג געווען אָבצור־טאָהן דיא בייזעסטע זאַך אין דער וועלט. דאַן האָט ער גע־פרעגט נאָכדענקליך:

— ביזטו זיכער?

— וויא דענקסטו? וואָלט איך דיר געזאָגט אזא זאַך, ווען איך זאָל ניט זיין זיכער?

— עס איז ווירקליך א גרויסאַרטיגער פּלאַן, האָט געזאָגט זשאָרזש. אָבער מיט דיעזען לומפּ, מיט דיעזען לאַראָש וועל איך זיך אָברעכענען! אזא גנב! ער וועט זיך פון מיר ניט נאַרען!.... איך וועל איהם וויזען!......

דאַן האָט ער געזאָגט נאָכדענקליך:

— ווען מען זאָל נור קענען געווינען

עפּעס דערביי.

— דו קענסט נאָך אויף קריגען מאראָ־קאָנישע באָנדס. זיי שטעהען איצט אויף 72.

— איך האָב אָבער ניט קיין געלד ביי דער האַנד.

— איך האָב שוין דערפון געטראַכט, מיין ליעבער, האָט זיא געזאָגט בעטענדיג. אויב דו האָסט מיך א קליין ביסעלע ליעב, וועסטו מיר ערלויבען אויסלייהען דיר דאָס געלד.

— ניין, דאָס איז אונמעגליך, האָט ער געענטפערט האַסטיג און האַרט.

— הער מיך אויס, האָט זיא זיך געבעטען ביי איהם. דו דאַרפסט נאָר ניט לייהען דאָס געלד. איך האָב אַזוי אויך געוואָלט קויפען פאַר צעהן טויזענד פראַנק, אום צו מאַכען פאַר זיך א קליינעם פאָנד. איצט וועל איך קויפען פאַר צוואַנציג טויזענד, שותפות מיר דיר. אויב מיר וועלען געווינען, האָסטו זיעבציג טויזענד פראַנק, אז ניט וועסטו מיר זיין שולדיג צעהן טויזענד פראַנק, און דו וועסט מיר בעצאָהלען, ווען דו וועסט קענען.

— ניין, ניין, איך האָב פיינד אַזעלכע געשעפטען.

זיא האָט איהם ווייטער גענומען איינ־ריידען, אז ער ריזיקירט דאָך דערביי צעהן טויזענד פראַנק, אז זי לייהט איהם נאָר קיין געלד ניט, אז זיינע באָנדס וועלען גע־קויפט ווערען דורך דעם הויז וואַלטער, אז ער פערדיענט בכשר דאָס געלד, ווייל ער איז דאָס, וואָס פיהרט דעם פּאָליטישען קאַמפּף, וועלכער וועט מאַכען מעגליך דעם געווינס.

— שטעל זיך פאָר, האָט זיא געזאָגט זעהענדיג, אז ער איז נאָך אַלץ ניט ענט־שלאָסען, אז וואַלטער לייהט דיר אויס דאָס געלד. דו האָסט פאַר איהם א סך מעהר געטהאָן.

— נו, גוט, זאָל זיין אַזוי. איך געה מיט דיר שותפות, אויב מיר פערלירען צאָהל איך דיר אויס צעהן טויזענד פראַנק צוריק.

פול מיט פריידע האָט זיא ארומגענומען זיין קאָפּ מיט ביידע הענד און האָט איהם געקוסט. אנפאַנגס האָט ער עס מקבל געווען באהבה, נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אז דיא צווייטע דאַרף באַלד אָנקומען. ער האָט איהר ווייך צוריקגעשטופּט.

— קען איך דיר אפילו מעהר קיין קוש ניט געבען, זשאָרזש, האָט זיא געזאָגט פער־צווייפעלט.

— היינט ניט, האָט ער געענטפערט. איך האָב א קאָפּ־וועהטאָג און דו טהוסט מיר וועה.

זיא האָט זיך ווידער אנידערגעזעצט געבען זיינע קניע און האָט איהם גע־פרעגט:

— וועסטו מאָרגען עסען ביי אונז מי־טאָג? איך וואָלט זיך געפיהלט אַזוי גליק־ליך, ווען דו זאָלסט קומען.

א מינוט איז ער געווען אונענט־שלאָסען. ער האָט ניט געוואָלט אָבזו־זאָגען איהר. דאַן האָט ער געזאָגט.

— געוויס, מיט'ן גרעסטען פערגנִיגען. איך וועל קומען.

— איך דאַנק דיר, מיין ליעבער.

רייבענדיג איהר באק אָן זיין ברוסט און צושמייכלענדיג מיט חניפה. דאביי האָט זיך פערוויקעלט א לאנגער שווארצער האָר ארום א קנעפּיל פון זיין זשילעט. דערווייל איז איהר א ווילדער געדאנק אריין אין קאָפּ, אַ׳ן אבערגלויבישער געדאנק, וואָס האָט זעהר פיעל צו זאָגען ביי פרויען פון דעם סאָרט און טרייבט זיי זעהר אָפט צו טהאָן אזעלכעס, וואָס זיי וואָלטען אנדערס קיין מאָל ניט געטהאָן. זיא האָט שטיל גענומען דעם האָר און שטארק ארומגעוויקעלט איהם ארום קנעפּיל. דאן האָט זיא גענומען א צווייטען און א דריטען, ביז אלע קנעפּלאך זיינען געווען פערוויקעלט מיט איהרע האָר. ביים אויפהויבען זיך האָט זיא געוואָלט אויסרייסען זיי אלע מיט א מאָל. וואָס פאר א פרייד וועט זיא פיהלען, ווען דאָס וועט איהר פערשאַפען א ווייטאָג. ער וועט עפּעס טראָגען פון איהר קערפּער, צווישען זיי ביידען וועט זיין עפּעס אַ׳ן אונזיכטבאַרעס באנד. איהרע האָר וועלען מיט איהם געהן, וואו ער וועט ניט זיין. דאָס וועט זיין אַ קמיעה און ער וועט מוזען פון איהר דענקען, אפילו אז ער זאָל עס ניט וועלען, טרוימען פון איהר, און אפשר וועט ער אויף׳ן צווייטען טאָג איהר אביסעל ליעב האָבען.

— איך מוז איצט אוועקגעהן, האָט געזאָגט דו ראַי, מען וואַרט אויף מיר אין דער דעפּוטירטען קאַמער און איך טאָר הייַנטיגע זיצונג ניט פערפעהלען.

— שוין? האָט זיא געזאָגט מיט א זיפץ, ווארפענדיג א שמערצליכען בליק אויפ׳ן אָפענעם שלאָף־צימער. דאָן האָט זיא ווייטער געזאָגט: אָבער מאָרגען ערוואַרט איך דיך גאַנץ בעשטימט ביי אונז צו מיטאָג.

דאַן איז זיא שנעל אויפגעשטאַנען. דיא האָר האָבען זיך מיט א מאָל א ריס געטהאָן. זיא האָט דערפיהלט א קורצען אָבער שארפען פיין אזוי וויא מען וואָלט איהר א שטאָך געטהאָן מיט נאָדלען. איהר הארץ האָט געקלאַפּט, זיא איז געווען גליקליך, וואָס זיא האָט צוליעב איהם געליטען א שמערץ.

— אדיע! האָט זיא געזאָגט.

ער האָט איהר ארומגענומען אין א קאַלטען קוק געטהאָן איהר אויפ׳ן שטערן. דאָן האָט ער איהר דערלאַנגט דעם זאָנטיק, וואָס זיא האָט פערגעסען און געזאָגט:

— ניכער! גיכער! איך מוז זיך צואיילען.

זיא איז געגאַנגען פאָראויס אויפ׳ן וועג האָט זיא נאָך א מאָל געזאָגט:

— אלזאָ מאָרגען זיבען א זייגער.

— יאַ, מאָרגען זיבען א זייגער, האָט ער איהר נאָכגעזאָגט.

דאַן האָבען זיי זיך געשיידט, זיא איז אוועק רעכטס און ער לינקס. דו ראַי איז געגאַנגען א לאַנגע שטרעקע איבערן בולוואַר, דאַן האָט ער זיך צוריקגעקעהרט. אויפ׳ן וועג האָט ער דערזעהן אין א קאָנדיטאָרסקע געצוקערטע קאַשטאַנען.

„מען דארף קויפען א פונט פאַר קלאָטילדאַ, האָט ער געזאָגט צו זיך. זיא האָט זעהר ליעב דיא זיסע פרוכטען".

פּיער א זייגער איז ער ווידער געווען אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער גאס און האָט געוואַרט אויף זיין יונגע געליעבטע. זיא האָט זיך אַביסעל פערשפּעטיגט, וויל איהר מאַן איז אַראָבגעקומען אויף אַכט טעג אין פּאַריז.

וועסטו צו אונז קומען עסען? האָט זיא געפּרעגט. ער וועט זיך זעהר פרייהען צו זעהען דיך ווידער.

— ניין, איך מוז מאָרגען עסען ביי מיין דירעקטאָר. מיר האָבען צו פערהאַנדלען א גאַנצע מאַסע פּאָליטישע און פינאַנציעלע פראַגען.

זיא האָט אויסגעטהאָן איהר הוט און אַראָבגענומען דיא האַנדשוה, און ער האָט איהר אָנגעוויזען אויפ'ן קעסטעלע, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן קאַמין.

— איך האָב פאַר דיר אָנגעגרייט געצוקערטע קאַשטאַנען, האָט ער געזאָגט.

— דאָס איז רייצענד! האָט זיא אויסגעשריען, פּאַטשענדיג מיט דיא הענד: וויא ליעב דו ביזט!

זיא האָט פערזוכט איינעם און האָט ווייטער געזאָגט:

— זיי זיינען אויסגעצייכענט! דו ווייסט אַלע מיינע קליינע שוואַכקייטען.

זיא האָט לאַנגזאַם געגעסען איין קאַסטאַן נאָכ'ן צווייטען און האָט אַלע וויילע א וואָרף געטהאָן א בליק אין קעסטעלע, צו דאָרטען איז נאָך עפּעס געבליבען.

— זעץ זיך אויפ'ן פאָטעל, האָט זיא געזאָגט, און איך וועל זיצען געבען דיינע פיס, אַזוי איז גאַנץ אַנגענעהם.

ער האָט זיך לאַכענדיג אַנידערגעזעצט און זיא האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן איהם, גראָדע אַזוי וויא פרוי וואַלטער האָט געטהאָן מיט א וויילע צוריק.

זיי האָבען געלאַכט און געטריבען קאָקעטעריעס. ער האָט איהר געדייצט אום זיא זאָל זאָגען אַלערליי נאַרעשקייטען, וועלכע ער האָט געפונען זעהר אַמוזאַנט ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען פון איהר מויל און וועלכע פלעגען איהם מאַכען פערצווייפעלט, ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען פון פרוי וואַלטער. קלאָטילדא האָט איהם אויך גערופען „מיין קעצעלע", „מיין הינטעלע", נאָר ביי איהר האָט דאָס געקלונגען שעהן און רייצענד, ווערהענד ביי דער אַנדערער האָט דאָס איהם גערייצט ביז וואַהנזין. דיא ליעבע-ווערטער זיינען שטענדיג דיא זעלבע נאָר זיי שמעקען נאָך די ליפּען, פון וועלכע זיי קומען. נאָר טראָץ דיא אַלע נאַרעשקייטען זיינען איהם זיבעציג טויזענד פראַנק וואָס איהם איז פאַרגעשטאַנען צו געווינען, ניט אַרויס פון זינען. פּלוצים האָט ער זיך איבערגעריסען און האָט זיין פריינדין א קלאַפּ געטהאָן מיט צוויי פינגער אין שטערן.

— הער מיך אויס, מיין ליעבע, זאָג דיין מאַן אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל מאָרגען קויפען פאַר צעהן טויזענד פראַנק מאַראָקאַנישע באָנדס, וואָס שטעהען איצט אויף צוויי און זיבעציג. איך גאַראַנטיר, אַז אין דעם פערלויף פון א דריי מאָנאַט וועט ער פערדיענען פון זעכציג ביז אַכטציג טויזענד פראַנק. דערפון אָבער טאָר קיין לעבעדיגער נפש ניט וויסען. זאָג איהם,

אז דיא עקספעדיציאָן נאָך טאנגער איז א פעסט־בעשלאָסענע זאך, און פראנקרייך וועט דיא מאראָקאנישע אנלייהע גאראנטירען. נאָר קיינער זאָל דערפון ניט וויסען, דאָס איז א שטאאטס־געהיימניס, וואָס איך פערטרוי דיר.

זיא האָט איהם ערנסט אויסגעהערט און געזאָגט שטיל:

— איך דאנק דיר, איך וועל עס זאָגען מיין מאן נאָך היינט ביי נאכט. דו קענסט זיך אויף איהם פערלאָזען, ער וועט שווייגען. מיט איהם ריזיקירסטו גאָר ניט.

זיא האט איצט אויפגעגעסען אלע פאשטאנען און אריינגעוואָרפען דאָס לעדיגע קעסטעלע אין פייער אריין. אין צערשטרייאונג האָט זיא געזוכט אַן אנדער שפיעלכעל. א קנעפיל פון זשאָרזש'ס זשילעט איז איהר אריין צווישען דיא פינגער, און פערוואונדערט האָט זיא ארויסגעשלעפט א לאנגען האָר.

— זעה נאָר, האָט זיא זיך צולאכט, דו האָסט מיטגעבראכט מאדעליינ'ס א האָר, דו ביזט ווירקליך א טרייער מאַן.

דאַן איז זיא ווידער ערנסט געוואָרען און האָט אויפמערקזאם בעטראכט דעם דינעם האָר, וואָס זיא האָט געפונען.

— ער שטאמט ניט פון מאדעליין, דאָס איז א ברוינער האָר, האָט זיא א מורמעל געטהאן.

— אז ניט שטאמט ער געוויס פון אונזער קאמער־מיידעל, האָט ער געזאָגט לאכענדיג.

זיא האָט אָבער איצט שארף בעטראכט דעם זשילעט, וויא א דעטעקטיוו און האָט דערזעהן, אז ארום דעם צווייטען איז אויך ארומגעוויקעלט א האָר, דאַן האָט זיא געפונען א דריטען, א פיערטען און האָט בלייך און ציטערנדיג אויסגערופען:

— אָה, דו האָסט א געליעבטע, און זיא האָט ארומגעוויקעלט איהרע האָר ארום אלע דיינע קנעפלאך!

— דו ביזט משוגע...... האָט ער אָיבערראשט אנגעהויבען צו שטאמלען.

פלוצים איז איהם אלץ קלאָר געוואָרען. אָנפאנגס האָט ער אליין ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז. דאַן האָט ער פערשטאנען און איז צומישט געוואָרען און דאַן האָט ער זיך אָנגעהויבען צו לייקענען מיט א געלעכטער, ווייל איהם האָט ניט אויסגעמאכט, אז זיא זאָל מיינען אז ער האָט גליק אויך מיט אנדערע פרויען.

זיא האָט געזוכט אלץ ווייטער און ווייטער, האָט אָבגעוויקעלט דיא האָר און געוואָרפען זיי אויפ'ן טעפיך. מיט איהר פיינעם פרויען אינסטינקט איז זיא שוין געוועזען ניט ווייט פון דעם אמת און אין איהר גרויסען כעס איז זיא שוין געוועזען נאָהענט פון טרערען ווען זיא האָט געזאָגט.

— זיא ליעבט דיך!.... זיא האָט געוואָלט אז דו זאָלסט עפעס טראָגען פון איהר אויף זיך.... אָה, דו נארסט מיך...

פלוצים האָט זיא ארויסגעלאָזט א רייסענדען פריידענס־געשריי.

— אָה!.... אָה!.... דאָס איז אַן אלטע!.... אָט האָב איך א שיוען האָר! אזוי דו האָסט זיך גאָר גענומען צו אלטע

ווייבער!.... בעצאָהלען זיי דיר כאָטש גוט?.... זאָג מיר נאר.... בעצאהלען זיי דיר גוט.... נו, ווען דו האסט אן אַלטע דארפסטו שוין מיך ניט....

זיא איז אויפגעשפרונגען, האָט געכאַפּט איהר הוט און איהרע האנדשוה און האָט זיי אין דער גיך אָנגעטהאָן.

ברענענדיג פאר שאַנדע, האָט ער געוואָלט אָבהאלטען איהר און האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען.

— אָבער ניין, קלאָ...... זיי ניט אזוי נאַרעש.... איך וויים אַליין וויא דיא האָר קומען צו מיר.... הער מיך נאָר אויס.... פערבלייב דאָ.... זעה.... בלייב דאָ....

זיא אָבער האָט נאָר ווידערהאָלט:

— האלט זיך מיט דיין אַלטעטשקע... זאָל זיא דיך איינזאלצען.... דו קענסט זיך מאכען א רינג פון איהרע ווייסע האָר.... זיא האָט זיי, וויא עס שיינט, גענוג......

זיא האט זיך אין דער גיך אנגעטהאן און האט ארונטערגעלאָזט איהר שלייער, און ווען ער האט איהר געוואלט אבהאלטען, האט זיא איהם געגעבען מיט אלע כחות א פאטש אין געזיכט אריין, או וועהרענד ער איז געבליבען שטעהן בעטויבט, האט זיא א ריס געטהאָן די טהיר און איז ארויסגעלאפען.

אזוי גיך וויא ער איז געבליבען אליין, האט איהם אנגעכאפּט א שרעקליכער כעס געגען דער אַלטער מכשפה וואלטער.

— יא, זיא וועט זיך קענען פרייהען, ווען איך וועל איהר ווידערזעה.

זיין בּאַק האט איהם אנגעהויבען צו פלאַמען און ער האָט גענומען צולעגען צו איהר קאַלטע וואסער. דאַן האָט ער זיך גענומען געהן און האָט געטראַכט אויף'ן וועג, וויא ער וועט זיך אָברעכענען מיט דער אַלטער. איצט האָט ער מעהר קיין פערצייהונג פאר איהר. מעהר ניט.

ער איז ארונטערגעגאנגען ביז צום בולוואר און האָט זיך אָבגעשטעלט פאר א יובעלירער'ס פענסטער. ער האָט דאָרט בעטראַכט א פיינעם גאָלדערנעם זייגער, וואָס ער האט שוין לאנג זיך געוואונשען צו קריגען. דער זייגער האָט געדאַרפט קאָסטען אכטציהן הונדערט פראַנק. פלוצים האָבען זיינע אויגען א לאַך געטהאָן מיט פרייד.

„ווען איך וועל געווינען מיינע זיבעציג טויזענד פראנק, האָט ער געטראַכט צו זיך, וועל איך שוין קענען פערגינען זיך אזא זאַך“.

און ער האָט אנגעהויבען צו מאָלען אין זיינע געדאנקען, וואָס ער וועט טהאָן ווען ער וועט האבען דיא זיעבעציג טויזענד פראנק. פריהער פון אַלץ וועט ער זעהען, אז מען זאָל איהם אויסקלייבען פאר א דעפּוטירטען, דאַן וועט ער קויפען דעם זייגער, דאַן וועט ער שפּיעלען אויף דער בירזשע און דאַן....און דאַן....

ער האָט נאָך ניט געוואָלט געהן אין דער רעדאַקציאָן, און האָט געוואָלט פריהער איבעררייִדען מיט מאַדעליין, איידער ער וועט זיך זעהן מיט וואַלטערן און זעצען זיך צו זיין אַרטיקעל.

ער האָט זיך געלאָזט געהן א היים און אויף דער גאס דרוא האָט ער זיך פלוצים

אבגעשטעלט. ער האט זיך נאר פערגעסען אנצוזפרעגען, וואס עס מאכט דער גראף. ער האט זיך צוריקגעקעהרט טרוימענדיג פון טויזענדער שעהנע און גוטע זאכען, פון דעם רייכטהום וואס האט איהם ערווארטעט, פון דעם לומפ לאראש פון דער אלמער בייזער קאץ פרוי וואלטער. קלאטילדא'ס כעס האט איהם ניט פער־שאפט קיין גרויסע זארגען ער האט געוואוסט אז זיא וועט באלד ווידער זיין גוט.

ווען ער איז אריינגעקומען צום גראף וואדרעק אין הויז, האט ער געפרעגט דעם דיענער.

— וואס מאכט דער גראף? מען האט מיר געזאגט, אז ער איז געווען ניט געזונד דיא לעצטע טעג.

— מיט'ן גראף איז זעהר שלעכט. דיא דאקטוירים גלויבען, אז ער וועט דיא נאכט ניט איבערלעבען. דיא ניכט האט איהם אריינגעטריבען אין הארצען.

דו־ראי איז געווארען אזוי צושראקען, אז ער האט ניט געוואוסט, וואס ער זאל טהאן. וואדרעק האלט ביים שטארבען! טויזענד צומישטע געדאנקען זיינען איהם דורכגעלאפען דורכ'ן קאפ וועלכע ער האט האט ניט געוואגט ארויסצוזאגען פאר זיך אליין.

— דאנקע, האט ער ארויסגעשטאמעלט, איך וועל ווידער קומען......" נאר ער האט אליין ניט געוואוסט, וואס ער זאגט. דאן איז ער אריינגעשפרונגען אין א דראזשקע און האט געהייסען פאהרען צו זיין וואוינונג.

— זיין פרוי איז שוין געווען אין דער היים. ער איז אהן אטהעם אריינגעפאלען אין צימער און האט אויסגערופען צו זיין ווייב.

— האסטו שוין געהערט? וואדרעק האלט ביי'ם שטארבען.

מאדעליין איז געזעסען ביים טיש און האט געלייענט א בריעף. איצט האט זיא אויף איהם א קוק געטהאן און געפרעגט דריי מאל נאכאנאנד:

— וואס זאגסטו?... וואס זאגסטו?... וואס זאגסטו?....

— איך זאג, אז וואדרעק האלט ביים שטארבען. דיא ניכט האט איהם איינגעשפארט אין הארצע;

ער האט א ווייל אבגערוהט און דאן ווידער געזאגט:

— וואס דענקסטו איצט צו טהאן?

זיא איז געווארען בלייך, ווען זיא האט זיך איצט אויפגעהויבען, און איבער איהרע באקען איז דורכגעלאפען א נערוועזעס צו־קען. פלוצים האט זיא זיך א פאטש גע־טהאן מיט דיא הענד אין געזיכט און האט זיך ביטער צוויינט. איהר קערפער האט געציטערט פון וויינען און דאס הארץ האט זיך געטרייסעלט פון קימער.

פלוצים האט זיא זיך בעהערשט, האט אויסגעווישט דיא טרערען פון דיא אויגען און האט געזאגט:

— איך.... איך געה.... זארג ניט וועגען מיר.... איך ווייס ניט, ווען איך וועל צוריקקימען.... ווארט ניט אויף מיר....

— גוט, גוט, האט ער געענטפערט. געה שוין.

זיי האָבען זיך געדריקט דיא הענד, און זיא האָט זיך אזוי געאיילט אוועקצוגעהן, אז זיא האָט פערגעסען מיטצונעהמען דיא האַנדשוה.

זשאַרזש האָט געגעסען אליין און ער האָט ער זיך געזעצט שרייבען זיין ארטיקעל. ער האָט איהם געשריעבען גראדע אזוי ווי דער מיניסטער האָט איהם געזאָגט און האָט געגעבען דיא לעזער צו פערשטעהן, אז דיא עקספּעדיציאָן נאָך מאראָקאָ וועט ניט געשיקט ווערען. דאַן האָט ער אוועקגעפיהרט דעם ארטיקעל אין דער רעדאקציאָן, האָט א ווײַלע געפּלוידערט מיט'ן דירעקטאָר, פּעררויכערט א סיגאר און איז אוועקגעגאנגען. אויפ'ן הארצען איז איהם געווען גרינג און ער האָט אליין ניט געוואוסט פאר וואָס.

זיין פרוי האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט. ער האָט זיך אריינגעלעגט אין בעט און איז איינגעשלאָפען. ארום האלבע נאכט איז געקומען מאדעליין. זשאַרזש האָט זיך אויפגעהויבען און געזעצט זיך אין בעט.

— וואָס? האָט ער געפרעגט. ער האָט אָהר נאָך קיין מאָל ניט געזעהן אזוי בלייך און אזוי עררעגט.

— ער איז געשטאָרבען, האָט זיא געזאָגט שטיל.

— און.... האט ער דיר גאָר ניט געזאָגט?

— גאָר ניט. ווען איך בין געקומען, איז ער שוין ניט געווען ביים בעוואוסטזיין.

זשאַרזש האָט זיך פערטראכט. אלערליי פראַגען האָבען זיך געשטופּט צו זיינע ליפּען, אָבער ער האָט ניט געוואָגט ארויסצורייידען. ענדליך האָט ער געזאָגט:

— געה שלאָפען.

זיא האָט זיך אנידערגעלייגט און ער האָט ווידער געפרעגט:

— זיינען געווען עפּעס קרובים ביי זיין בעט?

— נאָר א פּלימעניק, האָט זיא געענטפערט.

— אה! איז ער אָפט צוזאמענגעקומען מיט דיזען פּלימעניק?

— ניין, זיי האָבען זיך שוין ניט געזעהן צעהן יאָהר.

— האָט ער נאָך אנדערע קרובים?

— ניין.... איך גלויב, אז ניט.

— אלזאָ ... איז דער פּלימעניק זיין יורש?

— איך ווייס ניט......

— איז וואדרעק געווען רייך?

— זעהר רייך.

— ווייסטו אָ' ערך פיעל ער האָט פערמאָגט.

— גענוי ווייס איך ניט, נאָר איך רעכען, אז ער האָט פערמאָגט א מיליאָן אָדער צוויי.

ער האָט מעהר גאָר ניט געפרעגט און האָט אויסגעלאָשען דאָס ליכט. איצט זיינען זיי געלעגען אין דער שטילקייט פון דער נאכט, איינער נעבען אנדערען, זיי זיינען געלעגען שטיל אָבער דאָך זיינען זיי געווען וואך; זייערע געדאנקען האָבען ניט גערוהט. ביי איהם איז יעצט דער שלאָף אין גאנצען פערגאנגען. דיא זיבעציג טויזענד פראנק, וואָס פרוי וואלטער האָט איהם

צוגעזאָגט, האָבען איהם איצט אויסגעוויזען זעהר קלענגליך. פלוצים האָט איהם אויס־געוויזען, אז ער הערט מאַדעליין וויינען. ער האָט געוואָלט זיין זיכער, און ער האָט איהר געפרעגט:

— דו שלאָפסט?

— ניין.

איהר שטימע האָט געציטערט פון איינ־געהאַלטענע טרערען. ער האָט געזאָגט:

איך האָב דיר פערגעסען פריהער צו זאָגען, אז דיין מיניסטער האָט אונז פיין געפיהרט פאַר דער נאָז.

— וויא אַזוי? האָט זיא געפרעגט.

ער האָט איהר איצט אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַלע איינצעלהייטען פון דעם פלאַן, וואָס לאַראַש און וואַלטער האָבען אויסגעארבייט.

— פון וואַנען ווייסטו עס? האָט זיא געפרעגט, ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין ערצעהלונג.

— ערלויב מיר, אז איך זאָל דיר ניט זאָגען, וויא אַזוי איך האָב עס אויסגעפונען. דו האָסט דיינע קוועלען און איך האָב מיינע. איך נעהם אויף זיך דיא פולע פעראַנטוואָרטליכקייט פון דעם, וואָס איך זאָג דיר.

— יאָ, יאָ, דאָס איז זעהר מעגליך. איך האָב שוין געפיהלט, אַזוי וויא זיי ווילען מאַכען אַן אונטערנעהמונג אָהן אונז.

זשאָרזש, וועלכער האָט ניט געקענט איינשלאָפען, האָט איצט דערפיהלט נאָ־הענט נעבען זיין קאָפּ איהרע אויער־לעפּיל. ער האָט איהר שטיל א קוש געטהאָן אין דעם.

— לאָז מיך איצט צורוה, זשאָרזש, האָט זיא איהם איצט אָבגעשטופּט. איך בין היינט ניט אויפגעלייגט פאַר אַזעלכע נאַרישקייטען.

ער האָט איהר מעהר ניט געריהרט, האָט זיך אומגעקעהרט צו דער וואַנד און איז באַלד איינגעשלאָפען.

XIV.

דער קלויסטער איז געווען אין גאַנצען אויסגעשלאָגען מיט שווארצען. דער הערב, וואָס איז געווען אָנגעשלאָגען אויף דער טהיר פון קלויסטער און פערפּוצט מיט שווארצען און איבער וועלכען איז געהאַנגען א קריין, האָט געלאָזט וויסען דיא פערביי־געהער, אַז מען איז מקבר אַן עדעלמאַן.

דיא צערעמאָניעס האָבען זיך שוין גע־ענדיגט און דיא אַנוועזענדע זיינען שטום פערביינגעגאַנגען דיא טרונע און פערביי דעם גראַף'ס פּלימעניק, וואָס איז דאָרטען געשטאַנען און געדריקט אַלעמען דיא האַנד און געדאַנקט פאַר זייער קומען. זשאָרזש דו ראָי און זיין פרוי האָבען זיך געלאָזט נעהן אַהיים, שווייגענדיג. ענדליך האָט זשאָרזש געזאָגט, וויא ריידענדיג צו זיך אַליין:

— מיר איז ווירקליך א חדוש.

— וואָס איז דיר א חדוש?

— וואָס וואַדרעק האָט אונז קיין זאַך ניט אָבגעזאָגט.

זיא איז פּלוצים שטאַרק רויט געוואָ־רען, וויא א ראָזע־שלייער וואָלט זיך פער־שפּרייט איבער איהר האַלז און געזיכט.

— פאַר וואָס האָט ער אונז געדאַרפט עפּעס אָבזאָגען? האָט זיא געפרעגט. ער

האָט, דוכט זיך קיין אורזאכע נים געהאַט דערצו.

נאָך אַ קורצען שווייגען האָט זיא ווייטער געזאָגט:

— נאָר אפשר האָט ער יא אָבגעזאָגט מיר קענען נאָך נאָר נים וויסען. דיא צוואה ליגט ווארשיינדליך ביים נאָטאַר.

— דאָס איז דאָס ווארשיינליכסטע, האָט ער געזאָגט נאָכדענקענד. ער איז דאָך געווען זעהר אינטים מיט אונז, האָט גענעסען צווי מאָל אַ וואָך ביי אונז און איז געווען אַן אָנגענעהמער גאַסט צו יעדער צייט. ער איז געווען ביי אונז, וויא ביי זיך אין דער היים, גאַנץ וויא ביי זיך אין דער היים. דיך האָט ער געליעבט וויא אַ פאָטער, און ער האָט נים געהאַט קיין פאַמיליע, קיין ווייב און קיין קינד, קיינע ברידער און קיינע שוועסטער, נאָר אַ פלימעניק אַ זעהר ווייטען פלימעניק. יאָ, ער האָט געוויס איבערגעלאָזט אַ צוואה. איך וואָלט געווען צופרידען מיט אַ קלייניגקייט, נאָר מיר זאָלען האָבען פון איהם עפּעס אַ'ן אָנדענקונג, מיר זאָלען נאָר וויסען, אַז ער האָט פון אונז געטראַכט. ער האָט אונז געליעבט און האָט געוואוסט וויא צו שעצען אונזער צונייגונג צו איהם, און ער איז אונז שולדיג אַ בעווייז פון זיין פריינדשאַפט.

— עס איז זעהר מעגליך, אַז אַ צוואה איז געבליבען, האָט זי געענטפערט נאָכדענקענד און גלייכגילטיג.

ווען זיי זיינען געקומען אַהיים, האָט דער דיענער איבערגעגעבען מאַדליין אַ בריעף. זיא האָט איהם געעפענט און איבערגעגעבען איהם ושאַרושן. אין בריעף איז געשטאַנען פאָלגענדעס:

לאַמאַנער

נאָטאַר.

גנעדיגע פרוי!

איך נעהם מיר דיא עהרע אייך איינצולאַדען צו מיר אין מיין קאַנטאָר צוליעב אַ וויכטיגע אַנגעלעגענהייט. איך ערוואַרט אייך דיענסטאַג, מיטוואָך אָדער דאָנערסטאַג, צווישען צוויי און פיער אַ זייגער.

האָכאַכטונגספאָל,

לאַמאַנער.

איצט איז שוין ושאַרוש רויט געוואָרען.

— אָט דאָס מוז עס זיין, האָט ער געזאָגט, נאָר קאָמיש איז, וואָס ער רופט דיך צו זיך און נים מיך אַלס דעם קאָפּ פון דער פאַמיליע. זיא האָט פון אָנפאַנג נאָר נים געענטפערט, דאַן האָט זיא געזאָגט נאָך אַ קורצען נאָכדענקען.

— זאָלען מיר שוין געהן?

— געוויס, איך בין פערטיג.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין לאַמאַנער'ס קאַנטאָר, איז זיי אַנטקעגען געגאַנגען דער פאָרשטעהער פון קאַנטאָר און האָט זיי גלייך אַריינגעפיהרט צום נאָטאַר אין פּריוואַט־קאַבינעט. דער נאָטאַר איז געווען אַ קליינער, פאַלקאָמען קיילעכדיגער מאַן. זיין קאָפּ האָט אויסגעזעהען וויא אַ קוגעל, וועלכען מען האָט אַרויפגעזעצט אויף אַ צווייטען גרעסערן קוגעל, און דיא קליינע פיס, אויף וועלכע דיא צוויי קוגעלס האָבען גערוהט, זיינען אויך געווען אַזוי קורץ און קיילעכדיג, אַז זיי האָבען אויך אויסגעזעהן וויא קוגעלס. ער האָט זיי בע־

גריסט, געבעטען זיי זעצען זיך און האט זיך גלייך געווענדעט צו מאדעליין:

— גנעדיגע פרוי, איך האב אייך פערבעטען צו זיך, אום בעקאנט צו מאכען אייך מיט'ן אינהאלט פון גראף וואדרעק'ס צוואה.

זשארזש האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט געמוזט ארויסריידען צו זיך אליין:

— איך האב עס מאקע געוואוסט.

דער נאטאר האט ווייטער געזאגט:

— איך וועל אייך פארלעזען דעם דאקומענט, עס איז גאנץ קורץ.

ער האט בעקומען א פאפיר פון א קארטאן, וואס איז געשטאנען נעבען איהם און האט גענומען לייענען:

„איך דער אונטערצייכנעטער פאל עמיל סיפראן גאנטרא, גראף פאן וואדרעק בעשטים ביי פאלקאמענער קערפערליכער און גייסטיגער געזונדהייט אלס מיין לעצטען ווילען פאלגענדעס: אזוי וויא דער טויט קען יעדע מינוט קומען, וויל איך אויס פארזיכטיגקייט מאכען מיין צוואה, וועלכע איך וועל דעפאנירען ביי הערן לאמאנער. אזוי וויא איך האב ניט קיין דירעקטע לייבליכע יורשים זאג איך אב מיין גאנצעס פערמעגען, וואס בעשטעהט, פון באנקאקציען אין און ערך פון זעקס הונדערט טויזענד פראנק און גרונד אייגענטהום אי דעם ערך פון פינף מאל הונדערט טויזענד פראנק צו פרוי קלארא מאדעליין דו ראי אלס איהר פאלשטענדיגע פרייע אייגענטהום. איך בעט איהר אנצונעהמען דיזעס געשענק אלס דעם אויסדרוק פון ערגעבענער, טיעפער און עהרפורכטספאלער צונייגונג".

— דאס איז אלץ, האט געזאגט דער נאטאר. דאס דאקומענט איז דאטירט פון אויגוסט פון לעצטען יאהר. מיט צוויי יאהר צוריק איז און עהנליכעס דאקאמענט געווען אויסגעשטעלט אויפ'ן נאמען פרוי קלארא מאדעלין פארעסטיע. דיא ערסטע צוואה האט זיך אויך געפונען ביי מיר, און אין פאל אז דעם גראפ'ס פאמיליע זאל וועלען אנפיהרען א קאמפף קען מען מיט דעם בעווייזען, אז גראף פאן וואדרעק האט זיי ווילען ניט געענדערט.

מאדעליין האט געקוקט פאר זיך בלייך און זשארזש האט געדרייט זיינע וואנסען מיט א נערוועזע ערעגונג.

— זעלבסט פערשטענדליך, הערר דוראי, אייער פרוי דארף האבען אייער צושטימונג.

דוראי האט זיך אויפגעהויבען און געזאגט:

— איך מוז זיך בעדענקען.

דער נאטאר האט זיך פערנייגט שמייכלענדיג און האט געזאגט ליבענסווירדיג.

— איך בעגרייף אייער בעדענקען און וויל אייך נאר בעמערקען, אז דעם גראף'ס פלימעניק איז דא געווען היינט אין דער פריה, און אויסגעפינענדיג דעם אנקעל'ס לעצטען ווילען, האט ער ערקלערט, אז ער וועט אנערקענען דיא צוואה, אויב מען וועט איהם געבען הונדערט טויזענד פראנק. נאך מיין מיינונג קען מען דיא צוואה ניט בעקעמפפען נאר א פראצעס וועט מאכען

אין אויפרוהר, וועלבען איהר וועט געוויס וועלען אויסמיידען. דיא וועלט אורטהיילט אפט פון דער שלעכטער זייט. יעדענפאלס, בעט איך אייך צו געבען מיר אייער בע־שטימטען ענטשלוס נאך פאר שבת.

— געוויס, הערר לאמאנער, האט גע־ענטפערט זשארזש.

דא האט ער זיך פערניינט, האט גע־לאזט זיין פרוי געהען פאראויס און איז ארויס אזוי קיהל, אז דער נאטאר האט מעהר ניט געשמייכעלט.

ווען זיי זיינען אנגעקומען א היים, האט די ראי גלייך פערשלאסען דיא טהיר הינטער זיך, האט א ווארף געטהאן זיין הוט אויפ'ן בעט און געזאגט:

— דו ביזט געוועזען ווארדעק'ס גע־ליעבטע ? !

מאדעליין האט ערשט ארונטערגענו־מען איהר שלייער און האט זיך א קעהר געטהאן צו איהם.

— איך ? א !

— יא, דו ! מען לאזט ניט איבער א פרוי א גאנץ פערמעגען, ווען זיא איז ניט....

זיא האט געציטערט מיט'ן גאנצען קער־פער און האט ניט געקענט ארויסנעהמען דיא שפילקעס פון איהרע האר. נאך א קורצען נאכדענקען האט זיא ארויסגעשטא־מעלט מיט א'ן עררעגטען קול:

— זעהר.... דו ביזט וואהנזיניג.... דו ביזט...... דו ביזט.... האסטו דען אליין.... ניט לאנג... געהאפט... אז ער וועט אונז עפעס אבזאגאן?......

זשארזש איז געשטאנען אנטקעגען איהר און האט איהר בעאבאכטעט וויא א'ן אונטערזוכונגס־ריכטער זוכט צו ענטדעקען יעדע שוואכקייט פון דעם אנגעקלאגטען, ווען ער האט געזאגט:

— געוויס, מיר האט ער עטוואס גע־קענט אבזאגען.... מיר.... מיר, דיין מאן, מיר א ס זיין פריינד.... בעטראכט וואס איך זאג... אבער ניט דיר...... דיר אלס זיין פריינדין.... דיר, מיין פרוי.... דער אונטערשיעד איז א גרויסער און דאס דער־צעהלט דער וועלט אלץ.

מאדעליין האט איהם פעסט אריינגע־קוקט אין דיא אויגען, אזוי זאנדערבאר און פארשענד, אזוי וויא זיא וואלט וועלען אריינקוקען טיעף, טיעף אינערוועניג אין איהם און האט געזאגט לאנגזאם:

— מיר שיינט דאך. אז ווען... דער וועלט וועט זא וויא זא זיין אויפפאלענד, ווען ער וואלט דיר איבערגעלאזט אזא גרוסע ירושה.....

— פאר וואס ? האט ער געפרעגט העפטג.

— ווייל... האט זיא אנגעהויבען, אבער האט זיך איבערגעהאקט און נאך א קורצען קווינקלען פארטגעזעצט: ווייל דו ביזט נאך אלעמען מיט איהם בעקאנט געווען גאר א קורצע צייט, וועהרענד איך בין מיט איהם בעפריינדעט שוין פון א לאנ־גער ציט, און אויך ווייל אין זיין ערשטע צוואה, וואס איז געוועזן געשריבען נאך פאר פארעסטיע'ס לעבען, האט ער זיין פערמעגען אבגעזאגט מיר.

זשארזש האט ארומגעשפאנט מיט גרויסע טריט אויף און אב. איצט האט ער געזאגט:

—דו דארפסט דיא ירושה ניט אָנ־

— ווען דו ווילסט, האָט זיא געענט־פערט גלייכגילטיג, דאַן ברויכען מיר ניט צו ווארטען ביז שבת, מיר קענען גלייך געבען צו וויסען דעם נאָטאַר.

ער איז געבליבען שטעהן נעבען איהר און זיי האָבען זיך שטום אָנגעקוקט איי־נער דעם צווייטען אין דיא אויגען אריין און יעדער האָט געזוכט אויסצוגעפינען דאָס טיעפע געהיימנים פון צווייטענס הארצען דאָס אז געווען א שטילער קאמפף צווישען צוויי מענשען, וואָס האָבען גע־לעבט זייט ביי זייט און דאָך ניט געקענט איינער דעם צווייטען און וועלכע האָבען פערדעכטיגט איינער דעם צווייטען און נאָכגעשפיאָנירט און דאָך ניט געקענט דורכבליקען דעם פלעווענדיגען גרונד פון זייער הארץ.

פלוצים האָט ער געזאָגט מיט א גע־דאמפטער שטימע גלייך איהר אין געזיכט אריין :

— זיי זיך מודה.... דו ביזט געווען וואדרעק'ס געליעבטע.

— דו ביזט נארעש ... וואדרעק האָט מיר שטענדיג ארויסגעוויזען א גרויסע צו־ניינונג.... ווייטער גאָר ניט.... קיין מאָל ניט....

— דו זאָגסט א ליגען ! האט ער אויס־געשריען און האָט א טופע געטהאָן מיט'ן פוס.

— און דאָך איז דאָס אזוי.

ער האָט געמאַכט א פאָאר שריט אי־בערן צימער און דאַן איז ער ווידער געבלי־בען שטעהן.

— אויב אזוי, וואָלסטו מיר אפש־ערקלערט, פאר וואָס האָט ער דיר איבער־געלאָזען זיין גאנצעס פערגמעגען?

— דאָס איז אזוי איינפאך, האָט זיא געענטפערט אזוי גלייכגילטיג אזוי וויא זיא וואָלט דערצעהלט דיא געשיכטע פון אַן אנדערע פרוי; עס איז אזוי איינפאַך. וויא דו האָסט ערסט אליין געזאָגט האָט ער קיין פריינד ניט געהאט אויסער אונז, אָדער ריכטיגער אויסער מיך, ווייל מיך האָט ער געקענט פון קינדוויוז אָן. מיין מוטער איז געווען א קאָמפאניאָנקע ביי זיינע עלטערן. ער פלעגט שטענדיג צו אונז קומען, און אזוי וויא ער האָט ניט געהאט קיין לייב־ליבע יורשים, האָט ער נאטירליך געטראכט וועגען מיר. עס איז מעגליך, אז ער האָט מיך געליעבט, אָבער וואָס פאר א פרוי ווערט ניט געליעבט אזוי? דיעזע שטילע, געהיימע צערטליכקייט האָט איהם דיקטירט מיין נאָמען, ווען ער האָט געהאלטען אין שרייבען דיא צוואה. פאר וואָס ניט? עס פלעגט מיר ברענגען יעדען מאָנטאג בלומען און דאָס פלעגט דיך ניט וואונדערן, ניט אמת? היינט שענקט ער זיי פערמעגען אויס דעם זעלבען גרונד, ווייל ער האָט ניט וועמען עס צו שענקען. עס וואָלט געווען א וואונדער, ווען ער זאָל עס אבזאָגען דיר, ווייל וואָס קעהרסטו זיך אָן מיט איהם?

זיא האָט גערעדט, נאטירליך און רוהיג, און זשאָרזש האָט קווינקלענדיג געזאָגט :

— דאָס איז אלץ איינס. אזוי וויא דיא זאך שטעהט איצט קענען מיר דיא ירושה ניט אָננעהמען. דיא גאנצע וועלט

וועט האָבען וואָס צו ריידען און מען וועט פון מיר לאַכען און שפּעטען. מיינע קאָלעגען קוקען שוין אַזוי אויף מיט קנאה און זוכען שוין אַזוי אויך אויסצוטראַכטען אַלל דאָס בייז. איך מוז מעהר וויא יעדער אַנדערער רייך האַלטען מיין נאָמען און מיין עהרע און דעריבער דאַרף איך ניט דערלאָזען, אַז מיין פרוי זאָל אָננעהמען אַ ירושה פון אַ מאַן, וועגען וועלכען מען האָט שוין אַזוי אויך געזאָגט, אַז ער איז דיין געליעבטער. פאָרעסטיע וואָלט פיליכט געוועזען געצוואונגען דערצו, אָבער איך קיין מאָל ניט.

— גוט, מיין פריינד, האָט זיא געזאָגט וויך; מיר נעהמען ניט אָן דיא ירושה. מיר וועלען אויף אַזאַ אופן פערמאָגען מיט אַ מיליאָן ווייניגער און מעהר גאָר ניט.

ער איז געגאַנגען אויף און אָב און האָט גערעדט מיט זיך אַליין אין דער הויך אום זיין פרוי זאָל קענען איהם הערען און ער זאָל דאָך ניט דאַרפען ריידען דירעקט צו איהר.

— געוויס.... אַ מיליאָן.... דאַריבער טאַקע איז נאָך ערגער.... ווען ער האָט געמאַכט זיין צוואה, האָט ער גאָר ניט בעגריפען, וויא טאַקטלאָז ער האַנדעלט.... ער האָט גאָר ניט געטראַכט, אין וואָס פאַר אַ לעכערליכע לאַגע ער שטעלט מיך.... יעדע זאַך אין לעבען הענגט אָב פון טאַקט..... ווען ער וואָלט מיר אָבגעשריעבען אַ העלפט, וואָלט יעדע זאַך געוועזען שעהן און פיין...

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, פערלעגענדיג איין פוס אויפ'ן צווייטען און דרייענדיג דיא וואָנסען, וויא ער פלעגט שטענדיג טהאָן, ווען ער האָט זיך געלאַנגווייליט אָדער ווען ער האָט געהאַט זאָרגען. מאַדעליין האָט גענומען אַ שטיקעריי און האָט זיך געזעצט אויסנייען, זאָגענדיג:

— איך האָב מעהר גאָר ניט צו זאָגען. איבערלעג זיך דיא זאַך אַליין, איך האָב מעהר קיין זאַך ניט צו זאָגען.

ער איז אַ לאַנגע צייט געזעססען שטיל, דאַן האָט ער געענטפערט ניט זיכער:

— דיא וועלט וועט קיין מאָל ניט קענען בעגרייפען, פאַר וואָס וואָדרעק האָט דיך געמאַכט פאַר זיין איינציגע יורש'טע. ווען מיר נעהמען דאָס געלד אין דער פאָרמע, וועט עס הייסען, אַז דו אַנערקענסט, אַז דו האָסט מיט איהם געהאַט אַ פערבאָטענע פערהעלטניס און אַז איך האָב דערפון געוואוסט און געדולדעט עס וויא אַ לומפּ.... פערשטעהסט שוין, וויא מ'ען וועט אויסלעגען אונזער אָננעהמען דיא ירושה? מען מוז געפינען אַן אויסוועג, אַ מיטעל, וויא צו פערשלייערן דיא וואָהרהייט. מען וואָלט קענען מאַכען צום ביישפּיעל אַזוי, אַז ער האָט איין העלפט אָבגעזאָגט דיר און דיא צווייטע מיר.

— איך ווייס ניט, וויא אַזוי מען קען דאָס מאַכען, האָט זיא געזאָגט. אין דער צוואה איז קלאָר וועמען ער האָט אָבגעזאָגט.

— אה, דאָס איז גאַנץ איינפאַך, האָט ער געענטפערט. דו וועסט מיר איבערגעבען אַ העלפט פון דעם פערמעגען אלס אַ מתנה אויף מיין נאָמען און נאָך ביים לעבען. דאָס קען מען מאַכען זעהר גרינג,

ווייל קיין קינדער האָבען מיר ניט, און אויף אזא אופן וועט קיינער קיין זאַך ניט קענען זאָגען.

— איך וויים ניט, האָט זיא געזאָגט אונגעדולדיג. איך פערשטעה ניט, וויא אזוי מען וועט דערמיט פערשטאָפּען דער וועלט דאָס מויל? דערמיט וואָס איך וועל דיר אוועקשיינקען א העלפט, וועט נאָך ניט בעוויזען ווערן אז וואדרעק האָט זיין צוואה נים געשריבען.

— דארפען מיר דען ווייזען יעדען דיא צוואה און שטופען איהר יעדען אונטער דער נאָז? האָט ער אויסגעשריען. דו ביזט ווירקליך א גרויסער נאַר. מיר וועלען איינפאַך זאָגען, אז גראף וואדרעק האָט אונז ביידען אָבגעזאָגט זיין פערמעגען... דו וויסט גאָנץ גוט, אז דו טאָרסט ניט אָנ־נעהמען דיא ירושה אָהן מיין צושטימונג. נו, און איך וויל דיר דיא צושטימונג נים געבען, כל זמן דו וועסט זיך מיט מיר ניט צוטהיילען מיט'ן פערמעגען, ווייל נאָר אויף אזא אופן קען איך זיך בעפרייען פון בייזע צינגער.

זיא האָט אויף איהם א וואָרף געטהאָן א שטרענגען בליק.

— וויא דו ווילסט, האָט זיא געזאָגט, איך בין פארטיג.

ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבען און האָט זיך געלאָזען געהען הין און צוריק איבער'ן צימער. ער האָט אויף דאָס ניי פערלאָרען זיין זיכערהייט אונטער דיא שטעכיגע בליקען פון זיין ווייב און ער האָט געזוכט אויסצומיידען זיי.

— ניין... האָט ער געזאָגט ... ניין... עס איז דאָך בעסער, אז מען זאָל זיך פון דער ירושה אָבזאָגען ..... אזוי וועט זיין שעהנער.... גלייכער.... עהרליכער...... און אונטער אזעלכע אומשטענדען וועט מען אונז קיין זאַך ניט קענען אויסוואַר־פען.... אפיכו דיא אָרדענטליכסטע מענ־שען וועלען מוזען אראָפּנעהמען דאָס היטעל פאַר אונז......

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגען איהר און האָט געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, ליעבסטע פריינדין, וועל איך נאָך א מאָל אריבערגעהען צו לאמאנער, דערצעהלען איהם וויא דיא זאַך שטעהט און זאָגען איהם, אז מיר האָבען זיך בעשלאָסען צו טהיילען, אום ניט צו געבען שלעכטע צינגער קיין שטאָף פאַר רכילות. פון דעם אויגענבליק וואָס איך נעהם איבער א העלפט פון דער ירושה, וועט קיינער ניט וואגען אפילו צו שמייכלען איך וועל ערקלערן אין דער הויך פאַר דער גאנצער וועלט. מיין פרוי נעהמט אָן דיא ירושה, ווייל איך נעהם איהר אָן. איך איהר מאַן, וועלכער איז איהר רעכ־טער אָן וויים, וואָס זיא מעג טהאָן און וואָס זיא טאָר ניט טהאָן, אז ניט וואָלט באלד געוועזן א סקאנדאל.

— וויא דו ווילסט, האָט מאדעלען גע־זאָגט איינפאַך.

— ווען מיר מאַכען אָב צו טהיילען זיך אין דער העלפט, האָט ער ווייטער געזאָגט, ווערט דיא זאַך קלאָר וויא דער טאָג. מיר ירש'ענען א פריינד, וואָס וויל ניט מאַכען צווישען אונז קיין קריעג און וויל ניט שטע־לען איינעם העכער פון דעם צווייטען. אזוי

לאנג וויא ער האט געלעבט, האט ער אפשר דיא פרוי געליעבט מעהר, נאר מיט דעם וואס ער לאזט איבער זיין פארמעגען פאר ביידען גלייך, דערווייזט ער, אז זיין ליעבע איז געוועזן א פלאטאנישע, און דו קענסט זיין זיכער, אז ווען ער וואלט עס גוט בעטראכט, וואלט ער אזוי געהאנדעלט. ער האט נאר ניט בעטראכט דיא פאלגען, וואס קענע ארויסקומען פון אזא מין צוואה. דוא האסט פריהער געזאגט גאנץ ריכטיג: ער האט דיר דיא גאנצע צייט געבראכט בלומען, און האט דיר געלאזט א לעצטע אנדענקונג, ניט איבערלעגענדיג...

— מען האט דאך שוין איין מאל אבגערעדט, האט זיא איהם איבערגעריסען צוהיצט און אונגעדולדיג. איך בעגרייף פאלקאמען, און דו קענסט פערשפארען דיינע לאנגע ערקלערונגען. נעה, וויא דוא האסט געוואלט, צום נאטאר.

— דו ביזט גערעכט, האט ער געזאגט, ווערענדיג רויט. איך געה.

ער האט גענומען זיין הוט, נאר ביי דער טהיר האט ער זיך אויף דאס ניי אבגעשטעלט.

— דעם פלימעניק זאל איך זעהן אבפטר'ן מיט פופציג טויזענד פראנק?

— ניין, האט זיא געענטפערט, ארױבקוקענדיג אויף איהם פון אויבען ארונטער. גיב איהם דיא הונדערט טויזענד פראנק, וויא ער פערלאנגט און אז דו וועסט וועלען, וועסטו זיי אראבברעכענען פון מיין טהייל.

— ניין, ניין, יעדער וועט טראגען זיין העלפט, האט ער געזאגט, פערשעמטענדיג זיך. ווען אפילו יעדער פון אונז וועט אבגעבען דיא פופציג טויזענד פראנק, וועט נאך פאר אונז אלץ בלייבען א קיילעכדיגער מיליאן.

— איך וועל באלד צוריקקומען, מיין קליינע מאדעליין, האט ער געזאגט און איז ארויסגעגאנגען.

דעם נאטאר האט ער ערקלערט, אז ער ערלויבט זיין וייב אננעהמען דיא ירושה און נעהמט א העלפט אויף זיין נאמען נאר איהר צוליעב, ווייל זיא וויל אנדערש ניט. אויף'ן צווייטען טאג האבען זייביידע אונטערגעשריבען דאס פאפיר, לויט וועלכען מאדעליין דו ראי האט געשענקט איהר מאן נאך ביים לעבען פינף הונדערט טויזענד פראנק.

דאס וועטער איז געוועזן זעהר א שעהנעס ווען זיי זיינען צוריקגעגאנגען פון דעם נאטאר. זשארזש האט פארגעשלאגען, אז זיי זאלען געהן צופוס צום בולוואר. ער איז געוועזן זעהר צערטליך און אויפמערקזאם צו זיין פרוי און האט אויסגעזעהן זעהר פרעהליך. זיא אין געגענטהייל איז אלץ געוועזן פערטראכט און האט געהאט זעהר אן ערנסטע געזיכט. עס איז געוועזן א קיהלער הערבסט טאג. דו ראי האט דורכגעפיהרט זיין פרוי פערביי דעם יובעליר-מאגאזין, וואו ער פלעגט אפט בעוואונדערען דעם נאכדענעם זייגער.

— זאל איך דיר קויפען עפעס א צירונג? האט ער געפרעגט.

— אויב דאס פערשאפט דיר א פערגעניגען, האט זיא געענטפערט גלייכגילטיג.

— וואָס ווילסטו? א האַלזבאַנד, אַן אָרם־באַנד אָדער אַ פּאָר אויערינגלעך?

— זיי זיינען אריינגעגאַנגען אין מאַגאַזין. איהר געשמאַכטע קאָקעטקייט האָט ניט אויסגעהאַלטען ביים אָנבליק פון דיא טהייערע צירונגען פון גאָלד און עדעל־שטיינער, און מיט ברענענדע אויגען איז זיא דורכגעלאָפען איבער אַלע טהייערע חפצים אין דיא גלעזערנע קאַסטענס. פּלוצים האָט זיא געזאָגט מיט חשק:

— דאָס אָרם־באַנד איז רייצענד.

עס איז געווען אַ זעלטזאַם צונויפגעשטעלטע קייטעל, יעדע גליעד איז געווען פערציערט מיט אַן אַנדער שטיין.

— וואָס קאָסט דער בראָסלעט? האָט געפרעגט זשאָרזש.

— דריי טויזענד פראַנק, האָט נעענטפערט דער יובעלירער.

— פאַר צוויי טויזענד פינף הונדערט נעהם איך איהם גלייך צו.

— מיר טהוט לייד, נאָר דאָס איז אונמעגליך, האָט געענטפערט דער אבעלירער נאָך אַ קורצען נאַכדענקען.

— וואַרט, האָט געזאָגט דו־ראָי לעגט מיר נאָך צו דעם זייגער פאַר טויזענד פינף הונדערט פראַנק און איך צאָהל אייך אָב מיט באַרעס געלד. אַז ניט ווילען מיר עס קריגען אין צווייטען מאַגאַזין.

דער יובעליר איז גאַנץ איבעראַשט געוואָרען און האָט ענדליך געזאָגט:

— גוט.

דער זשורנאַליסט האָט איהם געגעבען זיין אַדרעס און געזאָגט:

— אויף'ן זייגער זאָלט איהר לאָזען אויסקריצען מיינע איניציאַלען ז. ר. ק. און פון אויבען אַ באַראָן'ס קרוין.

מאַדעליין האָט איבעראַשט אַ שמייכעל געטהאָן און ביי'ם אַרויסגעהן האָט זיא זיך מיט אַ געוויסער צערטליכקייט אָנגעהאַנגען אָן זיין אָרם. איצט ווען ער האָט אַ פערמעגען, מוז ער אויך האָבען אַ טיטעל. דאָס איז גאַנץ נאַטירליך.

— איהר קענט זיך אויף מיר פערלאָזען, העדר באַראָן, האָט דער יובעלירער געזאָגט פערנייגענדיג זיך. דאָנערסטאַג וועט אַלץ זיין פאַרטיג.

— אויב דו ווילסט, ווילען מיר נאָך היינט אריינגעהן אין טהעאַטער, האָט געזאָגט דו־ראָי פערבייגעהענדיג אַ טהעאַטער. איך וועל גלייך בעזאָרגען אַ לאָזשע.

— ווילסטו היינט עסען אין אַ רעסטאָראַן? האָט ער געפרעגט אַז י גיך, ווייא ער האָט בעזאָרגט דיא לאָזשע.

— געוויס, זעהר גערן

ער איז געווען גליקליך ווייא אַ פירסט און ער האָט נאָר געבראָכען דעם קאָפּ, וואָס נאָך זאָל ער טהאָן.

— זאָלען מיר אפשר אריין צו דיא מאַרעלס און מיטנעהמען איהר ביי נאַכט אין טהעאַטער? איהר מאַן איז נאָך אין פּאַריז און איך וואָלט איהם זעהר גערן געוואָלט זעהן.

מאַדעליין האָט גאָר ניט געהאַט געגען דעם. זשאָרזש האָט אביסעל מורא געהאַט פאַר דער בעגעגעניס מיט קלאָטילדא, און איהם איז געווען זעהר אַנגענעהם צו האָבען דערביי זיין פרוי, ווייל דאַמאָלס האָט ניט געקענט פאָרקומען קיינע פראַגען.

קלאטיקדא אָבער האט געשיינט צו פערגעסען אַלץ. עס איז איהר אפילו געלונגען איינצורייִדען איהר מאַן, ער זאָל אָננעהמען דו ראַ'ס איינלאַדונג צו עסען צוזאַמען אין א רעסטאָראַן! דער דינער איז אריבער זעהר פרייליך, דער אָבענד נאָך בעסער. זשאָרזש און מאַדעליין האָבען זיך צוריקגעקעהרט א היים זעהר שפּעט. ווען ער האט אויף דיא טרעפּ אָנגעצונדען א וועקסענע שוועבעלע, זיינען זיי גראַדע געשטאַנען פאר איינע פון דיא שפּיעגלען אין קאָרידאָר און זייערע ביידענס געשטאַלטען האָבען העלל צו זיי ארויסגעקוקט. דו ראָי האט אווינק געטהאָן צו זייערע בילדער אין שפּיעגעל מיט א שמייכעל און האָט געזאָגט טריאומפּירענד:

— אָט געהעןביידע מיליאָנערען!

שוין א פּאָר הדשים וויא מאַראָקאָ איז איינגענומען געוואָרען. פראַנקרייך האָט בעזעצט טאַנגער און האָט איצט געהאט דעם גאַנצען אפריקאַנישען ברעג פון דעם מיטעל-לאַנדישען מעער ביז טריפּאָלי, און האָט אויך גאַראַנטירט דיא שולדען פון דעם ניי-עראָבערטען לאַנד. מען האָט גערעדט, אז צוויי מיניסטאָרען האָבען דאַביי געמאַכט ביז צוואַנציג מיליאָן און מען האָט דאַביי גאַנץ הויך ארויסגערעדט דעם נאָמען לאַראָש מאַטהיי. אז וואַלטער האָט דאַביי געמאַכט צוויי מאָל אזוי פיעל, דאָס הייסט ביי דיא באָנדס האט ער געכאַפּט פון דרייסיג ביז פיערציג מיליאָן און ביי דיא קופּער-מינען אוןביים איינקויפען לאַנד — נאָך א מיליאָן אכט אָדער צעהן, האָט געוואוסט יעדעס קינד אין פּאַריז. אין עטליכע טעג איז ער געוואָרען איינער פון דיא הערשער פון דער וועלט, איינער פון יענע אַלמעכטיגע פינאַנסיסטען, וועלכע זיינען שטאַרקער פון יעדען קעניג און פאר וועלכע יעדער בויגט זיך און ווייזט ארויס דאָס נידעריגסטע און געמיינסטע אין דער מענשליכער נאַטור און אין מענשליכען הארצען.

ער איז שוין, מעהר נים געוועזען וואַלטער דער איד, וואַלטער דער שעף פון א צווייפעלהאַפטען באַנק-געשעפט, דער דירעקטאָר פון א פּערוּפענער צייטונג, דער דעפּוטירטער אויף וועלכען עס איז שטענדיג געוועזען א פערדאַכט, אז ער האָט אין זינען עפּעס שמוציגעס. איצט איז ער געוועזען הערר וואַלטער, דער רייכער איזראַעליט.

און ער האָט טאַקי געוואָלט ווייזען וואָס ער איז. ער האָט געוואוסט, אז דער פירסט פון קאַרלסבורג געפינט זיך אין א גרויסע פערלעגענהייט. דער פירסט איז געוועזען דער בעזיצער פון איינעם פון דיא שעהנסטע האָטעלען און דער רו סענט אָנאָרע, מיט א גאָרטען וואָס האָט זיך געצויגען ביז צו דיא עליסעער פעלדער, און הערר וואַלטער האָט איהם אָנגעבאָטען אבצוקויפען ביי איהם דעם האָטעל גלייך אויף דער שטעל וויא ער שטעהט און געהט, אז אפילו קיין פּאָטעל זאָל ניט גערירט ווערען פון פּלאַץ. ער האָט איהם דערפאר געגעבען דריי מיליאָן פראַנק און דער פירסט איז גלייך איינגעגאַנגען אויף דעם און אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך וואַלטער שוין אריינגעצויגען אין זיין נייעם

האַטעל. דאַן איז איהם אַריינגעקומען אַ נייע אידעע אין קאָפּ אַריין, אַן אידעע וואָס האט געפּאַסט פאַר אַ באָנאַפּאַרט, פּאַר אַ זיעגער וועלכער וויל סיט איין קלאַפּ אַנידערלעגען גאַנץ פּאַריז צו זיינע פיס. גאַנץ פּאַריז האָט דאַמאָלסט געשטראָמט צום קונסט־העגדלער זשאַק לענאַבל, ביי וועלכען עס איז געוועזן אויס־געשטעלט דאָס גרויסע בילד פון דעם אונ־גאַרישען מאַלער קאַרל מאַרקאָוויטש: „יע־זוס וואַנדעלט איבער׳ן ים“. דיא קונסט־קריטיקער זיינען געוועזן בעגייסטערט און האָבען ערקלערט אַז דאָס בילד איז דאָס שעהנסטע קונסט־ווערק פון אונזער יאָהר־הונדערט. וואַלטער האָט בעצאָהלט פאַר׳ן בילד אַ האַלבען מיליאָן פראַנק און האָט עס געהייסען ברייגגען צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין. און אויף אַזאַ אופן האָט ער גע־צוואונגען גאַנץ פּאַריז צו בעשעפטיגען זיך מיט איהם, צו ריידען פון איהם, מקנא צו זיין איהם, אויסצואוואַרפען איהם און צו לויבען. דאַן האָט ער געלאָזט בעקאַנט מאַבען דורך דיא צייטונגען, אַז ער וועט איינ־לאַדען צו זיך אויף אַן אבענד אַלע בעקאַנ־טע מיטגליעדער פון דער פּאַריזער געזעל־שאַפט, אום זיי זאָלען קענען בעוואונדערן דאָס גרויסע מייסטער־ווערק פון דעם אונ־גאַרישען קינסטלער, און מען זאָל נים קע־נען זאָגען, אַז ער האָט בעהאַלטען אונטער׳ן שלאָס און רינגעל אַ גרויסע קונסט־ווערק. יעדער קען קומען. אַלץ וואָס מען דאַרף איז ווייזען ביי דער טהיר דיא געדרוקטע קאַרטע פון פאָלגענדען אינהאַלט: „הערר און פרוי וואַלטער לאָזען אייך בעטען זיי צו בעעהרען מיט אַ בעזוך דעם דרייסיג־סטען דעצעמבער צווישען ניין און צעהן אַ זייגער אבענדס צו זעהען ביי אַן עלעקטרי־שער בעלייכטונג דאָס קונסט בילד פון קאַרל מאַרקאָוויטש: „יעזוס וואַנדערט איבער׳ן ים“. אונטען איז געשטאַנען מיט זעהר קליינע בוכשטאַבען: „נאָך צוועלף אַ זייגער וועט מען טאַנצען“.

דיא וואָס וועלען בלייבען וועלען בלייבען און פון זיי וועלען דיא וואַלטערס אויסקלייבען זייער קרייז פאַר דער צו־קונפט. דיא אַנדערע וועלען בעקוקען דאָס בילד און דעם בעזיצער מיט זייער געוואוינ־ליבער פרעכהייט און וועלען אַזוי אַוועק, וויא זיי זיינען געקומען. אָבער וואַלטער האָט נוט געוואוסט, אַז זיי וועלען שפּע־טער צוריקקומען און וועלען איהם בעזוכען אַזוי וויא זיי בעזוכען זיינע איבריגע ברי־דער אידען, וועלבע זיינען אַזוי רייך גע־וואָרען וויא ער איצט.

ער האָט זיי נאָר געמוזט ברענגען אַזוי ווייט, אַז זיי זאָלען אַריינקומען אין זיין הויז, זיי, דיא אַלע הונגער־ליידער מיט טיטולען, וועמעס נעמען ערשיינען אַזוי אָפט אין די צייטונגען. אַנפאַנגס וועלען זיי קומען זעהן, וויא עס זעהט אויס איי־נער, וועלבער האָט אין זעקס וואָבען גע־וואונען ביז 50 מיליאָן. דאַן וועלען זיי קו־מען זעהען, ווער עס קומט צו איהם אַריין און פיעל עס קומט אַריין. און דאַן וועלען זיי קומען, ווייל ער איז געוועזן קלוג גענוג צו פערנאַרען זיי אין אַ אידישע הויז דער־מיט, וואָס ער ווייזט זיי אַ בילד פון יעזוס.

ער האָט געשיינט צו זאָגען צו זיי:

„זעהט, איך האָב בעצאָהלט אַ האַלבען מיליאָן פאַר דיעזע רעליגיעזע מייסטער־ווערק און דיעזע קונסט־ווערק וועט בלייבען אויף אויביג ביי מיר אין הויז, פאַר מיינע אויגען, אין דעם הויז פון דעם אידען וואַל־טער.

און אין דיא קרייזען פון דיא הערצאָ־גינגען און אין דיא זשאָקיי־קלובען האָט מען געהאַלטען לאַנגע דעבאַטען איבער דיעזע איינלאַדונג, וועלכע האָט זיי צו קיין זאַך ניט פערפפליכטעט. זיי וועלען געהן אהין וויא מען געהט אין יעדע קונסט־גאַלעריע. עס איז זעהר שעהן פון דיא וואַלטערס, וועלכע בעזיצען אַ קונסט־ווערק און עפענען זייער הויז פאַר אַן אבענד, אז דיא גאַנצע וועלט זאָל עס קענען זעהן.

וואַלטער׳ס צייטונג האָט צוויי וואָכען נאָכאַנאַנד געגעבען אַ נאָטיץ וועגען דעם אבענד און געצייגט וויא ווייט מען האָט געקענט דיא נייגיערדע ביים פובליקום.

דו ראָי איז געוועזען אויסער זיך פון זיין דירעקטאָר׳ס טריאומף. ער האָט זיך גע־האַלטען פאַר אַ רייכען מאַן מיט זיין האַל־בען מיליאָן, וואָס ער האָט אויסגעפרעסט פון זיין פרוי, און איצט איז ער פאַרגעקו־מען ביי זיך אזוי אָרם, אזוי בעטלעריש, ווען ער האָט פערגליכען זיין ביסעל געלד, מיט דעם רעגען מיליאָנען, וואָס האָט ארום איהם געגאָסען און פון וועלכע ער האָט קיין זאַך ניט געקענט אָנכאַפּען. זיין קנאה׳דיגער כעס איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. ער איז געוועזען אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט, אויף דיא וואַלטערס, צו וועלכע ער איז מעהר ניט געגאַנגען, אויף זיין פרוי, וועלכע האָט זיך געלאָזט אָבנאַרען פון לאַ־ראָש און האָט איהם געראַטהען ניט אויפ־צוקויפען מאַראָקאַנישע באָנדס, נאָר מעהר פון אַלץ איז ער געוועזען אין כעס אויפ׳ן מי־ניסטער, וועלכער האָט זיך מיט איהם גע־שפּיעלט, וועלכער האָט איהם געברויכט פאַר זיין ווערקצייג און וועלכער האָט איצט געשפּייזט ביי איהם צוויי מאָל אַ וואָך אויף וואַדריק׳ס פלאַץ. זשאָרזש איז געוועזען זיין סעקרעטער, זיין אַגענט, זיין פעדער און ווען ער פלעגט שרייבען אונטער זיין דיק־טאָווקע, פלעגט אויף איהם אָנפאַלען אַ ווילדער חשק אָנצוכאַפּען דעם טריאומפי־רענדען אדאָניס ביים גאָרגעל. אלס מיניס־טער האָט לאַראָש ניט געהאַט קיין גרויסען ערפאָלג, און אום צו זיין זיכער מיט זיין פּאָרטפעל האָט ער זיך שטאַרק געהיט, אז מען זאָל זיך ניט דערוויסען, וויא ער באָדט זיך איצט אין גאָלד. אָבער דו ראָי האָט זיין געלד ניט פערגעסען, עס האָט שטענדיג געבליסצעט פאַר זיינע אוי־גען פון דעם טאָן, מיט וועלכען דער אויפ־געקומענער מיליאָנער האָט מיט איהם גערעדט, פון זיין פרעכער מינע און פון זיין אונבעשרייבליכען זעלבסט־צוטרוי.

לאַראָש האָט איצט רעגירט אין דו ראָי׳ס הויז, וואו ער האָט אין גאַנצען פער־טראָטען וואַדרעק׳ס שטעלע. ער האָט זיך געשאַפט מיט דיא דיענער און געגעבען בעפעהלע, אזוי וויא ער וואָלט געוועזען דער בעל הבית.

דזשאָרזש האָט דאָס אַלץ צוגעזעהען, קריצענדיג מיט דיא צייהנער, וויא אַ הונד, וואָס וואָלט גערן געביסען נאָר ער וואַגט

ניט. אָבער זיין כעס האט ער אפט אויסגעלאזט צו מאדעליין, צו וועלכער ער איז אפט געווען הארט און גראָב. זיא האָט איהם שטענדיג געענטפערט מיט א ציה פון דיא אקסלען, וויא זיא וואלט עס געטהאָן מיט א קאַפּריזנע קינד. זיא איז צייטענווייז געווען ערשטוינט פון זיין שטענדיגען שלעכטען מוטה און פלעגט אָפט זאגען:

— איך קען ניט בעגרייפען, אויף וואס דו האסט זיך צו בעקלאגען. דיין שטעלונג איז דאך א גלענצענדע!

ער פלעגט זיך אומקעהרען צו איהר מיט'ן רוקען און קיין זאך ניט ענטפערען.

אָנפאַנגס האָט ער ערקלערט, אז ער וועט ניט געהן צום אבענד, וואס וואלטער האט געגעבען. ער וועט איבערהויפט מעהר ניט אריינשטעלען קיין פוס צו דעם שמוציגען אידען. שוין צוויי מאָנאַטען וויא פרוי וואַלטער פלעגט איהם יעדען טאג שרייבען אַ בריעף, אז ער זאל קומען צו איהר אדער זאָל בעשטימען א פלאַץ, וואו זיך צו בעגעגנען, אום זיא זאל איהם קענען איבערגעבען דיא זיעבעציג טויזענד פראַנק, וואס זיא האט געוואונען פאר איהם. ער האָט איהר קייןווארט ניט געענטפערט און האט אַלע איהרע פערצווייפעלטע בריעף געווארפען אין פייער אריין: געווים האט ער ניט געמיינט אָבצוזאגען זיך פון זיין חלק געווינס, נאר זאל זיא זיך פריהער אביסעל צאפלען און פיהלען דיא פעראכטונג, מיט וועלכע ער בעהאנדעלט איהר. זיא איז געווען צו רייך! ער וויל איהר ווייזען, אז ער איז שטאָלץ.

דעם טאָג ווען וואַלטער האט געדארפט געבען דעם אבענד האט מאַדעליין גערעדט מיט איהם וויא עס איז ניט גוט פון זיין זייט, וואס ער וויל ניט געהען צום אבענד.

— לאז מיך צורוה, האט ער געזאגט. איך בלייב צו הויז.

אבער נאָך'ן עסען האט ער פלוצים געענדערט זיין מיינונג.

— עס איז דאָך בעסער, ווען מיר ווערען אויסטרינקען דעם בעכער אויך, האט ער געזאגט. טהו זיך אָן גיך.

זיא איז געווען גרייט אויף דעם און האט געזאָגט:

— אין איין פיערטיל שטונדע בין איך פאַרטיג.

זשארדזש האט זיך אנגעטהאָן, מורמרענדיג און נאך אין דער דראָשקע האט ער אויסגעגאסען זיין גאַל.

וואַלטער'ס פאלאץ איז געווען בעלויכטען פון אלע פיער עקען מיט עלעקטרישע בויגען־לאמפען, וועלכע האבען פון דערווייטענס אויסגעזעהן, וויא פיער קליינע בלויליכע לבנות. א פרעכטיגער טעפיך איז געלעגען אויסגעשפרייט איבער דיא טרעפּ, און אויף יעדען שטאַפּעל איז געשטאַנען א שטייפער בעדיענטער אין א ליוורעי.

— ריכטיג וויא ביי אן אויפגעקומענעם גביר, האט געזאָגט דו־ראָי ציהענדיג מיט דיא אקסלען און זיין הארץ האט זיך צוזאמענגעקרעמפּט פאר קנאה.

— שווייג און טוה זיי נאך, האט געזאגט מאַדעליין שטיל.

בײַ זײַער אַרײַנקומען זײַנען צו זײ צוגעשפּרונגען דיענער און האָבען פון זײ אַראָבגעצויגען די מאַנטלען. פיעלע דאַמען, וואָס זײַנען אַהער געקומען מיט זײַערע מענער, האָבען אויך דאָ אַראָבגענומען זײַערע פוטערס.

— זעהר שעהן! וואונדער שעהן! האָט זיך געהערט אַרום און אַרום.

אין דער ווירקליכקײט איז דער פּאַלאַץ געוועזען עפּעס וואונדערבאַרעס. וואו דאָס אויג האָט זיך ניט געווענדעט, האָט עס בעגעגענט עפּעס אַ קונסט־ווערק פון מאַרמאָר, בראָנז און גאָבעלינען.

בײַם אַרײַנגאַנג אין סאַלאָן זײַנען געשטאַנען צוויא קלײנע מײדעלאַך אין ראָזע און בלויע קלײדער און האָבען דערלאַנגט די דאַמען בוקעטען. אַלע האָבען עס געפונען זעהר רײצענד די סאַלאָנען זײַנען שוין געוועזען געפּאַקט. די מײסטע דאַמען זײַנען געקומען אין גאַנס טואַלעטען, אום צו געבען אַנצוהערעניס, אַז זײ זײַנען אַהער געקומען וויא צו יעדער אַנדערע קונסט־אויסשטעלונג. די יעניגע, וואָס האָבען געוואָלט בלײַבען צום באַל האָבען געטראַגען געבלויזטע קלײדער.

פראוי וואַלטער איז געשטאַנען צווישען איהרע פרײנדינען אין דעם צווײטען סאַלאָן און האָט צוגענומען די בעגריסונג פון די געסט. די מײסטע געסט האָבען איהר גאַר ניט געקענט און האָבען זיך דאָ אַרומגעדרײט וויא אין אַ מוזעאום, גאַר ניט קימערנדיג זיך וועגען דעם בעזיצער ווען זיא האָט דערזעהען דו ראָי, איז זיא געוואָרען בלײך וויא דער טויט, און האָט געמאַכט אַ בעוועגונג, אַזוי וויא זיא וואָלט וועלען געהן איהם אַנטקעגען. דאַן אָבער איז זיא געבליבען שטעהן אונבעוועגליך און האָט געוואַרט, אַז ער זאָל צו איהר צוקומען, ער האָט איהר זעהר פאָרמעל בעגריסט, ווערענד מאַדעלײן האָט איהר פערשאָטען מיט קאָמפּלימענטען. זשאַרזש האָט איהר דאָ איבערגעלאָזען און האָט זיך פערמישט מיט דער מענגע, אום צו קענען הערען אַלע בײזע בעמערקונגען, וועלכע וועלען געוויס ניט פעהלען.

פינף סאַלאָנען בעפּוצט מיט די קאָסטבאַרסטע שטאָפען, מיט איטאַליענישע שטיקערײען אָדער אָריענטאַלישע טעפּיכע און אַלע פאַרבען האָבען זיך געצויגען אײנער נאָך׳ן צווײטען, אויף די ווענד זײַנען געהאַנגען די טהײערסטע בילדער פון די אַלטע מײסטערס. די מײסטע בעוואונדערונג האָט ערוועקט אַ קלײן צימער אין דעם סטיל פון לואי דעם זעכצעהנטען. דאָס צימער איז געוועזען טאַפּעצירט מיט ווײס־בלויען זײד מיט געשטיקטע בוקעטען ראָזען. דאָס נידריגע מעבעל מיט בעגולטען האָלץ זײַנען געוועזען בעצויגען מיט דעם זעלבען שטאָף און זעלטזאַם שעהן פאַרמירט.

זשאַרזש האָט פּלוצים דערזעהן פאַר זיך אַ מחנה פון פּאַריזער בעריהמטהײטען, הערצאָגינען, גראַפען, געגעראַלען, פירסטען.

פּלוצים האָט ער דערפיהלט אַ ווײכע האַנד אויף זײַן אָרם און אַ יונגע גליקליכע שטימע האָט איהם אַ שעפּטשע געטהאָן

אין אויער אריין.

— זייט איהר ענדליך ווידער דא, איהר בייזער שעהנער פריינד? פאר וואס זעהט מען איך מעהר ניט?

דאס איז געווען סוזאנא וואלטער, וועלכע האט אויף איהם געקוקט מיט איהרע אויגען בלוי וויא עמאל פון אונטער א יואלקען בלאנדע האר. ער האט זיך דערפרייט צו זעהן איהר נאך א מאל און האט איהר הערצליך געדריקט דיא האנד.

— איך האב ניט געקענט, האט ער זיך ענטשולדיגט. איך בין שוין צוויי חדשים אין גאנצען פערשאטען מיט ארבייט און קען קוים ארויסגעהן פון הויז.

— דאס איז שלעכט, זעהר שלעכט, האט זיא געזאגט ערנסט. איהר האט אונז פערשאפט פיעל זארג, מיר און דער מוטער, ווייל מירביידע שעצען איך זעהר. איך קען איבערהויפט מעהר ניט זיין אהן איך. ווען איהר זייט ניטא איז מיר אומעריג צום טוידט. איך זאג עס איך גאנץ אפען, אום איהר זאלט זעהן, אז איהר האט קיין רעכט ניט אזוי לאנג צו בעהאלטען זיך גיט מיר אייער ארם, און איך וועל איך אליין ווייזען דעם יעזוס, וואס וואנדעלט איבער'ן ים. דאס בילד שטעהט גאר אונטען, הינטער דעם ווינטער־גארטען. פאפא האט עקסטרא אויסגעקליבען דעם פלאץ, כדי מען זאל דארפען דורכגעהן אלע צימערן איידער מען וועט צוקומען אהין. עס איז גאר ניט צו גלויבען, וויא ער בעריהמט זיך מיט דעם נייעם הויז.

זיי האבען זיך לאנגזאם דורכגעשטופט דורך דער מענגע, און פיעלע אויגען האבען זיך געווענדעט אויף'ן שעהנעם יונגען מאן און אויף דער רייצענדער ליאלקע, וואס ער האט געפיהרט אויף זיין ארם.

— ווירקליך א שעהנע פאר! האט בעמערקט א בעוואוסטער מאלער.

זשארזש האט געטראכט, אז ווען ער וואלט געווען קלוג האט ער געדארפט חתונה האבען מיט דער מיידעל.

„איך וואלט עס געקענט אויספיהרען ניט קוקענדיג אויף קיין זאך. פאר וואס האב איך זיך געלאזט פאנגען פון דער אנדערער? וויא נארעש, וואס מען בעטראכט קיין מאל ניט, וואס מען טהוט".

און דיא קנאה, דיא ביטערע קנאה איז געפאלען טראפען נאך טראפען אין זיין הארצען אריין און האט איהם ביטער געמאכט דאס לעבען.

— קומט איצט אפט אריין צו אונז, האט געזאגט סוזאנא. איצט ווען פאפא איז רייך געווארען, וועלען מיר קענען גענוג נאריש מאכען זיך און ווילד אמוזירען זיך.

ער איז נאך אלץ געווען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, ווען ער האט איהר געענטפערט:

— וואס איז דא דערפון צו ריידען. איהר וועט באלד חתונה האבען מיט א שעהנעם פירסט, ביי ווען די געשעפטען זיינען אביסעל בלוי און דאן וועלען מיר זיך איבערהויפט ניט קענען זעהען מעהר.

— אה, ניין, האט זיא אויסגערופען אפענהערציג איך וועל נאר חתונה האבען מיט א מאן, וועלכער וועט מיר גע־

פעלען ווערען, וועלכער וועט מיר שוין זעהר געפעלען ווערען. איך בין רייך גענוג פאר צוויען.

ער האט א שמייכעל געטהאן און אנגערופען די נעמען פון עטליכע פערביינגהענדע, אלע זעהר פארנעהמע מענשען, וועלכע האבען פערקויפט זייער פערראסטעטע הערב צו טעכטער פון פינאנסיסטען און וועלכע לעבען איצט יא און ניט מיט זייערע פרויען, פיהרען זיך פריי און זיינען דאך געאכטעט.

— און זעקס מאנאטען ארום וועט איך אויך טרעפען אזא שיקזאל. איהר וועט ווערען דיא פרוי מארקיזע, פרוי פירסטין, פרוי הערצאגין אדער פרוי גרעפין און וועט דאן ארונטערקוקען אויף מיר פון אויבען ארונטער.

זיא איז געווארען אין כעס. האט איהם א זעץ געטהאן מיט'ן פעכער איבער'ן ארם און האט געשווארען, אז זיא וועט נאר חתונה האבען אוים ליעבע.

— מיר וועלען זעהן, האט ער געלאכט. דערצו זייט איהר צו רייך.

— איהר זייט דאך אויך רייך. האט זיא געענטפערט. איהר האט דאך געקראגען א ירושה.

— עס לוינט זיך ניט צו ריידען דערפון, האט ער געענטפערט, א ציה טהוענדיג מיט דיא אקסלען. קוים צוואנציג טויזענד א יאהר צינזען. דאס איז ניט פיעל פאר דער צייט, און וועלכער מיר לעבען.

— אבער אייער פרוי האט דאך אויך געקריגען א ירושה.

— יא. מיר ביידע צוזאמען האבען געירש'עט א מיליאן, דאס הייסט קוים פיערציג טויזענד פראנק צינזען א יאהר נאר פון אזעלכע איינקינפטע קען מען אפילו ניט האלטען קיין עקיפאזש.

איצט זיינען זייא אנגעקומען אין דעם לעצטען סאלאן, און פאר זייא איז געשטאנען אפען דיא אראנזשעריע, א ברייטער ווינטער־גארטען מיט גרויסע טראפישע בוימער און א סך זעלטענע בלומען, אין דיעזער דונקעלער גרינקייט, איבער וועלכע דאס ליכט האט זיך צוגאסען אין זילבערנע כוואלעס, האט זיך געהערט דיא ווארימע פרישקייט פון דער פייכטער ערד און פערשיעדענע זיסע גערוכען. מען איז דא ארומגעגאנגען אויף ווייכע טעפיכע וויא מאך צווישען געדיכטע רייהען פלאנצען. פלוצים האט דו ראי דערזעהן לינקס אונטער א ברייטען דאך פון פאלמען א גרויסען באסען פון ווייסען מארמער, אין וועלכען מען האט זיך געקענט באדען בעקוועם. ארום זיינען געשטאנען פיער ווייסע שוואנען פון טייערען פארצעליי. פון זייערע אפענע שנאבלען האט דאס וואסער ארונטערגערונען אין באסען אריין. דער דעק פון דעם באסען איז געוועזען בעשאטען מיט גאלדערנעם זאמד און אינערו ייניג זיינען ארומגעשוואומען עטליכע זעלטענע רויטע כינעזישע פיש מיט ארויסגעשפארטע אויגען און בלויע שופען.

דו ראי איז געבליבען שטעהן מיט א קלאפענדע הארץ.

— אט דאס איז לוקסוס! האט ער געזאגט צו זיך אליין. אין אזא הויז לוינט שוין צו לעבען. אנדערע האבען אזוי וויט

דערגרויכט, פאר וואס זאל איך עס ניט דערגרויכען?

ער האט זיך געבּראכען דעם קאפּ, וויא אזוי צו געפינען דיא מיטלען, אום צו דער־גרויכען צו זיין ציעל, נאר ער האט אין דעם אויגענבּליק קיין זאך ניט גע־קענט אויסטראכטען, און ער איז געוועזען אויסער זיך פאר כּעס, פאר וואס ער האט ניט קיין כּחות דאס צו דערוויזען.

זיין בּעגלייטערין האט מעהר ניט גע־רעדט און האט נאר נאכדענקליך געקוקט פאר זיך.

ער האט אויף איהר א ווארף געטהאן א זייטיגען בּליק, און ווידער איז איהם אריין אין קאפּ דער געדאנק: „איך האבּ נאר געדארפט חתונה האבּען מיט דער לע־בּעדיגע ליאלקע".

נאר סוזאנא האט פּלוצים ערוואכט פון איהרע טרוימען.

— גיט אכטונג! האט זיא אויסגע־שריען.

זיא האט דורכגעשטופּט זשאררזש׳ן דורך א גרופּע, וואס האט זיי פערשטעלט דעם וועג און האט איהם פּלוצים א קע־רעווע געטהאן רעכטס. אנטקעגען זייא איז געשטאנען א גרופּע פלאנצען און גרא־דע אין מיטען האט מען אזוי איינגע־שטעלט דאס בּילד „יעזוס איבּער׳ן ים" אז מען האט גאר ניט אנגעזעהען דיא ראם און עס האט נאר ארויסגעזעהען פון צווישען דיא פלאנצען א מאן וועל־כער איז געשטאנען אין מיטען ים. דער עפפעקט איז געווען א גוואלדיגער. מען האט זיך געדארפט גוט צוקוקען, אז מען זאל זעהן, וואס דא טהוט זיך.

דאס בּילד איז ווירקליך געווען א זעל־טענע קינסט ווערק, א ווערק וואס ערגרייפט אונז בּיז טיעף אין הארצען און וואס געהט אונז ניט ארויס פון זינען יאהרען לאנג. מענשען זיינען דא געבּליבּען שטעהן פער־בּליפט פון בּעוואונדערונג, דא זיינען זיי נאכדענקליך געגאנגען ווייטער און האבּען א צייט לאנג פון קיין זאך ניט גערעדט אוי־סער דעם בּילד. דו ראי האט אויך בּע־טראכט אויפמערקזאם דאס בּילד א היבּ־שע ווילע.

— עס מוז זיין זעהר אנגענעהם, האט ער ענדליך געזאגט, אז מען קען זיך פער־גינען צו קויפען אזעלכע זאכען.

אבּער דיא מענגע האט זיך דא גענומען שטופּען און מען האט איהם ענדליך אבּגע־שטופּט און ער האט געמוזט געהן ווייטער, נאך אלץ האלטענדיג סוזאנא אויף זיין ארם, פרעסענדיג איהר קליינע הענטיל.

— ווילט איהר טרינקען א גלאז שאמ־פאניער? האט זיא געפרעגט. קומט צום בּו־פעט, דארטען וועלען מיר אויך טרעפען דעם פּאפּא.

לאנגזאם זיינען זיי דורכגעגאנגען דורך דיא סאלאנען, וועלכע זיינען נאך אלץ גע־ווען געפּאקט מיט אן עלעגאנטער מענגע וועלכע האט זיך דא געשיינט צו פיהלען וויא בּיי זיך אין דער היים. פּלוצים האט זשארזש׳ן אויסגעוויזען, אז ער האט גע־הערט, וויא עמיצער האט געזאגט:

— דאס איז לאראש און פרוי דו ראי.

דיא ווערטער האבּען נאָך שטיל געקלונגען אין זיינע אויערען, וויא אַ גערויש וואס דער ווינד פערטראגט פון זעהר ווייט. פון וואַנען איז געקומען דער גערויש? ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האט ווירקליך דערזעהען זיין פרוי אונטער דיא העגד מיט'ן מיניסטער. זיי האבּען גערעדט און געלאכט צווישען זיך שטיל און אינטים, מיט דיא ליפּען און מיט די אויגען. דו ראָי'ן האָט אויסגעוויזען, אז ער בּעמערקט וויא דיא פערבּייגעהענדיגע שעפּטשען זיך צו אַלערליי בּעמערקונגען וועגען דעם פּאָר, און ער האָט דערפיהלט אַ בּרוטאלען און נאַרעשען לוסט צושפּרינגען צו זיי, אָנצוכאַפּען זיי בּיי דיא גאָרגלען און אַ וואָרף טהאָן זיי צו דער ערד. מען לאכט פון איהם צוליעבּ איהר!

ער האָט זיך איצט דערמאָנט אָן פּאָרעסטיע. מען רעדט וועגען איהם וואַהרשיינליך וויא מען האָט גערעדט וועגען יענעם: „דער אָרימער בּעטראָגענער דו ראָי". ווער איז זיא דאָס אזוינס? זיא האָט זיך געשיקט ארויפגעארבּייט מיט קליינליכעַ מיטלען. מען בּעזוכט איהר, וויל מען האָט מורא פאר איהר איינפלוס, אָבּער הינטער דיא פּלייצעס רעדט מען געוויס גאר ניט געשטערט וועגען דיא קליינע שרייבּערלאַך. מיט דיעזער פרוי וועט ער קיין מאָל ניט קענען אויפקומען, וויל זיא ווארפט אַ פערדאַכט אויף זיין הויז. זיא קאָמפּראָמיטירט זיך אין איהם און איהר גאַנצע בּענעהמען זיך איז פון אַ'ן אינטריגאַנטין. וויא אַ קייט וועט זיא העגגען אין דער צוקונפט אויף זיינע פיס! יא, ווען ער זאָל דאָס וויסען פריהער, וואָלט ער גאָר אַנדערש געשפּיעלט! מיט דער קליינער סוזאַנאַ וואלט ער געמאַכט דיא גרעסטע פּארטיע. וויא אַזוי איז ער דאָס געווען אזוי בּלינד ניט צו בּעגרייפען אזא זאַך.

זיי זיינען אריין אין שפּייז צימער, אַ גרויסער סאַלאָן מיט מאַרמאָרנע זיילען, דיא ווענד בּעשלאָגען מיט אַלטע גאָבּעלינען. וואלטער איז איהם אַנטקעגען געקומען מיט אויסגעשטרעקטע הענד. ער איז געווען וויא שכור פון פריידּ.

— האט איהר געזעהען אַלץ? האסטו איהם אַלץ געוויזען, סוזאַנאַ? אַ מאַסע מענשען, ניט וואַהר, שעהנער זשאָרזש? האָט איהר שוין געזעהען דעם פירסט דערגערש? ער האָט דאָ ערסט אויסגעטרונקען אַ גלאָז פּאָנש.

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום סענאַטאָר ריזאָלין און זיין פרוי, וועלכע איז געווען אויסגעפּוצט וויא צו אַ יריד.

אַ הערר האט בּעגריסט סוזאַנאַ, אַ הויכער, שלאַנקער הערר מיט דינע האָר און בּלאָנדע בּאקענבּאַרדען. מען האָט אין איהם געזעהען, אַז ער בּעלאַנגט צו דער בּעסטער געזעלשאפט. ער איז געווען מאַרקיז דע גאַזאָל, און זשאָרזש האָט דערפיהלט אַ מין אייפערזוכט צו דיעזען מענשען. וויא לאַנג איז זיא מיט איהם בּעקאַנט? געוויס, צייט זיא איז אזוי רייך געווארען. ער האט דערשמעקט אַ חתן. פּלוצים האט איהם עמיצער אָנגעכאַפּט בּיים אָרם, דאַס איז געווען נאָרבּע דע וואָרען. דער אַלטער דיכטער האט געוואַנדערט איבּער דיא זאַלען מיט זיינע לאַנגע האָר און אָבּגעטראָגענעם פראַק, מיעד און גלייכגילטיג.

B. Y.

— אָט דאָס הייסט בײַ זיי פערגניגען, האָט ער געזאָגט. באַלד וועלען זיי טאַנצען און דאַן וועלען זיי געהען שלאָפען, און דיא קליינע מיידלאך וועלען זיין צופריעדען. טרינקט שאַמפּאַניער, ער איז אויסגעצייכענט!

ער האָט זיך געהייסען אָנגיסען אַ גלאָז און האָט געטרונקען פאַר דו ראָי'ס געזונד. דו ראָי האט זיך אויך געהייסען אָנגיסען אַ גלאָז.

— איך טרינק פאר דיא ראַכע וואָס דער גייסט וועט פאָדערן פון דיא מיליאָנען, האָט געזאָגט נאָרבע דע וואַרען, דאַן האָט ער ווייך געזאגט ווייטער: מיך הארען ניט דיא מיליאָנען, וואס אַנדערע פערמאגען, און איך אליין וואלט זיי גאר ניט געוואָלט האָבען. איך פראָטעסטיר נאָר אוים פרינציפּ.

זשאָרזש האָט איהם איצט ניט געהערט. ער האָט געזוכט מיט דיא אויגען סוזאַנאַ, וועלכע איז איצט פערשוואונדען געווארען מיט'ן מארקיז דע גאַנאָל. פלוצים האָט איבערגעלאָזט נאָרבע דע וואָווארען און איז נאָכגעלאָפען דעם יונגען מיידעל. נאָר איהם איז געוועזן שווער דורכצושטופּען זיך דורך דער געדיכטער מענגע, וואס האָט זיך געשפּאַרט אַרום דעם בופעט. און ווען ער האָט זיך ענדליך דורכגעשטופּט, האָט ער בעגעגענט פרוי דע מארעל מיט'ן מאַן. די פרוי האָט ער אָפט בעגעגענט, אָבער דעם מאַן האָט ער שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזעהען.

— איך דאַנק אייך זעהר פאַרן ראַט, וואָס איהר האָט מיר געשיקט דורך קלאָטילדאַ, האָט געזאָגט העררדע מאַרעל, דריקענדיג איהם ביידע הענד. איך האָב פערדיענט פון דיא מאַראָקאַנישע באָנדס כמעט הונדערט טויזענד פראַנק. איהר זייט אין דער ווירקליכקייט אַ טהייערער פריינד פאר מיר.

דיא פערבייגעהענדע מענער האָבען זיך כמעט אַלע אומגעווענדט, אום נאָך אַ מאָל אַ קוק צו טהאָן אויף דער עלעגאַנטער און שעהנער ברונעטקע.

— צום דאַנק מוזט איהר מיר אָבטרעטען אויף אַ ווײַלע אייער פרוי'ס ארם, האָט דו ראָי געענטפערט. מען קען גאָר ניט האַלטען מאַן און פרוי ווייט גענוג איינעם פון צווייטען.

— געווים, האָט צוגעשאָקעלט מיט קאָפּ העער דע מאַרעל. אויב איך וועל אייך פערליערען פון דיא אויגען, וועלען מיר זיך דאָ צוזאַמענטרעפען אויף דעם זעלבען פּלאַץ שפּעטער מיט אַ שטונדע.

— זעהר גוט.

דו ראָי און פרוי דע מאַרעל האָבען זיך אריינגעוואַרפען אין דער מענגע, און דער מאַן איז זיי פון דערווייטענס נאָכגעגאַנגען.

— וואס פאַר מזל'דיגע לייט די וואלטערס זיינען, האָט גיזאָגט קלאָטילדאַ אָבער זיי מוזען פערשטעהן א געשעפט.

— אַח, וואס! האָט זשאָרזש געענטפערט. ענערגישע נאַטורען עררייכען שטענדיג זייער ציעל, אויב ניט אויף איין וועג איז אויפ'ן צווייטען.

— דיא ביידע מיידלאַך וועלען איצט קריגען צו צוואַנציג דרייסיג מיליאָן יעדע, אַזוי דערצו איז נאָך סוזאַנאַ אַ גאַנץ שעהנע.

ער האָט איהר קיין זאַך ניט געענטפערט, איהם האָט וויה געטהאָן צו הע־

רען זיינע אינערליכע געדאַנקען אויסגעשפּראָכען פון אַ צווייטען.

זיא האָט נאָך ניט געזעהען דאָס בילד פון יעזוס, און ער האָט איהר געוואלט אַוועקפיהרען אַהין און געהענדיג האבען זיי זיך לוסטיג געמאַכט איבער דיא, וואָס זיי האָבען בעגעגענט, בעזאָנדערס איבער אונבעקאַנטע געזיכטער. פערביי זיי איז דורכגעגאַנגען סענט פאָען. זיין פראַק איז געווען געדיכט בעהאַנגען מיט אָרדענס, אַ סך מעהר, אָרדענס וויא עס האָט געטראָגען דער פרעמדער געזאַנדטער, וועלכער איז געגאַנגען גלייך הינטער איהם.

— אַ'ן אַנגענאַהמע אויסגעמישטע געזעלשאַפט, האָט בעמערקט דו ראָי.

ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך דעם ווינטער־גאָרטען, האָט ער ווידער דערזעהן זיין פרוי זיצען נעבען לאַראָש מאַטהיי, האַלב פערשטעלט פון אַ גרופּע פפלאַנצען. זיי האָבען ביידע געשיינט צו זאָגען: „מיר האָבען דאָ א ליעבעם אונטערהאַלטונג גאַנץ אָפען, און וואָס איהר וועט דערפון דענקען, איז אונז אַלץ איינס“.

פרוי דע מאַרעל איז שטאַרק געפעלען דאָס בילד „יעזוס וואַנדעלט איבערן ים“ דאַן האָבען זיי זיך ווידער געלאָזט געהן צוריק. איהר מאַן איז פערשוואונדען געוואָרען.

— און לאָרען? האָט געפרעגט דו ראָי. איז זיא נאָך אַלץ בייז אויף מיר?

יאַ, זיא איז נאָך אַלץ בייז, האָט נעענטפערט פרוי דע מאַרעל. זיא וויל פון דיר ניט וויסען, און ווען מען רעדט פון דיר, געהט זיא ארויס פון צימער.

ער האָט קיין זאַך ניט געענטפערט, נאָר דער פּלוצליכער האַס פון דעם קינד האָט איהם געמאַכט זעהר טרויעריג.

אונטער אַ טהיר האָט זיי סוזאַנע אָבגעשטעלט און אויסגערופען:

— אָט זייט איהר! שעהנער זשאָרזש, איהר וועט איצט מוזען בלייבען אַליין, איך נעהם ביי אייך צו דיא שעהנע קלאָטילדאַ איך וויל איהר ווייזען מיין צימער.

ביידע פרויען זיינען אַוועק מיט שנעלע טריט.

גלייך נאָך דעם האָט א שטילע שטימע אַרויסגערעדט זיין נאָמען.

— זשאָרזש!

דו ראָי האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהען פרוי וואַלטער.

— וויא שרעקליך גרויזאַם איהר זייט! פאַר וואָס קוועלט איהר מיך אַזוי! דאָס האָב איך געבעטען סוזאַנע, אַז זיא זאָל אַוועקפיהרען אייער בעגלייטערין, ווייל איך מוז מיט אייך ריידען. הערט מיך אויס! איך מוז אַייך נאָך זעהען היינט אַבענד, אַז ניט... אַז ניט... איהר ווייסט ניט אויף וואָס איך בין פעהיג. געהט אין דער אָראַנזשעריע, דאָרטען לינקס וועט איהר געפינען אַ טהיר, וועלכע פיהרט אין גאָרטען. געהט גלייך מיט דער אַלעע און וואַרט אויף מיר אין דער לויבע (בעסעדקע), וואָס געפינט זיך ביים עק. אין צעהן מינוט אַרום וועל איך דאָרטען זיין. אויב איהר וועט עס ניט טהאָן, וועל איך דאָ מאַכען פאַר אַלעמען אין דיא אויגען אַ סקאַנדאַל. איך שווער אַייך, אַז איך וועל עס טהאָן.

— גוט, איך וועל דאָרטען זיין אין צעהן מינוט אַרום, האָט ער געענטפערט,

האָכמוטהיג, און מיט דיא ווערטער זיינען זיי זיך צוגאַנגען.

אויף'ן וועג האָט איהם אָבגעשטעלט זשאַק ריוואַל, האָט איהם אָנגענומען אונטערן אַרם און האָט איהם דערצעהלט זעהר אויפגערעגט עטליכע געשיכטען. וויא עס האָט געשיינט איז ער עַרסט געקומען פון בופעט. ענדליך איז דו־ראָין געלונגען איבערצוגעבען איהם צו הערר פאָן מאָרעל, וועלכען ער האָט גראַדע איצט אָנגעטראָפען און אַליין האָט ער זיך געשווינד אַרויסגעמאַכט. אויך איז איהם געלונגען פערבייצוגעהן אונבעמערקט פאַרביי זיין פרוי און לאַראָש וועלכע זיינען געזעסען איינער נעבען צווייטען און געפלוידערט און ענדליך איז ער אריין אין גאָרטען.

אויף דער קאַלטער לופט האָט ער זיך דערפיהלט, וויא ער וואָלט גענומען אן אַייז קאַלטע וואַנע.

צום שוואַרץ יאהר! האט ער געזאָגט צו זיך, איך וועל זיך דא נאך צוקיהלען". און ער האט ארומגעבונדען ארום האלז זיין טאַשענטוך.

דאַן האט ער זיך לאנגזאם געלאזט געהן ארונטער מיט דער אַלעע, ווייל נאך דעם העלען ליכט פון דיא סאַלאָנען האט ער דא כמעט גאר ניט געזעהען. רעכטס און לינקס האָבען געציטערט דיא בוימער אָהן בלעטער פון קעלט. פלוצים האט ער דערזעהען פאר זיך עפּעם ווייסליכעס אויפ'ן וועג. דאס איז געווען פרוי וואַלטער מיט אויסגעבלויזטע ארמען און אויסגעבלויזטע נאַקען.

— אָה, ענדליך, ביזטו געקומען, האט זיא אויסגערופען מיט אַ ציטערענדער שטימע, ווילסטו מיך דען טוידטען?

— איך בעט דיך, נאר ניט קיין סצענען, האט ער געענטפערט רוהיג, אַז ניט וועל איך גלייך אַנטלויפען.

זיא האט ארומגעווארפען איהרע הענד אַרום זיין האַלז און האט צוגעשטופּט איהרע ליפּען צו זיינע.

— וואס האב איך דיר געטהאָן? דוא בענעהמסט זיך מיט מיר ווי אַ'ן עלענדער! וואס האב איך דיר געטהאן?

ער האָט געפּרובט אפּשטופּען איהר פון זיך.

— דאס לעצטע מאל, ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען, האט ער געענטפערט, האסטו אַרומגעוויקעלט אלע מיינע קנעפּלאך מיט דיינע האָר. דערפון איז שיער ניט געקומען צווישען מיין ווייב און מיר צו דעם, אַז מיר זאלען זיך שיידען.

זיא איז א ווײַלע געשטאַנען שטארק דאַן האט זיא ענערגיש אַ שאקעל געטהאָן מיט'ן קאפּ.

— אה, ניין, דיין פרוי הארען ניט אזעלכע זאַכען. עפּעס א געליעבטע דיינע האט דיר געמאכט א סצענע.

— איך האב ניט קיין געליעבטע.

— שווייג! אבער פאר וואס ביזטו צו מיר ניט געקומען? פאַר וואס קומסטו ניט ווענינגסטענס איין מאָל אַ וואך צום דינער? דו ביזט גרויזאם, און איך לייד דערפון. איך ליעב דיך און אַלע מיינע געדאנקען זיינען פערנומען מיט דיר, אויף וואס איך קוק ניט, זעה איך דיך פאר מיינע אויגען, און איך האב מורא צו ריידען, ווייל דיין

נאמען ליעגט מיר שטענדיג אויף דיא ליי־פען. דיא עראינערונג וועגען דיך פער־שנירט מיר דאס האלז און דער גאַנצער קערפער איז מיר וויא אבגענומען. טעג לאַנג זיץ איך אויף א שטוהל און דענק נאר פון דיר! קענסטו דען עס ניט בע־גרייפען!

ער האט איהר אנגעקוקט איבער־ראַשט. דאס איז שוין מעהר ניט גע־ווען דיא קינדערשע נארעשקייט וואס ער האָט פריהער געזעהען אין איהר, דאס איז איצט געווען א פערצוויפעלטע ווייב, וואס איז פעהיג אויף אַלץ.

דערווייל האט זיך ביי איהם אין מארך גענומען אויסארבייטען א נייער פלאַן, און ער האָט געזאגט:

— דיא ליעבע געדויערט ניט אויביג, און ווען דאס זאל אזוי אנגעהן ווייטער וויא ביי אונז, וועט זיא זאָגאַר ווערען א שרעק־ליכקייט. איך ליעב ניט מעהר, דא האסטו דעם ריינעם אמת. אויב אבער דו ווילסט זיין קלוג און פערקעהרען מיט מיר אַלס פריינדין דאַן וועל איך ווידער קומען צו אייך וויא פריהער. פיהלסטו זיך גענוג שטארק דערצו?

זיא האט ארויפגעלעגט איהר נאַקעטע האַנד אויף זיין שווארצען פראַק און האָט געזאָגט שטיל.

— אום דיך נאר צו זעהען, בין איך פעהיג אויף אַלץ.

— אלזא איז אבגעמאכט, האט ער גע־זאגט. מיר זיינען איצט ווידער פריינד אבער ניט מעהר.

— וויא דו ווילסט, האט זיא געשטאַ־מעלט. דאַן האט זיא צוגעטראגען איהרע ליפען צו זיינע. נאָך איין קוש... דעם לעצטען.

ער האט איהר זאנפט אבגעשטופט צוריק.

— ניין. מיר וועלען אונזער אבמאך ניט ברעכען גלייך פון אנהויב אָן.

זיא האט זיך אָבגעווענדעט און האט אויסגעווישט איהרע טרערען. דאַן האט זיא ארויסגעשלעפט פון בוזים א פּאַקעט פּאַפּירען, וואס איז געווען ארומגעוויקעלט מיט אַ ראָזיגען באַנד און האָט דערלאַנגט דו ראָ־ין.

נאַ, דאָס איז דיין טהייל פון דעם פערדיענסט פון דעם מאַראָקאַנישען גע־שעפט. איך בין געווען אזוי גליקליך, וואָס איך האב עס געוואונען פאַר דיר. נאַ, נעהם עס.

— ניין, איך קען דאָס געלד ניט נעה־מען, האָט ער געזאָגט.

זיא איז דערפון אויפגעפלאַמט גע־וואָרען.

— ווען דו נעהמסט ניט דאס געלד, ווארף איך עס ארויס אין גאַס, האָט זיא געזאָגט. דאס געהערט דיר, נאָר דיר. נאָר דו וועסט עס מיר נישט טהאָן ניט אמת, זשאָרזש?

ער האָט גענומען דאס פעקיל און אריינגעלעגט עס אין קעשענע.

— איצט געה אריין אין הויז, האט ער געזאָגט, דו קענסט נאך כאפּען א לונ־גען־ענטצינדונג.

— הלואי, האט זיא ארויסגעמורמעלט ווען איך זאל נאר קענען שטאַרבען!

B. Y.

זיא האט אנגענומען זיין האנד און געקומט מיט א פערצווייפעלטער ליידענשאפט דאַן האָט זיא זיך געשווינד געלאזט געהן צוריק אין שטוב.

דו ראָי איז איהר נאכגעגאנגען אין דיא אַראַנזשעריע לאַנגזאַם און שמייכלענדיג, הויך אױפגעהויבען דעם קאפּ. זיין פרוי און לאַראָש זיינען שוין מעהר דארטען ניט געווען. דאס פּובליקום איז זיך א ביסעל צוגאַנגען. די מייסטע בעזוכער האבען ניט געוואָלט זיין אַנוועזענד אויפ'ן באַל. ער האט דערזעהן סוזאַנע געאַרעמט מיט איהר שוועסטער, און זיי האָבען איהם געבעטען טאַנצען דעם ערסטען קאַדריל מיט זיי און מיט'ן גראַפדע לאַטאָר־איוועלין.

— ווער איז דער ווייטער? האָט ער געפרעגט ערשטוינט.

— מיין שוועסטער'ס א נייער פריינד, האט געענטפערט סוזאַנע סאַרקאַסטיש.

— דו ביזט שלעכט סוזאַנע, האָט געענטפערט ראזע רויט ווערענדיג. ער איז אַזוי מיין פריינד וויא דיינער.

— איך פערשטעה האט זיך סוזאַנע צולאַכט.

ראָזע האט זיך מיט כעס א קעהר געטהאָן צו איהר מיט'ן רוקען און איז אַוועקגעגאנגען. דו ראי האָט פאַמיליאַר אָנגענומען סוזאַנען אונטער דער האַנד און געזאגט מיט אַ חניפה'דיגער שטימע:

— הערט, מיין קליינע פרײלין, האַלט איהר מיך ווירקליך פאַר אייער פריינד?

— געוויס, שעהנער זשאָרזש.

— האָט איהר צו מיר צוטרוי.

— פאָלשטענדיג

— גערענקט איהר, וואס איך האב איך ניט לאַנג געזאָגט?

— וואס מיינט איהר?

— וועגען אייער הייראַט, אָדער ריכטיגער וועגען דעם מאן וועלכען איהר וועט הייראַטהען.

— יאַ.

— גוט, וועט איהר מיר עפּעס פערשפּרעכען?

יאַ, וואָס?

— אַז איהר וועט זיך פריהער ווענדען צו מיר נאך א ראַטה, ווען עמיצער וועט בעטען אום אייער האַנד, און איהר וועט ניט זאגען יאַ, איידער איהר וועט אויסהערען מיין מיינונג וועגען דעם.

— יא, מיט פערגעניגען.

—אבער דאס זאל בלייבען אַ געהיימניס צווישען אונז ביידען. איהר וועט דערפון ניט זאָגען ניט דעם פאָטעַר און ניט דער מוטער.

— קיין וואָרט ניט.

— גיט איהר אייעַר וואָרט?

— יא.

אין דער צייט איז ריוואַל צוגעקומען צו זיי ערדעגט.

— גנעדיגעם פרײליין, האט עַר געזאגט, אייער פאָטער דאַרף אייך זעהר נויטיג זעהן צוליעב דעם באַל.

— קומט, שעהנער פריינד, האט זיא געזאָגט.

דו ראָי האט זיך מיט דאַנק אָבגעזאָגט. ער האָט זיך געוואלט גלייך פעראַבשידען, ווייל ער האט געוואלט בלייבען אליין און נאכדענקען וועגען פיעלע נייע זאַכען, וועלכע האבען זיך ארומגעדרייט אין זיין קאפּ און ער האט אנגעהויבען צו זוכען זיין פרוי. ער האט איהר געפונען געבען

בופעט טרינקען שאָקאָלאַד מיט צוויי אונבעקאנטע הערען. זיא האט פארגעשטעלט איהר מאַן פאר זיי ניט אנרופענדיג זייערע נעמען. נאך עטליבע מינוט האט ער געפרעגט:

— זאלען מיר געהן?

— אויב דוא ווילסט.

זיא האט איהם גענומען אונטער דער האַנד און זיינען דורכגעגאַנגען דיא סאַלאנען, וואס זיינען שוין געווען האלב לעדיג.

— וואו איז פרוי וואַלטער? האט געזאגט מאדעליין. מען דאַרף נעהמען אבשיעד.

— זאל זיין, האט ער געענטפערט. זיא וועט אונז נאך פערהאלטען צום באל און פאר מיר איז שוין אזוי אויך גענוג.

פאהרענדיג צוריק, זיינען זיי געזעסען שטיל איינער נעבען צווייטען, נאר אזוי גיך וויא זיי זיינען אריין צו זיך אין צימער, האט מאדעליין געזאגט, לאַכענדיג, נאך איידער זיא האט אראבגעצויגען דעם שלייער.

— דו ווייסט, וואס פאר א'ן איבערראשונג איך האב פאר דיר?

— וואס אזוינס?

— טרעף.

— צו וואס זאל איך זיך מאטערען?

— אלזא איבערמארגען איז דער ערסטער יאנואַר.

— יאַ.

— דער טאג פון ניי־יאהר'ס געשענקען.

— געוויס.

— אט איז דאס געשענק, וואס לאַראָש האט מיר בעצייטענס גענעבען פאר דיר.

זיא האט איהם דערלאנגט א קליין שווארץ קעסטעלע, וואס האט אויסגעזעהען, ווי אַ קעסטעלע וואו מען האלט ציערונג. ער האט עס גלייכגילטיג געעפענט און דערזעהען דאס קרייץ פון דער עהרען־לאגיאן.

ער איז געווארען בלייך, דאן האט ער לאכענד געזאגט:

— צעהן מיליאן וואלטען מיר א סך ליעבער געווען. דאס שפיעלכעל קאסט ניט פיעל.

זיא האט געמיינט, אז ער וועט זיך דערפרייען און דיא קאלטקייט האט איהר צורייצט.

— מען קען פון דיר ניט אויסהאלטען. מיט גארנישט ביזטו מעהר צופריעדען.

— דער מאן צאהלט מיר, וואס ער איז מיר שולדיג, האט דו ראי געענטפערט רוהיג, און ער איז מיר שולדיג נאך א סך מעהר.

דער טאן, מיט וועלכען ער האט גערעדט, האט איהר שטאַרק איבערראַשט.

— פאר דיין עלטער איז דאס ניט שלעכט, האט זיא געזאגט.

— וויא א מאל, האט ער געענטפערט. איך האב שוין היינט געקענט האבען מעהר.

ער האט גענומען דאס קעסטעלע, האט עס אנידערגעשטעלט אפען אויפ'ן קאמין און האט א פאר סעקונדען לאנג בעטראכט דאס בלישצענדע קרייץ. דאן האט ער עס פערמאכט און איז אוועק שלאפען, ציהענדיג מיט דיא אַקסלען.

דעם ערסטען יאנואר האט דאס אפיציעלע זשורנאל געמעלדעט, אז דער שריפטשטעלער הערר פראספער זשארזש

B. Y.

דו ראי איז ערנאנט צום ריטעד דער עהרען־לעגיאָן, „צוליעב אויסער געוואוינליכע דיענסט“.

דער נאָמען איז געווען געטהיילט אין צוויי ווערטער און דאס האָט זשאָרזש'ן פערשאַפט מעהר פערגעניגען וויא דער ארדען אליין. מיט א שטונדע שפעטער האט ער געקראגען פון פרוי וואַלטער אַ בריעף, אין וועלכען זיא האָט איהם און זיין פרוי איינגעלאדען צו עסען מיט זיי דיעזען אַבענד און ער זאל קענען פייערן זיין אויסצייכנונג. נאך א קורצען קווינקלען האט ער דעם בריעף אַריינגעוואָרפען איז פייער און האָט געזאָגט צו מאַדעליין:

— מיר עסען היינט אבענד ביי דיא וואַלטערס.

זיא האט איבערראַשט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און געפרעגט:

— מיר האָט אויסגעוויזען, אַז דו ווילסט שוין איבערהויפט מעהר ניט געהן צו זיי.

— איך האָב זיך בעטראַכט.

פרוי וואַלטער האט זיי אויפגענומען אין דעם קליינעם בודואַר וואס איז געווען אין דעם סטיל פון לודוויג דעם זעכצעהנטען. אין דיעזען צימער פלעגט זי אויפנעהמען איהרע אינטימסטע פריינד. זיא איז געווען שוואַרץ געקליידעט און דיא האָר זיינען געווען געפודערט ווייס. דאָס איז איהר זעהר געגאַנגען. פון דערווייטענס האט זיא אויסגעזעהן וויא אַן אַלטע, פון דער נאָהענט — ווי א יונגע פרוי, און אין ביידע פעלע האט זיא געמאכט אַ רייצענד בילד.

איהר טראָגט טרויער? האט געפרעגט מאַדעליין.

— יא און ניין, האט זיא געענטפערט מרה שחורה'דיג. איך האב פון מיינע קיינעם ניט פערלאָרען, אָבער איך בין שוין אין אַן עלטער, ווען עס הויבט זיך אָן דער טרויער פון לעבען. איך האב דאָס קלייד נאָר היינט אָנגעטהאָן, אום צו צייכנען דיעזען אבשניט אין מיין לעבען פון איצט אָן וועל איך טראָגען טרויער אין האַרצען.

— אויב דו ווערסט זיך נאָר האַלטען טריי ביי דיעזען ענטשלוס, האט דו ראָי געטראַכט צו זיך.

דער דינער איז אַריבער גאַנץ אומעטיג נאָר סוזאנע האט ניט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען. ראָזע איז ניט געווען אזוי פריילִיך. מען האָט דעם זשורנאַליסט גראַטולירט פון אלע זייטען. נאכן עסען האט מען ארומגעשפּאַציערט איבער דיא סאַלאנען און דאַן זיינען אַלע אַריין אין דעם ווינטער גאָרטען. דו ראָי איז געגאַנגען דער לעצטער מיט פרוי וואַלטער. זיא האט איהם אַ כאפּ געטהאָן ביים אַרם.

— איך קען ניט לעבען אהן אייך, האט זיא געזאגט. ווען אפילו איך וועל זיין פון היינט אָן ניט מעהר וויא אן אַלטע פרוי פאר אייך. אום אייך עס צו בעווייזען האָב איך דיא האָר געמאַכט ווייס.

זיא האט אָנגעכאַפּט זיין האַנד און האָט איהר אַזוי קרעמפּהאַפט געדריקט, אַז איהרע נעגעל האבען זיך איינגעגעסען אין זיין לייב.

— איהר ברויכט ניט איבערצוזאָגען עס מיר נאָך אַ מאָל, האָט ער רוהיג געענטפערט. דאָס איז אַן אָבגעמאַכטע זאַך. איהר זעהט דאָך, אַז איך בין היינט גלייך געקומען אויף אייער איינלאַדונג.

B. Y.

הערר וואַלטער מיט זיינע צוויי טעכטער און מאַדעליין, וואס זיינען געגאַנגען פאַראוים. האבען שוין אויף זיי געוואַרט ביי דעם בילד: „יעזוס וואַנדעלט איבערן ים".

— שטעלט אייך נור פאָר, האָט וואַלטער אויסגעשריען לאַכענדיג, נעכטען האָב איך געטראָפען מיין פרוי קניען און בעטען פאר דיעזען בילד וויא אין אַ קלויסטער. איך האב שוין לאַנג אַזוי ניט געלאַכט.

— דיעזער קריסטאַס וועט רעטען מיין זעלע, האט פרוי וואַלטער געענטפערט מיט אַ געהיימע ערדעגונג. ער גיט מיר מוטה און קראַפט אַזוי גיך וויא איך קוק נאָר אַרויף צו איהם.

זיא איז געבליבען שטעהן פאַרן בילד און האט אין דער שטיל ווייטער געזאָגט:

— וויא שעהן ער איז! דיעזע מענער האָבען פאַר איהם מורא און ליעבען איהם דאָך. זעהט נאָר דיעזען קאָפּ און דיעזע אויגען, זיי זיינען דאָך אַזוי איינפאַך און דאָך אזוי איבער־ערדיש.

— ער איז זעהר עהנליך צו אייך, שעהנער פריינד, האָט פּלוצים אויסגעשריען סוזאַנע. ווירקליך, ער איז עהנליך צו אַייך. דיא איינציגע זאַך וואס שטערט איז דיא באָרד.

אויף איהר וואונש האט ער זיך אוועקגעשטעלט גלייך אויסגעצויגען נעבען בילד, און אלע לאַבען ווירקליך אויסגעפונען, אַז דיא געזיכטער זיינען זעהר עהנליך. אלע זיינען געווען זעהר איבערראַשט און הערר וואַלטער האט דיא זאַך געפונען פאַר מערקווירדיג. מאַדעליין האָט לאַכענדיג בעמערקט, אַז קריסטאַס אויפ'ן בילד זעהט דאָך אוים פיעל מענליכער. פרוי וואַלטער האָט אונבעוועגליך געקוקט אויף דו ראָים געזיכט און איהר געזיכט איז כמעט אַזוי וויים געוואָרען, וויא דיא האר אויף איהר קאָפּ.

XVI.

נאָך ניי־יאָהר האבען די דו ויאָים זעהר אָפט פערבראַכט ביי דיא וואַלטערס. זשאָרזש אַליין האָט דאָרטען געגעסען כמעט יעדען טאָג, ווען אַפילו מאַדעליין איז געבליבען צו הויז אונטער דעם אויסרייד, אַז זיא איז ניט געזונד. זיין שטענדיגער טאָג איז געוואָרען פרייטאָג. אין דיעזען טאָג פלעגט פרוי וואַלטער קיינעם ניט ניט איינלאַדען, דיעזער טאָג האָט אין גאַנצען געהערט צום שעהנעם פריינד, נאָר צו איהם אַליין. נאכ'ן עסען האָט מען געשפּיעלט אין קאָרטען אָדער געקאָרמעט די כינעזישע פיש, קורץ, מען האָט פערבראַכט די צייט אין אַן ענגען פאַמיליען־קרייז. אייניגע מאָל האָט פרוי וואַלטער הינטער אַ טהיר אָדער אַ געדיכטע גרופּע געוויקסען אַרומגעכאַפּט דעם שעהנעם פריינד און איהם געשעפּטשעט אין אויער אַריין:

— איך ליעב דיך!... איך ליעב דיך צום שטאַרבען!

נאָר ער האָט איהר שטענדיג קיהל צוריקגעשטופּט און געזאָגט קורץ:

— אויב איהר וועט ווידער אָנפאַנגען דיא זעלבע געשיכטע, וועל איך מעהר צו אַייך ניט קומען.

סוף מערץ האָט מען פּלוצלונג אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דער פערהייראַטונג פון ביידע שוועסטער. ראָזע — האָט מען דערצעהלט — וועט הייראַטען דעם

גראף דע לאטאר איוועלין, און סוזאנע—דעם מארקיז דע גאזאל. ביידע מענער זיינען געווען אפטע בעזוכער אין דיעזען הויז און מען האט זייא בעהאנדעלט וויא היימישע, וועלכע האבען דארטען א רעכט. זשארזש און סוזאנע האבען זיך געפיהרט גאנץ פריי וויא ברודער און שוועסטער. זייא האבען שטונדען לאנג גערעט צוזאמען, האבען געלאכט פון דער גאנצער וועלט און האבען געשיינט שטארק צו געפעלען איינער דעם צווייטען. זיי האבען מעהר קיין מאהל ניט גערעדט וועגען איהר חתונה האבען אדער וועגען דיא יונגע לייט וואס האבען געזוכט איהר האנד.

א מאהל האט הערר וואלטער געבראכט זשארזש'ן צום פריהשטאק. נאכ'ן עסען האט עמיצער אבגערופען פרויא וואלטער, און זשארזש האט געזאגט צו סוזאנע:

— קומט צו דיא רויטע פיש, מיר וועלען זייא געבען עסען.

יעדער פון זייא האט גענומען א גרויסע שטיק ברויט פון טיש און זיינען אריין אין דעם ווינטער גארטען. ארום דעם באזין זיינען געווען אויסגעלייגט קישעלאך, אויף וועלכע מען האט זיך געקענט שטעלען אויף דיא קניע, אום צו קענען בעאבאכטען דיא פיש פון דער נאהענט. דיא יונגע לייט האבען גענומען יעדער א קישעלע און האבען זיך אנגעבויגט צום וואסער, אנשפארענדיג זיך אקסעל צו אקסעל און האבען געווארפען שטיקלאך ברויט. די פיש האבען זיך גלייך גענומען שפארען א הין, האבען אונרוהיג געדרייט מיט זייערע גרויסע אויסגעשטארטשעטע אויגען, אונטער געכאפט דאס ברויט און זיינען באלד ווידער געווען אויפ'ן זעלבען ארט, אום צו כאפען א נייע שטיקעל. זשארזש און סוזאנע האבען נעזעהן זייערע אייגענע געזיכטער פערקעהרט אין וואסער און יעדער האט צוגעשמייכעלט צום צווייטענס בילד.

פלוצים האט ער שטיל געזאגט צו איהר:

— עס איז ניט שעהן פון אייך, סוזאנע וואס איהר האט פון מיר סודות.

— וואס פאר א סודות, שעהנער פריינד? האט זיא געפרעגט.

— געדענקט איהר, וואס איהר האט מיר צוגעזאגט אויף יענעם באל גראדע אויף דיזען פלאץ? איהר וועט מיר שטענדיג פרעגען א ראטה, אויב אימיצער וועט בעטען אום אייער האנד.

— אלזא?

— מען האט דאך געבעטען אים אייער האנד.

— ווער איז דאס?

— איהר ווייסט עס גאנץ גוט.

— ניין, איך שווער אייך.

— איהר ווייסט יא; דער לאנגער פיסטער פראנט, מארקיז גאזאל.

ערשטענס איז ער ניט קיין פוסטער פראנט.

— דאס איז מעגליך, אבער איז נארעש און פרויען און קארטען האבען איהם פאלשטענדיג רואינירט. נאר פאר אזא שעהן, פריש און קלוג מיידעל איז דאס א'ן אויסגעצייכענטע פארטיע.

— וואס האט איהר געגען איהם? האט זיא געפרעגט לאכענדיג.

— איך? גאר ניט.

— דאך, דאך, אזוי שלעכט ווי איהר, שטעלט איהם פאר איז ער ניט.

B. Y.

— איך זאָג אייך, אַז ער איז אַ נאַר און אינטריגאַנט.

זיא האט שוין מעהר ניט געקוקט אין וואַסער און האָט אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם אַ זייטיגען בליק.

— וואס איז אייך? האָט זיא איהם ענדליך געפרעגט.

— איך... איך בין איפּערזיכטיג אויף איהם, האָט ער געענטפערט מיט אַ טאָן, אַזוי וויא מען וואָלט פון איהם אַרויסגעריסען זיינע אַ הייליגסטע געהיימנים.

— איהר? האט זיא געפרעגט ער־שטוינט.

— יאַ איך.

— אָבער פאַר וואָס?

ווייל איך בין פערליעבּט אין אייך, דאָס האט איהר שוין לאַנג געמוזט פיה־לען, בּייזע קינד.

— איהר זייט אַראָבּ פון זינען, שעה־נער זשאָרזש, האָט זיא געזאָגט מיט אַ שטרענגען טאָן.

— איך וויים עס, איך בּין אַראָפּ פון זינען, האָט געזאָגט זשאָרזש. אָבער דאַרף איך אַלס פערהייראַטעטער מאַן מאַכען אייך, אַזאַ יונג מיידעל, דיעזע געשטענד־נים? איך בּין מעהר וויא פעררירקט, איך פיהל זיך שולדיג און פערדין בּעשטראָפט צו ווערען. מיר בּלייבּט קיין האָפנונג ניט. און דאָס טרייבּט מיך אַראָבּ פון זינען. און ווען איך הער, אַז איהר ווילט זיך פערהייראַטען, ווער איך אַזוי אויסער זיך, אַז מיר שיינט אַז איך מוז יענעם טויד־טען. פערצייהעט מיך, סוזאַנע.

ער איז אַנשוויגען געוואָרען, און דיא פיש, ניט בּעקומענדיג מעהר קיין ברויט, זיינען געבּליבּען שטעהען אונבּעוועגליך אין רייהע אין וואַסער, אַזוי וויא ענגלישע סאָלדאַטען און האָבען געקוקט אויף דיא צוויי געזיכטער, וואס האבען זיך איבּער זיי אַריבּערגעבּויגען און מעהר זיך ניט בּעשעפטיגט מיט זיי.

— שאַדע וואָס איהר זייט פערהייראַ־טעט, האָט סוזאַנע געזאָגט, האַלבּ לוסטיג, האַלבּ טרויעריג, נאָר עס איז פערפאַלען.

ער האָט זיך פלוצים אומגעווענדעט צו איהר און האָט איהר אַריינגעקוקט גלייך אין דיאַ אויגען אַריין.

— און ווען איך זאָל זיין פרייא, וואָלט איהר מיט מיר חתונה געהאַט? האָט ער געפרעגט.

— יאַ, שעהנער פריינד, האָט זיא גע־ענטפערט מיט אַ'ן איבּערצייגטען טאָן, איך וואָלט מיט אייך חתונה געהאַט, ווייל איהר געפעלט מיר מעהר וויא אַלע אַנ־דערע.

— דאַנק... דאַנק... האָט ער גע־זאָגט, אויפהייבּענדיג זיך. איך בּעט אייך נאָר איין זאַך, איהר זאָלט קיינעם ניט געבּען אייער האַנד בּיז כאָטש נאָך אַ קורצע צייט. איהר וועט וואַרטען נאָך אַ קורצע צייט — ניט אמת? זאָגט איהר מיר צו?

— איך זאָג אייך צו, האָט זיא גע־ענטפערט, ניט קענענדיג בּעגרייפען, צו וואָס ער פאָדערט עס.

דו ראָי האָט אַ וואָרף געטאָן אַ גרוי־סע שטיק בּרויט, וואָס ער האָט געהאַלטען אין די הענד, אין וואַסער אריין, און איז אַנטלאָפען געוואָרען, ניט נעהמענדיג פון איהר אַבּשיעד, אַזוי וויא ער וואָלט פער־לאָרען דעם קאָפּ. און ווען סוזאַנע האָט

זיך אונרוהיג און צומישט אויפגעהויבען, איז שוין דו ראַי געווען פערשוואונדען.

ער איז רוהיג אַוועק אַ היים און האָט נעפרעגט מאַדעליין, וועלכע האָט גע־האַלטען אין שרייבען אַ בריעף:

— געהסטו פרייטאָג מיט מיר צו דיא וואַלטערס צו מיטאָג? איך וועל געהן.

זיא האָט זיך אַ מינוט מיישב געווען און דאַן האָט זיא געזאָגט:

— ניין, איך פיהל זיך ניט עפּעס אין גאַנצען, איך וועל בעסער בלייבען אין דער היים.

— וויא דוא ווילסט, האָט ער געענט־פערט, איך וועל דיך ניט צווינגען.

ער האָט ווידער גענומען זיין הוט און איז אַוועק פון דער היים.

שוין אַ לאַנגע צייט וויא ער האָט איהר נאָכגעשפירט און געהיט. און ער האָט שטענדיג געוואוסט, וואוהין זיא געהט. דיא שטונדע אויף וועלכע ער האָט אַזוי אונגעדולדיג געוואַרט, איז ענדליך געקו־מען. ער האָט זיך ניט געלאָזט נאַרען פון דעם טאָן, מיט וועלכען זיא האָט צו איהם געזאָגט: „איך וועל בעסער בלייבען אין דער היים".

דיא עטליכע טעג, וואָס איז פערבליבען צו וואַרטען ביז פרייטאָג איז ער געווען זעהר גוט צו איהר און איז געווען גאַנץ פריילִיך, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט זעלטען אין דיא לעצטע צייט. ער איז געווען אַזוי פריילִיך, אַז זיא האָט אַ מאָל געזאָגט צו איהם:

— זעהסטו איצט ביסטו ווידער וויא עס דאַרף צו זיין און ליעב.

פרייטאָג אַוועגד האָט ער זיך אָנגעטאָן בעצייטענס, וויל וויא ער האָט געזאָגט האָט ער נאָך געדאַרפט זיין אין אַ פּאַר ערטער, איידער ער וועט געהן צו דיא וואַלטערס. אַרום זעקס אַזייגער האָט ער אַ קוס געטאָהן מאַדעליין און איז אַרויס פון שטוב. ער האָט גענומען אַ דראָזשקע און געהייסען דעם קוטשער פאָהרען צו דער רוע פאָנטאַן און אָבשטעלען זיך אַנטקעגען נומער 17.

— איהר וועט דאַרטען שטעהן, ביז איך וועל אייך געבען אַ צייכען צו פאָה־רען ווייטער. דאַן וועט איהר מיך ברענ־גען צום רעסטאָראַן: „דיא פאַווע" וואָס געפינט זיך אין דער לאַפּאַיעטער גאַס.

דיא דראָזשקע האָט זיך לאַנגזאַם אָנ־געהויבען צו בעוועגען, דוראַי האָט אַרונ־טערגעלאָזט דיא גאַרדינען איבער ביידע פענסטער. ווען דיא דראָזשקע האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר זיין טהיר, האָט ער מעהר זיינע אויגען ניט אַראָבגעלאָזט פון איהר. מיט צעהן מינוט שפּעטער האָט ער געזעהן, וויא מאַדעליין איז אַרויס פון שטוב און האָט זיך געלאָזט אריבער־געהן דעם בולוואַר. ווען זיא איז פער־שוואונדען פון זיינע אויגען, האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער קאַ־רעטע און האָט אַ געשריי געטהאָן צום קוטשער:

— פאָרווערטס!

דיא דראָזשקע האָט איהם געבראַכט צום רעסטאָראַן „דיא פאַווע" וואָס איז געווען בעקאַנט אין דעם גאַנצען קוואַרטאַל, אַלס אַ גוטער בירגערליכער רעסטאָראַן זשאַרזש איז אַריין אין גרוי־סען שפּייז-סאַלאָן און האָט רוהיג אָב־געגעסען זיין מיטאָג, קוקענדיג פון צייט צו צייט אויפ'ן זייגער, נאָכדעם וויא ער

האָט אָבגעטרונקען זיין טאַסע קאַפע און
צווי גלעזלעך שאַמפּאַניער, האָט ער
נאָך אויסגערויכערט אַ גוטען סיגאַר.
אַרום האַלב אַכט האָט ער גענומען אַ
דראָזשקע, וואָס איז גראַדע לעדיג פער־
בייגעפאָהרען און האָט געהייסען פאָה־
רען אין דער רוע לאַ ראָקעט.

ניט פרעגענדיג דעם פּאָרטיער, איז
ער גלייך אַריין אין הויז נעבען וועלכע
ער האָט געהייסען דעם קוטשער זיך אָב־
שטעלען און איז אַרויף אויפ׳ן דריטען
שטאָק.

— הערר דע לאָרם איז צו הויז, ניט
וואָהר? האָט ער געפרעגט דאָס דינסט
מיידעל, וואָס האָט איהם געעפענט דיא
טהיר.

— יא מיין הערר, האָט זיא גע־
ענטפערט.

זיא האָט איהם אַריינגעפיהרט אין
זאַל, וואו ער האָט געוואַרט אַ פּאָר סע־
קונדען, דאַן איז אַריינגעקומען אַ הויכער
מאַן, וואָס האָט אויסגעזעהען וויא איי־
נער וואָס איז געווען אין מיליטער, מיט
אַן אָרדען־בענדיל אין קנאָפּ־לעכעל.
זיינע האָר זיינען געווען גרוי הגם ער איז
נאָך ניט געווען אַזוי אַלט.

— הערר פּאָליציי־קאָמיסאַר, האָט
זיך דו ראָי געווענדעט צו איהם, נאָכדעם
וויא ער האָט איהם בעגריסט, עס איז
אַזוי וויא איך האָב ערוואַרט. מיין פרוי
שפּייזט יעצט מיט איהר געליעבטען
אין זייער מעבלירטען וואָהנונג, וואָס זייא
האָבען געדונגען אין דער רוע מאַרטיר.

— איך שטעה אייך צור דיענסט,
האָט דער בעאַמטער געענטפערט, שאָק־
לענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— ביז ניין אַ זייגער האָבען מיר צייט
ניט וואָהר? האָט געפרעגט זשאָרזש,
שפּעטער, דענק איך, האָבען מיר קיין
רעכט ניט אַריינרייסען זיך אין אַ פּריי־
וואַט וואָהנונג צו דערטאַפּען אַ ווייב מיט
אַ פרעמדען מאַן.

— ווינטער ביז זיבען און פון דעם
31 מערץ ביז ניין אַ זייגער, היינט
איז דער 5 טער אַפּריל, אַלזאָ האָבען מיר
צייט ביז ניין אַ זייגער.

— מיין קאַרעטע וואַרט אונטען,
הערר קאָמיסאַר, מיר קענען מיטנעהמען
דיא פּאָליציסטען, וואָס איהר דאַרפט,
מיט זיך, און דאַן אַ ווײַלע אויפוואַרטען
ביי דער טהיר. וואָס שפּעטער מיר ווע־
לען קומען, וועלען מיר אַלץ מעהר קענען
זיין זיכער, אַז מיר וועלען זיי כאַפּען ווי
גאָטט האָט זייא בעשאַפען.

— וויא אייך געפעלט.

דער קאָמיסאַר איז אַרויסגעגאַנגען
און איז באַלד צוריקגעקומען אין אַ ראָק,
וואָס האָט פערדעקט זיין דריי פאַרביגען
שאַרף.

זייא האָבען מיטגענומען דריי פּאָלי־
ציסטען אין ציוויל קליידער, וואָס האָבען
שוין אויף זיי געוואַרט אין דער פּאָליציי
סטאַציאָן, ווייל זשאָרזש האָט אין דעם
פערלויף פון דעם טאָג בעזאָרגט יעדע
זאַך, אום קענען כאַפּען דאָס פּאָאַר. איי־
נער פון דיא פּאָליציסטען האָט זיך גע־
זעצט נעבען קוטשער, די אַנדערע צוויי
זיינען אַריינגעשטיגען אין קאַרעטע צו־
זאַמען מיט דו ראָי און דעם קאָמיסאַר,
און דיא קאַרעטע האָט זיך געלאָזט פאָה־
רען נאָך דער רוע מאַרטיר.

— דאָ האָב איך דעם פּלאַן פון דער

וואָהנונג, האָט געזאָגט דו ראָי. דיא וואָהנונג געפינט זיך אויפ'ן צווייטען עטאַזש, מען קומט אַריין אין אַ קליינעם פאָרצימער, אין א'ן עס־צימער. דאס שלאָפצימער געפינט זיך הינטער דעם עס־צימער. דיא דריי צימערן זיינען פערבונדען איינס מיט'ן צווייטען און קיין אַנדער אויסגאַנג איז ניטאָ. מיט אַ פּאָר הייזער ווייטער וואוינט אַ שלאָסער, וועלכען מען קען בריינגען צו יעדער צייט.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום הויז איז ערשט געוועזען אַ פיערטעל אויף ניין, און זיי האַבען שווייגענד אָבגעוואַרט נאָך אַ צוואַנציג מינוט. ווען עס האָט געשלאָגען דריי פיערטעל, האָט זשאָרזש געזאָגט:

— איצט איז דיא צייט.

זיי זיינען אַרויף אויף דיא טרעפּ און דער פּאָרטיער האָט זיי אַפילו ניט בעמערקט. איין פּאָליציסט איז געבליבען אין גאַס ביי דער טהיר, אום צו היטען, אַז קיינער זאָל פון דאַנען ניט קענען אַנטלויפען.

אויפ'ן צווייטען שטאָק האָבען זיך אַלע פיער אָבגעשטעלט און דו ראָי האָט זיך צוגעהערט הינטער דער טהיר און דאַן אריינגעקוקט אין שליעסעל־לאָך. עס איז געוועזען שטיל אינערוויינינג.

— איהר וואַרט דאָ, האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר און איהר וועט אַריין ווען איך וועל אייך רופען.

דו ראָי האָט אָנגעקלונגען און זיי האָבען געוואַרט. מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט דו ראָי עטליכע מאָל נאָך אַנאַנד אַ ציה געטהאָן דאָס גלעקיל, זיי האָבען געהערט אַ שטילען גערויש, און לייכטע שריט האָבען זיך געהערט צוקומען צו דער טהיר. דער זשורנאַליסט האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען שטאַרק אין דער טהיר.

— ווער איז דאָרטען? האָט זיך אָנגערופען א פערשטעלטע פרויען־שטימע.

— אין נאָמען פון געזעץ — עפענט! האָט אויסגעשריען דער קאָמיסאַר.

— ווער זייט איהר? האָט וויעדער געפרעגט דיא שטימע.

— איך בין דער פּאָליציי קאָמיסאַר. עפענט, אַז ניט וועל איך הייסען אויפ־אויפברעכען דיא טהיר.

— וואס דאַרפט איהר? האָט געפרעגט דיא שטימע.

— איך בין דאס, האט זיך אריינגעמישט דו ראָי. איהר וועט איצט פון מיר ניט אַנטרינען.

דיא לייכטע שריט זיינען אַוועקגעלאָפען און האבען זיך באַלד ווידער דערהערט צוריקקעהרען.

— אויב איהר וועט ניט עפענען וועלען מיר אויפברעכען דיא טהיר, האט געזאָגט דו ראָי.

ער האָט פעסט אָנגענומען פאַר'ן הענטיל פון טהיר און האָט גענומען שטופּען מיט'ן אקסעל. אַזוי וויא פון אינערוויינינג האט זיך נאָך אַלץ גאָר ניט געהערט, האָט ער אַזאַ שטאַרקען שטופּ געטהאָן, אַז דער אַלטער שלאס האָט נאָכגעגעבען דיא שרויפען האבען זיך אַרויסגעריסען פון דעם האָלץ און דו ראָי איז שיער ניט ארויפגעפאַלען אויף מאדעליין, וועלכע איז געשטאַנען אין פּאָרצימער מיט אַ ליכט אין דער האַנדי האַלב נאַקעט, אין איין העמד מיט אן אונטערסטע קליידעל מיט צולאָזטע האָר און באָרפוס.

B. Y.

— ווארט! האט ער א געשריי גע־
טהאן, מיר האבען איהר! און ער האט
זיך א ווארף געטהאן אין וואהנונג.

דער פאליציי קאמיסאר האט אראב־
גענומען דעם הוט און איז איהם נאכגע־
גאנגען. דיא יונגע פרוי איז ערשראקען
נאכגעגאנגען און האט זיי צוגעלייכט.

אנפאנגס זיינען זיי אריין אין עס־
צימער וואו אויפ'ן טיש זיינען נאך גע־
ווען דיא שריים פון א מאלצייט, לעדיגע
שאמפאניער פלעשער, א שיסעל מיט
פאסטעטען פון געגזענע לעבערלאך, ביינ־
דלאך און ברעקלאך ברויט. אויף א
צווייטען טישעל זיינען געשטאנען צוויי
טעלער מיט שעלכלאך פון אויסטערס.
דאס שלאף צימער האט געמאכט דעם
איינדרוק, אזוי וויא דארטען וואלט
פארגעקימען א ווילדער קאמפף: א
קלייד איז געלעגען איבערגעווארפען אי־
בער א שטוהל, און א פאר מענער הויזען
זיינען געלעגען רייטענדיג איבערן רוקען
פון א צווייטען פאטעל. ארום בעט זיינען
געשטאנען צוויי פאר קאמאשען איין
פאר א גרעסערע און דאס צווייטע א
קליינע.

דאס איז געווען א גאנץ געוואוינליך
מעבלירט צימער מיט'ן בעקאנטען גע־
רוך פון דיא האטעלען, וואס שיינט זיך
צו הערען פון דיא גארדינען, מאטראצען,
ווענד און מעבעל, אייסגעמישט מיט'ן
גערוך פון דיא געסט, וואס פערברענגען
דא נעכט, וואכען אדער חדשים. א זיס־
ליכער אונערטרעגליכער גערוך א טע־
לער מיט קאנפעקטען, א האלבע פלאש
וויין און צוויי גלעזלעך האלב אבגע־
טרונקען, זיינען געשטאנען אויפ'ן קאמין.
איבערן זייגער איז געווען אריבערגעהאנ־
גען א מענער הוט. דער קאמיסאר האט
זיך ארומגעקוקט און האט זיך דאן גע־
ווענדעט צו מאדעליין.

— זייט איהר פרוי קלארא מאדע־
ליין דו ראי, דאס ווייב פון דיעזען הערן,
דעם שריפטשטעלער הער פראספער
זשארזש דו ראי?

— יא, האט זיא געענטפערט מיט א
האלב פערשטיקטער שטימע.

— וואס טהוט איהר דא?

זיא האט ניט געענטפערט.

דער בעאמטער האט ווידער גע־
פרעגט:

— וואס טהוט איהר דא! איך געפין
אייך דא אין א מעבלירטען צימער, וויא
קומט איהר אהער?

ער האט געווארט איניגע סעקונדען,
און זעהענדיג אז זיא שווייגט, האט ער
ווידער געזאגט:

— אויב איהר ווילט מיר ניט זאגען,
וועל איך זיך מוזען אליין איבערצייגען.

אין בעט האט זיך געזעהן דיא פאר־
מע פון א קערפער, וואס האט זיך בע־
האלטען אונטער דער דעקע. דער קא־
מיסאר איז צוגעגאנגען נעהענטער און
האט א געשריי געטהאן:

— מיין הערר!

דער מאן אין בעט האט זיך קיין ריהר
ניט געטהאן. ער איז וויא עס האט גע־
שיינט געלעגען מיט'ן רוקען ארויף, איינ־
געגראבען דעם קאפ אין קישען.

— איך בעט אייך, צווינגט מיך ניט
צו ברויכען געוואלט, האט געזאגט דער
בעאמטער, בעריהרענדיג א טהייל פון זיין
קערפער, וואס האט געוואלט זיין זיין

שולטער.

נאר דער בעהאלטענער קערפער האט זיך ניט געריהרט, גלייך וויא דארטען וואלט געלעגען א טוידטער.

דו ראי איז צוגעגאנגען צום בעט און האט אראבגעריסען די דעקע. פון אונטען האט זיך ארויסגעוויזען לאראש מאטהיים טוידט־בלייכע געזיכט. דו ראי האט זיך אנגעבויגען איבער איהם און וואלט איהם גערן דערווארגען אויף דער שטעל. נאר דער בעאמטער האט זיך געווענדעט צו לאראש און געפרעגט.

— ווער זייט איהר?

— רעדט דאך! האט זיך דוראי אריינגעמישט. האט וועניגסטענס מוטה צו ענטפערן אויף אייער געמיינהייט!

אזוי וויא לאראש האט נאך אלץ ניט געענטפערט האט דער בעאמטער ווייטער געזאגט:

— אויב איהר וועט מיר ניט זאגען אייער נאמען, וועל איך זיין געצוואונגען צו ארעסטירען אייך.

— ענטפערט! האט דו ראי אויסגעשריען מיט כעס. פייגלינג! אז ניט וועל איך ריידען פאר אייך.

— הערר קאמיסאר, האט אויסגעשטאמעלט לאראש, איהר דארפט ניט לאזען, אז ער זאל מיך בעליידיגען, איך האב זיך נאר צו פערענטפערן פאר אייך.

די צונג האט איהם געשיינט צו זיין צוגעקלעבט צום גומען

— געוויס, נאר מיר אליין האט געענטפערט דער בעאמטער, און דאריבער פרעג איך דאך אייך: ווער זייט איהר?

לאראש האט געשוויגען, האט ארויפגעצויגען דיא דעקע ביז צום האלז, זיינע אויגען זיינען ארומגעשפרונגען; פערצווייפעלט, זיין קליין בערדיל האט אויסגעזעהן שווארץ וויא פעך אויף זיין וואקסבלייכען געזיכט.

—איהר ווילט מיר ניט ענטפערען? האט געזאגט דער קאמיסאר, דאן וועל איך זיין געצוואונגען צו ארעסטירען אייך, יעדענפאלס מוזט איהר זיך אויפהויבען און אזוי גיך וויא איהר וועט זיך אנטהאן וועל איך מאכען א פראטאקאל.

דער קערפער האט זיך בעוועגט אונטער דער דעקע, און דער קאפ האט געמורמעלט:

— אין אייער געגענווארט קען איך עס ניט טהאן.

— פאר וואס ניט? האט געפרעגט דער בעאמטער.

— ווייל איך... ווייל איך... האט געשטאמעלט לאראש... ווייל איך בין נאקעט.

דו ראי האט אויפגעהויבען פון בארען א העמד און האט איהר מיט א געלעכטער א ווארף געטהאן אויפ'ן בעט.

— פארווערטס! האט ער אויסגעשריען... שטעהט אויף... אזוי וויא איהר האט זיך אויסגעטהאן אין דער געגענווארט פון מיין פרוי, וועט איהר שוין קענען אנטהאן זיך אין אונזער געגענווארט.

ביי דיא ווערטער האט ער זיך צו איהם אומגעקעהרט מיט'ן רוקען און איז צוגעגאנגען צום קאמין.

מאדעליין איז אין גאנצען געקומען צו זיך. זעהענדיג, אז אלעם איז פערלארען, האט זיא געקריגען א נייעם מוטה, איהרע אויגען האבען געבליצט מיט פרעכהייט

B. Y.

זיא האָט צוזאַמענגעוויקעלט אַ לאַנגע שטיקעל פּאַפּיער, האָט עס אָנגעצונדען און מיט דעם אָנגעצונדען אַלע צעהן ליכט, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן קאַמין, אזוי וויא צו אַ יום טוב. דאַן האָט זיא זיך אַנידערגעזעצט האט ארויפגעשטעלט איין נאַקעטען פוס אויפ'ן גראַטע פון קאַמין, וואו דאס פייער האָט שוין געהאַלטען אין אויסגעהן און האָט דאַן אַרויסגענומען פון אַ ראָזע קאָנווערט אַ סיגאַרעט און האָט איהם פעררויכערט. ווען דער קאָמיסאַר איז צו איהר צוגעגאַנגען, האָט זיא איהם געפרעגט:

— בעשעפטיגט איהר זיך אָפט מיט אַזאַ אַרבייט?

— אַזוי זעלטען וויא נאָר מעגליך, האט ער געענטפערט ערנסט.

— אויב אַזוי ווינש איך אייך גליק, ווייל דאס איז ניט קיין פיינע בעשעפטיגונג.

לאַראָש מאַטהיי האָט זיך דערווייל אָנגעטהאָן, און דער בעאַמטער האָט ווידער געפרעגט:

— ווילט איהר מיר ענדליך זאָגען, ווער איהר זייט?

לאַראָש האָט ניט געענטפערט.

— אויב אַזוי מוז איך אייך אַרעסטירען.

— ריהרט מיך ניט אָן, איך בין אונפערלעצליך, האט לאַראָש אויסגערופען מיט כעס.

— מען האָט אייך געכאַפּט ביים פריישען טהאַט! האָט דו ראָי אויסגעשריען און איז צוגעלאָפען צו איהם, אַזוי ווי ער וואלט איהם געוואלט אַנידערוואַרפען. איך קען אייך לאָזען אַרעסטירען, אַז איך וויל, יאַ, איך קען עס!...

דאַן האָט ער מיט אַ ציטערענדיגער שטימע ווייטער געזאָגט:

— דיעזער מאַן הייסט לאַראָש מאַטהיי און איז מיניסטער דער אויסווערטיגען אַנגעלעגענהייט.

דער פּאָליציי־קאָמיסאַר איז געוואָרען אַ פערגליווערטער.

— וועט איהר מיר ענדליך זאָגען אייער נאָמען? האָט זיך דער פּאָליציי־קאָמיסאַר געווענדעט צו לאַראָש שטאַמלענדיג.

— דיעזער שורקע האָט כאָטש איין מאָל אין זיין לעבען געזאָגט אַן אמת, האָט לאַראָש געענטפערט מיט אַ הויכער שטימע. איך בין ווירקליך דער מיניסטער לאַראָש מאַטהיי.

דאַן האָט ער געוויעזען מיט דער האַנד אויף זשאָרזש'ן ביי וועמען עס האָט געגלאַנצט אַ קליין רויט בענדעלע אויף דער ברוסט, און האָט געזאָגט:

— און דיעזער גנב טראָגט נאָך דעם קרייץ פון דעם עהרען לעגיאָן, וואָס איך האָב איהם געשענקט.

דו ראָי איז געוואָרען בלייך וויא וואַקס, ער האָט האַסטיג אַרונטערגעריסען דאס בענדעלע און אַריינגעוואָרפען עס אין קאַמין.

נאַט אייך! אַזאַ ווערדע האָט ביי מיר דיא זאַך, וואָס קומט אַרויס פון אַזאַ שווייגעץ וויא איהר.

זיי זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגען צווייטען אויג אין אויג, אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלען אַרויפוואַרפען זיך איינער אויף דעם צווייטען.

— איהר פערגעסט זיך מיינע הערן,

B. Y.

האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר, אַריינשטע־לענדיג זיך צווישען זיי ביידען. פערגעסט ניט אייער שטעלונג!

זיי האָבען זיך שטיל ביידע אָבגע־ווענדעט.

דער קאָמיסאַר האָט זיך איצט געווענ־דעט צו מאַדעליין.

— גיט איהר צו, אַז דיזער הערר איז אייער געליעבטער?

— איך לייקען עס ניט.

— דאָס איז גענוג פאַר מיר.

ווען דער קאָמיסאַר איז פערטיג געוואָ־רען מיט זיינע נאָטיצען, האָט איהם דער מיניסטער געפרעגט:

— דאַרפט איהר נאָך מיר האָבען, אָדער איך קען אַוועקגעהן?

— דאָ האָט זיך די ראָי געווענדעט צום קאָמיסאַר:

— מיר דאַרפען איצט געהן, מיר האָ־בען דאָ מעהר ניט וואָס צו טהאָן.

ווען דער בעאַמטער האָט זיך אָבגע־שטעלט, וועלענדיג, אַז די ראָי זאָל געהן פאָראויס, האָט די ראָי געזאָגט איראָניש:

— ביטע, הערר קאָמיסאַר, איך בין דאָ כמעט וויא ביי זיך אין דער היים, און ער האָט פערמאַכט דיא טהיר הינטער זיך.

מיט אַ שטונדע שפּעטער איז די ראָי אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציאָן וואו ער האָט געאַרבייט ער האָט שוין דא גע־טראָפען וואַלטערן, וועלכער האָט זיך איצט אַזוי וויא פריהער אָבגעגעבען צו זיין בלאַט, וואָס האָט זיך איצט שטאַרק פער־גרעסערט און האָט איהם פיעל געהאָלפען אין זיינע ריזיגע אונטערנעהמונגען.

— פון וואַנען קומט איהר אַהער? האָט ער געפרעגט איבעראַשט, אַזוי גיך, וויא ער האָט דערזעהן זשאָרש'ן. איהר זייט אַ קאָמישער מענש, איהר האָט דאָך היינט געדאַרפט עסען ביי אונז.

-- איך האָב ערלט אַרונטערגעוואָר־פען דעם מיניסטער דעם אויסווערטיגען, האָט זשאָרזש געזאָגט דריקענדיג די ווער־טער, וויסענדיג, וואָס פאַר אַ רושם זיינע ווערטער וועלען מאַכען.

וואָלטעו האָט געגלויבט, אַז די ראָי וויל מאַכען אַ שפּאַס.

— אַרונטערגעוואָרפען? ... פון וואַ־נען האָט איהר איהם אַרונטערגעוואָרפען?

— איך האָב נאָר געמאַכט אַ שטיקעל מיניסטער קריזיס, ווייטער גאָר ניט. עס איז שוין לאַנג צייט געווען, אַז מען זאָל דעם יונג אַרויסשמייסען.

— עך, וואָס רעדט איהר! האָט גע־זאָגט וואָלטער, דענקענדיג, אַז זיין רע־דאַקטאָר איז שיכור.

— איך רייד ריכטיגע ווערטער. איך האָב ערסט געכאַפּט לאַראָש'ן מיט מיין ווייב. דער פּאָליציי קאָמיסאַר האָט גע־מאַכט אַ פּראָטאָקאָל און דער מיניסטער איז קאַפּוט.

— רעדט איהר ערנסט? האָט וואָל־טער געפרעגט, אַרונטערנעמענדיג זיין פענסנע.

— גאַנץ ערנסט, איך וויל גלייך געבען וועגען דעם אַ בעריכט אין דער צייטונג.

— וואָס דענקט איהר דען צו טהאָן?

— איך וויל נאָך צו ברעכען דעם האַלז און געניק דיזען לומפּ וואָס נוצט אויס זיין שטעלונג אַזוי מיאוס.

— זשאָרזש האָט אַנידערגעשטעלט זיין הוט אויף אַ שטוהל און האָט ווייטער געזאָגט:

— ווער עס שטעהט מיר אין וועג, וועט זיך האָבּען מיט מיר צו רעכנען, איך פערציי‏הע קיין מאָל ניט.

וואלטערן איז נאך אלץ ניט געווען קלאָר דיא גאַנצע זאַך און האט קווינקלענדיג ווידער געזאָגט:

— אָבּער... אַייער פרוי?

— מארגען גיבּ איך אַריין אַ קלאַגע אויף אַ שיידונג זיא קען זיך ווידער צוזאַמענגעהן מיט פאָרעסטיע עליו השלום.

— איהר ווילט זיך לאָזען שיידען?

— איין גאָט ווייס, אַז איך האָבּ לאַנג גענוג געשפּיעלט דיא לעבערליכע ראָליע. איך האָבּ זיך געמוזט מאַכען צום נאַר, אום איך זאָל זיי קענען כאַפּען. איצט האבּ איך זיי אין דיא הענד, און איך בּין דער הערר.

וואלטער האָט מיט שרעק געקוקט אויף דוראָי און האט געטראכט צו זיך אַליין:

„צום טייוועל! מען דאַרף זיך היטען פאַר דעם יונג"!

— איצט בּין איך פריי, האָט ווידער געזאָגט זשאָרזש. איך האבּ אַ געוויסען פערמעגען און וועל אין אקטאָבּער בּיי דיא נייע וואַהלען זיך לאָזען אויפשטעלען אַלם קאַנדידאַט פון מיין הייממאַטה, וואו איך בּין גוט בּעקאַנט. אַזוי לאַנג ווי איך בּין געווען צוגעבּונדען צו דיעזער פרוי, זיינען בּיי מיר געווען געבּונדען די הענד און האבּ זיך ניט געקענט מאַכען אַ שטעלונג, ווייל מען האָט אומעדום געקוקט אויף איהר פערדעכטיג. איך האבּ זיך געלאזט פאַנגען פון איהר, ווי אַ ריכטיגער נאַר. נאָר אַזוי גיך וויא איך האָבּ פערשטאַנען איהר שפּיעל האָבּ איך איהר נאָכגעקוקט יעדען טריט.

ער האָט זיך צולאַכט און האָט ווייטער געזאגט:

— דער אָרימער פאָרעסטיע האָט זיך געלאזט נארען פון איהר... איהם איז אפילו אין קאָפּ ניט אַריין, ער איז געווען רוהיג און האָט איהר אין גאַנצען פערטרויט. איך האבּ זיך איצט אָבּגעריי‏ניגט פון דעם שמוץ, וואס זיא האָט מיר אַריינגעבּראַכט אין שטיבּ אַריין. איך בּין איצט פריי, און דיא וועלט איז איצט אָפען פאַר מיר.

ער האָט זיך געזעצט רייטענדיג אויף אַ שטוהל און האט נאָך אַ מאָל געזאָגט שטיל, וויא צו זיך אַליין:

— און איצט איז דיא וועלט אָפען פאַר מיר.

וואַלטער האָט אויף איהם נאך אלץ געקוקט מיט גרויסע אויגען און האָט געטראַכט צו זיך:

— דער חברה־מאַן קען אַוועק ווייט, ווייט!"

— איך וועל איצט וועגען דעם שרייבּען אַ נאָטיץ, האָט געזאָגט זשאָרזש אויפשטעהענדיג. מען דאַרף שרייבּען זעהר פאָרזיכטיג, נאָר דער מיניסטער וועט סיי וויא סיי בּרעכען זיין גּעניק. פאַר אונז איז ער אַ טוידטער מאַן, וועלכען מען קען מעהר ניט העלפען. דיא „ווי פראַנסעז" האָט דאַריבּער מעהר קיין אינטערעס צו שוינען איהם.

וואַלטער האָט אַ פּאַר סעקונדען געקווינקעלט, דאַן האָט ער געזאָגט קורץ און ענטשלאסען:

— טהוט וויא איהר פערשטעהט, צו

וואס האָט ער זיך אריינגעלאזט אין אזעלכע מיאוסע געשיכטען.

דריי מאָנאַט זיינען אַריבער. דו ראָי האָט זיך געשיידט מיט׳ן ווייב און זיא האט ווידער אָנגענומען פאָרעסטיע׳ס נאָמען. אַזוי וויא די וואַלטערס האבען דעם פופצעהנטען געוואלט אָבּפּאָהרען נאָך טרואַוויל, האָבען זיי געוואלט פערבּריינגען אַלע צוזאַמען אַ טאג אויפ׳ן לאַנד. זיי האבען אויסגעקליבען אַ דאָנערסטאַג און שוין זעקס אַ זייגער אין דער פריה זיינען זיי אַוועקגעפאָהרען אין א קארעטע פאר זעקס פערזאָן און וואס איז געווען געשפּאַנט צו זעקס פערד. דער שעהנער זשארזש האָט אזוי געפיהרט, אַז אויסער איהם האט מען ניט איינגעלאַדען קיין הערען, ווייל דיא אַנוועזענהייט פון דעם מאַרקיז גאַזאָל איז איהם געווען אונערטרעגליך. אין דער לעצטער מינוט האט מען אָבער ענטשלאָסען מיטצונעהמען אויך דעם גראַף, דע לאַטאָר איוועלין. די קאַרעטע איז געפאהרען זעהר שנעל און איז שוין פערבּייגעלאָפען די עריסעער פעלדער און דורכגעלאָפען דעם בּולאָנער וועלדיל. דער טאָג איז געווען אַ שעהנער און ניט זעהר הייסער. און דיא שוואַלבּען האבען זיך געצויגען אין גרויסע מחנות אונטערן בּלויען הימעל, דיא מוטער צווישען איהרע צוויי טעכטער איז געזעסען פון איין זייט קאַרעטע און זי אנטקעגען איז געזעסען דער אַלטער וואַלטער מיט זיינע צוויי געסט, דער גראַף איז שוין ניט געווען קיין יונגער מאן און האט געקוקט מיט צערטליכע אויגען אויף ראָזע׳ן, מיט וועלכע ער איז שוין געווען פער׳קנסט מיט אַ חודש צוריק.

זשאָרזש איז געווען זעהר בּלייך און האט אפט געקוקט אויף סוזאַנע, וועלכע האט אויך אויסגעזעהן זעהר בּלאַס. זייערע אויגען האבען זיך אָפט בּעגעגענט מיט פלינקע, פיעל־זאָגענדע בּליקען און האבען זיי בּאַלד ווידער אַרונטערגעלאזט. פרוי וואַלטער איז געווען רוהיג און גליקליך. זיי האבען זיך אבגעשטעלט אין סענט זשערמיין און געפרישטאגט אין דעם פּאַוויליאן פון הענריך דעם פיערטען.

דער פריהשטאק האט געדויערט זעהר לאַנג. און זשארזש האט פארגעשלאגען צו מאכען אַ שפּאציר־גאַנג איבער דער טעראַסע, איידער מען וועט צוריקקעהרען נאך פּאריז. צום ערשטען האבען זיי בּעוואונדערט דיא לאַנדשאַפט. אונטער אַ לאַנג אויסגעצויגענע קייט פון בּערגלאַך האט געפלאסען דיא סענאַ, וועלכע האט אויסגעזעהן וויא אַ ריעזיגע שלאַנג, וואס ציהט זיך איבּערן גרינעם גראז, איבּערן ווייטען פליין האט מען געזעהען א דארף נאך אַ דארף, שפּיצען פון קלויסטערס, וועלדער און פעלדער.

דער אַלטער וואַלטער האט ערקלערט, אז אזא שעהנעם רונדבּליק געפינט מען ניט אין דער גאַנצער וועלט, אַפילו אין דער שווייץ קען מען ניט געפינען אַזוינס, וואס זאל זיין עהנליך צו דעם.

און זיי זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען וויי־טער, אום מעהר צו בּעוואונדערן דיא שעהנע לאַנדשאַפט.

זשאָרזש און סוזאַנאַ זיינען געגאַנגען גאָר פון הינטען, זיי זיינען אָבגעשטאַנען אויף עטליכע טריט. דאַן האט ער זיך געווענדעט צו איהר מיט אַ געדאַמפּטער שטימע:

— סוזאַנע, איך פערגעטער אייך!

B. Y.

די ליעבע צו אייך מאכט מיר וואהנ־
זיניג.

— איך ליעב אייך אויך, שעהנער פריינד, האט זיא א שעפטשע געטהאָן. אויב איהר וועט ניט ווערען מיין פרוי, וועל אַך אויף אייביג פערלאזען פאריז און פראַנקרייך.

— רעדט מיט'ן פּאַפּאַ וועגען דעם, האט זי געזאגט, פיעלייכט וועט ער איינ־וויליגען, אז איך זאל ווערען אייער פרוי.

— ניין, דאָס וועט זיין אומזיסט. האָט ער געענטפערט אונגעדולדיג. איך האב איך שוין ניט איין מאל געזאגט. ער וועט מיר נאר פערבאָטען אריינצוקומען צו אייך אין הויז און וועט מיר אָבזאָגען פון דער צייטונג, און דאן וועלען מיר אפילו ניט קענען זיך זעהן. מען האט אייער האַנד פערשפּראָכען דעם מארקיז דע גאַזאַל, און מען האָפט, אז איהר וועט נאכגעבען און מען וואַרט אויף דעם.

— אלזא וואס זאלען מיר טהאָן? האט זיא געפרעגט.

— ליעבט איהר מיך גענוג, צו בע־געהן פאַר מיר אַפילו אַ נאַרעשקייט? האט ער געזאגט לאַנגזאַם, ניט אָראָבלא־זענדיג פון איהר זיינע אויגען.

— יאָ, האט זיא געענטפערט מיט אַ פעסטען טאָן.

— א גרויסע נאַרעשקייט?

— יאָ.

דיא גרעסטע נאַרעשקייט וואס א יונג מיידעל קען אָבטהאָן?

— יאָ האט זיא געענטפערט.

— וועט איהר האָבען גענוג מוטה אַנטקעגען צו שטעלען געגען אייער פאַ־טער און מוטער?

— יאָ.

— ווירקליך?

— יאָ.

— גוט; עס איז דאָ א מיטעל, דער איינציגער מיטעל, נאר דאס דארף אַרויס־קומען פון אייך און ניט פון מיר. איהר זייט אַ געפעסטעטער ליעבלינג ביי דיא עלטערן. מען האט אויף אייך קיין פער־דרוס ניט און מען וועט געגען אייך גאר ניט האָבען, ווען איהר וועט אַ מאָל זאָגען, אַ פרעכע זאך. אַלזאָ ווען איהר וועט היינט ביי נאַכט קומען אַ היים, זאָלט איהר פריהער פון אַלץ ריידען מיט אייער מוטער, נאר מיט אייער מוטער אַליין. איהר וועט זיך פאר איהר מודה זיין, אַז איהר ווילט מיט מיר חתונה האָבען. זיא וועט ווערען שטאַרק אויפגעבראַכט...

— אַה! דיא מוטער וועט שוין איינ־וויליגען, האט איהם אבגעריסען סור־זאַנע.

— ניין, האט ער איהר געענטפערט. איהר קענט איהר ניט, זיא וועט זיין מעהר אויפגעבראַכט און מעהר האַרטנעקיג וויא אייער פאָטער. איהר וועט זעהן, אַז זיא וועט ניט וועלען איינשטימען. נאָר איהר זאלט זיך האַלטען ביי דאס אייערינע און ניט אויפהערען צו רעדען, אַז איהר ווילט נאָר חתונה האָבען מיט מיר, מיט מיר אַליין און מיט קיין אַנדערען ניט. וועט איהר דאס טהאָן?

— יאָ.

— ווען איהר וועט צוריקקומען פון אייער מוטער, זאלט איהר דאָס זעלבע זאגען אייער פאָטער.

— יאָ, יאָ, און דאַן?

— און דאַן... דאַן קומט ערסט דאָס

שוועררסטע, וואָס איך פערלאַנג פון אייך. דאַן וועל איך מיט אייך אַנטלויפען.

זיא האָט אַ ציטער געטהאָן פאַר פרייד און האָט אַפּאַטש געטהאָן מיט דיא הענד.

— גרויסאַרטיג! וויא גוט דאָס איז! איהר ווילט מיט מיר אַנטלויפען? ווען ווילט איהר דאָס טהאָן?

דיא גאַנצע פּאָעזי, וואָס בעגלייט אַזאַ מין אַנטלויפען, די פּאָסט־קאַרעטען, דיא איינזאַמע איינפאָהר־הייזער זיינען איהר דורכגעלאָפען דורך דעם קאָפּ, ווי אַ צווי־בער־טרום, וואָס דאַרף מיט אַמאָל ער־פילט ווערען. און זיא האָט נאָך אַ מאָל געפרעגט:

— ווען ווילט איהר מיט מיר אַנט־לויפען?

— נאָך היינט אַוועגד ... נאָך היינט ביי נאַכט, האָט ער געענטפערט שטיל.

— און וואוהין וועלען מיר געהן? האָט זיא געפרעגט ציטערענדיג.

— דאָס איז מיין געהיימניס, בע־טראַכט גוט, וואָס איהר טהוט. בעדיינקט אייך, אַז נאָכדעם וועט איהר מוזען ווערען מיין פרוי. דאָס איז דער איינציגער מי־טעל, אָבער דאָס איז זייער געפעהרליך פאַר אייך.

— איך בין פעסט ענטשלאָסען, האָט זיא געענטפערט. און וואו וועלען מיר זיך טרעפען?

— קענט איהר אַליין פערלאָזען דעם האָטעל? האָט געפרעגט זשאָרזש.

— יא. איך דאַרף נאָר אָבשליסען דיא זייטיגע טהיר.

— גוט. אַרום האַלבע נאַכט, ווען דער פּאַרטיע וועט שוין שלאָפען וועל איך אויף אייך וואַרטען אויף דעם קאָנקאָרדיען־פלאַץ אין אַ דראָזשקע, וואָס וועט שטעהן פונקט אַנטקעגען דעם מאַרינע־מיניסטער־ריום.

— איך וועל קומען.

— ווירקליך?

— ווירקליך.

ער האָט אָנגעכאַפּט איהר האַנד און האָט איהר אַ דריק געטהאָן.

— אָה, וויא איך ליעב אייך! וויא גוט און בראַוו איהר זייט! אַלזאָ הייסט עס אַז איהר ווילט ניט חתונה האָבען מיט'ן מאַרקיז דע גאַזאָל?

— געוויס ניט.

— אייער פאָטער האָט זיך וואַהרשיינ־ליך זעהר געערגערט, ווען איהר האָט גע־זאָגט „ניין"?

— געוויס האָט ער זיך געערגערט. ער האָט מיך באַלד געוואָלט צוריקשיקען אין קלויסטער אַריין.

— איהר זעהט אַליין, אַז מיט מוזען זיין ענערגיש.

— איך וועל זיין ענערגיש.

איהר קאָפּ איז געוועזן פול מיט'ן גע־דאַנק וועגען אַנטלויפען, וועהרענד זיא האָט געקוקט וויט, וויט איבערן לאנד, וואָס איז געלעגען פאַר איהר. זיא וועט פאָהרען נאָך ווייטער... מיט איהם!... מען וועט מיט איהר אַנטלויפען ... זיא האָט זעהר שטאָלצירט מיט דעם! זיא האָט ניט געטראַכט פון דעם פלעק, וואָס וועט פאַלען אויף איהר נאָמען, פון דער שאַנדע, וואָס שטעהט איהר פיליכט פאָר... וואָס האָט זיא געוואוסט דערפון? האָט דאָס איהר גאָר געקענט אַרויף אויפ'ן זינען?

— קום אַהער, קליינע! האָט אויסגע־רופען פרוי וואַלטער, אומקוקענדיג זיך.

B. Y.

וואָס פלוידערסטו דאָרטען מיט'ן שעהנעם זשאָרזש?

זיי האָבען אָנגעיאָגט די איבעריגע און מען האָט גערעדט פון דיא בעדער, וואו זיי וועלען באַלד זיין, און זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט דורך אַן אַנדער וועג.

זשאָרזש האָט מעהר גאָר ניט גערעדט. ער האָט נאָר געטראַכט צו זיך: „ווען די קליינע וועט נאָר האָבען אַ ביסעל מוטה, וועט דאָס מוזען געלונגען". שוין דריי מאָנאַט צייט וויא ער האָט איהר אַרומגעוויקעלט מיט אַ נעץ פון חניפה'דיגער צערטליכקייט, ער האָט איהר פאָלשטענדיג געוואונען און האָט איהר פערליעבט אין זיך, וויא איהם האָט געלונגען צו טהאָן עס מיט אַלע אַנדערע פרויען, און איהר גרינגליאַלקענעם הערציל איז איהם אַריינגעפאַלען אין דיא הענד וויא אַ צייטיגע פרוכט. זיין ערסטער ערפאָלג איז געווען, וואָס זיא האָט אָבגעזאָגט דעם מאַרקיז דע גאַזאָל, און איצט האָט ער איהר געבראַכט אַזוי ווייט, וואָס זיא האָט איינגעוויליגט צו אַנטלויפען מיט איהם. ער האָט איבערהויפט קיין אַנדער מיטעל ניט געהאַט. איהם איז געווען קלאָר, אַז פרוי וואָלטער וועט איהם איהר טאָכטער קיין מאָל ניט געבען. זיא האָט איהם נאך ליעב, און זיא וועט קיין מאָל ניט אויפהערען צו ליעבען איהם, מיט דער זעלבער אונהיילבארער ליידענשאַפט. ער האָט איהר מיט זיין גוט־אויסגערעכענטער קאַלטקייט געהאַלטען פון דערווייטענס, אָבער ער האָט געפיהלט, וויא זיא ווערט אינערוויניג פערברענט פון איהר דורשטיגער ליידענשאַפט. ער טאָר קיין מאָל ניט האָפען, אַז זיא וועט נאָכגעבען.

אָבער ווען ער וועט האָבען דיא קליינע אין זיין רשות, דאַן וועט ער זיין אַ מאַכט און אַלס אַ מאַכט וועט ער קענען אונטערהאַנדלען מיט איהר פאָטער.

דיעזע אַלע געדאַנקען האָבען זיך געפלאָנטערט דורך זיין קאָפּ דעם גאַנצען וועג. ער האָט קוים געהערט דיא פראַגען, מיט וועלכע מען האָט זיך צו איהם געווענדעט, און ער האָט געענטפערט מיט אָבגעריסענע ווערטער. ער איז ערסט געקומען צו זיך, ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך פאַריז.

אויך סוזאַנע האָט געטרוימט. ביים קלינגען פון דיא פיער לויפענדע פערד האָט זיא זיך געזעהן פאָהרען פאַר'ן שיין פון דער לבנה דורך אונענדליכע וועגען, דורך דונקעלע וועלדער און איינזאַמע קרעטשמעס פאַזע וועג. זיא האָט געזעהן דיא שטאַל־קנעכט, וועלכע האָבען האַסטיג געביטען זייערע פערד, ווייסענדיג, אַז מען יאָגט זייא נאָך.

ווען דיא קאַרעטע איז אַריינגעפאָהרען אין דעם הויף פון זייער פאַלאַטץ, האָט מען געבעטען זשאָרזש'ן אַז ער זאָל פערבלייבען מיט זיי צום דינער, נאָר ער האָט זיך מיט דאַנק אָבגעזאָגט און איז אַוועק אַהיים. ער האָט עפּעס צוגעביסען און געמאַכט אַן אָרדנונג אין זיינע פאַפּיערען, אַזוי וויא ער וואָלט דאַרפען ערגעץ אָברייזען. ער האָט פערברענט אַלע פערדעכטיגע בריעף, אַנדערע האָט ער פערשלאָסען און האָט אָנגעשריעבען בריעף צו פערשידענע פריינד. פון צייט צו צייט האָט ער אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער און האָט געטראַכט ביי זיך.

„איצט מוז זיך דאָרטען קעהרען אַ

וועלט".

און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט אונרוהיג.

„וואס וועט זיין, אַז זיין פלאן וועט ניט געלינגען? נאָר וואס האָט ער מורא צו האבען? ער וועט שוין וויסען, וויא אזוי ארויסצוגעהן טרוקען דערפון! נאָר דאך האט ער זעהר פיעל איינגעשטעלט היינטיגע נאַכט!"

אַרום עלף אַ זייגער איז ער אַרויס פון זיין וואוינונג. ער איז דורכגעלאפען עטליכע גאַסען הין און צוריק, האט ענדליך גענומען א קארעטע און געהייסען דעם קוטשער אָבשטעלען זיך אויפ'ן בעשטימטען פלאַטץ.

פון צייט צו צייט האט ער אנגעריבען אַ שוועבעלע, אום צו זעהען פיעל דער זייגער איז. וואס נעהענטער עס איז געקומען צו צוועלף א זייגער, איז אַלץ גרעסער געווארען זיין אונגעדולד. ער האט אַלע ווייל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענסטער און האט זיך געסטאַרעט דורכצודרינגען מיט זיינע אויגען די טיעפקייט פון דער נאַכט פון דערווייטענס האָט אַ זייגער געשלאגען צוועלף, דאן האט אַ צווייטער געשלאגען אַ ביסעל נעהנטער דאן צוויי צוזאַמען, דאַן נאך איינער, דער לעצטער, גאַנץ ווייט ווען דער לעצטער קלאַפּ איז שטיל געווארען, האט ער געטראכט צו זיך: „איצט איז אלץ געענדיגט! זיא וועט שוין ניט קומען!" נאר דאך איז ער געוועזען ענטשלאסען צו ווארטען ביז טאָג, ווייל אין אזעלכע פעלע מוז מען האבען געדולד. ער האט געהערט ווי עס האט געשלאגען א פיערטעל, דאן האלב, דאן דריי פיערטעל און באַלד האבען אלע זייגערם געשלאגען איינם, אזוי וויא זיי האבען פריהער געשלאגען צוועלף. ער האט מעהר ניט געווארט. ער האט איצט געבראכען דעם קאפּ און איבערגעטראכט. וואס איז דארטען פארגעקומען. פלוצים האט א פרויען־שטימע געפרעגט פון פענסטער:

— זייט איהר דא שעהנער פריינד?

ער האט אַ שפּרונג געטהאן אין דער הויך. דיא האלז איז איהם געוועזען וויא פערשנירט.

— זייט איהר דאס, סוזאַנע?

ער האט גאר ניט געקענט עפענען דיא טהיר גיך גענוג, און האט געהאלטען אין איין ריידען.

איהר זייט דאס.. איהר זייט דאס... איהר זייט דאס... קומט!... קומט!...

זיא איז אַריינגעשפרונגען אין קארעטע און האט זיך אראבגעלאזט נעבען איהם

— פארווערט! האט ער א געשריי געטהאן צום קוטשער, און דיא קאַרעטע האט זיך אנגעהויבען צו ריהרען.

זיא האט ניט גערעדט און האט נאר שווער געאטהעמט.

— נו, האט ער געזאגט, וויא איז דאס געגאנגען?

— אה, עס איז געוועזען שרעקליך, האט זיא געענטפערט האלב אונמעכטיג, בעזאנדערם מיט דער מאמא.

ער האט געציטערט פון אונרוה.

— אייער מוטער? וואס האט זיא געזאגט? דערצעהלט מיר אלץ!

— עס איז געוועזען שרעקליך. איך בין צו איהר געקומען און האב איהר דערצעהלט, וויא דיא זאך שטעהט, זיא איז

שרעקליך בלייך געווארען און האט אויס־געשריען: קיין מאל ניט! קיין מאל ניט!" איך האב געוויינט, בין געווארען אין כעס און האב געשווארען, אז איך וועל נאר מיט אייך חתונה האבען, זיא האט מיך שיער נישט געשלאגען, זיא איז געוועזן וויא וואהנזיניג. און האט מיר ערקלערט, אז איך וועל מארגען צוריק געהן אין קלויסטער. איך האב איהר נאך קיין מאל אזוי ניט געזעהען, קיין מאל ניט. דאן איז פאפא אנגעקומען אויף אונזערע געשרייען. ער איז ניט געווארען אזוי אין כעס וויא מאמא, נאר ער האט אויך ער־קלערט, אז איהר זייט פאר מיר קיין פארטיע ניט. זיי האבען מיך אריינגע־בראכט אין אזא כעס, אז איך האב גע־שריען נאך העכער פון זיי. און מיט אַ טראַגישער מינע, וואס איז איהם גאר ניט געגאנגען, האט ער מיר בעפאהלען צו פערלאזען דאס צימער. דא האב איך זיך בעשלאסען צו לויפען צו אייך, און דא בין איך. וואוהין פאהרען מיר?

ער האט איהר צערטליך ארומגענו־מען און האט זיך צוגעהערט צו דעם, וואס זיא האט איהם דערצעהלט מיט אַ קלאפענדען הארצען און געשפאנטער אויפמערקזאמקייט. ער האט אנגעהויבען צו האסען דיזע מענשען, אבער ער האט איצט זייער מאכטער אין די הענד און ער וועט זיי וויזען!

עס איז שוין צו שפעט צו כאפען א צוג, האט ער געענטפערט, מיר ווע־לען זיך איצט אבשטעלען אין סעוור, און מארגען אין דער פריה וועלען מיר אב־פאהרען נאך לאראש גיאן. דאס איז אַ שעהן דערפיל און ליעגט אויפ'ן ברעג סענא צווישען נאנטעס און באניער.

— איך האב מיט זיך קיינע זאכען ניט, אפילו דאס מינדעסטע, האט זיא געזאגט.

ער האט זיך זארגלאז צולאכט.

— דעם נייט וועלען מיר שוין איבער־קומען.

די קארעטע איז געפלויגען איבער די גאסען. זשארזש האט אָנגעכאפט איהר האנד און האט איהר לאנג געקוסט. ער האט ניט געוואוסט וואס צו זאגען, ווייל ער איז ניט געוועזן געוואוינט צו אזעלכע פלאטאנישע צערטליכקייט. פלוצים האט איהם אויסגעוויזען, אַז זיא וויינט.

— וואס איז אייך, מיין ליעב קינד? האט ער געפרעגט צושראקען.

— מיין ארימע מוטער וועט ניט קענען שלאפען, ווען זיא וועט בעמער־קען, אַז איך בין ניטא, האט זי געזאגט מיט אַ פערשטיקטען קול פון טרערען.

פרוי וואַלטער האט ווירקליך ניט גע־פונען קיין שלאף יענע נאכט. אַזוי גיך ווי סוזאַנע האט פערלאזען דאס צימער, האט פרוי וואלטער געפרעגט איהר מאַן אויסער זיך פון אַנגסט:

— מיין גאט, וואס קען דאס אזוינס בעדייטען?

— דאס בעדייט, אז דיעזער אינטרי־גאנט האט איהר פעררייט דעם קאפ, האט וואַלטער אויסגערופען מיט כעס. זיא האט צוליעב איהם ענטזאגט גאַזאַלן. דאס איז גאר קיין וואונדער ניט. ער שאַרפט דיא

צייהנער אויפ'ן נדן.

ער איז מיט כעס געלאָפּען היין און צוריק איבערן צימער און האָט געשריען:

— דוא האָסט איהם ניט אויפגעהערט צו שלעפּען אין הויז אריין, דו האָסט איהם גע'חנפ'עט און האָסט זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקען אויף איהם. פון אין דער פריה ביז נאַכט האָט מען נאָר געהערט. דער שעהנער פריינד, דער שעהנער פריינד. נאַ, אָט האָסטו דיין געצאָהלט.

— איך? האָט פרוי וואַלטער אויסגע־שטאַמעלט בלייך וויא דער טוידט. איך... האָב איהם אין הויז געשלעפּט?

— יא, דוא, האָט אויסגעשריען וואַל־טער מיט כעס גלייך איהר אין געזיכט אַריין. איהר האָט דאָך אַלע פערלאָהרען דעם קאָפּ צוליעב איהם, דו, דיא דע מאַ־רעל, סוזאַנע און אַלע אַנדערע, דו מיינסט אַז איך האָב ניט בעמערקט, ווי דו האָסט ניט געקענט אויסהאַלטען אהן איהם צוויי טעג?

— איך וועל אייך ניט ערלויבען צו ריידען אַזוי וועגען מיר, האָט זיא זיך אויפ־געהויבען מיט אַ טראַגישער בעוועגונג. איהר פערגעסט מסתמא, אַז איך בין ניט אויסגעוואַקסען אין אַ קרעמיל, וויא איהר.

אָנפאַנגס איז וואַלטער פערגלייווערט געוואָרען פון ערשטוינונג. דאַן האָט ער אויסגעשריען מיט כעס: אַלטע סקראַנ־דע!" און האָט אַ בראַזג געטהאָן הינטער זיך דיא טהיר פון צימער.

אַזוי גיך וויא זיא איז געבליבען אַליין, איז זיא אינסטינקטיוו צוגעגאַנגען צום שפּיגעל, אום צו זעהען, צוא האָט זיך עפּעס פערענדערט אויף איהר געזיכט, אַזוי אונגלויבליך, אַזוי שרעקליך איז איהר פאָרגעקומען, וואָס זיא האָט איצט גע־הערט, סוזאַנע האָט ליעב דעם שעהנעם פריינד, און דער שעהנער פריינד וויל חתונה האָבען מיט סוזאַנע! ניין, דאָס האָט געמוזט זיין אַ טעות! דאָס איז אונ־מעגליך! דאָס מיידעל האָט זיך פערליאַ־בעט אין דעם שעהנעם יונגען מאַן, דאָס איז גאַנץ נאַטירליך, און זיא האָט פילייכט געמיינט, אַז זיא קען מיט איהם חתונה האָבען, ווייל זיא האָט עס אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אָבער ער? עס איז אונ־מעגליך, אַז ער זאָל דערפון וויסען!

זיא האָט געטראַכט און אין קאָפּ האָט איהר גענומען מישען וויא פאַר אַ שרעקלי־כען אונגליק, ניין, דער שעהנער פריינד קען גאָר ניט וויסען פון דער נאַרישקייט, וואָס איז אַריין סוזאַנע'ן אין קאָפּ!

און זיא האָט לאַנג געטראַכט צו איז זשאָרזש פאַלש אָדער אונשולדיג. וואָס פאַר אַ נידעריגע בעשעפענים ער איז, אויב ער האָט עס פעראורזאַכט דיא גאַנצע געשיכטע. וואָס וועט זיין ווייטער? און איהר האָט אויסגעוויזען, אַז זיא זעהט די געפאַהרען און שמערצען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען פאַר איהרע אויגען, וויא הויכע בערג.

אויב ער ווייס פון קיין זאַך ניט, קען נאָך ווידער אַלץ גוט ווערען, מען וועט אוועקשיקען סוזאַנע אויף אַ האַלב־יעהריגע רייזע און זיא וועט אַלץ פערגעסען, אָבער וויא וועט זיא זיך דאַן קענען זעהען מיט איהם? זיא ליעבט איהם נאָך אַלץ! דיעזע

ליידענשאַפֿט האָט זיך איינגעבוירערט אין איהר וויא אַ שרויף, וואָס מען קען ניט אַרויסדרייען צוריק. זיא קען אהן איהם ניט לעבען, בעסער שטאַרבען!

איהרע געדאַנקען האָבען זיך אַלץ מעהר געמישט פון אַנגסט און אונגעוויסהייט. זיא האָט דערפיהלט אַ שאַרפען שמערץ אין קאָפּ און א ווייטאג פון דיעזע געדאַנקען. זיא האט פערצווייפעלט געזוכט געדאנקען. זיא האט פערצווייפעלט געזוכט אויסצוגעפינען דיא ווארהייט. זיא האט א קוק געטהאן אויפ'ן זייגער. עס איז שוין געווען נאך איינס.

— אזוי קען עס ניט אנהאלטען, האט זיא געזאגט. איך וועל אראב פון זינען. איך מוז דאס וויסען קלאר. איך וועל אויף וועקען סוזאנע און וועל איהר פרעגען.

זיא האט גענומען פון טיש א ליכט און איז א וועק א'ן איינע זאקען, אום ניט צו מאכען קיין גערויש, אין איהר טאכטער'ס צימער.

זיא האט שטיל געעפענט דיא טהיר, איז אריין אין צימער און האט א קוק געטהאן אין בעט, די בעט איז געשטאנען ניט בעריהרט און איהר טאכטער איז ערגעץ ניט געווען. אנפאנגס האט זיא ניט פערשטאנען און האט געדענקט, אז סוזאנע איז ביים פאטער. פלוצים אבער האט איהר וויא א שאס געטהאן אין קאפּ אריין א שרעקליכער פערדאכט. בלאס און סאפענדיג איז זיא אריינגעלאפען צום מאן אין צימער. ער איז געלעגען אין בעט און האט געלעזען.

— וואס איז געשעהען? האט ער געפרעגט דערשראקען.

— האסטו געזעהן סוזאנע? האט זיא ארויסגעשטאמעלט.

— איך? ניין, וואס איז?

— זיא... איז... אנטלאפען! זיא איז... ניט... זיא איז ניטא... אין איהר צימער.

מיט איין שפרונג איז ער ארויס פון בעט, האט אנגעטהאן זיינע פאנטאפעל און איז אוועקגעלאפען צו זיין טאכטער אין צימער. שוין ביים ערשטען בליק איז איהם קלאהר געווארען, אז זיא איז אנטלאפען געווארען. ער האט זיך אראבגעלאזט אין א פאטעל און האט אנידערגעשטעלט דאס ליכט נעבען זיך.

— ? האט געפרעגט זיין פרוי, אריינקומענדיג.

ער האט קיין קראפט ניט געהאט צו ענטפערען. זיין כעס איז אויך איצט פערשוואונדען, וויא א רויך. ער האט נאר גע זיפצט.

— פערפאלען! זיא איז שוין אין זיינע הענד! מיר זיינען פערלארען!

פרוי וואלטער האט איהם ניט פערשטאנען.

— וואס? פערלארען? האט זיא געפרעגט.

— געווים, האט ער געענטפערט. איצט מוז זיא מיט איהם חתונה האבען.

— מיט איהם? קיין מאל ניט! וואס ביזטו משוגע?

— דיין שרייען וועט דיר גאר ניט העלפען, האט ער געענטפערט טרויעריג, ער האט איהר פערפ הרט, ער האט איהר ענטעהרט און דאס בעסטע וואס מיר קענען טהאן איז אוועקגעבען איהר צו איהם. און ווען מיר זאלען דא האנדלען פארזיכטיג, קען נאך דיא זאך אבגעהען שטיל.

B. Y.

— קיין מאָל ניט ! — האָט זי וויע־דער אויסגעשריען מיט א שרעקליכער ערהענונג — ער וועט קיינמאָל ניט קריי־גען סוזאנע, איך וויל עס ניט !

— ער האָט איהר דאָך שוין — האָט וואָלטער געזאָגט נידערגעשלאָגען — עס איז שוין געשעהן. ער וועט איהר אזוי לאַנג האַלטען פערבאָרגען, ביז מיר וועלען איינוויליגען, און אויב מיר ווילען פערמיידען א סקאנדאַל, מוז עס גלייך געשעהן.

— ניין, ניין ! איך וועל עס ניט דער־לאָזען ! — האָט פרוי וואָלטער געשריען מיט א שרעקליכען האַרץ־וועהטאָג.

ער האָט ענדליך פערלאָרען די גע־דולד.

— עס איז דוכט זיך שוין ניטאָ אי־בער וואָס צו שטרייטען — האָט ער גע־זאָגט — עס מוז שוין אזוי זיין. דער חברה־מאַן האַלט אונז ביי די הענד און די פיס... דאָך איז ער א פיינער יונג ! אַן איידעם אין א בעסערע שטעלונג האָ־בען מיר פיעלייכט געקענט געפינען, אָבער ניט קיין קליגערען, מיט אזא גלענ־צענדע צוקונפט. דער יונג האָט פאַר זיך א גרויסע צוקונפט. ער וועט נאָך ווערען דעפּוטירטער און מיניסטער.

— איך וועל קיינמאָל ערלויבען אז ער זאָל חתונה האָבען מיט סוזאנע !... — האָט פרוי וואָלטער ערקלעהרט מיט א ווילדער ענערגיע. הערסטו ? קיין מאָל ניט !

וואָלטער האָט זיך מעהר ניט געער־גערט, און אלס פּראַקטישער מאַן האָט ער זאָגאַר אָנגעהויבען צו פערטהיידיגען דעם שעהנעם זשאָרזש.

— הער שוין אויף א מאָל ! — האָט ער געזאָגט — דו הערסט דאָך, אז דאָ איז קיין ברירה ניטאָ, קיין ברירה ! און ווער ווייס ? אפשר דאַרף דאָס אונז גאָר ניט באַנג טהאָן. מען קען קיינמאָל ניט וויסען וואָס עס קען ווערען פון אזעלכע מענשען. דו ווייסט דאָך ווי פיין ער האָט צוגעשפּיעלט דעם עזעל לאַראָש מאַטהיי אין דריי אַרטיקלען. הגם פאַר איהם אַלס פאַר מאָרעליינס מאַן, איז די זאַך געוועזען זעהר א שווערע און גאָר ניט קיין פּאַ־סענדע, מיר וועלען זעהען. דערווייל זיי־נען מיר געפאַנגען פון איהם און מיר מו־זען זיך אונטערגעבען.

זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטען פון אויסצושרייען, פון א שליידער טהאָן זיך אויף דער ערד און אויסרייסען זיך די האָר. זי האָט נאָר געזאָגט מיט א פער־צווייפעלטער שטימע :

— ער וועט איהר ניט האָבען, איך וויל עס ניט.

וואָלטער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט געגומען זיין לאָמפּ און געזאָגט :

— דו ביזט אזוי נאַריש ווי אַלע ווייי־בער. איהר לאָזט זיך נאָר פיהרען פון אייערע ליידענשאַפטען, און ווייסט ניט ווי צו רעכענען זיך מיט געוויסע פער־העלטניסע... איהר זייט נאַריש ! איך זאָג דיר, אז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען, דאָס קען אַנדערש ניט זיין !

קלאַפּענדיג מיט די פּאַנטאָפעל, איז ער אַרויסגעגאַנגען. פרוי וואָלטער איז גע־בליעבען אַליין מיט איהר גרויסען און טיעפען שמערץ. איהר איז אפילו נאָך ניט געווען קלאָר יעדע זאַך. זי האָט נאָר געליטען. דאַן האָט איהר אויסגעוויזען, אז זי קען דאָך ניט בלייבען אזוי שטעהן אונבעוועגליך ביז מאָרגען. זי מוז ערגעץ לויפען, זי מוז עפּעס טהאָן, זי מוז זוכען הילף. נאָר זי האָט זיך אומזיסט געפּרעגט

וואוהין זי קען לויפען. צו אַ גלח! יאָ, צו אַ גלח! זי וועט זיך וואַרפען צו זיינע פיס, זי וועט פאַר איהם מתודה זיין איהרע זינד און איהר פערצווייפלונג. ער וועט בעגרייפען, אַז דיזער שורקע טאָר ניט חתונה האָבען מיט סוזאַנע, און ער וועט וויסען ווי אַזוי צו פערהינדערען אַזאַ זאַך. זי האָט געברויכט אַ גלח, שוין, גלייך אויף דער שטעל. נאָר וואו זאָל זי איהם קריגען? און דאָך קען זי אַזוי ניט בלייבען.

דאָ איז פאַר איהרע אויגען ערשיענען דאָס בילד, ווי יעזוס וואַנדערט איבערען ים, זי האָט געזעהען דאָס בילד קלאָר און דייטליך, אַזוי ווי זי וואָלט איצט געשטאַנען פאַר איהם. ער האָט צו איהר גערופען, ער האָט צו איהר געזאָגט:

— קומט צו מיר, איהר אַלע געדריקטע און שווער בעלאָדענע, איך וועל אייך טרייסטען.

זי האָט גענומען דאָס ליכט און איז אַוועק צו דער אַראַנזשערעיע. דאָס בילד האָט זיך געפונען ביים עק פון דער אַראַנזשערעיע אין אַ קליינעם סאַלאָן, וואָס האָט זיך פערמאַכט מיט אַ גלעזערנע טהיר, כדי די פייכטקייט זאָל ניט שאַדען די פאַרבען פון דעם בילד. און אַזוי איז דאָס בילד געשטאַנען ווי אין אַ קלויסטער׳ל אַרומגערינגעלט מיט זעלטזאַמע פלאַנצונגען.

פרוי וואַלטער איז געוואוינט געווען צו זעהען שטענדיג דעם ווינטער־גאָרטען גוט בעלויכטען, און זי איז איצט געשטאַנען ערשטוינט פון דעם טיעפען דונקעל. די שווערע זידליכע פלאַנצען האָבען דיק געמאַכט די לופט מיט זייער פער׳שכור׳נדען אָטהעם. אַזוי ווי די טהירען זיינען געווען געשלאָסען, האָט זיך דער גערוך פון די פרעמדע בוימער, וואָס זיינען געשטאַנען אונטערן גלעזערנעם דאַך שטייף איינער נעבען דעם אַנדערען, שווער און פער׳שכור׳נד געלעגט אויפ׳ן האַרצען.

די אָרימע פרוי איז לאַנגזאַם געגאַנגען ווייטער און האָט מיט שרעק געקוקט אויף די זעלטזאַם געפאָרעמטע פלאַנצען, אויף וועלכע עס איז געפאַלען דער פלאַקערענדער שיין פון דעם ליכט, און האָט אויף אַ רגע ווי דורך אַ כשוף אַרויסגערופען פון דער טיעפער דונקעלהייט. פלוצים האָט זי דערזעהען פאַר זיך קריסטוס. זי האָט געעפענט דאָס טיהרעל, וואָס האָט איהר געשיידט פון איהם, און האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניע פאַר׳ן בילד. אָנפאַנגס האָט זי מתפלל געווען אין אַ שטומער פערצווייפלונג, דאַן איז זי געוואָרען אַ ביסעל רוהיגער און האָט מיט אַנגסט אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן בילד. אין שוואַכען ציטערענדען שיין פון דעם ליכט האָט זיך די עהנליכקייט צווישען דער געשטאַלט אויפ׳ן בילד און זשאָרזש דוראָי נאָך מעהר געוואָרפען אין די אויגען. דאָס זיינען געווען זיינע אויגען, זיין שטערן און דער שטאָלצער קאַלטער אויסדרוק פון זיין געזיכט.

— יעזוס!... יעזוס!... — האָט זי געשטאַמעלט, נאָר דער נאָמען זשאָרזש האָט זיך מיט געוואַלד געריסען צו איהרע ליפען.

פלוצים איז איהר אַריין אין זינען, אַז זשאָרזש פאָהרט ערגעץ איצט אין דער פינסטערער נאַכט, אַליין מיט איהר טאָכטער סוזאַנע. זי האָט אויסגעשטרעקט די הענד, אַזוי ווי זי וואָלט וועלען אָברייסען איינעם פון דעם צווייטען, און זי האָט דערפיהלט אַז איהרע הענד טאַפּען איבערען לייוועגד פון דעם בילד. זי האָט מיט

איהרע הענד בעריהרט די פיס פון דעם
וואַנדערענדען גאָט.

מיט אַ הויכען אויסגעשריי איז זי אָני־
דערגעפאַלען צום באָדען. דאָס ליכט איז
אויך אַרונטערגעפאַלען און האָט זיך
אויסגעלאָשען.

זי איז אַזוי געלעגען אַ לאַנגע צייט,
און האָט געטרוימט פון שרעקליכע גרוי־
לען. זי האָט געהאַט עפּעס אַ טעמפּען גע־
פיהל, אַז זי געפינט זיך ניט אין איהר
הויז, און אַז זי מוז אויפשטעהן און אַנט־
לויפען. נאָר זי האָט זיך ניט געקענט ריה־
רען. איהרע גליעדער זיינען געווען צו־
בראָכען. בלויז איהרע געדאַנקען זיינען
געווען וואַך, הגם זיי זיינען געווען צו־
מישט און צושראָקען פון אַלערליי פאַנ־
טאַסטישע שרעקליכע בילדער.

אין דער פריה האָט מען געפונען פרוי
וואַלטער בעוואוסטלאָז און כמעט דער־
שטיקט נעבען דעם בילד פון יעזוס. זי
איז געווען אַזוי קראַנק, אַז מען האָט
מורא געהאַט פאַר איהר לעבען, און ערשט
אויפ'ן צווייטען טאָג איז זי געקומען צו
זיך און האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו וויי־
נען.

די דיענער האָט מען ערקלעהרט, אַז
סוזאַנע'ן האָט מען אָבגעשיקט צוריק אין
קלויסטער. אום דערמיט זאָל פערענט־
פערט ווערען איהר פלעטצליכער פער־
שוואונדען.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט וואַלטער
געקראָגען אַ בריעף, וואָס דו־ראָי האָט
אַרויסגעשיקט איידער ער האָט פערלאָ־
זען פאַריז מיט סוזאַנע. דו־ראָי האָט
איהם מיט גרויס רעספּעקט מיטגעטיילט,
אַז ער האָט זיין טאָכטער ליעב שוין פון
אַ לאַנגע צייט, נאָר ער האָט איהר צו
קיין זאַך ניט צוגערעדט, און זי איז צו
איהם אַליין געקומען מיט איהר פרייען
ווילען, אום צו זאָגען איהם, אַז זי וויל
ווערען זיין פרוי. דאַן האָט ער גערעכענט,
אַז דאָס בעסטע וועט זיין צו נעהמען
איהר צו זיך און פערבאָרגען איהר, ביז
ער וועט בעקומען אַן ענטפער פון די על־
טערען, וועמעס ווילען איז פאַר איהם
ניט אַזוי וויכטיג ווי זיין כלה'ס. צולעצט
האָט ער געבעטען, אַז וואַלטער זאָל איהם
צושיקען אַן ענטפער אויף זיין נאָמען
דורך פּאָסט, און אַ פריינד וועט שוין דעם
בריעף אָבנעהמען און צושיקען צו איהם.
וואַלטער האָט איהם אויף דעם געענט־
פערט, אַז ער וועט איהם געבען זיין טאָכ־
טער פאַר אַ ווייב.

ווען דו־ראָי האָט ערהאַלטען דיעזען
ענטפער, האָט ער געבראַכט סוזאַנע צו־
ריק אין פאַריז און האָט איהר אָבגעשיקט
צו איהרע עלטערען.

זעקס טעג לאַנג האָבען זיי פער־
בראַכט אין אַ קליין דערפעל אויפ'ן ברעג
סענאַ. קיינמאָל האָט זיך דאָס יונגע מיי־
דעל נאָך ניט געפיהלט אַזוי גוט. זי האָט
געשפּיעלט די ראָליע פון אַ פּויערשע מיי־
דעל, און אַזוי ווי דו־ראָי האָט איהר אָנ־
געגעבען פאַר זיינע אַ שוועסטער, האָבען
זיי געלעבט פריי, אָבער דאָך אין פולער
אונשולד, אין אַ מין פערליעבטער פריינד־
שאַפט. ער האָט גערעכענט פאַר דאָס
ריכטיגסטע אַזוי זיך צו האַלטען מיט
איהר. גלייך אין דער פריה נאָך זייער
אָנקומען אין דאָרף האָט ער זיך און איהר
פערשאַפט פּויערשע וועש און קליידער,
זי האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ אַ גרויסען
שטרויענעם הוט, בעפּוצט מיט פעלד־
בלומען, און זיי פלעגען אַזוי אָפט געהן
צוזאַמען כאַפּען פיש. די געגענד איז
איהר זעהר געפעלען געוואָרען. דאָרטען

האָט זיך געפונען אַן אַלטער טהורעם, און אַן אַלטער שלאָס, וואו מען האָט איהר געוויזען פּראַכטיגע שטיקערייען.

זשאָרזש האָט געטראָגען אַן אַנצוג פון אַ מאַטראָס, ער האָט דעם אַנצוג געקויפט אין דאָרף. און די צייט האָבען זיי פער־בראַכט ענטוועדער אין לאַנגע שפּאַצירס אָדער אַרומשיפענדיג זיך איבער׳ן טייך. זיי האָבען זיך אָפט געקושט, סוזאַנע מיט איהר גאַנצער אונשולד און ער מיט ברע־נענדע ליידענשאַפט. נאָר ער האָט גע־וואוסט ווי אַזוי זיך צו בעהערשען. און ווען ער האָט איהר ענדליך געזאָגט, אַז מאָרגען פאָהרען זיי צוריק אין פּאַריז, און אַז איהר פאָטער האָט איינגעוויליגט זיי זאָלען חתונה האָבען, האָט זי גאַנץ נאַאיוו בעמערקט:

— שוין? מיר האָט פערשאַפט אַזוי פיעל שפּאַס צו זיין אייער פרוי.

XVIII.

עס איז געוועזען דונקעל אין די קליינע צימערען אויף דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער גאַס, ווייל זשאָרזש דו־ראַי און קלאָטיל־דאַ דע־מאַרעל האָבען זיך בעגעגענט ביי דער טהיר און זיי זיינען אַזוי האַסטיג אַריין אין צימער, אַז זיי האָבען אפילו פערגעסען אויפצוהויבען די פאָרהאַנגען. זי האָט איהם גלייך געפרעגט:

— אַזוי, איז דאָס טאַקע אמת? דו האָסט חתונה געהאַט מיט סוזאַנע וואַל־טער?

— האָסטו עס נאָך ניט געוואוסט? — האָט ער געפרעגט זאַנפט.

זי איז צו איהם צוגעטראָטען אויסער זיך פאַר כעס.

— דו האָסט חתונה געהאַט מיט סו־זאַנע וואַלטער! דאָס איז צו פיעל! דאָס איז צו פיעל! דאַריבער האָסטו מיר דריי מאָנאַטען פערדרעדט די צייהנער, אום איך זאָל דאָס ניט מערקען. די גאַנצע וועלט ווייס דערפון, נאָר איך ניט. איך האָב דאָס ערשט געמוזט אויסגעפינען פון מיין מאַן.

דו־ראַי האָט געוואָלט לאַכען, אָבער ער איז געוועזען אַ ביסעל צומישט. ער האָט אַנידערגעשטעלט זיין הוט אויפ׳ן עק קאַ־מין און זיך אַנידערגעזעצט. זי האָט איהם אָנגעקוקט גלייך אין געזיכט און האָט געזאָגט מיט כעס אין דער שטיל:

— דו האָסט דעם פּלאַן אויסגעאַרבייט צייט דו האָסט זיך געשיידט מיט דיין פרוי, און ניט קוקענדיג אויף דעם פער־קעהרסטו גאַנץ רוהיג מיט מיר. פאַר דער צווישענצייט בין איך געוועזען גוט גענוג! וואָס פאַר אַ שורקע דו ביזט!

— פאַר וואָס? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב געהאַט אַ פרוי, וועלכע האָט מיך גענאַרט, איך האָב זיך מיט איהר געשיידט און האָב חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערע. דאָס איז גאַנץ איינפאַך.

— ווי שלעכט דו ביזט! — האָט זי געזאָגט ציטערענדיג.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— געוויס מוזען די שוואַכע און נאַ־רישע פאַלען.

אָבער זי האָט זיך ניט איינגענומען און האָט ווייטער געזאָגט:

— ווי אַזוי האָב איך דאָס ניט אויס־געפונען גאָר פון אָנפאַנג אָן, וואָס פאַר אַ מענש דו ביזט. אָבער ווי אַזוי האָט מיר געקענט איינפאַלען, אַז דו וועסט אַזוי שמוציג האַנדלען.

— איך בעט דיך, דו זאָלסט זיין אַ ביסעל מעהר פאָרזיכטיג אין דיינע ווער־טער — האָט ער געזאָגט פול מיט ווירדע.

דיזע פרעכהייט האָט איהר אריינגעטריעבען דאָס בלוט אין קאָפּ.

— וואָס? דו ווילסט נאָך אז איך זאָל דיך בעהאַנדלען מיט הענדשקעס? צייט איך קען דיר האָסטו זיך געפיהרט געגען מיר ווי א לומפּ, און איצט ווילסטו, אז איך זאָל דיר עס אפילו איין מאָל ניט זאָגען אין די אויגען? אַלעמען האָסטו גענאַרט, עקספּלאָאַטירט, דו האָסט גענומען ליעבע און געלד, וואו דו האָסט נאָר געקענט, און דו ווילסט, אַז איך זאָל מיט דיר ריידען ווי מיט אַן אַנשטענדיגען מענשען?

ער האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט מיט ציטערענדע ליפּען:

— שווייג, אַז ניט וועל איך דיר אַרויסוואַרפען!

— דו מיך פון דאָנען... — האָט זי געשטאַמעלט — דו ווילסט מיך פון דאָנען אַרויסוואַרפען?... דו?... דו?...

זי האָט מעהר ניט געקענט ריידען, אַזוי האָט איהר דער כעס פערצויגען דאָס האַלז, נאָר באַלד האָט זי ווידער אויסגעבראָכען:

— מיך ווילסטו פון דאָנען אַרויסוואַרפען? האָסטו דען פערגעסען אַז איך האָב פאַר דער וואָהנונג געצאָהלט פון דעם ערשטען טאָג אָן? אמת, ווען ניט ווען האָסטו איהר איבערגענומען אויף דיין רעכנונג, אָבער ווער האָט איהר געדונגען?... איך!... ווער האָט איהר אָנגעהאַלטען?... איך!... און דו ווילסט מיך פון דאָנען אַרויסוואַרפען?... דו פּאַסקודנער מענש! דו מיינסט, איך ווייס ניט, ווי דו האָסט ביי מאַדעליין אַרויסגעגנב'עט אַ העלפט פון וואַדרעק'ס ירושה? דו מיינסט, איך ווייס ניט ווי דו האָסט פערפיהרט סוזאַנע, אום זי זאָל מוזען חתונה האָבען מיט דיר?...

ער האָט איהר אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסלען און האָט איהר גענומען טרייסלען מיט די הענד.

— דו זאָלסט עס ניט זאָגען! איך פערבאָט דיר צו ריידען וועגען דעם!

זי האָט אָבער אויסגעשריען:

— עס איז דאָך אמת, אַז...

ער האָט אַלץ געקענט רוהיג אויסהערען, אָבער דער לעצטער ליגען האָט איהם אַרויסגעבראַכט פון זיך. אַלץ וואָס זיא האָט איהם פריהער געזאָגט, האָט גענומען טרייבען זיין בלוט; אָבער דער ליגען וועגען דער יונגער מיידעל, וואָס דאַרף ווערען זיין פרוי, האָט איהם ווילד געמאַכט, און זיין קולאַק האָט זיך צונויפגעקוועטשט צום שלאָגען.

— שווייג! — האָט ער אויסגעשריען — זיי פאַרזיכטיג! שווייג! — און ער האָט איהר גענומען טרייסלען ווי אַ בוים, פון וועלכען מען וויל אַרונטעררייסען די פּירות.

זי האָט אָבער ווידער אויסגעשריען:

— אָבער עס איז דאָך אמת! איך ווייס עס!...

דאָ האָט ער איהר אָבגעלאָזט און האָט איהר אַזאַ זעץ געטהאָן אין געזיכט אַריין, אַז זי איז אַנידערגעפאַלען צום באָדען. און ווען זי האָט זיך אויפגעהויבען אויף די הענד און האָט ווידער גענומען ווידערהאָלען די זעלבע ווערטער, האָט ער זיך אויף איהר אַרויפגעוואָרפען, האָט איהר פעסט אָנגענומען און גענומען איהר שלאָגען, ווי ער וואָלט געהאַט אַ מאַנספּערזאָן אונטער זיינע הענד.

זי איז פּלוצים אַנשווייגען געוואָרען, און האָט נאָר גענומען קרעכצען אונטער די קלעפּ. איהר אויפרעגונג איז אַריבער, זי

האָט איהר געזיכט צוגעדריקט אין א ווינ־
קעל צו דער וואַנד און האָט געיאָמערט
שטיל פאַר זיך אַליין.

ענדליך האָט ער איהר אָבגעלאָזט און
האָט זיך אויסגעגלייכט. ער איז זיך
דורכגעגאַנגען א פּאָר מאָל איבערן צימער
אום זיך צו בערוהיגען. דאַן איז איהם
עפּעס איינגעפאַלען, ער איז אַריין אין
שלאָף־צימער, האָט אָנגעגאָסען קאַלטע
וואַסער אין א שיסעל און איינגעטונקט
דעם קאָפּ. דאַן האָט ער אָבגעוואַשען די
הענד, און וועהרענד ער האָט אָבגעווישט
זאָרגפעלטיג די פינגער, איז ער ווידער
אַריין אין ערשטען צימער, אום צו זעהען
וואָס זי טהוט דאָרטען. זי איז נאָך אַלץ
געלעגען אונבעוועגליך אויפ'ן באָדען און
האָט געוויינט.

— ווילסטו שוין אַמאָל אויפהערען צו
קלאָגען? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט ניט געענטפערט, און ער איז
געשטאַנען אין מיטען צימער און האָט
געקוקט עטוואָס פערלעגען און פערשעמט
אויפ'ן אויסגעשטרעקטען קערפּער נעבען
זיינע פים.

דאַן האָט ער גענומען זיין הוט און גע־
זאָגט:

— א גוטע נאַכט! ווען דו וועסט ווע־
רען פאַרטיג, קענסטו אָבגעבען דעם שלי־
סעל דעם פּאָרטיער. איך האָב קיין צייט
ניט צו וואַרטען אַזוי לאַנג.

ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט פערשלאָ־
סען די טהיר און געזאָגט צום פּאָרטיער:

— די דאַמע בלייבט נאָך אינעווייניג.
זי וועט אַרויסקומען שפּעטער. זאָגט דעם
הויז־ווירטה, אַז פון דעם ערשטען אָקטאָ־
בער גיעב איך אויף די וואָהנונג. היינט
איז דער זעכצעהנטער אויגוסט און איך
מעלדע אין דער רעכטער צייט.

ער איז אוועק גיך, ווייל ער האָט נאָך
געדאַרפט זיין אין עטליכע פּלעצער און
מאַכען די לעצטע איינקויפונגען פאַר זיין
אויסשטאַטונג.

די חתונה האָט געדאַרפט זיין דעם
צוואַנציגסטען אָקטאָבער. מען האָט זעהר
פיעל גערעדט וועגען דעם שידוך, נאָר
קיינער האָט ניט געוואוסט בעשטימט.
מען האָט דערצעהלט פערשיעדענע גע־
שיכטען. מען האָט געמונקעלט וועגען א
פערפיהרונג, נאָר מען האָט ניט געוואוסט
זיכער. ווי די דיענער האָבען דערצעהלט,
האָט פרוי וואַלטער געהאַט א שלאַג־אָנ־
פאַל אין דעם זעלבען אָבענד, וואָס בייא
איהר טאָכטער איז געווען תנאים, און
דאָס יונגע מיידעל האָט מען אוועקגע־
פיהרט אין מיטען נאַכט צוריק אין קלויס־
טער. זיא קען איבערהויפּט ניט ליידען
איהר צוקונפטיגען איידעם און רעדט מיט
איהם ניט. ווען מען האָט פרוי וואַלטער
אויפגעהויבען כמעט א האַלב־טוידטע
אויף מאָרגען, האָט מען געצווייפעלט צי
זי וועט געזונד ווערען. איצט האָט זי
ווירקליך אויסגעזעהען ווי אַן אַלטע פרוי,
און איהרע האָר זיינען אין גאַנצען גרוי
געוואָרען. זי האָט זיך אין גאַנצען איבער־
געגעבען, איצט צו דער קירכע און געהט
זיך מתודה זיין יעדען זונטאָג.

אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער
האָט די „וויע פראַנסייס" בעקאַנט גע־
מאַכט, אַז באַראָן דו־ראָי דע קאַנטעל איז
געוואָרען דער שעף־רעדאַקטאָר, וועהרענד
הערר וואַלטער וועט זיך אונטערצייכענען
אַזוי ווי פריהער אַלס דירעקטאָר, איצט
האָט מען אָנגעשטעלט אין דער צייטונג
א גאַנצען סטאַף פון בעוואוסטע פּעליע־
טאָניסטען, פּאָליטישע רעדאַקטערע און
קונסט־ און טהעאַטער־קריטיקער, וועלכע

מען האָט פאַר שווערע געלד איבערגע־
רעדט, זיי זאָלן אהער איבערגעהן פון
די עלטערע צייטונגען, וואָס האָבן גע־
האַט א גרויסען איינפלוס. די עלטערע
געשעצטע און ערנסטע זשורנאַליסטען
האָבען איצט שוין מעהר ניט געצויגען
מיט די אַקסלען, ווען מען האָט גערעדט
פון דער „וויע פראַנסייס". דער שנעלער
ערפאָלג פון דער צייטונג האָט פערניכ־
טעט די שלעכטע מיינונג, וואָס מען האָט
ביז איצט געהאַט פון דער צייטונג.

די האָכצייט פון דעם שעף־רעדאַקטאָר
פון דיזער צייטונג האָט ווירקליך געקענט
בעטראַכט ווערען אלס א פּאַריזער „ער־
אייגניס", ווייל זשאָרזש דו־ראַי און די
וואָלטערס האָבען שוין פון א לאַנגע צייט
צוגעצויגען צו זיך די אַלגעמיינע אויפ־
מערקזאַמקייט. יעדער וואָס האָט זיך גע־
רעכענט פאַר עפּעס אין פּאַריז האָט זיך
געגרייט צו זיין אויף דער חתונה.

און אין א שעהנעם ליכטיגען הערבסט־
טאָג האָט דיזע עראייגניס שטאַטגעפונ־
דען.

שוין אכט א זייגער אין דער פריה איז
דער גאַנצער פערסאָנאַל פון דער מאַדע־
ליין קירכע געווען בעשעפטיגט אויסצו־
שפּרייטען א ברייטען רויטען טעפּיך אויף
די טרעפּ. דאָס האָט געצוואונגען אלע
פערבייגעהער אָבצושטעלען זיך און גע־
לאָזט וויסען דאָס פאָלק פון פּאַריז, אז
באַלד וועט זיך דאָ אָבשפּיעלען א פייער־
ליכע צערעמאָניע. די קליינע בעאַמטע,
וואָס האָבען געאײלט אין די קאַנטאָרען,
די ארבייטער און די משרתים פון די מאַ־
גאַזינען, האָבען זיך אָבגעשטעלט און בע־
וואונדערט די פּאַרבערייטונגען, און האָ־
בען זיך דערביי פאַרגעשטעלט, ווי רייך
מען דאַרף זיין, אז מען זאָל קענען אויס־
געבען אזוי פיעל געלד אויף א חתונה. א
זייגער צעהן האָבען זיך די נייגעריגע אָב־
געשטעלט שוין אויף א לענגערע צייט.
זיי האָבען געוואַרט עטליכע מינוט, האָ־
פענדיג, פיעלייכט וועט זיך די זאַך אָנ־
הויבען א ביסעל פריהער. דאַן זיינען זיי
געגאַנגען ווייטער.

ארום עלף א זייגער איז אָנגעקומען א
גאַנצע טרופּע פּאָליציסטען, וועלכע האָ־
בען צוטריבען די מענגע, וואָס האָט זיך
אַלע ווײלע פון דאָס ניי פערזאַמעלט.

באַלד האָבען אָנגעהויבען אָנצוקומען
די ערשטע איינגעלאַדענע געסט, וועלכע
האָבען געוואָלט פערהאַפּען די בעסטע
פּלעצער, אום צו קענען אַלץ זעהען. באַלד
האָבען זיך גענומען ווייזען נאָך און נאָך
געסט, פרויען מיט רוישיגע און קאָקעט־
דיגע קליידער, בכבוד'יגע מענער, אַם
מייסטען מיט פּליכען, מיט פיינע פּאָס־
טאַציעס, און האָבען דאָ אָנגענומען נאָך
אָן ערנסטערע מינע ווי געוועהנליך.

די קירכע האָט זיך לאַנגזאַם אָנגע־
פיהלט. א שטראָם פון זון ליכט האָט
אַריינגעפלייצט פון די געעפענטע טירען.
די ליכט וואָס האָבען געברענט אויפ'ן
אַלטאַר האָבען אויסגעזעהען דונקעל אין
דעם העלען שיין פון דער זון.

בעקאַנטע האָבען זיך בעגריסט מיט
ווינקען אָדער מיט א שאָקעל פון קאָפּ.
אָדער זיי האָבען זיך פערזאַמעלט אין גרופּ־
פען. די ליטעראַטען וועלכע האָבען זיך
געהאַלטען א ביסעל פרייער, האָבען גע־
פּלוידערט שטיל צווישען זיך און האָבען
קריטיזירט די פערשיעדענע פרויען.

נאַרבע דע־וואַרען, וועלכער האָט גע־
זוכט א בעקאַנטען, האָט דערזעהען זשאַק
ריוואַל'ען, וועלכער איז געשטאַנען צווי־
שען צוויי ביינק.

— נו, אַט זעהט איהר — האָט ער געזאָגט צוקומענדיג צו איהם — די וועלט געהערט צו די גרעבסטע.

ריוואַל האָט צו קיינעם ניט געטראָגען קיין קנאה און האָט דעריבער בעמערקט:

— מחשבות'ן, דאָס איז בעסער פאַר איהם.

דאַן האָבען זיי גערעדט פון איינצעלנע בעקאַנטע, וועלכע זיינען זיי אַריין אין זינען.

— ווייסט איהר, וואָס איז געוואָרען מיט זיין פרוי? — האָט געפרעגט ריוואַל.

דער דיכטער האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— יא און ניין — האָט ער געענטפערט — ווי איך האָב געהערט, לעבט זי צוריקגעצויגען, ניט ווייט פון דעם מאָנטמאַרטער, אָבער... דערביי איז פאַראַן אַן אָבער... אָבער פון אַ געוויסער צייט בעגעגען איך אין דער „פעדער" פאָליטישע אַרטיקלען, וועלכע זיינען זעהר ענליך צו פאָרעסטיע'ס און דו־ראָי'ס. אונטערגעשריבען איז איינער זשין דע־דאָל. דאָס איז אַ יונגער, שעהנער און אינטעליגענטער מאַן, פון דער זעלבער קלאַסע, וואָס אונזער פריינד זשאָרזש. ער האָט זיך מיט איהם זעהר גוט בעקאַנט. איך נעהם דערפון אַרויס, אַז זי האָט ליעב יונגע אָנפאַנגער און וועט אייביג פאַנטאַזירען פון אַזעלכע. נאָך אַלעמען איז זי רייך. וואַדרעק און לאַראָש מאַטהיי זיינען ניט אומזאָנסט געוועזן איהרע אינטימע פריינד.

— די קליינע מאַדעליין איז גאָר ניט אַזוי שלעכט — האָט געזאָגט ריוואַל — זי איז זעהר קלוג. צייטענווייז דאַרף זי זיין רייצענד. אָבער זאָגט מיר, ווי קומט עס, וואָס דו־ראָי קען איצט האָבען אַ רעליגיעזע האָכצייט, ווען ער איז אַ געגט'ער מאַן?

— ווייל די קאַטוילישע קירכע אַנערקענט ניט זיין פריהערדיגע הייראַטה.

— ווי אַזוי?

— אונזער שעהנער זשאָרזש האָט ביי זיין הייראַטה מיט מאַדעליין פאָרעסטיע אויס גלייכגילטיגקייט און פּיעלייכט האָט ער געוואָלט מאַכען אַ שפּאָר, האָט זיך בענוגענט בלויז מיט אַ ציוויל־הייראַטה, און ווי איהר ווייסט, רעכענט אונזער הייליגע קירכע אַזאַ מין הייראַט פיר פּראָסטיטוציאָן און דאַריבער שטעהט ער היינט פאַר דער קירכע ווי אַ בחור. און דאָס וועט קאָסטען דעם אַלטען וואַלטער אַ שעהנע שטיק געלד.

דער ליאַרעם פון דער וואַקסענדער מענגע איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער. איינִיגע האָבען גערעדט גאַנץ הויך, מען האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף בעוואוסטע פערזאָנען, וועלכע האָבען זיך געפיהלט גליקליך, וואָס זיי ווייזען זיך פאַר'ן פובליקום און האָבען געזוכט צו האַלטען זיך אין דער פאָזע, וואָס זיי האָבען פריהער גוט איינגעשטודירט, און אין וועלכער זיי זיינען געוואוינט געװען צו ווייזען זיך אויף אַלע עפענטליכע פייערליכקייטען.

— זאָגט מיר, טייערסטער, — האָט ווידער געפרעגט ריוואַל — איהר געהט דאָך אָפט איין צום שעף, איז דאָס אמת, אַז פרוי וואַלטער און דו־ראָי רײדען קיין מאָל ניט איינער מיט'ן צווייטען?

— קיין מאָל ניט. זי האָט בשום אופן ניט געוואָלט געבען איהר טאָכטער פאַר אַ פרוי, נאָר ווי עס שיינט, האָט ער דעם פאָטער שטאַרק געהאַלטען אין די הענד דערמיט, וואָס ער האָט איהם געדראָהט

אויסצוזאָגן פיעלע בייזע סודות פון דעם מאַרקאָנישען געשעפט. וואַלטער האָט אָנגענומען לאַראָש'ס מפּלה אַלס אַ וואָרנונג און האָט באַלד נאָכגעגעבען. נאָר די מוטער איז איינגע'עקשנ'ט ווי אַלע פרויען, און האָט געשוואָרען, אַז זי וועט מעהר קיין מאָל קיין וואָרט ניט ריידען מיט איהר איידעם. עס איז זעהר קאָמיש, ווען מען זעהט זיי צוזאַמען. זי זיצט ווי אַ סטאַטוע, די סטאַטוע פון ראַכע, און ער פיהלט זיך ווי ניט אין דער היים. הגם ער פערליערט קיינמאָל ניט זיין האַלטונג, — ווייל דער יונג קען זיך אויסגעצייכענט בעהערשען.

עטליכע קאָלעגען זיינען צוגעקומען, זיי האָבען זיך געדריקט די הענד און אַ ביסעל גערעדט וועגען די נייע פּאָליטישע בעגעבענהייטען. דער מורמעל פון דער מאַסע אין דרויסען האָט זיך אַריינגעריסען אינוועניג ווי דער גערויש פון אַ ווייטען ים. עס האָט זיך אויפגעהויבען ביז צום געוועלב און האָט פערטויבט די רייד פון דעם פובליקום אין קירכע. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ דרייפאַכיגער קלאַפּ, און רוישענדיג מיט די קליידער און רוקענדיג די פּאַטעלען, האָט זיך דאָס גאַנצע פובליקום אומגעווענדעט צום אַריינגאַנג, וואו עס האָבען זיך בעוויזען אין העלען ליכט די כלה אויפ'ן אָרם פון איהר פאָטער.

סוזאַנע האָט נאָך אַלץ אויסגעזעהען ווי אַ רייצענדע ליאַלקע אין אַ ווייסע קלייד מיט פּאָמעראַנצען־בליהונג אין די האָר. אַ קורצע ווייַלע איז זי געבליבען שטעהן אויפ'ן שוועל און דאַן האָט זי געמאַכט דעם ערשטען שריט אין קירכע. אין דיזען אויגענבליק האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען דער אָרגעל און האָט געלאָזט וויסען מיט זיין מעכטיגער מעטאַלענער שטימע, אַז חתן־כלה זיינען אָנגעקומען.

זי איז געגאַנגען מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ אָבער אָהן מורא. זי איז געווען אַ ביסעל עררעגט, נעט און רייצענד — אַ וואָהרע פּאָפּקע כלה. די פרויען האָבען שמייכלענדיג זיך געשעפּטשעט, ווען זי איז פערבייגעגאַנגען און מענער האָבען שטיל געזאָגט:

— רייצענד! וואונדער שעהן!

וואַלטער האָט זיך געהאַלטען אַ ביסעל צו ווירדיג. ער איז געווען בלאַס, אָבער דער פאַנסנע איז שטאָלץ געזעסען אויף זיין נאָז, הינטער זיי זיינען נאָכגעגאַנגען די כלה'ס חבר'טעס, אַלע געקליידעט אין ראָזע און אַלע שעהנע. די יונגע לייט זיינען אויך געווען צוגעקליבען צו פּאַסען צו די אונטערפיהרערקעס און צו דער כלה.

דאַן איז געקומען פרוי וואַלטער, זי איז געגאַנגען מיט'ן פאָטער פון איהר צווייטען איידעם, ראָזע'ס שווער, מיט'ן מאַרקיז דע לאַטאָר איוועלין. זי איז ניט געגאַנגען, זי האָט זיך נאָכגעשלעפּט און מען האָט געקענט דענקען, אַז זי קען יעדע מינוט פאַלען אין אונמאַכט, זי איז געוואָרען מאָגערער און אונטער איהרע ווייס גרויע האָר האָט איהר געזיכט אויסגעזעהען נאָך בלאַסער און איינגעפאַלענער. זי האָט געקוקט גראַדע פאַר זיך, אום זי זאָל ניט דאַרפען בעגעגענען זיך מיט ווע־מעס אויגען און פיעלייכט איהר בליק זאָל ניט פאַלען אויף דעם, ווער עס האָט צובראָכען איהר הארץ.

הינטער איהר איז געגאַנגען זשאָרזש דו־ראַי, פיהרענדיג אונטערען אָרעם אַן אַלטע אונבעקאַנטע דאַמע. ער איז געגאַנגען מיט אַ פעררייסענעם קאָפּ, ניט קוקענדיג ניט רעכטס און ניט לינקס. זיינע

אויגען האבען געקוקט הארט און שטאר פון אונטער די ברעמען, וואס זיינען געווען א ביסעל צוזאמענגעצויגען. אלע האבען געפונען, אז ער איז א שעהנער יונגער מאן. אויף זיין פראק האט געבלישטשעט ווי א בלוטס־טראפען דאס שמאלע און רויטע בענדעלע פון דער עהרענ־לעגיאן. דאן זיינען געקומען די קרובים. הינטער זיי ראזע, געארמט מיט'ן סענאטאר ריזאלען. זי איז שוין געווען צייט זעקס וואכען פערהייראטעט. איהר מאן, גראף דע לאטאר איוועלען, האט געפיהרט די גרעפין דע פערסעמור. דאן זיינען נאכגעגאנגען דו־ראי'ס פריינד און בעקאנטע, וואס ער האט ניט לאנג אריינגעפיהרט אין זיין נייער פאמיליע. זיי זיינען אלע געווען פון זעהר צווייפעלהאפטע געזעלשאפטס־קרייזען. ארונטערגעקומענע עדעללייט, וועלכע זיינען שטענדיג געווען פערטיג צו ווערען קרובים פון אויפגעקומענע גבירים. צווישען זיי זיינען אויך געווען עטליכע פערוואנדטע פון פרוי וואלטער, אין וועלכע מען האט געקענט זעהען, אז זיי זיינען ניט לאנג אראבגעקומען פון דער פראווינץ.

דער ארגעל האט ניט אויפגעהערט צו שפיעלען און האט אנגעפילט די גרויסע קירכע מיט זיין מעכטיגען געזאנג, וואס טראגט ביז אונטערן הימעל די פריידען און ליידען פון דעם מענשען. די גרויסע איינגאנגס־טיהר האט מען איצט פערשלאסען, און עס איז באלד געווארען דונקעל, אזוי ווי מען וואלט פערשפארט דעם אריינגאנג פאר דער זון.

זשארזש האט זיך געשטעלט אויף די קניע מיט זיין כלה פאר דעם העל־בעלויכטענעם אלטאר; דער נייער בישאף פון טאנגער איז צו זיי צוגעקומען מיט דער מיטרא אויפ'ן קאפ, און מיט זיין קרומען שטאב אום זיי צוזאמענבינדען אין דעם נאמען פון דעם אלמעכטיגען. ער האט געמאכט די נויטיגע פראגען, האט אומגעביטען זייערע רינגען און געזאגט די ווערטער, וועלכע בינדען ווי קייטען. דאן האט ער געהאלטען א רעדע פאר'ן חתן־כלה. ער איז געווען א הויכער און פולער מאן און האט געמאכט א מאיעסטעטישען איינדרוק.

עס האט זיך דערהערט א הויכער כלייפען. עטליכע קעפ האבען זיך אומגעווענדעט. פרוי וואלטער האט פערשטעלט איהר געזיכט מיט ביידע הענד און האט ביטער געוויינט.

זי האט געמוזט נאכגעבען. וואס האט זי געזאלט טהאן? אבער פון דעם טאג וואס זי האט ארויסגעטריבען איהר צוריק געקעהרטע טאכטער פון איהר צימער, און האט זיך אבגעזאגט פון געבען איהר דעם מוטערליכען קוש, און געזאגט דו־ראי'ען, וועלכער איז צו איהר געקומען מיט גרויס רעספעקט: „איהר זייט דער גרעסטער שופט, וועלכען איך האב ווען געזעהען, און רעדט מיט מיר קיינמאל ניט, ווייל איך וועל אייך ניט ענטפערען", פון דעם טאג אן האט זי שרעקליך געליטען. זי האט געהאסט סוזאנע'ן מיט א ביטערען האס, וואס איז געווען אויסגעמישט מיט א פערצווייפעלטער ליידענשאפט און ווילדער אייפערזוכט. די אייפערזוכט האט געברענט אין איהר הארצען ווי אן אפענע וואונד, און איצט האט א פריסטער חתונה געמאכט איהר טאכטער מיט איהר געליעבטען אין א קירכע פאר צוויי טויזענד מענשען. אין איהר אייגענער אנוועזענהייט. און זי האט קיין זאך ניט געקענט זאגען, קיין זאך טהאן, אום ניט צו דער־

לאָזען אזא זאך. זי האָט אפילו ניט גע־
טאָרט אויסשרייען אין דער הויך: „די־
זער מאַן געהערט מיר! דער בונד, וועל־
כען איהר בענשט, איז א נידערטרעכ־
טיגקייט!".

אייניגע דאַמען זיינען געוועזען דערפון
געריהרט און האָבען געשעפּטשעט:

— די אָרימע מוטער איז נעבאך אזוי
אויפגערעגט!

דער בישאָף האָט דערווייל גערעדט:

— איהר געהערט צו די גליקליכע פון
דיזער ערד. צו די רייכע און הויך־גע־
שטעלטע. איהר — דאָ האָט ער זיך גע־
ווענדעט צו דו־ראַי — האָט זיך דורך
אייער טאַלאַנט ערהויבען איבער אַלע אַנ־
דערע, פיר וועלכע איהר שרייבט, וועלכע
איהר בעלערענט און וועלכע איהר פיהרט
מיט אייער ראטה. איהר זייט אַ פיהרער
פון דעם פאָלק, איהר האָט צו ערפיהלען
א גרויסען בערוף, צו געבען א גוטען ביי־
שפּיעל...

דו־ראַי איז געוועזען ווי פער'שכור'ט פון
שטאָלץ. אזוי האָט צו איהם גערעדט א
פירסט פון דער רוימישער קירכע! און
דיזע אַלע פאַרנעהמע לייט זיינען געקו־
מען אהער צוליעב איהם. ער האָט זיך גע־
פיהלט ווי איהם טראָגט און הויבט א גע־
היימניספאָלע מאַכט. ער איז געוואָרען
איינער פון די הערען פון דער ערד. ער
דער זוהן פון צוויי אָרימע פּויערים פון
קאַנטעלו. ער האָט פּלוצים דערזעהען פאַר
זיך זיין פאָטער און מוטער אין זייער
אָרימען שענקיל, דאָרטען אויבען אויפ'ן
בארג, וואו זיי טרינקען מיט די פּויערים
פון דער געגענד. ווען ער האָט גע'ירש'עט
א טהייל פון דע־וואדרעק'ס פערמעגען,
האָט ער זיי געשענקט פינף טויזענד
פראַנק. איצט וועט ער זיי שיקען נאך
פופציג טויזענד. זיי וועלען פאַר דעם
געלד קויפען א קליינעם גוט, און זיי וועל־
לען זיין גליקליך און צופריעדען.

דער בישאָף האָט געענדיגט זיין רעדע.
דער אָרגעל האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען
פון דאָס ניי לכבוד דאָס יונגע פּאָארעל.
דאַן האָבען זיך דערהערט מענשליכע
שטימען און האָבען געקלונגען איבער די
אָראַבגעלאַזטע קעפּ פון די פערזאַמעלטע.
דאָס זיינען געוועזען צוויי זינגער פון דער
גרויסער אָפּערא. דער ווייראך האָט פער־
שפּרייט א צאַרטען גערוך.

דער שעהנער פריינד איז געשטאַנען
אויף די קניע נעבען סוזאַנע'ן. אין דיזער
מינוט איז ער כמעט געוועזען פרום און
האָט געגלויבט. ער האָט געדאַנקט גאָט
וואָס ער האָט איהם אזוי געהאָלפען, ער
האָט געדאַנקט פאַר זיין ערפאָלג, ניט ווי־
סענדיג אפילו וועמען צו דאַנקען.

ווען דער גאָטעס־דיענסט האָט זיך גע־
ענדיגט, איז ער אויפגעשטאַנען, האָט גע־
געבען זיין ווייב דעם אָרם און זיי
זיינען אריין אין סאַקריסטיי. און איצט
האָט מען אָנגעהויבען אָבצוגעבען מזל־
טוב. זשאָרזש איז געוועזען שכור פאַר
פרייד. ער האָט זיך געפיהלט, ווי א קע־
ניג צווישען זיין פאָלק, וואָס איז געקו־
מען איהם בעגריסען. ער האָט געדריקט
אַלעריי הענד, האָט געשטאַמעלט אונבע־
דייטענדע ווערטער, געענטפערט אויף יע־
דען גליקוואונש.

פּלוצים האָט ער דערזעהען פרוי דע־
מארעל, און די עראינערונג וועגען איהרע
קושען און איהר צערטליכקייט האָט גע־
נומען טרייבען זיין בלוט האַסטיגער אין
די אָדערען. זי האָט אויסגעזעהען שעהן
און עלעגאַנט ווי שטענדיג, פרעך און לע־
בעדיג. זשאָרזש האָט געטראַכט צו זיך:

„זי איז דאָך די רייצענדסטע פון אַלע, וועלכע איך האָב ווען עס איז בעזעסען". זי איז געווען אַ ביסעל פערלעגען און מורא'דיג, ווען זי איז איצט צו איהם צוגעגאַנגען און געגעבען איהר האַנד. ער האָט איהר האַנד אַ כאַפּ געטהאָן און שטאַרק געדריקט. ער האָט דערביי דערפיהלט אַ ווייכען דרוק פון איהר הענטעל, און דער דרוק האָט איהם געשיינט צו זאָגען: „איך פערצייהע דיך". ער האָט געענטפערט אויף דעם דרוק, ווי ער וואָלט איהר וועלען זאָגען מיט דעם: „איך ליעב דיך נאָך אַלץ". זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט, לאַכענדיג, שטראַהלענדיג און פול מיט ליעבע.

— צום באַלדיגען ווידערזעהען! — האָט זי געזאָגט גראַציעז.

— צום גיכען ווידערזעהען, גנעדיגע פרוי — האָט ער געענטפערט.

זי איז אַוועק און אַנדערע זיינען געקומען. די מענגע האָט זיך געגאָסען פערביי איהם ווי אַ שטראָם. ענדליך זיינען די רייהען שיטערער געוואָרען און די לעצטע געסט זיינען פערבייגעגאַנגען. זשאָרזש האָט ווידער געגעבען סוזאַנע'ן זיין אַרם, אום דורכצופיהרען איהר דורך דער קירכע. די קירכע איז נאָך געווען פול ווי פריהער. אַלע זיינען געבליבען אויף זייערע פלעצער, אום צו זעהען דאָס יונגע פּאָאר פערבייגעהן נאָך אַ מאָל. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם און רוהיג מיט אַן הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ, זיינע אויגען האָבען געקוקט צום הויפּט־איינגאַנג פון דער קירכע וואָס איז ווידער געווען בעגאָסען מיט די שטראַהלען פון דער זון. איבער זיין לייב איז דורכגעגאַנגען אַ שוידער פון העכסטען גליק. ער האָט קיינעם ניט געזעהען און האָט נאָר געטראַכט פון זיך.

ווען ער איז אַרויף אויפ'ן שוועל, האָט ער דערזעהען די דונקעלע ברויזענדע מאַסע, וועלכע האָט זיך אויך צוזאַמענגעקליבען צוליעב איהם, צוליעב זשאָרזש דוראָי. דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט איהם בעוואונדערט און מקנא געווען.

דאַן האָט ער אויפגעהויבען די אויגען און האָט דערזעהען פון דער ווייטענס די דעפּוטירטען־קאַמער. עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז מיט איין שפּרונג קען ער אָנקומען פון דעם אַריינגאַנג פון דער קירכע צום אַריינגאַנג פון פּאַלאַץ בורבאָן. ער איז לאַנגזאַם אַרונטערגעגאַנגען די טרעפּ צווישען די לעבעדיגע ווענט פון די צושויער. נאָר ער האָט קיינעם פון דיזע מענשען ניט געזעהען, ווייל זיינע געדאַנקען זיינען געפלויגען צוריק, און פאַר זיינע אויגען, וואָס זיינען געווען געבלענדעט פון דעם זון־ליכט, האָט געשוועבט קלאָטילדאַ'ס בילד, ווי זי מאַכט צו רעכט איהרע לאָקען איבערן שטערען, וועלכע פלעגען שטענדיג זיין ביי איהר צושוויבערט, ווען זי פלעגט אויפשטעהן אין דער פריה.

(ענדע).

ש. פרוג׳ס שריפטען

אין 3 פראכטפאָלע בענדער

א זאמלונג פון אלע זיינע ליעדער, פאעמען און שריפטען וועלכע האָבען איהם בעריהמט געמאכט איבער דער גאנצער וועלט.

פרייז בלויז 2 דאָלאר

(פּאָרטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

א פראכט אויסגאבע פון

גראף לעָו טאָלסטאָי׳ם

געוועהלטע ווערקע

אין צוויי דיקע פראכטפאלע בענדער.

ענטהאלטען פאָלגענדע ווערקע:

1. טאָלסטאָי׳ם ביאָגראפיע.
2. די קרייצער סאָנאטא.
3. איך און מיין מאן.
4. מיין פריינד׳ם פרוי.
5. איוואן איליאיטש׳עס טויט.
6. צוויי דורות.
7. פאָליקושקא.
8. אננא קארעגינא.
9. דער נסיון.
10. די פערפיהרונג.
11. איוואן דער נאר.
12. מיין וידוי.
13. קריעג אין פריעדען.

גראף טאָלסטאָי איז געווען דער גרעסטער רוסישער שרייבער און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געוואָרען אין אלע אייראָפעאישע שפראכען און זיינען איבעראל פערקויפט געוואָרען אין די מיליאָנען; עס איז כמעט ניטאָ איין ציוויליזירטער מענש, וואָס זאָל ניט האָבען געלעזען טאָלסטאָי׳ס ווערק.

טאָלסטאָי׳ם גרויסקייט ליעגט אין דעם, וואָס ער גיט איבער זיינע הויכע אידעאלען און פילאָזאָפישע געדאנקען אין אינטערעסאנטע און שפאנענדע ראָמאנען. און אז מען לעזט זיינעם א ראָמאן איז אויסער וואָס מען איז זעהר שטארק פעראינטערעסירט אין די ער־צעהלונג, לערנט מען אויך דערביי פיעלעס וועגען געוויסע פראגען אין לעבען.

טאָלסטאָי׳ם געוועהלטע ווערק זיינען געדרוקט אויף טהייערען פאפיער און פראכטפאָל געבונדען.

א פראכט־אויסגאבע פון „טאָלסטאָי׳ם געוועהלטע ווערק" אין אידיש איז א ציערונג צו האָבען אין הויז.

פרייז בלויז 2 דאלאַר

(פּאָרטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

א פּראכט אויסגאבּע פון

עמיל זאָלאַ'ס געוועהלטע ווערקע

אין 4 דיקע פּראכטפאלע בּענדער.

ענטהאלט פאלגענדע ווערקע :

1. פּאריזער דאמען.
2. ליעבעס נאכט.
3. די דאָרפ'ס מיידעל.
4. די מענשליכע בעסטיעס.
5. היינט מאָדישע חתונות.
6. היינט מאָדישע קבורות.
7. לעבען און טוידט.
8. די בלוטיג חתונה.
9. נאנטאס.
10. פרויען ליעבע.
11. א גלח'ס זינד.
12. ווייבערשער גן־עדן
13. דער טוידט שלעגער.
14. נאנא.
15. דער פערגיפטעטער קוס.

עמיל זאָלאַ איז דער גרעסטער פראנצויזישער שרייבער און זיינע ווערק פערנעהמען דעם העכסטען פּלאץ אין דער וועלט־ליטעראטור ווייל זיינע ראמאנען און ערצעהלונגען אין וועלכע דער לעזער ווערט אזוי פעראינטערעסירט גלייך ביים אָנפאנג לעזען זיינען ניט בלויז אויסגעטראכטע מעשיות צו אמוזירען די לעזער, נאָר דאָס זיינען אמת'ע בילדער פון לעבען, יעדער טיפּ, יעדער כאראקטער, יעדער העלד אָדער העלדין איז אזוי נאטור־טריי געשילדערט דאס אייך דוכט זיך דאָס איהר זעהט זיי לעבעדיג ווי זיי שאפען און ווירקען.

עמיל זאָלא'ס גרויסקייט קענט איהר אמבעסטען זעהען ווען ער שילדערט וועגען ליעבע, הייראטה און פאמיליען־לעבען, דאן זעהט איהר דעם גרעסטען מייסטער פון דער רעאליסטישער שוהלע, דעם גרעסטען קענער אין דער מענשליכער נאטור און דעם גרעסטען מאהלער פון דער מענשליכער נשמה.

עמיל זאָלאַ'ס געוועהלטע ווערק זיינען געדרוקט אויף דעם בעסטען פּאפּיער און זעהר שעהן געבונדען אין קלאָטה באנד.

א פּראכט אויסגאבע פון עמיל זאָלא'ס געוועהלטע ווערק אין אידיש דארף זיך געפינען ביי יעדען ליעבהאָבער פון גוטע ליטעראטור.

פּרייז בּלויז 2.50 דאָלאר

(פּארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

זשול ווערן׳ם געוועהלטע ווערק

אין 8 דיקע פראכטפאלע בענדער

זשול ווערן איז בעריהמט אלס אינטערעסאנטער און וויסענ־שאפטליכער ערצעהלער, ווייל אין זיינע ראמאנען און ערצעהלונגען מאכט ער דעם לעזער בעקאנט מיט פאקטען פון דער וויסענשאפטלי־כער וועלט, און ערהאבענע בילדער פון א שעהנע צוקונפט ווען די מענשהייט וועט ערררייכען א העכערע שטופע פון ציוויליזאציאן און בילדונג, שטעלט ער איהם פאר.

זשול ווערן׳ס רייזע בעשרייבונגען, וועלכע מאכען בעקאנט דעם לעזער מיט פערשיעדענע לענדער און פעלקער, ווי אויך מיט פער־שיעדענע ים־ברואים און ים־ערשיינונגען האבען בעגייסטערט די גאנצע לעזענדע וועלט.

זשול ווערן איז געווארען גרויס און בעריהמט דאדורך וואס ער ענטדעקט פאר׳ן לעזער אין זיינע ערצעהלונגען די אוצרות פון דער נייעסטע וויסענשאפט גאנץ לייכט אהן שוועריגקייט, בלויז פארביי־געהענדיג, ער דערצעהלט איהם אן אינטערעסאנטע און שפאנענדע ערצעהלונג פון וועלכע ער קען זיך ניט אפרייסען לעזענדיג, און אין דערזעלבער צייט מאכט ער איהם אויך בעקאנט מיט די נייעסטע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען.

זשול ווערן׳ס ווערק זיינען איבערזעצט געווארען אין אלע איי־ראפעאישע שפראכען און זיינען ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער מיט גרויס בייפאל אנגענומען געווארען.

זשול ווערן׳ס געוועהלטע ווערק

וועלכע מיר האבען יעצט ארויסגעגעבען, זיינען די בעסטע וועלכע ער האט געשריעבען, זיי ענטהאלטען צוזאמען ביינאהע

4000 פיידזשעס

געדרוקט אויף דעם בעסטען פאפיער און שעהן געבונדען אין קלאטה־באנד.

פרייז בלויז 5 דאלאר

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.